רֶב טְרַייטֶעל

עֶרְצֶעהְלוּנְג אִין צְוֵוייא טְהֵייל

פֿון

מ. ספֶּעקטָאר.

ערשטער טהייל.

ווילנא

שנת תרנ"ו לפ"ק

РЕБЪ ТРАЙТЕЛЬ
Господинъ Трайтель.
Разсказъ М. Я. Спектора. Часть I.

ВИЛЬНА. Типографія Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собст.
1896.

173

Дозволено цензурою Варшава, 16 Января 1896 г.

עֶרְשְׁטֶער טְהֵייל.

אַיוּדִישֶׁע נַחֲלָה.

דאס איז געווען לאנג, גאנץ לאנג, אוודאי מיט אַ יאהר דריי צוריק, נאך ווען טרייטיל בעל עגלות צוויי ווייסע פערד האט מען אין זלידניוקע גערופען שקאפעס, אדער אפשר נאך פריהער, ווען די זלידניוקער באד איז אבגעברענט געווארען...

טאמער ווילט איהר נישט גלייבען אונווילט ריכטיג וויסען, זאלט איהר פרעגען אַ מינדסט קינד אין זלידניוקע, וועט עס אייך דערצעהלען אַז איידער די באד איז אבגעברענט געווארען האט טרייטעל בעל עגלה געהאט צוויי ווייסע שקאפעס, חאטש אין אמת'ן זענין זיי נאר געוועזען פערד, דאס האט יעדער געוואוסט, נאר איינס מיט דעם צווייטען געהער זיך נישט אן. טרייטיל האט טאקי געמעגט האבען צוויי אמתדיגע פערד, נאר אַז די זלידניוקער חדר-יונגליך האבען זיי אַ נאמען געגעבען שקאפעס, זענין זיי אַזוי געבליבען פאר אללע זלידניוקער עד היום הזה, ד. ה. ביז די באד איז אבגעברענט געווארען.

איהר וועט געווים פרעגען וואס פאר אַ מחותן איז די שריפה פון דער באד מיט טרייטעלס פערד אדער שקאפעס, ווי די ווייסע חברה רופען זיי?

חאפט-זשע נישט, ליעבע לעזער, זיי געהערען זיך טאקי אן גרויסע, גאנץ גרויסע מחותנים... נאר פון דער אבגעברענטער באד וועללין מיר רעדען שפעטער. איצטער האלטען מיר ביי טרייטעלס שקאפעס.

צווישען אונז געערדט, טרייטלען אלליין פלעגט דאס אין טיעפען הארצען זעהר שטארק קרענקען.

– סטייטש, פלעגט ער טענין מיט זיך אלליין, ווען ער פלעגט שמירען דעם וואגען אדער איינשפאנען – סטייטש, נאך אַמאל, איך אלליין האב געדונגען אויף דעם בולוואנאווקער יריד פערד, געקויפט פערד, באצאהלט פאר פערד נאך טהייערער מיט דריי קערבלעך, וואָרום אַזא פאר שקאפעס וואלט איך געקאנט קויפען פאר זיבען אונ צוואנציג קערבלעך אונ די פערד קאסטען מיך דרייסיג קערבלעך, דאס אלץ כדי איך זאל זיין אַ בעל עגלה פון פערד, צום סוף האב איך גאר אומזיסט ארויסגעווארפען דריי קערבלעך...

חוץ די ארויסגעווארפענע דריי קערבלעך האט טרייטלען נאך מעהר פארדראסען וואס ער איז אַ בעל עגלה פון שקאפעס, ניט ווי אללע אנדערע פון אנדערע שטאדט, וואס זענין בעלי עגלות פון פערד, נאר זיין טענין האט גאר נישט געהאלפען, ער האט

זיך געשעמט וועגען דעם עפּיס עמיצין צו זאגען ובפרט נאך זיין אייגען ווייב, אַזוי אַז זי פּלעגט אויך מיינען אַז איהר מאנן איז אַ בעל עגלה פון שקאַפּעס.

אין זיין גאנץ אומגליק זענען שולדיג געוועזען די חדר יונגלעך; דען טרייטילס שטיבל האט זיך געפונען אויפ׳ן „מלמדישען גאסיל“. די ווייסע חברה האבען ניינע פערד אַ נאמען געגעבען שקאַפּעס, חוץ דעם פלעגען זיי זיך נוקם זיין אין טרייטעלס שקאַפּעס ווי אַן המן׳ען.

וויפיעל מאל טרייטיל האט זיך געפריוועט זיי אבטרייבען, עס האט איהם אָבער נישט געהאלפען, וואס מעהר ער האט זיי געטשעפּעט, האבען זיי איהם מעהר געטהון צום טוידט. איז עפּיס מעגליך אַוועקצוטרייבען פליעגען אָדער וואנצען?

טרייטלען האט אַמאל אַזוי צוגעטרעטען צום הארצען, אַז ער האט געזאגט צו זיין ווייב טריינע:

— הערסט דו, טריינע, ווען עס זאל זיך מיר מאבען אַ קונה אויף דער שטוב, וואלט איך ארויס פון דער מלמדישער גאס...

טריינע האט אָבער גוט געוואוסט אַז אויף איהר שטוב (הויז) וועט זיך אַזוי גיך אין זלידניוועקע קיין קונה נישט געפינען, ווייל וועלכער זלידניוועקער יוד קויפט דען אַ שטוב? ווער עס ווילל אַ שטוב, געהט אין סקארב אַריין (צו וועלכען דאס שטאדטיל געהערט) אונ זאגט דעם פאן קאמיסארזשע: „גיב מיר אַ שטיקל ערד צו בויען אַ שטוב אונ איך וועל צאהלען סקארבאווע געלד“. דאס טרעפט אַן פונקט צוויי קערבלעך אַ יאהר, מאטעריאל אויף אַ שטוב געפינט זיך שטענדיג ביי אַ קליין שטאדטילדיגען יודען אויפ׳ן בוידעם, אפילו ווען ער דארף ניט האבען, ווארום וואו פארוואלגערט זיך נישט ביי איהם פון דער סוכה אַ סלופּ, אַ ברעטעל, אַ טהיר, אַ ראהם פון אַ פענסטער, גלאט אַזוי עטליכע פוילע שטיקער האלץ, אונ אַז עס דערגעהט נישט, דערקויפט מען אַ ביסעל געהילץ פאר אַ פינף-גילדען-שטיק, מען דינגט דריי גוים אויפ׳ן טאג צו צוויי גילדען אַ טאג אונ אין עטליכע טאג ארום שטעלט מען אויף אַ שטוב. אַי, דער דאך איז נישט געדעקט אונ עס איז נישט דא מיט וואס — איז אויך נישט קיין אומגליק. דערווייל קויפט מען פאר צוויי גילדען שטרוי אונ מען דעקט צו אַ שטיק׳ל דאך אונ מען וואהנט תחילת אַ ביסל ענגלעך, ד. ה. אונטער דעם שטיקל צוגעדעקטען דאך, שפּעטער מיט עטליכע וואכען העלפט גאטט עס מאכט זיך אַ מציאה׳לע—אַ הונדערט אַלטע משעריפּעס, דעקט מען ווייטער אַ שטיקל דאך אונ מען וואהנט שוין גרויסער, נאך שפּעטער טרעפען זיך עטליכע אַלטע שינדלען אָדער ברעטער, קויפט מען ווייטער אונ מען דעקט אַלע מאל נאך אַ שטיקל ביז גאטט העלפט מען דעקט דעם גאנצען דאך אונ דער זלידניוועקער יוד האט שוין אַ גאנצע שטוב.

איז בריינע דען נישט געוועזען גערעכט אַז זי פלעגט איהם ענטווערן:

— ווער וועט ביי אונז קויפען די שטוב, ווער דארף זי? אַלע זלידניוועקער יודען האבען אייגענע שטיבער, אונ ווידער וואס דארפסט דו זי פארקויפען? עס פארשטעהט

זיך אַז דיךְ אַאַרט נִישְׁט, וָוארוּם דוּ בִּיזְט אַמַאנְסְבִּיל, אָבֶער אִיךְ בִּין אַ יוּדֶענֶע אוּנ ווילל הָאבֶּען אַ נַחֲלָה...

טְרַייטִיל הָאט קֵיין מָאל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען טְרַיינֶען וֶוען זִי פְּלֶעגְט אִיהם זָאגֶען אַז דִי שְׁטוּב דַארְף מֶען נִישְׁט פַארְקוֹיפֶען, וַוייל זִי אִיז אַ יוּדֶענֶע אוּנ ווילל הָאבֶּען אַ נַחֲלָה. נָאר טְרַיינֶע הָאט גֶעוואוּסְט וָואס זִי הָאט גֶערֶעדְט.

אִין זְלִידְנִיוְוקֶע פְּלֶעגְט נִישְׁט נָאר טְרַיינֶע נָאר אַללֶע ווַייבֶּער שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטֶען גָאטט זָאל זֵיי הֶעלְפֶען זֵיי זָאלֶען קוּמֶען צוּ אַ נַחְלָה. אוּנ אַז גָאטט הָאט אֵיינֶער גֶעהָאלְפֶען אוּנ זִי אִיז שוין גֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטִיקֶל נַחֲלָה, הַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דָאס ווַייבּ אַז דִי נַחְלָה זָאל טַאקֶע בְּלַייבֶּען אַ נַחֲלָה.

אַזוֹי פִירְט זִיךְ, דַאכְט זִיךְ, בַּיי אַללֶע קְלֵיינְשְׁטֶעטְטֶעלְדִיגֶע יוּדֶען, אַז וֶוען דֶעם מַאנן קוּמְט אוּים שְׁלֶעכְט אוּנ עֶר הַאלְט אֵיין עֵצָה מִיט דֶעם ווַייבּ, אַז מֶען דַארְף פַארְקוֹיפֶען דִי שְׁטוּב וֶועט מֶען זִיךְ קֶענֶען צוּ פִירֶען דִי הֶאנְד, בַּאקוּמְט עֶר שְׁטֶענְדִיג אַ פַארְטִיגֶע תְּשׁוּבָה:

– נֵיין, מֵיין מַאנן, דָאס נִישְׁט, פוּן קֵיין נַחְלָה מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין תֵּל...

– סְטַייטְשׁ, שְׁרַייט עֶר, וָואס הֵייסְט אַ תֵּל? אַז מִיר וֶועלֶען נִישְׁט פַארְקוֹיפֶען דִי שְׁטוּב וֶועלֶען מִיר דָאךְ נִישְׁט הָאבֶּען פוּן וָואס צוּ לֶעבֶּען, אוּנ אַז מִיר וֶועלֶען יָא פַארְקוֹיפֶען, וֶועלֶען מִיר זִיךְ קֶענֶען רִיהְרֶען, וַוייטֶער עֶפִּיס מַאכֶען אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּנ אַזוֹי וָואס? וֶועלֶען מִיר דֶען דִי שְׁטוּב בַּייסֶען?

נָאר טַעֲנִית מִיט דֶער יוּדִישֶׁער פְרוֹי ווִיפִיעל אִיהר ווִילְט, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפֶען, אִיהר וֶועט בַּיי אִיהר נִישְׁט פוּעֶלֶן זִי זָאל פַארְקוֹיפֶען אִיהר נַחְלָה, זִי אִיז גְרֵייט אוּיסצוּטְהוּן פוּן זִיךְ דִי לֶעצְטֶע פָּאר אוּיהרִינְגְלִיךְ מִיט דֶעם אֵיינְצִיגֶען שַׁבָּתְדִיגֶען קְלֵיידֶעל, וָואס עֶס אִיז אִיהר גְרֶעסְטֶע פַארְגְנִיגֶען צוּ גֶעהְן דַארִין אִין שׁוּל אַרַיין, אַלְץ פוּן זִיךְ צוּ פַארְקוֹיפֶען, אַבִּי נִישְׁט פַארְקוֹיפֶען דִי נַחְלָה.

עֶס אִיז טַאקִי אַ וואוּנְדֶער! דִי שְׁטוּב – דִי נַחֲלָה, אִיז דֶען נִישְׁט דֶעם מַאנְס גְלֵייךְ ווִי דֶעם ווַייבְּס? אֶפְשַׁר נָאךְ מֶעהר זַיינְס ווִי אִיהְרס, נָאר אַז עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע צַייט, אִיז דֶער מַאנן גְרֵייט צוּ פַארְקוֹיפֶען אוּנ דָאס ווַייבּ דֶערְלָאזְט נִישְׁט בְּאֵין אוֹפֶן, נָאר דֶער טַעַם דֶערְפוּן אִיז – אִיךְ ווֵייס אֲפִילוּ נִישְׁט פַארְוָואס – נָאר יוּדִישֶׁע פְרוֹיעֶן רֶעכֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַז זֵיי מוּזֶען אַמָאל וֶוערֶען אַלְמָנוֹת, ד. ה. אַז דִי מַאנֶען מוּזֶען שְׁטַארְבֶען פְרִיהֶער פוּן זֵיי. אָפְט זֶעהֶען מִיר צְווִישֶׁען יוּדֶען נָאךְ גָאר יוּנְגֶע ווַייבְּלֶעךְ, וָואס לֶעבֶּען זִיךְ גַאנְץ גְלִיקְלִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע מַאנֶען, פְּלוּצִים פוּן דֶעם גַאנְצֶען לִיעבְּשַׁאפְט, וֶוען דֶער מַאנן דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ אִיהר, ווִי לְמָשָׁל בַּיים סֵדֶר, אִיהם הֶעלְפֶען הֵייבֶּען דִי שִׁיסֶעל, גֶעהְן מִיט אִיהם צוּ זַיינֶע פְרַיינְד אוֹיף אַ שִׂמְחָה אוּנ בַּיי אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייטֶען וֶוען אַ יוּד דַארְף אָנְקוּמֶען צוּם ווַייבְּס לַאסְקָא – שְׁפַּארְט זִי זִיךְ אַיין עֶר זָאל אִיהר גֶעבֶּען אַ תּוֹסְפוֹת כְּתוּבָּה, צוּ אַ פַארְמַאלֶגֶע כְּתוּבָּה בַּיים נָאטַארִיוּס.

אִיךְ שְׁוֶוער אַייךְ אַז זִי דֶערְנֶקְט נָאר נִישְׁט זִיךְ מִיט אִיהם צוּ גֶט׳ן, זִי הָאט אִיהם בֶּאֱמֶת לִיעב, אַ סִימָן אַז וֶוען אִיהר מַאנן זָאל נָאר פִיהלֶען אַז זַיין ווַייבּ מֵיינְט אַמָאל זִיךְ

מִיט אִיהם גֶט'ן, וָואלְט עֶר דָאךְ אִיהר אוֹיף קֵיין קָאפִּיקֶע נִישְׁט גֶעגֶעבֶּען קֵיין תּוֹסְפוֹת כְּתוּבָּה, נָאר מֶען וֶועהְט דָאךְ אַז דֶער מַאנן גִיט יָא, וָואס־זָשֶׁע דֶען מֵיינְט דָאס וַוייבִּיל מִיט אִיהר פֶערְלַאנְגֶען? גָאר פָּשׁוּט, זִי רֶעכֶענְט אַמָאל אֵיין אַלְמָנָה צוּ וֶוערֶען, דֶערְפַאר טְהוּט זִי שְׁטֶענְדִיג אִיהר מֶעגְלִיכְקֵייט דֶער מַאנן זָאל קוֹיפֶען אַ שְׁטוּב – אַ נַחֲלָה; אִיהר גַאנְצֶער גֶעדַאנְקֶען אִיז אַז וֶוען זִי וֶועט וֶוערֶען אַמָאל אֵיין אַלְמָנָה זָאל זִי חָאטְשׁ הָאבֶּען אַ נַחֲלָה, טַאקִי אִיבֶּער דֶער אוּרְזַאכֶע טְרֶעפְט זִיךְ אָפְט בַּיי יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער, אַז אֲפִילוּ וֶוען זִי זָאלל נִישְׁט הָאבֶּען אוֹיף שַׁבָּת, מוּז זִי זִיךְ קוֹיפֶען אַ הַאלְז פֶּערִיל, פִינְגֶערְלֶעךְ, זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער, וַוייל אִין דִי אַללֶע זַאכֶען לִיגְט אִיהר נַחֲלָה. וֶוען זִי וֶועט וֶוערֶען אֵיין אַלְמָנָה וֶועט זִי הָאבֶּען מִיט וָואס זִיךְ צוּ בַּאוָוארֶענֶען, אוּנ ווִידֶער אַ שְׁטוּב אוּנ צִיעֶרוּנְג אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּער נְדָן, דֶערְמִיט וֶועט זִי קֶענֶען ווִידֶער אַמָאל חַתוּנָה הָאבֶּען, אָהן דֶעם אָבֶּער אִיז שׁוֹין אִיהר וֶועלְט פַארְפַאלֶען.

חָאטְשׁ טְרַיינֶע אִיז גֶעוֶוען נָאר אַ בַּעַל עֲגָלָה'ס וַוייבּ הָאט זִי אִינְדֶעסֶען גֶעהַאט שֵׂכֶל זִיךְ צוּ בַּארֶעכֶענֶען גְלַייךְ מִיט אַללֶע וַוייבֶּער; וַוייל אַ יוּדִישֶׁע פְרוֹי, זִי מֶעג זַיין דֶעם רָבְ'ס וַוייבּ, דֶעם בַּעַל בַּיִת וַוייבּ אָדֶער דֶעם בַּעַל מְלָאכָה'ס – בְּלַייבְּט זִי תָּמִיד דִי אֵייגֶענֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹי אוּמֶעטוּם!

צוּ דָאס יוּדִישֶׁע וַוייבּ טְהוּט גְלַייךְ וָואס זִי בַּארֶעכֶענְט זִיךְ אַזוֹי, קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגֶען, עֶס קֶען זַיין אַז זִי הָאט דֶערְמִיט רֶעכְט אוּנ אֶפְשַׁר נֵיין...

II.

דִי יוּדִישֶׁע טְרַאיִקָא.

– סְטַייטְשׁ, וָואס רֶעדְסְט דוּ? אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארקוֹיפֶען דִי שְׁטוּב? פְּלֶעגְט טְרַייטִיל אַלְץ טַעֲנִין מִיט אִיהר, אִיךְ קֶען פָארְט נִישְׁט זִיצֶען צְווִישֶׁען דִי מְלַמְּדִים אוּנ מִיט דִי ווַייסֶע חֶבְרָה, זֵיי טְהוּעֶן מַיינֶע פֶערְד, מַיינֶע שׂוֹנְאִים גֶעזָאגְט, צוּם טוֹידְט.

– אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס זֵיי טְהוּעֶן אַזוֹינְס; חְלֶעבֶּען דוּ בִּיזְט נָאר אַ שְׁלֶעכְטֶער, פְלֶעגְט אִיהם טְרַיינֶע גֶעבֶּען צוּ פַארְשְׁטֶעהן, וָואס אַארְט דִיךְ אַז זֵיי שְׁפִּיעלֶען זִיךְ מִיט זֵיי. וָואס דֶען זָאלֶען דִי שְׁקַאפֶּעס טְהוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּ פָאהְרֶען פוּן דֶעם יָרִיד אָדֶער פוּן דֶעם רֶבִּין זָאל לֶעבִּין? אַז קֵיין שְׁטַאל הָאבֶּען זֵיי נִישְׁט, קֵיין עֶסֶען הָאסְט דוּ זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט צוּ גֶעבֶּען, מִיר דַאנְקֶען גָאטְט אַז מִיר אַלֵיין זָענִין זַאט, נִיט נָאר נָאךְ אַוֶועקְגֶעבֶּען דִי חַיּוֹת רָעוֹת.

טְרַייטִיל הָאט גֶעזֶעהן אַז זַיין וַוייבּ זָאגְט רֶעכְט, עֶר אִיז ווַייטֶער גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען צְווִישֶׁען דִי מְלַמְּדִים, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארֶען גֶעוָואהנְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶער ווַייסֶער חֶבְרָה, עֶס פְלֶעגְט אִיהם שׁוֹין גָאר נִישְׁט אַארֶען וָואס דִי חֵדֶר יוּנְגֶלֶעךְ הָאבֶּען גֶעמוּטְשְׁעט דִי שְׁקַאפֶּעס.

דִי שְׁקַאפֶּעס אַלֵיין זָענִין דֶערְמִיט זֶעהְר צוּפְרִיעדֶען גֶעוֶוען, פַאר זֵיי אִיז דָאס גֶעוֶוען דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק, וַוייל טְרַייטִיל וֶוען עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען פוּנ'ם וֶועג, הָאט עֶר

זַיי נִישְׁט גֶעפִיהְרְט צוּם זְשְׁלָאבּ גֶעבֶּען עֶסֶען, וִוי עֶס פִיהְרְט זִיךְ בַּיי לַייטֶען מִיט פֶּערְד, עֶר פְּלֶעגְט זַיי נָאר אוֹיסְשְׁפַּאנֶען – שְׁטֶענְדִיג מָלֵא רְצִיחָה, שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה פוּל מִיט מוּסָר – וַוייל זַיי הָאבֶּען אִיהם נִישְׁט וֶוענִיג דָאקוּטְשֶׁעט אִין וֶועג, אַלֶּע מָאל וָוענִין זַיי שְׁטֶעהֶען גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַלֶּע מָאל אַרָאבּשְׁפְּרִינְגֶען אוּנ זַיי שְׁלֶעפֶּען, חוּץ דִי בַּייטְשֶׁען וָואס עֶר פְּלֶעגְט זַיי בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה גֶעבֶּען, פְּלֶעגְט עֶר זַיי נָאךְ זָאגֶען:

– וַוארְט נָאר אוּיס, מְשׁוּמָדִים, לָאמִיר נָאר קוּמֶען אַהֵיים וֶועט אִיהר הָאבֶּען אַייעֶר אוּיסקוּמֶענִישׁ, אִיךְ וֶועל אִין אַייךְ אַרַיינלֶעגֶען אַז אִיהר וֶועט פַארְגֶעסֶען וָוען אַייָער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען . . .

אוּנ טְרַייטִיל פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵים זַיין וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, נָאךְ מִיט כְּרָאצֶענְט. בַּיים אוּיסְשְׁפַּאנֶען הָאט עֶר אוּיף זַיי אוּיסְגֶעשִׁיט דֶעם גַאנְצֶען גֵיהִנָם קְלָלוֹת, אַרַיינְגֶעלֶעגְט עֶטְלִיכֶע צֶעהְנְדְלִיג בַּייטְשֶׁען חוּץ קוּלַאקִים, מִיט דֶעם הָאט זִיךְ טְרַייטִיל גֶעקִיהֶלְט דָאס הַארְץ, דִי פֶּערְד פְּלֶעגֶען זִיךְ גַאנְץ רוּהִיג נִיט אַיילֶענְדִיג אַוֶועקגֶעהְן, אַ פָּנִים זַיי הָאבֶּען זַייעֶר בַּעַל עֲגָלָה מִיט דִי דְרִיקִים אוּנ קְלָלוֹת גוּט גֶעקֶענְט. – –

אִיהר זָאלְט אַייךְ נִיט וואוּנְדֶערן, לִיעבֶּע לֶעזֶער, וָואס טְרַייטִיל פְּלֶעגְט מִיט זַיינֶע שְׁקַאפֶּעס טֶענִין גְלַייךְ וִוי מִיט זַיין וַוייבּ טְרַיינֶען, גְלַייךְ וִוי זַיי פַארְשְׁטֶעהֶען זַיינֶע רֵייד, גְלַייךְ וִוי זַיי אַלֵיין קֶענֶען רֶעדֶען אוּנ אָבְּעֶנְטְוֶוערֶען; אִיהר וֶועט גֶעוִויס מֶעהר פַארְוואוּנְדֶערְט וֶוערֶען אַז אִיהר וֶועט גֶעוָואהר וֶוערֶען אַז זַיינֶע צְוֵויי שְׁקַאפֶּעס הָאט מֶען אִין זְלִידְנִיוְוקֶע גֶערוּפֶען מִיט נָאמֶען, אוּנ נָאךְ מִיט אַזוֹינֶע נָאמֶען וִוי מֶען קֶען רוּפֶען אַייךְ אוּנ מִיךְ. בֵּיידֶע הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען יֶעקִיל, נָאר כְּדֵי מֶען זָאל צְוִוישֶׁען זַיי וִויסֶען אַ חִלּוּק, הָאבֶּען דִי וַוייסֶע חֶבְרָה אֵיין שְׁקַאפֶּע גֶערוּפֶען יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער, אוּנ דִי אַנְדֶערֶע יֶעקִיל דֶער קַאלִיקֶע. –

יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער אִיז גֶעוֶוען הוֹיךְ אוּנ לַאנְג וִוי דֶער יוּדִישֶׁער גָלוּת אוּנ דַאר וִוי אַ חָארְט, מֶען הָאט נָאר גֶעזֶעהן בַּיי אִיהם בֵּיינֶער, אַזוֹי אַז מֶען הָאט זַיי גֶעקָאנְט אַלֶע אִיבֶּערְצֶעהלֶען. עֶר הָאט לִיעבּ גֶעהַאט שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעהְן, אוּנ דָאס אִיז טַאקִי גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגֶער חִלּוּק צְוִוישֶׁען אִיהם אוּנ זַיין חַבֵר, וֶועלְכֶער פְּלֶעגְט בֶּעשְׁטֶענְדִיג לִיגֶען. פוּן דֶעם אוּיסְשְׁפַּאנֶען בִּיז צוּם אַיינְשְׁפַּאנֶען פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ פוּן דֶעם אָרְט נִישְׁט רִיהרֶען.

וֶוען דִי חֵדֶר יוּנְגְלֶעךְ פְּלֶעגֶען דֶערזֶעהֶען טְרַייטִילְס שְׁקַאפֶּעס, פְּלֶעגֶען זַיי זִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן, זַיי פְּלֶעגֶען זַיי אַרוּמפַאלֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען; דִי גְרֶעסֶערֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעזֶעצְט רַייטֶענְדִיג, דִי קְלֶענֶערֶע הָאבֶּען זַיי פָּשׁוּט אַזוֹי גֶערִיסֶען, דֶער בַּיי דֶער מָארְדֶע, דֶער בַּיים פוּס, זַיי הָאבֶּען זַיי גֶעטְרִיבֶּען, גֶעיָאגְט, גֶעשְׁלָאגֶען. נָאר בַּיי דֶעם אַלֶעם הָאבֶּען זַיי זִיךְ אָן דֶער וַוייסֶער חֶבְרָה נִישְׁט גֶענַארְט, וָוארוּם דִי יוּנְגְלֶעךְ פְּלֶעגֶען זַיי הָאדִיוֶוען מִיט זַייעֶרֶע אָנְבַּייסֶענְס, חָאטְשׁ פֶּערְד עֶסֶען נִישְׁט קֵיין בְּרוֹיט, בְּרוֹיט מִיט שְׁמַאלְץ, מִיט פוּטֶער אָדֶער מִיט אַיינְגֶעמַאכְטְס, הָאבֶּען זִיךְ טְרַייטִילְס פֶּערְד דֶערְצוּ אַיינְגֶעוֶועהְנְט. פְרִיהֶער הָאבֶּען זַיי דִי יוּנְגְלֶעךְ מִיט גֶעוַואלְד גֶעהָאדִיוְוּט מִיט אַזוֹינֶע מַאֲכָלִים, בִּיז דִי פֶּערְד

הָאבֶּען גֶעפוּנֶען אַז דָאס אִיז טַאקִי אוֹיךְ אֵיין עֶסֶען. חוּץ דֶעם פְלֶעגֶען דִי יוּנְגְלֶעךְ קְרִיגֶען פוּן זֵייעֶרְטְווֶעגֶען הֵיי, שְׁטְרוֹי, אוּנ זֵיי בְּרֶענְגֶען, אוּנ וֶוען עֶס הָאט נִישְׁט גֶעסְטַאיֶעט, פְלֶעגֶען זֵיי אַרָאבְּחַאפֶּען פוּן דִי דָאכֶער שְׁטְרוֹי, דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים פְלֶעגֶען זִיךְ נִישְׁט אֵיין מָאל בַּאקְלָאגֶען אַז מֶען גַנְבִית אַרָאבּ שְׁטְרוֹי פוּן זֵייעֶרֶע דָאכֶער, נָאר דָאס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעהָאלְפֶען.

טְרַייטִיל׳ס פֶערְד הָאבֶּען בֶּעשַׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶעהֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאטט וָואס שְׁפַּייזְט אֲפִילוּ אַ וֶוערֶעמִיל אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ זֵיי אוֹיךְ! —

* * *

טְרַייטִיל אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגֶער בַּעַל עֲגָלָה אִין זְלִידְנִיוְוקֶע, וָוארוּם נָאךְ וָואס הָאט מֶען אִין דֶעם שְׁטֶאדְטִיל בֶּעדַארְפְט נָאךְ אַ בַּעַל עֲגָלָה? אִין אֶמֶת׳ן אִיז טְרַייטִיל מִיט זַיין עֲגָלָה אוֹיךְ גֶעוֶוען אִיבְּרִיג, נָאר טְרַייטִיל אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּד, אוּנ אַז גָאטְט הָאט גֶעוָואלְט טְרַייטְלֶ׳ען שְׁפַּייזֶען, הָאט עֶר אֲפִילוּ אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אוֹיךְ גֶעפוּנֶען פַּארְשׁוֹינֶען וָואס פְלֶעגֶען פָאהְרֶען אֵיין מָאל דִי וָואךְ קֵיין בּוּלַאנָאוְוקַא אוֹיף דֶעם יָרִיד (17 וֶוערְסְט פוּן זְלִידְנִיוְוקֶע) אוּנ אֵיין מָאל קֵיין טִיוְור יוְוקֶע (20 וֶוערְסְט) צוּם רֶבִּין אוֹיף שַׁבָּת. דֶערְפוּן הָאט טְרַייטִיל מִיט זַיין פַאמִילְיֶע אוּנ זַיינֶע שְׁקַאפֶּעס גֶעלֶעבְּט. קֵיין בּוּלַאנָאוְוקַא אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ מֶקַח וִוי אַ בֵּייגֶעל אַ גְרָאשֶׁען: אַ פַּארְשׁוֹין אוֹיבֶּען אָן — אַ גִילְדֶען אַהִין אוּנ אַ גִילְדֶען צוּרִיק; אֶקֶעגֶען — אַ גְרִיוְוינֶקֶע, אוֹיף דֶער קֶעלְנֶע — אַ הַאלְבֶּען גִילְדֶען. פְּלַאץ אוֹיף זַיין פוּהְר אִיז ב״ה שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען גֶענוּג, הָאטְשׁ צוּלֶעג זִיךְ וִוי בַּיים טַאטֶען אִין וַויינְגָהוֹיז (וִוי טְרַייטִיל פְלֶעגְט זָאגֶען), הַלְוַאי וָואלְטֶען נָאר אַזוֹי פִיעל פַּארְשׁוֹינֶען גֶעוֶועזֶען, נָאר וָואס הָאט עֶר גֶעקָאנְט טְהוּן אַז אִין זְלִידְנִיוְוקֶע הָאבֶּען זִיךְ פָארְט מֶעהְר נִישְׁט גֶעפוּנֶען וִוי פוּפְצֶען פַּארְשׁוֹין צוּם יָרִיד אוּנ אַכְצֶען צוּם רֶבִּין.

מֶערְקְווִירְדִיג אִיז אַז בַּיי טְרַייטְלִין אוֹיף דֶער פוּהְר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען גְרוֹים, וִויפִיעל פַּארְשׁוֹינֶען עֶס זָאלֶען זִיךְ יַאוֶוען אוּנ אִיהְם פְרֶעגֶען, צוּ עֶר הָאט פְּלַאץ, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעעֶנְטְווֶערְט:

— אַזוֹי פִיעל פְּלַאץ אֲפִילוּ זִיךְ אוֹיסְצִיהֶען אוּנ שְׁלָאפֶען אַ גַאנְצֶען וֶועג!

אַי דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַז וֶוען מֶען הָאט חָאטְשׁ גֶעקָאנְט אֵיין פוּס אַרַיינְגֶעצֶען אִין דֶער בּוֹיד אִיז מֶען אוֹיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְלִיקְלִיכֶער, מֶעהְר אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ פוּס וִוי גֶעפָאהְרֶען אוּנ נָאךְ מֶעהְר הָאט מֶען גֶעמוּזְט הֶעלְפֶען אוּנְטֶערְן בַּארְג שְׁלֶעפֶּען דִי שְׁקַאפֶּעס מִיט דֶער גְרוֹיסֶער בּוֹיד. וִוי אַזוֹי דֶען פָאהְרְט אַ יוּד? אִיהְר וִוילְט אֶפְשַׁר עֶר זָאל פָאהְרֶען מִיט פַּאיֶעטָאנִים, צוּ מִיט פָּאסְט, צוּ מִיט אַ רוּסִישֶׁער פְרֶאהְלִיכֶער טְרָאיְקַא? אוֹיף דַארוֹיף אִיז מֶען דָאךְ אַ יוּד... אִין גָלוּת.... דִי זְלִידְנִיוְוקֶער יוּדֶען הָאבֶּען קֵיין מָאל קֵיין טַעֲנוֹת נִישְׁט גֶעהַאט צוּ טְרַייטְלֶ׳ען פַאר זַיין פָאהְרֶען; פוּנְקְט פַארְקֶעהְרְט — זֵיי זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען זֶעהְר צוּפְרִידֶען, זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נָאר עֶפִּים בֶּעסֶערְס נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי טְרַייטִיל׳ס פָאהְרֶען.

אוֹיף דֶעם יָרִיד קֵיין בּוּלַאנָאוְוקַא פְלֶעגְט טְרַייטִיל אַרוֹיסְפָאהְרֶען מִיט דִי פַּארְשׁוֹי־

גֶען בַּאלְד נָאךְ הַבְדָלָה אוּנ שְׁטֶענְדִיג פַּארְשְׁפֶּעטִיגֶען דֶעם יְרִיד ; נָאר וֶועמֶען אַארְט דָאס ? אַז גָאטְט ווִילְל גֶעבֶּען דֶעם זְלִידְנִיוְוקֶער יוֹדֶען אַ גוּטֶען יְרִיד , גִיט עֶר אֲפִילוּ וֶוען עֶר קוּמְט אָן גַאנְץ שְׁפֶּעט , אוּנ אַז גָאטְט ווִילְל נִישְׁט , הֶעלְפְט נִישְׁט וֶוען עֶר קוּמְט אָן גַאנְץ פְּרִיה פַאר דֶעם יְרִיד . דָאס פְלֶעגֶען שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען דִי זְלִידְנִיוְוקֶער יוֹדֶען

הַיינְט וָואס הָאט דָאס גֶעקָאנְט אַארֶען וִדי פַּארְשׁוֹינֶען וֶוען טְרַייטִיל פְלֶעגְט זִיבְּצֶען וֶוערְסְט פוּן זְלִידְנִיוְוקֶע קַיין בּוֹלַאנָאוְוקֶע פָאהְרֶען כִּמְעַט אַ גַאנְצֶען מֵעֵת לְעֵת ? וָואס הָאט מֶען זִיךְ גֶעהַאט צוּ אַיילֶען ?

וֶוער שְׁמוּעסְט צוּרִיק פוּן דֶעם יְרִיד , דֶעמֶעלְט זֶענִין דִי פַּארְשׁוֹינֶען גָאר גֶעוֶוען צוּפְרִידֶען מִיט זֵייעֶר בַּעַל עֲגָלָה ; וָוארוּם פוּן דֶעם יְרִיד פְלֶעגְט טְרַייטִיל צוּ זִיךְ צַלַיין זָאגֶען :

– אִיךְ זָאל אֲפִילוּ ווִיסֶען אַז דֶער רוּחַ זָאל מִיךְ נֶעמֶען , מוּז אִיךְ דָא אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע אוֹיסְטְרִינְקֶען אַ בִּיסל בְּרָאנְפְּין , אוּנ אַז טְרַייטִיל הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסל בְּרָאנְפְּין הָאבֶּען שׁוֹין אַלֶע פַּארְשׁוֹינֶען גֶעוואוּסְט אַז גָאטְט זָאל נָאר שׁוֹמֵר וּמַצִיל זַיין , דִי שְׁקַאפֶּעס „דִי חַיוֹת רָעוֹת" ווִי טְרַייגֶע רוּפְט זֵיי) וֶועלֶען אָנְהוֹיבֶּען שְׁטֶעלֶען פִּיס , מַאכֶען מִיט דִי קֶעפּ אוּנ אַמָאל מִיט דִי הִינְטֶערְשְׁטֶע פִּיס אַרַיינְקְלַאפֶּען צוּ דִי פַּארְשׁוֹינֶען אִין דֶער עֲגָלָה אַרַיין אוּנ טְרַייטִיל וֶועט אָנְהוֹיבֶּען אַרְבַּייטֶען מִיט דֶער בַּייטְשׁ , מִיט דִי אַקְסְלֶען אוּנ אַלֶע אֵבָרִים , דֶעמֶעלְט אִיז טַאקִי אַ פֶערְגְנִיגֶען מִיט אִיהְם צוּ פָאהְרֶען ; מֶען פְלִיהְט , פֶעלְדֶער שְׁטֶעהֶען , וֶואלְדֶער וַואקְסֶען , דִי הִינְד פוּן דִי דָארְפֶער בִּילֶען אוּנ טְרַייטִיל בַּעַל עֲגָלָה אִיז שְׁטָאלְץ אוֹיף זַיינֶע פֶערְד , ווִי דֶער רוּסִישֶׁער יַאמְשְׁטְשִׁיק אוֹיף זַיין טְרָאיְקָא .

* * *

צוּרִיק פוּן דֶעם יְרִיד פְלֶעגְט טְרַייטִיל אָנְקוּמֶען מָאנְטַאג זֵייגֶער צְוֶועלְף בַּיי טָאג , אוֹיסְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד , זֵיי הַאלְטֶען אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַ דְרָשָׁה מִיט סְבִיסַאקִים , ווִי עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אוּנְטֶערְוֶועגְס אוּנ זֵיי לָאזֶען פְרַאנְק אוּנ פְרַיי אוֹיף אַלֶע פִיער זַייטֶען אִין זְלִידְנִיוְוקֶע בִּיז מִיטְוָואךְ .

מִיטְוָואךְ פְלֶעגְט טְרַייטִיל פָאהְרֶען קַיין טִיוְורִיוְוקֶע צוּם רֶבִּין אוֹיף שַׁבָּת . אַז טְרַייטִיל הָאט גֶעוָואלְט אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד , פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען אַ לֵיידִיגֶען זַאק אוּנ זֵיי גֶעהֶען זוּכֶען אִיבֶּער גַאנְץ זְלִידְנִיוְוקֶע , מֵילָא „יֶעקִיל דֶעם קַאלִיקֶע" פְלֶעגְט עֶר בַּאלְד גֶעפִינֶען לִיגֶענְדִיג אוֹיף דֶער מְלַמְדִישֶׁער גַאס , נָאר „יֶעקִיל דֶעם לַאנְגֶען" פְלֶעגְט אִיהְם נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ גֶעפִינֶען , עֶר הָאט אִיהְם גֶעמוּזְט זוּכֶען אִין אַלֶע גַאסֶען אוּנ דֶערְנָאךְ מִיט דֶעם זַאק פַּארְנַארֶען צוּם וָואגֶען .

צוּרִיק פוּן טִיוְורִיוְוקֶע פְלֶעגְט עֶר כִּמְעַט תָּמִיד קוּמֶען פְרַייטָאג נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען , שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר פַּארְשְׁפֶּעטִיגְט , אוּנ הָאט גֶעמוּזְט מִיט דִי חֲסִידִים (וָואס זֶענִין פַאר אַכְטְטָאגֶען שַׁבָּת גֶעפָאהְרֶען צוּם רֶבִּין) וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעפִיהְרְט , אָנְקוּמֶען קַיין זְלִידְנִיוְוקֶע צוּ פוּס .

צַזוֹי הָאט אָבְּגֶעפִיהְרְט זַיין לֶעבֶּען טְרַייטִיל דֶער בַּעַל עֲגָלָה ; עֶר הָאט דֶערְבַּיי קוּים

גְעהַאט אויף בְּרויט, שְׁטֶענְדִיג גְעוֶועז אויסְגֶעשְׁמִיערְט מִיט סְמָאלֶע, נִישְׁט נָאר זַיין פֶּעלְץ וָואס עֶר פְּלֶעגְט טְרָאגֶען זוּמֶער אוּנ וִוינְטֶער, נָאר אֲפִילוּ דָאס פָּנִים, דִי בָּארְד. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּנ זַיין וַוייבּ טְרַיינֶע הָאט אויך גֶעלֶעבְּט, חָאטְשׁ זִי פְּלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קְלָאגֶען אוּנ וַויינֶען אַז אִיהְר טְרַייטִיל הָאט וֶוענִיג פַארְשׁוינֶען[15] מֶענְשֶׁען אויף אַיין פוּהְר אִיז גֶעוֶוען קַארְג !).

III

דִי שְׁטָאדְט זְלִידְנִיוְוקֶע.

דִי לֶעזֶער הָאבֶּען גֶעווִיס נִישְׁט פַארְגֶעסֶען אַז דָאס אַלְץ אִיז מִיט טְרַייטְלֶען גֶעשֶׁעהֶען צוּרִיק מִיט אַ יָאהְר צְוַויי דְרַיי ד. ה. נָאךְ אֵייְדֶער דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען.

אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז פוּן תָּמִיד אָן גֶעוֶוען אַ בָּאד, אַ פַיינֶע בָּאד, דַוְוקָא אַ שֶׁאנֶע בָּאד, וָואס אִיז גֶעוֶוען אֲפִילוּ צוּ פַיין פַאר אַזַא קְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל. וֶוען אוּנ וֶוער עֶס הָאט אויפְגֶעבּויעט דִי בָּאד הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעדֶענְקְט, אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז דִי בָּאד שְׁטֶעהְט פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית אָן, אוּנ אַ טְהֵייל הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט אַז זֵיי הָאבֶּען פוּן זֵייעֶרֶע בָּאבֶּעס גֶעהֶערְט, אַז דָאס שְׁטֶעדְטִיל זְלִידְנִיוְוקֶע הָאט פְרִיהֶער גֶעקֶערְט אַ גְרויסֶען פָּרִיץ, וֶועלְכֶער הָאט זֶעהְר לִיעבּ גֶעהַאט דִי דָארְטִיגֶע יוּדֶען, אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶעהֶען אָהְן אַ בָּאד, וִוי לְהַבְדִּיל אָהְן אַ בֵּית מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר פַאר זַיינֶע יוּדֶעלֶעךְ אויסְגֶעבּויעט אַ בָּאד.

ווִידֶער דֶערְצֶעהְלְט מֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶער זְלִידְנִיוְוקֶער בָּאד, אוּנ וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס אִיז שׁוֹין דֶער מַעֲשֶׂה מֶעהְר צוּ גְלויבֶּען: זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ דָארְף, דֶער פָּרִיץ פוּן דֶעם דָארְף הָאט גֶעהַאט אַ רַייכֶען יוּדִישֶׁען מוּכְסָן, זֶעהְר אַ גְרָאבֶּען יוּנְג, אַיין אֶמֶת׳ן עַם הָאָרֶץ, דֶער יוּד הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ וַוייבּ אַיין אִשָּׁה צְנוּעָה, אַיין אֱמֶתֶע צַדֶּקֶת, עֶר הָאט אַמָאל גֶעהַאט דִי זְכִיָּה אַז אִין דֶערְצַייט וָואס זַיין וַוייבּ הָאט בֶּעדַארְפְט גֶעהְן אִין מִקְוֶה, אִיז אִיהְר גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם אַיין אַלְטֶע יוּדֶענֶע אוּנ הָאט אִיהְר גֶעזָאגְט אַז פוּן אִיהְר דַארְף גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען דֶער צַדִּיק אַבְרָהָם מַלְאָךְ, וֶועלְכֶער וֶועט הָאבֶּען אַ לִיכְטִיגֶען שְׁטֶערִין אִין הִימֶעל אוּנ וֶועט רַעשֶׁען אויף דֶער וֶועלְט, נָאר פוּן צְוַויי זַאכֶען זָאל זִי זִיךְ אָבְּהִיטֶען: עֶרְשְׁטֶענְס דֶער מַאנְן דֶער עַם הָאָרֶץ זָאל דֶערפוּן נִישְׁט ווִיסֶען, צְוַוייטֶענְס אַז גֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער מִקְוֶה זָאל זִי זִיךְ נִישְׁט נָאר נִישְׁט אָנְרִיהְרֶען אָן קֵיין גוֹי אוּנ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדֶען, וַוייל עַל פִּי יוּדִישֶׁען דַּת טָאר דָאס קֵיין יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער נִישְׁט אֲפִילוּ אַ פְּרָאסְטֶע, וּבִפְרַט זִי דִי צַדֶּקֶת, נָאר זִי זָאל זִיךְ אֲפִילוּ אָן קֵיין יוּדֶען נִישְׁט אָנְרִיהְרֶען, מִיט אַיין וָוארְט אָן קֵיין בָּשָׂר וָדָם וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירֶען פוּן עֶרְד אוּנ מוּז צוּרִיק וֶוערֶען עֶרְד.

וֶוען דִי מוּכְסֶנִיתֶע פְּלֶעגְט דַארְפֶען גֶעהְן אִין מִקְוֶה, פְּלֶעגְט זִי מוּזֶען פָאהְרֶען זִיבֶּעצִין וֶוערְסְט אִין שְׁטֶעדְטִיל בּוּלַאנָאוְוקֶע, וַוייל זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז דָאךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען

אַ דָארְף, אונ וואו־זְשֶׁע הָאט אִיהר גֶעזֶעהן אַ מִקְוָה אִין אַ דָארְף? נָאר נַייט זִי אִיז בִּנְבִיאוּת גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז זִי דַארְף טְרָאגֶען אַ מַלְאַךְ, פְּלֶעגְט זִי אַהִין פָּאהרֶען אונ צוּרִיק גֶעהן צוּ פוּס אִיבֶּער וֶואלְדֶער אונ פֶּעלְדֶער, אִיבֶּער טְהָאלֶען אונ בֶּערְג, יַמִים אונ טַייכֶען, כְּדֵי זִי זָאל זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאגֶעגֶענֶען אונ קֵיינֶער זָאל זִיךְ אָן אִיהר נִישְׁט אָנרִיהרֶען. עֶס הָאבֶּען גֶעמֶעגְט זַיין פְרֶעסְט, שְׁנֵייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע ווינְדֶען, שְׁלַאקְס רֶעגֶענְס, פְּלֶעגְט זִי אַלְץ גֶעהן צוּ פוּס, וַואלְד אַיין וואלד אויס, בִּיז זִי פְּלֶעגְט פּוּנְקְט זֵייגֶער צְוֶועלְף (וֶוען דִי הֶאנֶער הָאבֶּען גֶעקְרֶעהְט דָאס צְוֵוייטֶע מָאל אונ דִי שְׁטֶערן הָאבֶּען זִיךְ גֶעבִּיטֶען) אָנקוּמֶען קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע, זִיךְ שְׁטֶעלֶען אִין גְרֶעסְטֶען פְרָאסְט בַּיים מוּכְסָנְס פֶענְסְטֶער אונ אַזוֹי לַאנְג קְלַאפֶּען, בִּיז דֶער עַם הָאָרֶץ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעחַאפְּט אונ אִיהר גֶעעֶפִינְט דִי טְהִיר.

—סְטַייטְשׁ, וֶועט אִיהר פַארוואוּנְדֶערְט פְרֶעגֶען, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס גָאר זַיין? זִיבֶּעצִין וֶוערְסְט צוּ פוּס אָבְּגֶעהן בִּיז צְוֶועלְף דֶעם זֵייגֶער? נָאר פַארְגֶעסְט אָבֶּער נִישְׁט אַז זִי הָאט גֶעדַארְפְט טְרָאגֶען אַ מַלְאַךְ, קֶען דָאךְ אַוַודַאי זֶעהר שֶׁאן זַיין אַז אַ מַלְאַךְ הָאט זִי גֶעטְרָאגֶען פוּן בּוּלַאנָאוְוקֶע קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע, וֶוער וֵוייסְט? אִיךְ דֶערְצֶעהל דָאס נָאר דֶערפַאר אִיהר זָאלְט נִישְׁט פְרֶעגֶען קֵיין קַשְׁיוֹת אויף גָאטְס נִסִים אונ מַעֲשִׂים מִיט זַיינֶע צַדִיקִים, וָוארוּם עֶר טְהוּט מִיט זֵיי וָואס עֶר וִויל, וֶוען עֶס אִיז אֲפִילוּ פַאר דֶעם מֶענְשֶׁענְס שֵׂכֶל פַארְבָּארְגֶען.

אַז דִי מוּכְסַנְטֶע הָאט גֶעבָּארֶען דֶעם מַלְאַךְ אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארֶען אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִין יֶעדֶען ווינְקֶעלֶע, דִי עֶרְד הָאט גֶעצִיטֶערְט, דִי בּוֹימֶער פוּן דִי וֶואלְדֶער זֶענִין פוּן אַ גְרוֹיסֶען שְׁטוּרֶם ווינְד אַיינְגֶעפַאלֶען, דִי חַיוֹת רָעוֹת אִין דִי מִדְבָּרִיוֹת הָאבֶּען גֶעשְׁרִיעֶן פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט אִין דֶער אַנְדֶערֶער עֶק וֶועלְט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁלַאקְס רֶעגֶען, דִי רְשָׁעִים הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְט אִין גֵיהִנָם אונ אוֹיפ׳ן הִימֶעל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ . . .

אִין דֶער אֵייגֶענֶער נַאכְט הָאט זִיךְ דִי צַדֶיקֶת ווִידֶער בַּאווִיזֶען דִי פְרִיהֶערִיגֶע יוּדֶענֶע אונ הָאט צוּ אִיהר אַזוֹי גֶעזָאגְט:

—מַיין לִיעבֶּע טָאכְטֶער! דֶער הֵיילִיגֶער בּוֹיךְ וָואס אִיז זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים גְרוֹיסֶען הַאר פוּן דֶער וֶועלְט וָואס שַׁאפְט אִיבֶּער אַלֶע פֶאלְקֶער אונ אִיבֶּער טוֹיזֶענְד וֶועלְטֶען אונ אִיבֶּער צֶעהן טוֹיזֶענְד אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועלְטֶען, אַז עֶר זָאל טְרָאגֶען נַיין חָדָשִׁים דֶעם גְרוֹיסֶען שְׁטֶערן, זָאל פוּן הַיינְט אָן אונ וַוייטֶער אויךְ אַזוֹ גֶעהן אִין מִקְוָה ווִי בִּיז אַהֶער, כְּדֵי עֶר (דֶער בּוֹיךְ) זָאל אויף אֵייבִּיג זַיין הֵיילִיג.

נָאר אַזוֹי ווִי דִי מוּכְסֶנְטֶע הָאט שׁוֹין נָאךְ דֶעם שְׁ טֶ ע ר ן מֶעהר קֵיין מַלְאַךְ נִישְׁט בַּאדַארְפְט טְרָאגֶען הָאט זִי שׁוֹין מֶעהר נִישְׁט גֶעהַאט דִי זְכִיָה אַ מַלְאָךְ זָאל זִי אִיבֶּער־טְרָאגֶען אִיבֶּער דִי פֶּעלְדֶער אונ בֶּארְג פוּן בּוּלַאנָאוְוקֶע קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע. וָואס־זְשֶׁע הָאט זִי גֶעזָאלְט טְהוּן? זִי הָאט זִיךְ גֶעהֵייסֶען בּוֹיעֶן אַ בָּאד אִין זְלִידְנִיוְוקֶע. דֶער רַייכֶער מוּכְסָן הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם פָּרִיצְס גוֹיִם אונ מֶען הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיעט אַ גֶעמוֹיעֶרְטֶע בָּאד מִיט אַ מִקְוָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַוואוּנְדֶער אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אַזוֹי אַז פוּן אַלֶע עֶקֶען

פון דֶער װֶעלְט אִיז מֶען גֶעפָאהרֶען קֵיין זְלִידְנִיװְקֶע אָנְקוּקֶען דִי בָּאד מִיט דֶער מִקְוָה.

פון דֶער צַייט זֶענִין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ סַךְ יָאהרֶען, דֶער מוּכְסָן אִיז דֶערוַויל גֶעשְׁטָארְבֶּען, דִי מוּכְסֵנְטֶע אִיז אויךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען, דֶער מַלְאַךְ אַלֵיין װֶעלְכֶען זִי הָאט גֶעבּוירֶען, אִיז שׁוין אויךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען, פּוּנְקט אִין דֶער צַייט װֶען אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג אִיז גֶעװֶעזֶען פִינְסְטֶער אויף דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט, אַז מֶען הָאט גֶעמוּזְט אָנְצִינְדֶען לִיכְט אוּנ פַארמַאכֶען דִי לָאדֶען.

נָאר דִי בָּאד אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין זְלִידְנִיװְקֶע!

װוּ הָאט אִיהר אָבֶּער גֶעזֶעהן אַז אַ בָּאד זָאל זַיין אָהן יוּדֶען? קֶען דָאס זַיין? אֶפְשַׁר טַאקִי צוּ לִיעבּ דֶעם הָאבֶּען זִיךְ צוּ בִּיסְלִיכְוַויז אָנְגֶעהוֹיבֶּען בַּאזֶעצֶען יוּדֶען אִין זְלִידְנִיװְקֶע, בִּיז פוּן דֶעם דָארְף אִיז גֶעװָארֶען קֵיין עַיִן הָרָע אַ שְׁטֶעדְטִיל מִיט אַ בָּאד, אַ מִקְוֶה, אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, מִיט אַ טַאקְסֶע א. ד. ג. מִיט אֵיין װָארְט מִיט אַלֶע זַאכֶען װָאס פַּאסֶען צוּ יוּדֶען.

אַזוֹי אִיז גֶעװֶען בִּיז פַאר דְרַיי יָאהרֶען, ד. ה. אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ דִי זְלִידְנִיװְקֶער יוּדֶען מִיט זַייעֶרֶע װַייבֶּער, טֶאכְטֶער אוּנ קִינְדֶער גֶעלֶעבְּט אִין זְלִידְנִיװְקֶע. אַז גָאטט אַלֵיין הָאט זַיי גֶעמֶעגְט מְקַנֵא זַיין. טְרַייטִיל בַּעל עֲגָלָה הָאט זַיי גֶעפִירְט אַלֶע זוּנְטָאג קֵיין בּוּלַאנָאװְקֶע אויפ׳ן יָרִיד אוּנ אויף אַלֶע שַׁבָּת צוּם רֶבִּין קֵיין טְוֶוערִיװְקֶע. װֶער שְׁמוּעסְט נָאךְ אַז טְרַייטִיל פְּלֶעגְט אויף שַׁבָּת אַרָאבּבְּרֶענְגֶען קֵיין זְלִידְנִיװְקֶע אַ נַייעֶן גוּטֶען יוּדֶען, אִיז מֶען גֶעװֶען גָאר אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ. אַגַאנְצֶע װָאךְ זֶענִין דִי װַייבֶּער פַאר נַאכְט אוּנ דִי מַאנְסבִּילֶען אִין דֶער פְרִיה גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה אַרַיין אויף װָאס דִי װֶעלְט שְׁטֶעהט; דִי װַייבֶּער זֶענִין גֶעװֶעזֶען נָאךְ גְלִיקְלִיכֶער, װַייל דְ וָ א שֶׁ ע דִי טוּקֶערן אִיז גֶעװֶען זֶעהר אַ פְרוּמֶע יוּדֶענֶע אוּנ הָאט פַאר צְװֵיי פְּיַאטְקִים (זֶעקְס גְרָאשִׁין) כָּשֵׁר גֶעמַאכְט אַ װַייבִּיל װִי גָאטט אַלֵיין הֵייסְט, ד. ה. אִיהר אָבְּגֶעשְׁנִיטֶען דִי נֶאגִיל אַז בְּלוּט אִיז גֶעגַאנְגֶען, זִי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אַז טָאמֶער הָאט אֵיינֶע אַרוֹיסגֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער מִקְוָה זִיךְ אַרוֹיס גֶעהַאפְּט מִיט אַ װָארְט, אָדֶער אוֹיסגֶעשְׁנַייצְט דִי נָאז, זָאל זִי בַּאלְד צוּרִיק אַרַיין אִין מִקְוָה אַרַיין. בַּיי דֶער טְהִיר פוּן דֶער בָּאד הָאט זִי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אַז יֶעדֶעם װַייבִּיל זָאל חו״ש נִישְׁט פַארגֶעסֶען זִיךְ אָנְרִיהרֶען אָן פַ י י וֹ י שׁ פָ א נְ פֶ ע וַ א טֶ ע. װָאס הָאט גֶענוּמֶען בַּיי דְוָאשֶׁע דֶער טוּקֶערן װָאכ-גֶעלְד, חוּץ אַ פְרִישׁ פְּלֶעצֶעל אַלֶע פְרַייטָאג אִין דֶער פְרִיה. מִיט אֵיין װָארְט דְוָאשֶׁע הָאט פַאר זֶעקְס גְרָאשֶׁען גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אַז יֶעדֶע פְרוֹי װָאס אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה זָאל אַרוֹיס כָּשֵׁר װִי דִי יוּדִישֶׁע טֶאכְטֶער פַּאסְט, עֶס הָאט אִיהר אֲפִילוּ גֶעמֶעגְט אוֹיסקוּמֶען אִין אֵיין אָבֶענְד צְװַאנְצִיג מָאל זִיךְ אוֹיסטְהוּן אוּנ אָנְטְהוּן, נָאר אַבִּי כָּשֵׁר-יוּדִישׁ. דֶערְפַאר טַאקִי זֶענִין אִין זְלִידְנִיװְקֶע בִּיז פַאר דְרַיי יָאהרֶען גֶעבּוירֶען גֶעװָארֶען לוּיטֶער צַדִיקִים אוּנ אִין גַן עֵדֶן אִיז שׁוין כִּמְעַט נִישְׁט דָא קֵיין לֵיידִיג אָרְט, אִין אַ״ע זַייטֶען אִיז עֶר פוּל מִיט גִילְדֶענֶע שְׁטוּהלֶען פַאר דִי זְלִידְנִיװְקֶער װַייבֶּער.

* *
*

נָאר פַאר דְרַיי יָאהרֶען... עֶס נֶעמְט אָן אַ שְׁרֶעק אַז מֶען דֶערְמָאנְט זִיךְ... פְרַייטָאג

צו נאַכטס, דער עֲרֵל, דער באָד־גוי האָט געדרייבערט אַ לולקע ציבעק אויף׳ן בוידים פון דער באָד אונ איז אַזוי אַנטשלאָפען געוואָרען... שפּעט ביי נאַכט ווען אַלע זלידניוועקער יודען האָבען געשמאַק געשלאָפען לכבוד שבת האָט זיך די באָד אָנגעחאַפּט אונ אָנגעהויבען ברענגען. אין דער שטילער נאַכט האָט זיך דאָס פייער צו ביסלעכווייז מעהר מעהר פארברייטעט, דער זלידניוועקער טונקעלער הימעל איז אויף איינינגע אָרטער העלל גע־וואָרען, מען האָט געזעהן אויף איהם ברייטע פאַסען אונ קיילעכדיגע רויטהע פלעקען. די זלידניוועקער האָבען אַלץ געשמאַק געשלאָפען לכבוד שבת, מען האָט נאָר געהערט ווי די האָהנער האָבען געקרעהט אונ די הינד געבילעט!

פייוויש פּאַנפּעוואַטע, דער שמש פון דער שול, דער איינציגער וואָס האָט גע־דיענט ביי דוואָשע דער טוקערן אין באָד, האָט זיך אויפגעחאַפּט פריהער פון אַללע, ווייל ער האָט באַדאַרפט פאַר טאָג געהן קלאַפּען, וועקען, רופען דעם עולם אין שול אַריין תהלים זאָגען

אַז פייוויל איז אַרוים פון זיין שטיבל, וואָס איז געווען אויף דער מלמדישער גאַס, האָט ער באַלד מיט זיין פּאַנפּעוואַטע קול אָנגעהויבען שרייען אונטער דער נאָז: „עס ברענט!". נאָר אַלע זלידניוועקער, אפילו אַ מינדעסט קינד, האָבען געקענט פּייווישעס קול. אונ וואָס קען שרייען פּייוויש דריי שעה פאַר טאָג אַז ניט זיין שטענ־דיגען: „שטעהט אויף, שטעהט אויף! אָרעמע יודען צו עבודת הבורא!" אונ נאָך אַנדערע פּסוקים וואָס ער פלעגט דערביי זינגען מיט אַ וויינענדיג קול, אַז עס האָט יעדען אָנ־געחאַפּט אַ שרעק ליגענדיג אין בעט. איצט אַז פּאַנפּאַטש האָט געשריגען „עס ברענט", האָט איטליכער געמיינט אַז ער רופט אין שול אַריין, אונ יעדער וואָס איז אויפגע־שטאַנען, האָט זיך פּאַוואָלי אָבגעגאָסען נאָגיל־וואַסער, געזאָגט אַלע ברכות אונ אָנגע־הויבען אַרויסגעהן פון שטוב.

דער ערשטער נאָך פּייווישען וואָס איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, איז געווען טרייטיל בעל עגלה, ווייל ער האָט געוואוינט נעבען פּייווישען אונ האָט דער ערשטער געהערט זיין קול. ברכות אויסווייניג האָט ער נישט געקענט, אָנצינדען אַ ליכט האָט ער נישט געטאָרט ווייל עס איז געווען שבת, דערפאַר האָט ער זיך פריהער פאַר אַלע אָבגעפאַרטיגט אונ איז אַרויס אויף דער גאַס, כדי ער זאָל קומען אין שול אַריין איידער דער עולם וועט זיך שטעלען זאָגען תהלים אונ זאָל דערווייל קענען ביי די יאָהרצייט ליכט אָבחאַפּען אין סידור אַלע ברכות

— אוי טרייטיל, געוואַלד, עס ברענט! האָט פּאַנפּאַטש געשריען אַז ער האָט דערזעהן טרייטלין אויף דער גאַס.

— יאָ, עס ברענט! געוואַלד פּייוויש! אַ פּאָזשאַר, וואָס האָסט דו געשוויגען ביז אַהער? פאַר וואָס האָסט דו נישט געשריגען? געוואַלד, עס ברענט! עס ברענט! האָט טרייטיל אָנגעהויבען שטאַרק צו שרייען אונ איז צוזאַמען מיט פּייווישען געלאָפען.

— געוואַלד! עס ברענט, טרייטיל! וואָס הייסט איך האָב נישט געשריגען, טרייטיל!

אִיךְ שְׁרַיי שׁוין בַּאלְד אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַז עֶס בְּרֶענְט, אִיךְ הָאבּ שׁוין קֵיין כֹּחַ נִישְׁט צוּ שְׁרַייֶען... הָאט פַּייוִויש גֶעֶנְטְפֶערְט לויפֶענְדִיג.

– עֶס בְּרֶענְט, גֶעוַואלְד! עֶס בְּרֶענְט! אִיךְ הָאבּ דִיךְ טַאקִי גֶעהֶערְט שְׁרַייֶען אוּנ בִּין אויפְגֶעשְׁטַאנֶען, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ שְׁרַייעְסְט אִין שׁוּל אַריין, וֶוער הָאט זִיךְ גֶעקָאנְט רִיכְטֶען אַז דוּ זָאלְסְט פְּלוּצִים דְרַיי שָׁעָה פַארְטָאג שְׁרַייֶען אַז עֶס בְּרֶענְט? אוי פַּייוִויש, עֶס בְּרֶענְט! גֶעוַואלְד, יוּדֶען, עֶס בְּרֶענְט! לָאמִיר, פַּייוִויש, שְׁרַייֶען: „גֶעוַואלְד, יוּדֶען, עֶס בְּרֶענְט!” הָאט טְרַייטִיל גֶעפוּנֶען אֵיין עֵצָה צוּ לֶעשִׁין דָאס פַייֶער.

– גֶעוַואלְד, יוּדֶען, עֶס בְּרֶענְט! הָאבֶּען בֵּיידֶע לויפֶענְדִיג גֶעשְׁרִיגֶען מִיט דֶעם גַאנְצֶען כֹּחַ.

– פָּאנְפַּאטְשׁ! קַארַאאוּל! פָּאזְשַׁאר! אִיז זֵיי אַקֶעגֶען גֶעלָאפֶען דֶער נַאקִיטֶער אָבְגֶעסְמַאלִיטֶער בָּאד־גוֹי, אִיךְ לויף אִין דֶער צֶערְקַווא קְלִינְגֶען –: „נַא גֶעוַואלְד”, פָּאזְשַׁאר!

– פַּייוִויש דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג, פַארְוָואס הָאסְט דוּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגֶען אַז עֶס בְּרֶענְט? הָאט טְרַייטִיל אִיהם וִוידֶער גֶעזָאגְט לויפֶענְדִיג.

– וִוי אַזוי זְשֶׁע וָואלְסְט דוּ גֶעוֶוען אויפְגֶעשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ זָאל נִיט גֶעוֶוען שְׁרַייֶען.

טְרַייטִיל הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיהם צוּ עֶנְטְוֶוערן.

דֶערְוַוייל זֶענִין אויף דֶער גַאס אַרוֹיס נָאךְ עֶטְלִיכֶע יוּדֶען אוּנ וִוי זֵיי דָאבֶּען דֶערזֶעהְן דֶעם רויטְהֶען הִימֶעל, הָאבֶּען זֵיי אויךְ אָנְגֶעהויבֶּען שְׁרַייֶען: „גֶעוַואלְד! עֶס בְּרֶענְט” בִּיסְלֶעךְ וַוייז אִיז דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אַרוֹיס אויף דֶער גַאס, בַּעֲלֵי בַּתִּים, וַוייבֶּער, יוּנְגֶע לַייט, וַוייבְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ, קִינְדֶער אוּנ וַוייסֶע חֶבְרָה, אַ לַיארֶם, אַ גֶעפִּילְדֶער, אַ גֶעשְׁרַיי, אַ גֶעלויפֶערַיי!... אוּנ דֶער פְּלַאם פוּן דֶעם גְרויסֶען פַייֶער הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל פַארְגְרֶעסֶערְט אוּנ פַארְגְרֶעסֶערְט!...

דִי הַאלְבּ־אָנְגֶעטוּהֶענֶע וַוייבֶּער הָאבֶּען פַאר גְרויס שְׁרֶעק אוּנ צִיטֶערְנִיש זִיךְ דֶערוַוייל בֶּאהַאלְטֶען, דִי אויף׳ן בּוֹידֶעם, דִי אוּנְטֶערן פְּרִיפֶּעטְשִׁיק, דִי אוּנְטֶערן טִישׁ. דִי מַאנְסְבִּילֶען אוּנ דִי וַוייסֶע חֶבְרָה זֶענִין גֶעלָאפֶען צוּם פָּאזְשַׁאר לֶעשֶׁען. אָט שְׁטֶעהְט אִיצְט אַרוּם דֶער בָּאד כִּמְעַט דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, אַלֶע שְׁרַייֶען אוּנ קָאמַאנְדָאוֶוען. בֶּערִיל פְּלַאסְטֶער הָאט זִיךְ אַרויפְגֶעחַאפְּט אִין דֶער הוֹיךְ אויף אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם לֵייטֶער, עֶר שְׁטֶעהְט הֶעכֶער פוּן אַלֶע אוּנ שְׁרַייט הֶעכֶער פוּן אַלֶע.

אִיהְר מוּזְט מִיר, לִיעבֶּע לֶעזֶער, פֶערְצַייהֶען וָואס אִיךְ בַּאקֶען אַייךְ אִיצְטֶער נִישְׁט נֶאהֶנְטֶער מִיט בֶּערִיל פְּלַאסְטֶער, אֶפְשַׁר וֶועט אִיהְר זִיךְ שְׁפֶּעטֶער מִיט אִיהְם בַּאקֶענֶען, נָאר אִיצְטֶער פַּאסְט נִישְׁט, אִיצְט אִיז אַ פָּאזְשַׁאר, אוּנ וִוידֶער בֶּערִיל׳ן אַלֵיין וֶועט אִיצְטֶער נִישְׁט אָנְשְׁטֶעהְן זִיךְ מִיט אַייךְ צוּ בַּאקֶענֶען: עֶר אִיז אִיצְט גֶעוָוארֶען אַ גֶענֶעראל אוּנ קָאמַאנְדָאוֶועט מִיט דֶעם גַאנְצֶען פָּאזְשַׁאר. קוּקְט אִיהְם נָאר אָן וִוי עֶר הָאט אַלְץ פוּן זִיךְ אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן נָאר אִין דֶער יַארְמֶעלְקֶע מִיט דֶעם צוּחְרַאסְקֶעטֶען הֶעמְד, וַוייסֶע גַאטֶעקֶעס אוּנ מִיט דִי פַּאנְטָאפִיל, זַיינֶע לַאנְגֶע קָאלְטֶענֶעוַואטֶע פֵּאוֹת פְלִיהֶען אַהִין וואוּ דֶער ווִינְד טְרָאגְט דָאס פַייֶער. זַייט בֶּערִיל

לעבּט האט ער נישט געֶרעדט קיין רוסיש, ער האט פּשוט נישט געקאנט, אונ ווידער ווי אזוי מעג אזא פייערדיגער יוד רעדען רוסיש? נאר ווען עס איז געווען א פּאזשאר אין זלידניוועקע, פלעגט זיך בעריל אליין מאכען פאר גענעראל אונ קיין אנדער לשון נישט רעדען נאר רוסיש, חוץ ווען ער האט בעדארפט עמיצין שעלטען וואס מען דער־לאנגט איהם נישט אזוי גיך א טאפּיל וואסער, דעמאלט פלעגט ער שעלטען אויף רוסיש געמישט מיט יודיש.

בעריל פלאסטער איז תמיד געווען א שטילער, א גוטער, ווי מע זאגט: „א מעקעלע״. יעדער וואס האט נאר געוואלט איז איהם געקראכען אויפ׳ן קאפּ, אפילו א קינד, אונ ער האט זיך שטענדיג געלאזט; שטענדיג איז ער געווען איינגעהויקערט, פארקלאגט אונ האט גאר קיין צווייטע נישט געקאנט צאהלען, ער האט מעהר נישט געוואוסט ווי די קלויז מיט דעם רבין, נאכלויפען נאך יודישע מצות, ווי למשל: אבטונג געבען די מקוה זאל האלטען א שיעור, טאמער איז געקומען אין שטאדט אריין א גוט יודיל צו איין איניקעל, זאל ער נישט אוועקפאהרען פארשעמט; שטראפען יונגע לייט פאר זייערע עבירות אונ נאכרעדען ווי אזוי קען מען פארקירצען דעם יודישען גלות אונ נאך אזויגע זאכען. זיין ווייב האט געהאלטען א קליייטיל אונ דערפון האט זי איהם מיט ד׳ קינדער מפרנס געווען, ווי עס פאסט פאר איין ערהרליכע יודענע וועלכע האט א מאנן א תלמיד חכם.

נאר ביי א פּאזשאר איז דער בעריל גאר איבערגעביטען געווארען. דער איינ־געהויקערטער גוטער בעריל פלעגט פלוצים באקומען גדלות מיט שטארקייט אונ פלעגט זיין באז. ביי יעדען פּאזשאר האט זיך בעריל פריהער פאר אלע ארויפגעדראפּעט אויף א צובראכענעם לייטער, שטעהן האבער פון אלע אונ יעדען איבערשרייען מיט זיין צובראכענער רוסישער שפראכע, אזוי אז אפילו דער פּריסטאוו פון דעם שטאדטיל מיט די דיעסיאטניקים פלעגען דרך ארץ האבען פאר בעריל׳ן אונ אלץ טהון וואס ער האט מיט זיין ווילדען געשריי געשאפט. בעריל האט זיך געפיהלט אויף דעם לייטער ביי א פּאזשאר ווי איין אמתר גענעראל, ווי סקאבאליעוו פאר פלעוונא.

באמת׳ן פלעגט בעריל איינענטליך גאר נישט טהון, נאר שרייען אונ קאמאנ־דאווען, אונ ווערען אויסגעשמירט אין גאנצען מיט סאזשע, אזוי אז ער האט א פנים געהאט ווי א שווארץ יאהר, נאר דעמעלט איז קיינער זייגסגלייבען נישט געווען. עס פלעגט זיך איהם אויסווייזען אז ער טהוט איבער מעשים אונ קעהרט איבער וועלטען, איצט קענט איהר זיך פארשטעלען וואס בעריל האט איבערגעארבייט ביי דעם פּאזשאר פון דער באר.

— גאשפּאדין פּריסטאוו! האט ער געשריגען צום פּריסטאוו אונ צו די דיעסאט־ניקעס וועלכע זענין אונטען געשטאנען אונ האבען געשריגען מען זאל לויפען צו חייקעל דעם סטאראסטא ברענגען די קישקע, גאשפּאדין פּריסטאוו! וואדי, וואדי, פּרישלאט וועדר!— ווייסע חברה! א רוח אין אייערע פאטערס אריין, היגד! ברענגט וואסער, שפּאנט איין אונ ברענגט וואסער, סטא טשערטעי וואם! האט ער געקאמאנדאוויט צו דער

וויסֶער חֶבְרָה אונ ווייטֶער גֶעשְׁרִיגֶען אונ גֶעשָׁאלְטֶען אַללֶע וָואס זֶענִין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פָּאזְשַׁאר.

IV.

אַ „גֶעזָאגֶעכְטְס״

דָאס הָאט אֲפִילוּ אַ קִינְד אִין זְלִידְנִיוְוקֶע גֶעוואוּסְט אַז ווִי בַּאלְד מֶען דֶערְמָאנְט אִין זְלִידְנִיוְוקֶע שְׁקאפֶּעס, מֵיינְט מֶען טְרַייטִילְס שְׁקאפֶּעס. וּבִפְרַט נָאךְ ווֶען דִי ווַייסֶע חֶבְרָה הָאבֶּען גֶעהֶערְט דָאס וָוארְט „איינְשְׁפַּאנֶען״. זֶענִין זֵיי זִיךְ צוּלָאפֶען אִיבֶּער גַאנְץ זְלִידְנִיוְוקֶע זוּכֶען יֶעקִיל דֶעם לַאנְגֶען אוּנ יֶעקִיל קַאלִיקֶע. מֵילָא יֶעקִיל־קַאלִיקֶע הָאבֶּען זֵיי בַּאלְד גֶעפוּנֶען לִיגֶענְדִיג אִין מִיטֶען דֶער מְלַמְדִישֶׁער גַאס, נָאר יֶעקִיל דָעם לַאנְגֶען הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט לַאנְג זוּכֶען.

חָאטְשׁ דִי שְׁקאפֶּעס הָאבֶּען אָנְגֶעקוּקְט דִי ווַייסֶע חֶבְרָה ווִי פַּארוואוּנְדֶערְט — ווִי קוּמְט עֶס פְּלוּצִים שַׁבָּת פַּאר טָאג? עֶס הָאט זִיךְ זֵייעָר נִישְׁט גֶעגְלוּסְט זִיךְ צוּ רִיהְרֶען פוּן דֶעם אָרְט, נָאר דִי ווַייסֶע חֶבְרָה זֶענִין אוֹיף זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלֶען אוּנ הָאבֶּען זֵיי גֶערִיסֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי אוּנ אַ גֶעפִּילְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען פַּארטוּמֶעלְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאבֶּען טַאקִי גֶעמוּזְט בַּאלְד גֶעהְן מִיט דֶער ווַייסֶער חֶבְרָה.

אוֹיפ׳ן פָּאזְשַׁאר אִיז דֶער לַיארְם נָאךְ גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען, נָאר אַז דִי ווַייסֶע חֶבְרָה הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט דִי שְׁקאפֶּעס מִיט טְרַייטִילְס בּוֹיד מִיט אַ פֶּאסִיל וַואסֶער, זֶענֶען דִי קוֹלוֹת פָּשׁוּט גֶעגַאנְגֶען בִּיז אִין זִיבֶּעטֶען הִימֶעל.

דֶער עוֹלָם אִיז אַזוֹי פֶערְנוּמֶען גֶעוֶוען מִיט דֶעם פָּאזְשַׁאר, אַז קֵיינֶעם אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין זִינֶען אַרַיין צוּ בַּאמֶערְקֶען וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אַרוּם דֶעם פָּאזְשַׁאר.

* * *

נִישְׁט ווַייט פוּן דֶער בָּאד אוֹיפ׳ן בַּארְג זֶענִין גֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע בַּאזוּנְדֶערֶע פָּארְלֶעךְ, זֵיי הָאט דֶער פָּאזְשַׁאר אִינְטֶערֶעסִירְט ווִי דֶער פַארְאַיאהרִיגֶער שְׁנֶעע. זֵיי זֶענִין גָאר פַּארְטְרָאגֶען מִיט עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ, פַּאר זֵיי אִיז דִי שְׂרֵיפָה אַ גַאנְצֶער יוֹם טוֹב!...

דִי פָּארְלֶעךְ אוֹיפ׳ן בַּארְג זֶענִין דִי זְלִידְנִיוְוקֶער הֶעלְדֶען, וָואס פִיהְרֶען לַאנְגֶע יָאהְרֶען גַאנְצֶע רָאמַאנֶען אִין שְׁטֶאדְטִיל מִיט פַּארְלִיעבֶּענִישֶׁען אוּנ פַּארְדְרֶעהְנִישֶׁען! ווֶער ווֵייסְט ווִיפִיעל צַייט עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען זַייט זֵיי הָאבֶּען זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהְן מִיט זֵייעֶרֶע טְהַייעֶרֶע אוּג טְהַייעֶרֶע, לִיעבֶּע אוּנ לִיעבֶּע?... זֵיי זֶענִין אִיצְט פַּארְטְרָאגֶען אוּנ קֶענֶען זִיךְ גָאר נִישְׁט גֶענוּג אוֹיסְרֶעדֶען דִי הֶארְצֶער פַּאר דֶער לַאנְגֶער שְׁוֶוערֶער צַייט וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהְן, פַּאר דֶער צַייט פוּלל מִיט זִיפְצֶען, בֶּענְקֶען, נָאךְ אַ סַךְ זִיעסֶע בִּיטֶערֶע, טְהַייעֶרֶע, שְׁלֶעכְטֶע, גִילְדֶענֶע חֲלוֹמוֹת!

— וָואס? אִין זְלִידְנִיוְוקֶע שְׁפִּיעלְט מֶען אוֹיךְ רָאמַאנֶען, מִיט פַּארְלִיעבֶּענִישֶׁען? עֶס

חָלוֹמֶען זִיךְ דָארְט אויךְ חֲלוֹמוֹת פוּן פַּארְלִיעבֶּענִישֶׁען ? וֶועט גֶעוִויס פְּרֶעגֶען דֶער גְרוֹיס־שְׁטֶאדְטִישֶׁער לֶעזֶער ·

יָא, אִין זְלִידְנִיוְוֶקֶע אויךְ ! נִיט עֶרְגֶער וִוי בַּיי אַייךְ אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶאדְט ! הָאבֶּען אויךְ הֶארְצֶער אוּנ אויגֶען וָואס פִיהלֶען אוּנ זֶעהֶען, זַיי פַּארְלִיעבֶּען זִיךְ אויךְ אוּנ פִיהרֶען גַאנְץ לַאנְגֶע רָאמַאנֶען, זַיי וַוייזְט זִיךְ אויךְ אוֹיס אַז וֶוען זַייעֶרֶע טְהַייעֶרֶע גֶעלִיעבְּטֶע הַייבֶּען אָן צוּ רֶעדֶען, אִיז דָאס גָאר נִיט קֵיין רֶעדֶען פוּן אַ פְּרָאסְטֶען מֶענְשֶׁ׳ן, נָאר עֶס גִיעסְט זִיךְ פוּן זַייעֶרֶע מַיילֶער זִיעסֶער הָאנִיג· דִי לְבָנָה לַייכְט זַיי אויךְ צוּ, דִי לִיעבֶּע זוּנְן שְׁמֵייכֶעלְט זַיי אויךְ צוּ, דִי בּוֹימֶער קוּקֶען אויךְ אוֹיף זַיי מִיט זַייעֶרֶע גְרִינֶע אֵייגְלֶעךְ אוּנ דִי פֵייגֶעלֶעךְ זִינְגֶען זַיי אויךְ צוּ אוֹיפ׳ן בַּארְג לֶעבֶּען דֶער בָּאד גְלַייךְ וִוי בַּיי אַייךְ אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶאדְט אוֹיף דִי בּוּלְוַוארֶען נֶעבֶּען דִי פָאנְטַאנִים אוּנ גֶארְטְנֶער, דָאס קָאפֶּיקֶענֶע חֵלֶב׳נֶע לִיכְטֶעל לַייכְט זַיי אויךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלֵיינֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ פוּן דִי נִידְרִיגֶע פֶענְסְטֶער, פּוּנְקְט וִוי בַּיי אַייךְ דָאס זוּנְנֶהֶעלְלֶע לִיכְט פוּן דֶעם עֶלֶעקְטְרִישֶׁען פַייעֶר !

נָאר דֶער חִילוּק אִיז – אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶאדְט זֶעהְט מֶען דִי רָאמַאנֶען שְׁפִּיעלֶען וִוי מֶען ווִילל אוּנ וֶוען מֶען ווִילל, אֲפִילוּ אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג, אֲפִילוּ אִין דִי אויגֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּנ פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּנ קֵיינֶער רֶעדְקְט גָאר נִישְׁט זַיי צוּ שְׁטֶערֶען ·

אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג קוּמֶען אָן דִי קְלֵיינְשְׁטֶעדְטֶעלְדִיגֶע הֶעלְדֶען זַייעֶרֶע רָאמַאנֶען אוּנ פַּארְלִיעבֶּענִישֶׁען · וֶוער עֶס ווִילל, דִי עֶלְטֶערְן, אַ פֶּעטֶער, אַ מוּהמֶע, אַ קָרוֹב, אַ שְׁכֵנָה, אֲפִילוּ אַ פְרֶעמְדֶער, שְׁטֶערְט זַיי· וֶוער עֶס ווִילל קוּמְט אוּנ זָאגְט אַז עֶס הָאט זִיךְ אִיהם אוֹיסְגֶעדַאכְט בְּשַׁעַת עֶר אִיז נֶעכְטֶען גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אַז דֶער בָּחוּר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט דֶעם אוּנ דֶעם מֵיידֶעל· דָאס אִיז שׁוֹין גֶענוּג אַז אַלֶע זָאלֶען גְלוֹיבֶּען (אָפְט אֲפִילוּ דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן), אַז אוֹיף מָארְגֶען גַאנְץ פְרִיה וֶועט דָאס מֵיידֶעל הָאבֶּען אַ מַמְזֵר, אַז מֶען זֶעהט אָבֶּער דָאס קִינְד נִישְׁט – הָאט זִי עֶס מִסְתָּמָא עֶרְגִיץ הִינְטֶער אַ בְּרִיק פַארְגְרַאבְּען פַאר שַׁאנְד אוּנ פַאר בּוּשָׁה · פוּן אִיצְט אָן הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט וָואס מְקַנֵא צוּ זַיין דֶעם בָּחוּר אוּנ נָאךְ מֶעהְר דֶאס מֵיידֶעלֶע וָואס הָאבֶּען נֶעכְטֶען דָאס אוּמְגְלִיק גֶעהַאט צוּ רֶעדֶען צְוַויי וֶוערְטֶער פַאר אִיבְּרִיגֶע צְוַויי אויגֶען · בֶּעהַאלְטֶען זִיךְ אַז אַ פְרֶעמְדֶער זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקֶען ווִי מֶען רֶעדְט, אִיז אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל גָאר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וַוייל אַ קְלֵיין שְׁטֶאדְטִיל אִיז ווִי אַ לַאמְטֶערְן, יֶעדֶער וַוייסְט וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ בַּיים אַנְדֶערְן, פוּן דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ בִּיז צוּ דֶער קְלִיגְסְטֶער, אֲפִילוּ וָואס פַאר אַ בָּארְשְׁט יֶענֶער קָאכְט, צוּ מִיט קַארְטָאפְלִים, אָדֶער מִיט פַאסָאלִים, וּבִפְרַט נָאךְ אַזוֹינֶע זַאכֶען וָואס מֶען רֶעדְט וַוייסְט מֶען דָאךְ גֶעוִויס · דַארוּם פַארְגֶעהֶען אָפְט וָואכֶען אוּנ חֳדָשִׁים אֵיידֶער מֶען קֶען הָאבֶּען אַ גֶעלֶעגֶענְהַייט זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט דִי טְהַייעֶרֶע, אֵיידֶער מֶען קֶען אִיבֶּערְחַאפֶּען אַ וָוארְט; דָאס קֶען נָאר דֶעמֶעלְט גֶעלִינְגֶען וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִין שְׁטֶאדְטִיל אַ „נֵס", אָדֶער אַ צוּפַאל · אַזוֹינֶע צוּפֶאללֶע טְרֶעפֶען זִיךְ אִין זְלִידְנִיוְוֶקֶע עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאהר : פַאר אַלֶע שִׂמְחַת תּוֹרָה צוּ דִי הַקָפוֹת וֶוען מֶע לָאזְט אַרַיין וַוייבֶּער אוּנ מֵיידְלֶעךְ אִין דֶער

מאַנסבּילישער שול קוּשען די תּורה, דעמעלט װען דער גאַנצער עולם איז פאַרטראָגען מיט זינגען אונ הוּלען, װען עס איז אומעטום אַ געשריי אַ געפּילדער אונ די װײַסע חבֿרה קעהרען איבער די װעלט מיט זייער געשריי: „ציגעלע", „ציגעלע", – חאַפּען צװישען זיך די געליעבטע, די טהייערע, אַ „געזאָגעכטס", ד. ה. אויף זייער לשון, אַ װאָרט, אַ גרינגען קרעכץ, אַ טיעפען זיפץ, אַ פייערדיגען קוק אונ אַמאָל אַ הייסען קוש. דער צװייטער צופאַל איז, װען ליבקע דער גראָבער װאַרפט די שיסעל צוזאַמען מיט דעם מיטטאג דעם װײַב אין פּנים אַריין אונ מאַכט איהר אַ לאָך אין קאָפּ. זי לויפט אַרוּם מיט אַ גרויסען געװאַלד אַז גאַנץ זלידניװקע דערהערט, דאָס גאַנצע שטאָדטיל לויפט צוזאַמען זיך אַריינמישען „מאַכען שלום צװישען מאַנן אונ װײַב", דאָס איז װידער אַ געלעגענהייט פאַר די „טהייערע" צוחאַפּען אַ „געזאָגעכטס". צו גרויסער פרייד פון די זלידניװער העלדען טרעפט זיך דער צופאַל עטליכע מאָל אין יאָהר.

נאָך אַ צופאַל: װען גאָט העלפט עס געהט דורך אַ פּאָלק סאָלדאַטען מיט מוזיק, װען עס פאָהרען דורך קאָמעדיאַנשטשיקעס, דעמעלט לויפט אויך דאָס גאַנצע שטאָדטיל אונ דערװײַל חאַפּט מען װידער אַ געזאָגעכטס; װידער איז אַ געלעגענהייט װען עס קומט אַ גוטער יוד אויף שבת, אַלע לויפען צום רבין, מען באַלאַגערט די פענסטער, יעדער װיל זעהן װי דער רבי „פּראַװיט דעם טיש", װי ער גלאָצט מיט די אויגען, װי ער מאַכט מיט דעם מויל. אין דעם גרויסען ענגשאַפט געפינען זיך אויך די העלדען מיט זייערע העלדינען אונ חאַפּען „אַ געזאָגעכטס", נאָר דער בעסטער צופאַל איז אַ פּאָזשאַר... גאַנץ זלידניװקע לויפט אונ איז פאַרטראָגען, די העלדען אונ זייערע געליעבטע לויפען אויך אונ זענען אויך פאַרטראָגען... נאָר מיט זייערע „ליעבעס".

אַט אויפ'ן באַרג נעבען דער באָד זענען איצט אויך געשטאַנען די גליקליכע פּאָרלעך, די באָד האָט געברענט אונ געבּרענט אונ זיי האָבען גערעדט אונ גערעדט...

– זעה נאָר, חנה, די װאַנד זענען שוין אויך צוזאַלעט געװאָרען... באַלד װעט זיך ענדיגען דער פּאָזשאַר...

– װאָס־זשע איז, דוד?

– װאָס הייסט װאָס? מיר װעלען באַלד מוזען זיך צוגעהן אונ װען קענען מיר זיך נאָך אַמאָל זעהן?...

– גאָט װייסט, האָט חנה געזאָגט כמעט מיט טרעהרען. אין די אויגען, אונ איהם שטאַרק געדריקט די האַנד.

– פאַרװאָס גאָט װייסט? ביז װאַנען גאָט װעט װייסען איז נאָך װײַט, עס איז שװער צו װאַרטען, איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג געזאָגט...

– װאָס?

דוד האָט אַביסעל נאָכגעטראַכט אונ געזאָגט:

– אַז מיר זאָלען שיקען ר׳ זלמן דעם שדכן צו אונזערע עלטערן...

– אֶ, נֵיין, דָוִד, מֶען דַארְף נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מֶ'ן דַארְף נִישְׁט...

– פַאר וָואס דַארְף מֶען נִישְׁט? וָואס וֶועט זַיין פוּן אוּנְז דֶער סוֹף? ר' זַלְמָן רֶעדְט מִיר אַנְדֶערֶע שִׁדוּכִים, וֶוער ווייסְט? מָארְגֶען קֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעפֶעלֶען צוּ טְהוּן מִיט מִיר אַ שִׁדוּךְ, וָואס קֶען איךְ זַיי טְהוּן? אִיךְ וֶועל זַיי אֲפִילוּ קֵיין וָוארְט נִישְׁט טָארֶען זָאגֶען, וּבִפְרַט נָאךְ זָאגֶען „נֵיין"...

– וָואס־זְשֶׁע אִיז? מֶען דַארְף טַאקִי נִישְׁט זָאגֶען „נֵיין", זָאלְסְט טַאקִי וֶוערֶען אַ חָתָן לְמַזָל אוּנ הָאבֶּען חֲתוּנָה לְמַזָל!

– וָואס זָאגְסְט דוּ, חַנָה? וָואס רֶעדְסְט דוּ? וָואס הֵייסְט אַ חָתָן וֶוערֶען לְמַזָל? צוּ חֲתוּנָה הָאבֶּען לְמַזָל? וָואס זֶענִין דָאס פַאר וֶוערְטֶער? אִין עֶרְשְׁטֶען וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיר? אוּנ צְווייטֶענְס... אִיךְ הָאבּ לִיעבּ...

– מִיט מִיר... מִיט מִיר, לִיעבֶּער דָוִד, וֶועט גָאר נִישְׁט זַיין, דַאכְט זִיךְ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַמָאל גֶעזָאגְט אוּנ טָאמֶער נֵיין, זָאג אִיךְ דִיר אִיצְטֶער אַז אִיךְ וֶועל קֵיין מָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבֶּען, קֵיין מָאל נִישְׁט, דָוִד!

דָוִד אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפוּנֶען קֵיין וֶוערְטֶער צוּ רֶעדֶען, עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהְר, זִי הָאט זִיךְ אִיהְם אִיצְט אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַזוֹי קִינְדֶערְשׁ, אַזוֹי נַארִישׁ, טַאקִי פְּשׁוּט וִוי אַ קְלֵיין, נָאר אַ שֶׁאן מֵיידֶעלֶע, וָואס מֶען הַאלְט אוֹיף דֶער הַאנְד אוּנ מֶען הָאט עֶס שְׁטַארְק לִיעבּ. זִי אִיז אִיצְט גֶעוֶוען אַזוֹי רוּהִיג, וִוי גְלַייךְ זִי הָאט אִיהְם גָאר קֵיין נַייֶעס נִישְׁט דֶערְצֶעהְלְט, עֶס הָאט זִיךְ אִיהְר אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז זִי הָאט אִיהְם שׁוֹין נִישְׁט אֵיינְמָאל דָאס גֶעזָאגְט... אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אִיהְר גֶעמֶענְט אַזוֹי אוֹיסְגֶעוִויזֶען, וָוארוּם פִיעל טֶאג, פִיעל נֶאכְט, אוּנ פִיעל צַייט זֶענִין בַּיי אִיהְר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם גֶעדַאנְקֶען – „נִיט חֲתוּנָה הָאבֶּען בְּאֵין אוֹפֶן, קֵיין מָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבֶּען"... דֶער גֶעדַאנְקֶען אִיז אִיהְר אִיצְט צוּם הוּנְדֶערְטְסְטֶען מָאל גֶעקוּמֶען אִין קָאפּ אַרַיין, נָאר דָוִד הָאט אִיהְר אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען:

– חַנָה, גוּטֶע חַנָה, אִיךְ בֶּעט דִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ נִיט לַאנְג אוּנ זָאג מִיר בַּאלְד, אָהְן אַ שׁוּם פָארְרֶעדֶע, וָואס מֵיינְסְט דוּ מִיט דִי וֶוערְטֶער? דוּ בִּיזְט דָאךְ קְלוּג, וִוי־זְשֶׁע קֶאנְנְסְט דִי אַזוֹינְס זָאגֶען? אָדֶער דוּ מַאכְסְט זִיךְ נַארִישׁ?

– גָאר נִישְׁט נַארִישׁ, לִיעבֶּער דָוִד, אִיךְ זָאג עֶס דִיר גַאנְץ עֶרְנְסְט, אִיךְ טְרַאכְט דֶערְפוּן שׁוֹין לַאנְג, נָאר דִיר הָאבּ אִיךְ עֶס דֶערְצֶעהְלְט אוּנ וַוייטֶער קֵיינֶעם נִישְׁט.

– חָאטְשׁ דֶערְהַרְגֶע מִיךְ אוֹיפְן אָרְט פַארְשְׁטֶעה אִיךְ נִישְׁט קֵיין הַאלְבּ וָוארְט.

– וָואס פַארְשְׁטֶעהְסְט דוּ דָא נִיט? גָאר פָּשׁוּט, אִיךְ וֶועל קֵיין מָאל נִישְׁט אוּנ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבֶּען.

– אָבֶּער פַאר וָואס? פַאר וֶוען? קֶען דָאס זַיין? אִיז דֶען דָאס מֶעגְלִיךְ? וִוי קוּמֶען צוּ דִיר פְּלוּצִים אַזוֹינֶע גֶעדַאנְקֶען?

– גָאר נִיט פְּלוּצִים, שׁוֹין לַאנְג... נאה אִיךְ וֶועל דִיר בֶּעסֶער אַלְץ דֶערְצֶעהְלֶען.

זייט מיין שוועסטער איז געשטארבען — קיינער איז געבען איהר נישט געוועזן נאר איך, זי האט מיך מיט איהרע ווארעמע הענד ארומגענומען, געקושט, געקושט און געזאגט: טהייערע שוועסטער! האב נישט חתונה, וועסט דו לעבען לאנג און זיין גליקליך. יא, חתונה האבען, האט זי ווייטער געזאגט, זיין א פרוי פאר דעם מאנן, א מוטטער פאר קינדער, זיין א בעל הבית'טע ביי זיך אין שטוב, איז, דאכט זיך, וועהר א טהייערע זאך, דאס גרעסטע גליק אויף דער וועלט! איך ווייז און קלאג איצטער פאר וואס איך האב חתונה געהאט, איך האב א מאנן, קינדער, נאר איך בין קיין מאל קיין פרוי, קיין מוטטער נישט געוועזן, און ניט קיין בעל-בית'טע, ד. ה. לעבען זעלבסטשטענדיג ביי זיך אין שטוב, א זעלבסטשטענדיגע פרוי, א זעלבסטשטענדיגע מוטטער. איך האב געהאפט און געהאפט אז איך וועל נאך דערלעבען די צייט ווען איך וועל אויך לעבען ווי מענשען לעבען, נאר... איצטער מוז איך יונג פון דער וועלט אוועק, איבערלאזען מיין מאנן מיינע קינדער... טאקי ווייטער דערפאר וואס איך האב חתונה געהאט... האב נישט חתונה, ליעבע שוועסטער, איך האב שוין פיעל גערעדט מיט דיר אין דער צייט וואס איך בין קראנק, חאטש איך וואלט נישט בעדארפט מיט דיר רעדען פון אזוינע זאכען, נאר איך האב דיך ליעב, מיין יונגסטע שוועסטער, און וויל דו זאלסט לעבען א סך לאנגער פון מיר, לאנגער ווי איך אומגליקליכע יודישע זלידניוועקער טאכטער האב געלעבט... נאך די ווארטער איז זי געשטארבען...

— ניין, חנה, דו ביזט א שלעכטע, איך האב דיך געבעטען און געבעטען אז דו זאלסט מיר דערצעהלען קורץ און זאלסט מיך נישט מוטשען, איך זאל פערשטעהן פאר וואס דו ווילסט נישט חתונה האבען, צום סוף האסט דו מיר דערצעהלט א גאנצע מעשה פון דיין שוועסטער, ווי זי איז געשטארבען (ווייס איך דען נישט אז דיין שוועסטער איז געשטארבען?). נאר פארוואס אייגענטליך זי האט דיר אנגעזאגט אז דו זאלסט נישט חתונה האבען, ווייס איך ביז איצט נישט. איך פרעג דיך: קיין מאל נישט חתונה האבען? איז דען דאס מעגליך? קען דען א פרוי גליקליכער זיין ווען זי האט קיין מאל נישט חתונה?

— ניין, דוד, דו האסט נישט מיך נישט מיין שוועסטער פארשטאנען.

— ניין, ניין, איך האב נישט פארשטאנען, זאג, דערצעהל, ליעבע חנה!

נאר חנה האט געשוויגען און האט אנגעהויבען רויטה ווערען, חאטש דוד האט דאס נישט געקאנט באמערקען איבער דער נאכט, און נאך מעהר איבער דעם פייער וואס האט אריבער געשיינט פון דעם פאזשאר אויף חנה'ס פנים. און זי האט איהם טאקי ווייטער נישט דערצעהלט, זי האט זיך געשעמט, עס פאסט נישט פאר א מיידעל ובפרט נאך פאר א מאנסביל צו רעדען פון אזוינע זאכען, חאטש עס איז וועהר א ווייטיג צו שווייגען. איז דען איהר שוועסטער נישט געשטארבען דערפאר וואס זי האט געשוויגען? זי האט אלץ איבערגעטראגען ווי איין אמת'ע יודישע טאכטער און קיין מאל קיין ווארט נישט געזאגט איהרע עלטערן, איהר מאנן, איהרע פריינד, נאר איהר קלייגערע שוועסטער האט זי דערצעהלט בשעת זי איז געלעגען שלאף

דָאס אִיז גֶעוֶוען אויף דֶעם דְרִיטֶען טָאג וֶוען פְרוּמֶע (חַנָה׳ס שְׁוֶועסְטֶער) אִיז פַאר-שְׁלַאפְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט גֶעפִּיהלְט אַז זִי וֶועט שׁוֹין מֶעהר נִישְׁט לֶעבֶּען. זִי הָאט גֶע-קוּקְט מִיט טְרוֹיעֶרִיגֶע אוֹיגֶען אויף חַנָה׳ן, וֶועלְכֶע אִיז כִּמְעַט פוּן אִיהר בֶּעט נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

— פְרוּמֶע! וָואס קוּקְסְט דוּ אויף מִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג, ווִי אויף אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶער? נַיין, שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אִיךְ בִּין גֶעזוּנְד, לָאז נָאר גָאטט הֶעלְפֶען אַז דוּ זָאלְסְט ווִי צוּם גִיכְסְטֶען גֶעזוּנְד וֶוערֶען.

נָאר פְּרוּמֶע הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּקֶען אויף אִיהר, זִי אִיז גֶעלֶעגֶען אִין גרוֹיסֶער הִיץ אוּנ הָאט גֶערֶעדט פוּן דֶער הִיץ.

אַז זִי הָאט דֶערהֶערְט ווִי חַנָה בֶּעט גָאטט זִי זָאל וֶוערֶען ווִי צוּם גִיבְסְטֶען גֶעזוּנְד הָאט זִי זִיךְ צוּ אִיהר אָנְגֶערוּפֶען:

— נַיין. חַנָה, אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין גֶעזוּנְד... אִיךְ הָאבּ פַארלוֹירֶען מַיין גֶעזוּנְד... מַיין גַאנְץ גֶעזוּנְד... אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעפִּיהלְט אַלֶע טָאג... אִיךְ וָואלְט גֶעקָאנְט זַיין גֶעזוּנְד אוּנ נָאךְ אַ סַךְ לֶעבֶּען... גֶעדֶענְקְסְט דוּ, חַנָה, ווִי שֶׁאן אוּנ גֶעזוּנְד אִיךְ בִּין גֶעוֶועזֶען, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מֵיידֶעל? אַ יָא פוּנְקְט ווִי אַצוּנְד?... אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ חַתוּנָה גֶעהַאט, גֶעדֶענְקְסְט דוּ מַיין שְׁלֹמֹה׳ן וֶוען עֶר אִיז מִיט מִיר פוּן דֶער חוּפָּה גֶעקוּמֶען... דוּ בִּיזְט אַרִיבֶּער גֶעקְרָאכֶען אִיבֶּער אַלֶע קֶאפּ צוּ זֶעהן דֶעם חָתָן? גֶעדֶענְקְסְט דוּ ווִי דֶערְמָאלְט אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אַזוֹי שֶׁאן, לִיכְטִיג, אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַלְץ גֶעשֶׁעמְט אוּנ בִּין אַלֶע מָאל רוֹיטְהֶער אוּנ רוֹיטְהֶער גֶעוָוארֶען? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקָאנְט אוֹיפְהוֹיבֶּען דִי אוֹיגֶען אויף עֶמִיצִין אַ קוּק צוּ טְהוּן, אוּנ וַוייסְט דוּ פַארְוָואס? אִיךְ בִּין דָאךְ קֵיין מָאל קֵיין שֶׁעמֶעדִיגֶע נִישְׁט גֶעוֶוען — אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי זִיךְ צוּפִידֶערֶען, וָוארוּם אַז מֶען הָאט חַתוּנָה אִיז מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֵיין פִּיצֶעלֶע מֵיידֶעלֶע אוּנ מֶען טְהוּט וָואס מֶען ווִיל, נָאךְ אַ חַתוּנָה וֶוערְט מֶען שׁוֹין „אַ מֶענְשׁ״; דָאס פְלֶעגְט דִי מַאמֶע מִיר נָאךְ מֵיידֶעל-ווַייז זָאגֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי אַ מֵיידֶעל דַארְף זִיךְ פִּיהרֶען וֶוען זִי וֶוערְט אַ מֶ ע נ שׁ. אויף דֶעם צְוֵוייטֶען טָאג נָאךְ דֶער חוּפָּה הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוּנְזֶער מוּטְטֶער ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִּיהרֶען נָאךְ דֶער חַתוּנָה, וֶוען מֶען הָאט אַ מַאנְן אוּנ מֶען וֶועט הָאבֶּען קִינְדֶער... (וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזָאלְט פְרֶעגֶען, וֶוער הָאט מִיךְ גֶעזָאלְט לֶערְנֶען אַז נִיט דִי מַאמֶע?).

— מַיין גִיט, פְּרוּמֶע, הָאט מִיר דִי מַאמֶע גֶעעֶנְטְוֶוערְט, אַז דוּ בִּיזְט נָאךְ אַ מֵיידֶעל דוּ בִּיזְט שׁוֹין אַ ווַייבֶּעל, דַאנְקֶען גָאטט, וָואס אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען צוּ דֶערמַאנֶען, גֶענוּג גֶעוֶועזֶען פְּטוּר פוּן אַלֶע זַאכֶען, אִיצְטֶער הָאסְט דוּ שׁוֹין אויף זִיךְ אַ סַךְ אַחֲרָיוֹת׳ן.

— יָא, מַאמֶע, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְוֶוערְט, אִיךְ ווַייס אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט ווִי בִּיז אַהֶער פְרַייא אוּנ הָאבּ אַ מַאנְן אוּנ וֶועל הָאבֶּען קִינְדֶער, אִיךְ דַארְף ווִיסֶען ווִי מִיט דֶעם מַאנְן צוּ לֶעבֶּען, ווִי אִיהם אָבְּהִיטֶען, ווִי קִינְדֶער עֶרְצִיהֶען.

— נַיין, טָאכְטֶער, הָאט מִיר דִי מַאמֶע גֶעזָאגְט, אַז מֶען וֶוערְט אַ אִשָּׁה, נֶעמְט

מֶען אויף זִיךְ אַרויף אַ יאָךְ פוּן מִצְוֹת פַאר דֶעם גְרויסֶען אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאטט; הָאבֶּען קִינְדֶער צַדִיקִים דַארְף מֶען נָאר בֶּעטֶען בַּיי גָאטט, עֶס הֶעלְפְט גָאר נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען, ווייל אַז עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט הָאבֶּען גוּטֶע קִינְדֶער, וואקְסֶען זֵיי אַלֵיין אוֹיס גוּט; דֶעם מַאנְן דַארְף מֶען אויךְ נִישְׁט לָאזֶען צוּ פִיעל זִיךְ אויף דֶעם קָאפּ קְרִיכֶען, ווייל צוּ דִי מַאנְסבִּילֶען טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְק צוּלָאזֶען, זֵיי פַארְדְרֶעהֶען דֶערְנָאךְ דֶעם קָאפּ אַז וֶוען מֶען אִיז צוּ גוּט מִיט זֵיי. אַז מֶען פָאהְרט אַ מָאל צוּ גַאסְט צוּ דֶער שְׁווִיגֶער, דַארְף מֶען זִיךְ אַוודַאי למע״ה נִישְׁט לָאזֶען טְרֶעטֶען אויף דִי פִּיס, וָוארוּם דַיין שְׁווִיגֶער — מַיין מְחוּתֶּנֶת׳טֶע אִיז בַּיי מִיר גָאר נִישְׁט אַזַא מְיוּחָס׳טֶע, ווייל אִין הוּנְדֶערְט יָאהְר אַרוּם וֶועט זִי נָאךְ נִישְׁט דֶערְלֶעבֶּען צוּ הָאבֶּען אַזַא טְהַייֶערן טאַטֶען אַ צַדִיק וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּנ וִוי לַאנְג קְרֶענְקֶען זֵיי אַלֶע, וִוי עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעשְׁטַאנֶען אִיךְ זָאל מִיךְ מִיט זֵיי מְשַׁדֵךְ זַיין. נָאר אוּנְזֶערֶע זִינְד זֶענֶען גְרויס פַאר דֶעם וָואס אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְטה אִיהְם צוּ דֶערְמָאנֶען, הָאט עֶר אוּנְז גֶעשְׁטְרָאפְט, לָאז דָאס שׁוֹין זַיין רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַיין אָבְּקוּמֶענִעשׁ פַאר מִיר, פַאר דִיר אוּנ פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע לִיעבֶּע. טָאמֶער אִיז אוּנְז גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט צוּ זַיין שְׁלַאף, אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶער זָאל אוּנְז דֶעם וֶועג אִיבֶּערְגֶעהְן, זָאלֶען מִיר אַלֶע דֶערְמִיט אָבְּקוּמֶען. לִיעבֶּער גָאטט! דַארוּם מֶעג אִיהְר זוּהְנִינְיָא, וָואס דַארְף רֶעכֶענֶען פַאר אַ גְלִיק וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה גֶעוֶוען אַיינְצוּשְׁטֶעהְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב, דִיךְ בַּאדִיעגֶען, נִישְׁט דוּ אִיהְם. אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין גֶעוָוארֶען אַ אִשָׁה, הָאסְט דוּ שׁוֹין אויף דִיר מֶעהְר אַחְרַיוּת׳ן וִוי אַ מַאנְסְבִּיל, אִיבֶּער דֶעם וָואס אוּנְזֶער מוּטֶער, דִי צַדֶקֶת חַוָה ע״ה, הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין גַן עֵדֶן מִיט דֶעם הֵיילִיגֶען בְּלַאטט וָואס דִי בֶּאזֶע שְׁלַאנְג, דִי מַרְשַׁעַת, הָאט זִי אִיבֶּערְגֶערֶדְט, אוּנ דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט גֶענוּמֶען הָאבֶּער פוּן דֶעם יֵצֶר טוֹב. דַארוּם, טָאכְטֶער, זָאלְסְט דוּ שׁוֹין אַוֶועקְוַוארְפֶען דַיינֶע אַלֶע מֵיידֶעלְשֶׁע זַאכֶען, ווייל דוּ דַארְפְסְט וִויסֶען אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּטֶען אַ אִשָׁה גֶעוָוארֶען, אוּנ אִיבֶּער דֶעם דַארְפְסְט דוּ נֶעמֶען אויף זִיךְ מִיט גְרויס צִיטֶערְנִישׁ, מִיט צוּבְּרָאכֶענֶע גְלִידֶער אוּנ מִיט גְרויס גֶעבֶּעט, דִי גְרויסֶע דְרַיי מִצְוֹת וָואס דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז, נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת, גֶעגֶעבֶּען מִן הַשָׁמַיִם דוּרְךְ זַיין הֵיילִיגֶער תּוֹרָה. דִי שְׁלֹשָׁה מִצְוֹת זֶענֶען גְרֶאסֶער פוּן אַלֶע מִצְוֹת, דֶערְפַאר מוּז מֶען זֵיי אָבְּהִיטֶען וִוי דָאס שְׁוַוארְצַאפֶּעל פוּן דֶעם אוֹיג. מַיין נָשִׁים, מַיין טָאכְטֶער, אַז דוּ וֶועסְט נָאכְגֶעהְן דִי הַיינְטְוֶועלְטִיגֶע ווייבְּלֶעךְ, וֶועלְכֶע זֶענֶען פַאר אוּנְזֶערֶע גְרויסֶע זִינְד בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ וֶועסְט וֶועלֶען אָבּנַארֶען דִי מַאמֶע, ד. ה. דוּ וֶועסְט נִישְׁט מְקַיֵם זַיין מִיט אַלֶע פִּישְׁטְשִׁיוְוקֶעס, וִוי מֶען הָאט אוּנְז נָשִׁים פִּירגֶעשְׁרִיעבֶּען אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה, זָאלְסְט דוּ וִויסֶען, אַז דוּ קֶענְסְט נָאר פַארְבֶּארְגֶען פַאר דַיין מַאמֶען אוּנ פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפֶען פוּן בָּשָׂר וָדָם, אָבֶּער נִישְׁט פַאר גָאטט, וָוארוּם עֶר, דֶער בַּאשֶׁאפֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אִיז אַ חוֹפֵשׂ כָּל חַדְרֵי בָטֶן, דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ: אַז גָאט ווייסְט וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אִין אַלֶע קַאמֶערן, אִין אַלֶע נִיעֶרֶען, פוּן אוּנְזֶער בּוֹיךְ אוּנ אִין דִי פַארְבָּאגֶענֶע אָרְטֶער פוּן אַלֶע בַּאשֶׁאפֶענִישֶׁען אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. דִי דְרַיי מִצְוֹת זֶענִין:

חַלָה נֶעמֶען, לִיכְט בֶּענְשֶׁען, אוּנ דִי מִקְוֶה. דִי עֶרְשְׁטֶע צְװֵיי מִצְוֹת װֶענִין פוּן דִי גְרִינְגֶע, װייל זַיי הָאט דֶער אױבֶּערשְׁטֶער בַּאשַׁאפֶען אַז דִי אִשָׁה זָאל זִיךְ מִיט זַיי בַּאשֵׁיינֶען, כְּדֵי דִי אִשָׁה זָאל נִישְׁט גֶעשְׁטְרױכֶעלְט װֶערֶען נִישְׁט אױף דֶער װֶעלְט אוּנ נִישְׁט אױף יֶענֶער װֶעלְט, װֶען דֶער לִיעבֶּער שַׁבָּת פַארגֶעהְט אוּנ מֶען בְּרֶענְט דִי רְשָׁעִים אִין גֵיהִנָם. אָבֶּער דֶער עִיקָר פַּאר אַ אִשָׁה אִיז דִי מִצְוָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער מִקְוֶה. װייל אױף אִיהְר אִיז דִי אִשָׁה גֶעבױעט גֶעװָארֶען אוּנ פוּן דֶער אִשָׁה אִיז דִי גַאנְצֶע װֶעלְט בַּאשַׁאפֶען גֶעװָארֶען. אֲפִילוּ דֶער גְרױסֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, ר׳ יִשְׂרָאֵלִינְיָא װָאס זַיין גְלַייכֶען אִיז נִישְׁט גֶעװֶען אױף דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט, זַייט דִי װֶעלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גֶעװָארֶען, אִיז אױךְ גֶעבױרֶען גֶעװָארֶען פוּן אֵיין אִשָׁה. דִי אִשָׁה הָאט זוֹכֶה גֶעװֶען בַּיים אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאטט צוּ הָאבֶּען אַ זוּהְן אַזַא צַדִיק, נָאר דֶערפַאר, װייל זִי הָאט מְקַיֵם גֶעװֶען אַלֶע דִינִים פוּן דֶער מִקְוֶה, דְהַיְינוּ: אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער װֶען עֶס קוּמְט אִיהר גֶעבָּאטֶענֶע צַייט, מוּז גֶעהְן אִין מִקְוֶה נָאר בַּיי נַאכְט, װֶען עֶס אִיז שׁוֹין פִינְסְטֶער, אָדֶער װֶען שְׁטֶערְן שְׁטֶעהֶען אױפ׳ן הִימֶעל, עֶס מֶעג זַיין פְּרֶאסְט, אַ שְׁנֶעע, אַ שְׁלַאקְס-רֶעגֶען, אַ מַבּוּל — מוּז זִי גֶעהְן; דִי מִקְוֶה מֶעג אֲפִילוּ זַיין װַייט דְרַיי װֶערסְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאדְט, צְװִישֶׁען בֶּארג מִיט גְרִיבֶּער, צְװִישֶׁען בּוּדִיקֶעס אוּנ דֶערְנֶער. אוּנ װָאס װַייטֶער מֶען גֶעהְט אִיז דֶער שְׂכַר אִין הִימֶעל גְרֶאסֶער. מֶען דַארְף נָאר גֶעהְן אַלֵיין, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְרִיהְרֶען אִין קֵיין מְמֵא מֶענְשֶׁען, װייל דִי שֵׁדִים, רוּחוֹת אוּנ אַלֶערְלֵיי קְלִיפּוֹת װָאס שְׁטֶעהֶען אױף דֶעם װֶעג פוּן דֶער מִקְוֶה בִּיז צוּ דֶער הֵיים פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען מַחֲנוֹת-װייז, קֶענֶען חוּ״ש הָאבֶּען אַ שְׁלִיטָה, נָאר אַז מֶען גֶעהְט אַלֵיין אוּנ מֶען הָאט מְקַיֵם גֶעװֶעװֶען אַלֶע דִינִים פוּן דֶער מִקְוֶה, הָאט מֶען פַאר זַיי קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבֶּען, חָאטְשׁ זַיי פְלִיהֶען אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטֶען.

חַנָה אִיז פוּן דִי רֵייד װָאס דִי שְׁװֶעסְטֶער הָאט אִיהר דֶערצֶעהְלְט שְׁטַארְק דֶער-שְׁרָאקֶען גֶעװָארֶען אוּנ הָאט אָנגֶעהױבֶּען צוּ צִיטֶערְן. זִי הָאט מִיט גְרױסֶער אַנגְסְט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁװֶעסְטֶער!

— אוּנ דוּ בִּיזְט גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין, פְּרוּמֶע? הָאסְט קֵיין מוֹרָא נִישְׁט גֶעהַאט? אוּנְטֶער בָּאד אִיז דָאךְ אַזױ װַייט, אַזַש אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאדְט נֶעבֶּען טַייךְ? דִי מַאמֶע הָאט מִיר אֲפִילוּ דֶערצֶעהלְט אַז אִין טַייךְ אוּנ נֶעבֶּען דֶער פוּסְטֶער מִיהְל װָאס שְׁטֶעהט בַּיים טַייךְ, גֶעפִינֶען זִיךְ אֲפִילוּ בַּיי טָאג רוּחוֹת, שֵׁדִים אוּנ נִישְׁט גוּטֶע וּבִפְרַט נָאךְ בַּיי נַאכְט...

— אױ, לִיעבֶּע שְׁװֶעסְטֶער, דֶערְמָאן מִיךְ נִישְׁט... אַ דַאנְק גָאטט װָאס אִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערגֶעקוּמֶען דִי װֶעלְט מִיט דִי רוּחוֹת אוּנ שֵׁדִים אוּנ גֶעה שׁוֹין אױף דֶער אֶמֶת׳ר װֶעלְט! קֶען אִיךְ דִיר דֶען דֶערְצֶעהֶלֶען דִי אַלֶע זַאכֶען װָאס דִי מַאמֶע הָאט מִיר אִיבֶּערגֶעגֶעבֶּען? װָאס אִיךְ הָאב אַלֵיין אִיבֶּערגֶעטְרָאגֶען? דִי אַלֶע שְׁרֶעקֶענִישֶׁען, פַּיין אוּנ צָרוֹת פוּן דֶער מִקְוֶה? דִי װֵייטְהִיגֶען פוּן דְוָאשֶׁע דֶער טוּקֶערִין, פַּייוִישׁ פָּאנ-פֶּעװָאטֶע? פַּאסְט עֶס דֶען אִיךְ זָאל דֶערצֶעהְלֶען פַּאר דִיר, אַ מֵיידִיל, אַ קִינְד? אַז דוּ װָעסְט װֶערֶען אַ װַייבֶּעל, װֶעסְט דוּ אַלֵין װִיסֶען, נָאר לָאז דִיךְ גָאטט אָבְּהִיטֶען...

איך וואונדער מיך נאר ווי איך לעב נאך... אוי! אז איך דערמאן זיך ווען איך פלעג קומען, פלעגט אויף מיר דוואשע אנהויבען צו שרייען און מיך רעווידירען פונקט ווי נאטשאלסטווא דעם נייעם רעקרוט... און דא איז ווינטער, עס איז קאלט ווי אין א פאלאנקע. דוואשע! פלעג איך זי פרעגען מיט גרוים ציטערניש, פאר וואס האט מען חאטש נישט געוואַרעמט די מקוה? עס איז דאך אזוי קאלט אז אפילו א הונד קען נישט אריינגעהן... האט זי זיך צושריגען אויף מיר פאר אלע ווייבער:

— וואס ביזט דו עפעס א פריצע? ביי אונז אין זלידניוקע איז ב"ה נישט גע-וועזען און וועט ניט זיין קיין פריצעס; אפשר ווילסט דו מען זאל דיר מאכען א מקוה ווי אין אדעס מיט מאשינען, וואס קליפות מיט גוים ווארמען די מקוה און עס געהען ווייבער וואס האבען מאנגען מיט געגאלטע און געשוירענע בארד!

די אנדערע ווייבער וואס זענען געוועזען דערביי און דאנקען גאטט אז זיי האבען פון יענעם אבצורעדען — האבען אנגעהויבען אקקען און ווייקען אז ניט אומזיסט שטראפט אונז גאטט און ווילל אונז נישט פארגעבען אונזערע גרויסע זינד, ווייל ביי אונז אין זלידניוקע געפינען זיך אזוינע יודישע טאכטער וואס היטען נישט אב די הייליגע דינים פון דער מקוה, וואס די גאנצע וועלט שטעהט דארויף און נאר פאר א שלעכטען געדאנקען ווערד מען אין ביידע וועלטען געשטראפט ביז אין צעהנטען דור.

— עס האט מיר נאר באנג געטהון, האט זי מיר ווייטער דערצעהלט, וואס איך האב גאר געפרעגט דוואשען, איך האב זיך מוסר נפש געווען און בין אריינגעגאנגען. דערנאך האט זי מיך ווייטער רעווידירט און אז עס איז דוואשען נישט געפעלען, האב איך געמוזט נאך אמאל געהן, און אז איך בין שוין שפעט ביי נאכט קוים לעבעדיג ארויסגעגאנגען פון דער באד און האב זיך פארגעסען אנריהרען אן פייוושען, אדער ער האט ניט געזעהן אז איך האב זיך אנגעריהרט, האט ער זיך צושריגען: זייט-זשע מוחל ווייבעל, קעהרט אייך אום צוריק, איך האב דאכט זיך געזעהן ווי א הונד, צו א חיה איז דורכגעלאפען, אדער א גוי איז דורכגעגאנגען, די אויגען זענען מיר קאליע, איך זעה שוין נישט ביי נאכט, איך זאל אייך קענען אקוראט זאגען ווער, און וואס און ווען עס איז פאר אייך דורכגעלאפען, צו דורכגעגאנגען, נאר דאכט זיך עפים האט מיר געווים געשימערט פאר די אויגען; און דו דוואשע, האט ער זי אנגעהויבען שעלטען. דו ווייסט נאר אומזיסט נעמען פיאטקים, אבער נישט אבטונג צו געבען אויף יודישקייט. דא האט זיך ווידער דוואשע צושריגען: אוי א דונגער האט מיך דערשלאגען! זייט-זשע מוחל, ווייבעל קעהרט זיך אום, עס פארשטעהט זיך אז אייך אארט נישט, וואראם די זינד פאלט אויף מיין קאפ...

און איך האב זיך געמוזט ווייטער אומקעהרען. היינט איידער איך בין ווינטער אין די גליטשען, אין די פרעסט, אין די רעגענס איבער די גריבער און ראוועס שפעט אין דער פינסטערער נאכט קוים דערגאנגען א לעבעדיגע אהיים!...

אויף מארגען האבען די ווייבער אין איינעם מיט דוואשען און פייוושען געמאכט

אַ קְלַאְנג אִיבֶּער דֶער שְׁטָאדְט, אַז אִיךְ בִּין נִיט מְקַיֵם אַלֶע דִינִים פוּן דֶער מִקְוָה אוּנ לֶעבּ מִיט מַיין מַאן חַי אַ גוֹיָה, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז אִין דֶער מִקְוָה קֶען אֲפִילוּ קַיין הוּנְד נִישְׁט גֶעהְן. דָא הָאבֶּען מִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען גְרִיזֶען דֶער טַאטֶע מִיט דֶער מַאמֶען אוּנ אַלֶע קְרוֹבִים, אוּנ גָאטְט וַוייסְט דֶעם אֱמֶת, אַז אִיךְ הָאבּ תָּמִיד מְקַיֵים גֶעוֶועזֶען דִי מִקְוָה מִיט אַלֶע דִינִים, וִוי יֶעדֶע יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מוֹרָא פַאר אַיין עֲבֵירָה, אַ סִימָן אַז מַיין גַאנְץ לֶעבֶּען, מַיין גַאנְץ גֶעזוּנְד הָאט צוּגֶענוּמֶען דִי מִקְוָה. אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַארְקִיהְלְט אוּנ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ הוּסְטֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען אַ שְׁלַאפְקֵייט. פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק גֶעהֶענְדִיג בַּיי נַאכְט אוּנ פוּן דֶעם גֶעדַאנְקֶען וִוי דִי שֵׁדִים אוּנ רוּחוֹת שְׁטֶעהֶען בַּיי דִי זַייטֶען אִיז מִיר שְׁוֶער דִי נְשָׁמָה נִישְׁט אַרוֹיס אוּנ זָאג אִיצְטֶער אוֹיךְ אַז אִין אַזַא מִקְוָה דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהְן אַ הוּנְד, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ פוּן גָאטְט, וּבִפְרַט נָאךְ אַ מֶענְשׁ!

— פְּרוּמֶע, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען, וָואס זָאגְסְט דוּ? טָאר מֶען דֶען אַזוֹינְס זָאגֶען אוֹיף אַ מִקְוָה, פוּן וֶועלְכֶער דִי מַאמֶע זָאגְט אַז זִיא אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, אַז עֶס שְׁטֶעהְט אִין דֶער תּוֹרָה אַז גָאטְט הָאט גֶעהֵייסֶען גֶעהְן אִין מִקְוָה? אוּנ דוּ זָאגְסְט גָאר אַז אַ הוּנְד דַארְף מֶען אִין מִקְוָה נִישְׁט שִׁיקֶען! גָאטְט שְׁטְרָאפְט אַז מֶען זָאגְט אַזוֹינְס אוֹיף זַיינֶע הֵיילִיגֶע זַאכֶען...

— אוֹי, לִיעבֶּע שְׁוֶועסְטֶער, דוּ פֶערְשְׁטֶעהְסְט מִיךְ נִישְׁט אוּנ אִיךְ קֶען מִיט דִיר אַזוֹי פִיעל דֶערְפוּן נִישְׁט רֶעדֶען, דוּ בִּיזְט נָאךְ אַ יוּנְג קִינְד אוּנ דַארְפְסְט פוּן אַזוֹינֶע זַאכֶען נִישְׁט פִיעל וִויסֶען, אִיךְ זָאג גָאר נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ מֵיינְסְט...

פְּרוּמֶע פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט אוֹיסְרֶעדֶען פַאר מִיר אִיהְר שְׁוֶוער הַארְץ וֶועגֶען דֶער מִקְוָה, זִי הָאט אָפְט פַאר מִיר אוֹיסְגֶעשִׁיט אִיהְר הַארְץ וֶועגֶען אַנְדֶערֶע צָרוֹת וָואס זִי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען זַייט זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט. דָאס אִיז אֲפִילוּ גֶעוֶוען אִיבְּרִיג, וַוייל חַנָה הָאט עֶס אַלֵיין גֶעזֶעהֶן אַלֶע טָאג, אַלֶע שָׁעָה.

אוּמְגְלִיקְלִיכֶע יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער! זִי הָאט גֶעזֶעהֶן וָואס מֶען זֶעהְט אִין פִיעל יוּדִישֶׁע הַייזֶער וִוי קִינְדֶער הָאבֶּען חֲתוּנָה, טָאמֶער הָאט פְּרוּמֶע גֶערֶעדְט אָדֶער גֶעלַאכְט מִיט אִיהְר מַאנְן, הָאט אִיהְר דִי מַאמֶע בֶּעמֶערְקְט, אַז צִיפִיעל רֶעדֶען מִיט אַ מַאנְן אוּנ וָוער שְׁמוּעסְט נָאךְ לַאכֶען – פַּאסְט נִישְׁט פַאר קֵיין יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער, אַ יוּד אוּנ אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער טָארֶען נִישְׁט לַאכֶען אוּנ פְרֶעהְלִיךְ זַיין, וַוייל מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, מִיר מוּזֶען אַרוּמְגֶעהְן מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיג פָּנִים אוּנ וֶוען מֶען מוּז שׁוֹין יָא לַאכֶען, דַארְף מֶען זִיךְ בַּאגֶעהְן מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל, פְלֶעגְט זִי דִי מוּטְטֶער לֶערְנֶען פוּן אִיהְרֶע הֵיילִיגֶע תְּחִנוֹת; דֶערְפַאר אָבֶּער וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועלֶען אַלֶע יוּדֶען אוּנ מִיר מִיט זֵיי מֶעגֶען לַאכֶען אוּנ פְרֶעהְלִיךְ זַיין וִויפִיעל אוּנְזֶער הַארְץ גֶעלוּסְט, אוּנ אַז פְּרוּמֶע הָאט גֶעזָאגְט: „בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִיז נָאךְ וַוייט, אִיךְ קֶען בִּיז דֶעמֶעלְט וֶוערֶען אַיין אַלְטֶע יוּדֶענְע, דֶערְוַוייל אָבֶּער, כָּל זְמַן אִיךְ בִּין יוּנְג, ווִילל אִיךְ לֶעבֶּען אוּנ פְרֶעהְלִיךְ זַיין", פְלֶעגְט זִיךְ דִי מוּטְטֶער צוּוֵויינֶען אַז פַאר אִיהְרֶע זִינְד הָאט זִי גֶעהַאט אַ הַיינְטְוֶועלְטִיגֶע טָאכְטֶער; אוּנ אַז פְּרוּמֶע פְלֶעגְט אִיהְר זָאגֶען: „אִיךְ ווִילל מִיךְ מִיט דִיר נִישְׁט קְרִיעגֶען, נָאר

וָאס הָאסְט דו דיךְ צוּ מִישֶׁען וִוי אַזוֹי אִיךְ ווִילְל לֶעבֶּען מִיט מַיין מַאנְן", הָאט שׁוֹין דִי מוּטְטֶער מֶעהְר נִיט גֶעקָאנְט שְׁוַייגֶען אוּנ הָאט אִיהְר גֶעוִויזֶען אַז זִי אִיז אַ מַאמֶע, אַ שְׁוִויגֶער, אוּנ דִי קִינְדֶער זֶענִין אִיהְרֶע, זִי הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט פַאר אִיהְר גֶעלְד, זִי הָאט זִי אוֹיסְגֶעקְלֵיידְט וִוי אַ מָאנַארְכִינְיֶע (אַזוֹי פְלֶעגְט זִי זָאגֶען) פַאר אִיהְר גֶעלְד, כְּלֵי זֶמֶר גֶעדוּנְגֶען פַאר אִיהְר גֶעלְד, קָאסְט גִיט זִי פַאר אִיהְר גֶעלְד, גֶעבָּארֶען הָאט זִי זִי, בְּלוֹט הָאט זִי פַארְגָאסֶען אוּנ נָאךְ אַזוֹינֶע טַעֲנוֹת, הַיינְט פַאר וָואס זָאל זֵי זִיךְ נִישְׁט מִישֶׁען אִין אִיהְרֶע קִינְדֶערְס גֶעשֶׁעפְטֶען אֲפִילוּ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה? דָאס רֶעכְט קֶען בַּיי אִיהְר קַיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען צוּ זָאגֶען אַ דֵעָה דֶער טָאכְטֶער וָואס פַאר אַ קְלֵיידֶעל זִי זָאל אָנְטְהוּן וֶוען זִי גֶעהְט שַׁבָּת אִין שׁוּל אַרַיין, וִוי אַזוֹי זִי זָאל רֶעדֶען מִיט דֶעם מַאנְן וּכְדוֹמֶה זַאכֶען; נֵיין, דִי טָאכְטֶער מוּז זִיךְ פִיהְרֶען וִוי דִי מַאמֶע ווִיל; אוּנ הַיינְט דֶער מַאנְן אַלֵיין, דֶער אֵיידֶעם! אוֹיף אִיהְם, דֶעם אֵיידֶעם, הָאט דָאךְ דִי שְׁווִיגֶער בְּוַודַאי אַלֶע רֶעכְטֶע, וָוארוּם עֶר דַארְף זִיךְ שֶׁעצֶען גְלִיקְלִיךְ וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁווִיגֶער צוּ אַזַא גְרוֹיסֶער מְיוּחֶסֶת! עֶר מוּז גֶעהְן, שְׁטֶעהְן, זִיצֶען, רֶעדֶען, אַזוֹי וִוי זִי שַׁאפְט אוּנ הֵייסְט. אוּנ טָאמֶער פַאלְט אִיהְם אַיין זִיךְ אָנְצוּרוּפֶען מִיט אַ וָוארְט, אִיז אִיהְם גֶעווִיס נִישְׁט מְקַנֵּא צוּ זַיין, דָא פְלִיהֶען גֶעשְׁרֵייעֶן בִּיז אִין זִיבֶּענְטֶען הִימֶעל אַרַיין: „פַאר מַיין זַאלְץ אוּנ בְּרוֹיט, דֶערְפַאר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט, הֶערְט מִיךְ גָאר נִישְׁט דֶער אֵיידֶעם, וִוי גְלַייךְ עֶר אִיז גָאר נִישְׁט מַיינֶער!"

אַזוֹי הָאט פְרוּמֶע אָבְּגֶעלֶעבְּט עֶטְלִיכֶע יָאהְר בַּיי דֶער מַאמֶע, וִוי דִי מַאמֶע הָאט גֶעוָואלְט, בִּיז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען. נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט זִי גֶעזָאגְט חַנָּה׳ן וֶוען זִי אִיז גֶעלֶעגֶען שְׁלַאף, אַז זִי הָאט גֶעהַאט אַ מַאנְן, קִינְדֶער, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל־הַבַּיִתְטֶע אוּנ אִיז קֵיין מָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פְרוֹי פַאר אִיהְר מַאנְן, אַ מוּטְטֶער פַאר אִיהְרֶע קִינְדֶער... נִישְׁט אֵיין גוּטֶען טְרָאפֶּען פוּן דֶעם פַאמִילְיֶענְלֶעבֶּען הָאט זִי גֶענָאסֶען אוּנ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג פַארְשֶׁאלְטֶען דֶעם טָאג וָואס זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט. —

V.

אַדְרָשָׁה וֶועגֶען דִיא מִקְוָה.

דָאס אַלְץ הָאט חַנָּה גֶעהֶערְט אוּנ גֶעזֶעהְן פוּן אִיהְר שְׁוֶועסְטֶער אֵיידֶער זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען. דֶער שְׁוֶועסְטֶערְס חֲתוּנָה מִיט אִיהְר גַאנְץ לֶעבֶּען הָאט זִי נִישְׁט גֶעקָאנְט פַארְגֶעסֶען אוֹיף אַ מִינוּט, בַּיי טָאג אוּנ בַּיי נַאכְט הָאט זִי וֶועגֶען דֶעם גֶעטְרַאכְט.

כָּל זְמַן חַנָּה אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאט זִי וִוי אַלֶע קִינְדֶער גָאר נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז זִי וֶועט אַמָאל אוֹיסְוַואקְסֶען אוּנ עֶס וֶועט אוֹיף אִיהְר אוֹיךְ אַמָאל קוּמֶען אַ צַייט וֶוען זִי וֶועט דַארְפֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען. דָאס וָואס דִי שְׁוֶועסְטֶער הָאט אִיהְר דֶערְצֶעהְלְט פוּן דֶער מִקְוָה אִיז אִיהְר פָארְגֶעקוּמֶען וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס זִי הָאט גֶעלֵייעֶנְט אִין דֶעם שֶׁאנֶעם בִּיכֶעל „טוֹיזֶענְד אוּנ אֵיין נַאכְט", פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען רִיעז מִיט צְוֶועלְף קָאפּ

און מיט צְווֵיי הונדערט אויגען, וועלכער האט אין א פינסטערער נאכט אָוועקגעגנבית ביים מֶלֶךְ די שאַנע פערצויבערטע בַּת מַלְכָּה, נאר אַז זי איז אונטערגעוואַקסען און האט אנגעהויבען פארשטעהן אַז זי וועט אויך אַמאָל דארפען חַתוּנָה האבען, איז זי פָּשׁוּט דערצִיטערט געוואָרען, און ווער שְׁמוּעסט אַז ר׳ זַלְמָן דער שַׁדְּכָן פלעגט אַריינקומען צו זיי אין שְׁטוּב מיט איין אויסרעדעניש, איז זי געוואָרען פאר שרעק בְּלֵייךְ ווי די וואַנד, אז אֲפִילוּ ער פלעגט דאס בּאַמערקען און זי פרעגען:

– וואס האסטו מוֹרָא פאר מיר, חַנָּה? דאכט זיך אַז אַלע מיידלעך אין זָלֵידניוּוקע האבען מיך ליעב, און אַז איך קום צו זיי מיט איין אויסרייד, דערלאַנגען זיי מיר דאס בעסטע גלעזעל מְהֶעע.

נאר זַלְמָן און די עלטערן האבען דען געקאַנט וויסען וואס אין חַנָּה׳ן געהט פאר, אַז אֲפִילוּ איהר ליעבער דָוִד האט ביז אַהער אויך גאר נישט געוואוּסט!

די גאַנצע צייט ביז זי׳ האט זיך געקאנט צו עפּיס ענטשליעסען, האבען זי איהרע געדאנקען שטאַרק געמוטשעט, טאָג טעגליך פלעגט זי זיך פרעגען: חַתוּנָה האבען, צו ניט חַתוּנָה האבען? ווען יא חַתוּנָה האבען – זענין איהר אָנגעפאַלען אַלע שרעקליכע זאַכען: שֵׁדִים, רוחות, דְרוֹאַשֶׁע מיט איהר געפּילדער, פּייוויש מיט זיין פאנפעוואַטע ווילד קול, דאס אַליין געהן ביי נאכט געבען טַייךְ, געבענדער פּוּסטער מִיהַל, די אַלע צָרוֹת וואס די שׁוועסטער האט איבערגעטראַגען פון דער מִקְוָה, הַיינט דאס אַלץ וואס זי האט אַליין געזעהן: ווי אַזוי די שׁוועסטער מיט איהר מאַן, וועלכען זי האט ליעב געהאַט, האבען געלעבט אַז זיי זענין געווען אויף קֶסְט. יא חַתוּנָה האבען און נישט געהן אין מִקְוָה – קען בְּוַדַּאי נישט זיין, דאס איז אַ דין ביי יודען – און חַנָּה האט מוֹרָא געהאַט פאר איין עֲבֵרָה. אֲפִילוּ די שׁוועסטער וואס האט אַזוי פיינד געהאַט די מִקְוָה, האט אַליין אויך געזאָגט אַז די מִקְוָה איז זעהר וויכטיג, נאר... פאר וואס האט די שׁוועסטער נישט איין מאל געזאָגט אַז אֲפִילוּ אַ הונד דארף אויך נישט געהן אין מִקְוָה אַריין וּבִפְרָט נאך אַ מענטש?..

די שׁוועסטער איז געשטאָרבען און חַנָּה האט זיך אַליין נישט געקאַנט ערקלערען, פאַרוואס די שׁוועסטער האט געהאַלטען אַז די מִקְוָה איז הַיילִיג און דערביי געשאָלטען די מִקְוָה און געזאָגט אַז דורך איהר וועט זי פון דער וועלט געהן, זי האט ביי זיך בעשלאָסען נישט חַתוּנָה צו האבען און ביי דער ערשטער געלעגענהייט דאס דָוִד׳ן איבערצוגעבען, כאָטש זי האט איהם ליעב.

אַז דָוִד האט ביים פּאָזשאַר אויפ׳ן בארג דערהערט אַזעלכע ווערטער, איז ער נישט אָבגעטראָטען ביז זי האט איהם געמוּזט אַלץ דערצעהלען פון אָנהויב ביז אין סוֹף.

– יא, האט דָוִד דארויף געענטפערט, ביי אונז יודען איז דא אַ סַךְ גוטע מִנְהָגִים, מיט וועלכע אַנדערע זענין אונז מְקַנֵּא, נאר צו אונזער אומגליק זענין די מִנְהָגִים נישט תָּמִיד געבליבען ריין. ווער עס האט געוואָלט – אַ באַזונדער פאַנאַטישער רַב, אַ תַּמְעוואַטע לַמְדָן, אַ מְקֻבָּל, אַ בעטלער, אַ פָּרוּשׁ וואס לעבט נאר מיט די מַלְאָכִים פון הימעל און האַלט פאר דער גרעסטער מִצְוָה אַז דער מענש דארף זיך אויף דער וועלט נאר פּלאָגען

אונ מוּטְשֶׁען אונ נָאךְ אַזוינֶע -- הָאבֶּען אַרייַנְגֶעלֶעגְט זֵייעֶר בִּיסֶעלֶע בְּלָאטֶע אִין דִי מִנְהָגִים אונ דִינִים. מֶען הָאט דָאס אַלְץ אָבְּגֶעדְרוּקְט אויף רש״י כְּתַב, אִיז דָאס גֶעוָוארֶען פַאר דֶעם פָאלְק הֵיילִיג, מִסְתָּמָא הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבֶּען אַ הִימֶעל מֶענְש! „טְהַייעֶרֶע יוּדֶען״, וְוִי מֶען רוּפְט זֵיי בַּיי אוּנְז לוֹמְדִים, פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע גַאנְצֶע יָאהְרֶען, אויסְצוּלֶערְנֶען דִי אַלֶע בְּלָאטִים אונ צְווִינְגֶען אַנְדֶערֶע, וָואס וָואלְטֶען גֶעוָואלְט לֶעבֶּען וְוִי מֶענְשֶׁען, אויךְ צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע יָאהְרֶען דֶערְמִיט. דִי מִקְוָה אִיז גֶעוִוים בַּגֶעוֶועזֶען זֶעהְר אַ פַּיינֶער, נוּצְלִיכֶער דִין; וַואשֶׁען זִיךְ צוּ דֶער צַייט מִיט רֵיין וַואסֶער – אִיז גֶעוִויס זֶעהְר גֶעזוּנְד פַאר מֶענְשֶׁען וּבִפְרַט פַאר פְרוֹיעֶן, נָאר נָאךְ וָואס הָאט מֶען בֶּעדַארְפְט דֶערְצוּ אויסְטְרַאכְטֶען שֵׁדִים מִיט רוּחוֹת, נֶאגֶעל שְׁנַיידֶען אַז עֶס זָאל בְּלוּט גֶעהְן, זִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאל אויס אונ אָנְטְהוּן אונ צוּרִיק אַרייַנְגֶעהְן אִין דֶער מִקְוָה, וֶוען מֶען הָאט זִיךְ עֶפִּים אַרוֹיסְגֶעחַאפְּט מִיט אַ וָוארְט אַרוֹיסְגֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער מִקְוָה, טָאמֶער הָאט מֶען זִיךְ פַארְשְׁטָאבֶּען מִיט אַ שְׁטִיקֶעל גְלָאז אוּג מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען, אִיז – אַז מֶען גֶעהְט אִין מִקְוָה – אִיז מֶען נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ כָּשֵׁר, בִּיז מֶען שְׁנַיידְט נִישְׁט אַרוֹיס דָאס שְׁטִיקֶעל גְלָאז אִין אַיינֶעם מִיט דֶעם פְלֵייש, אונ טָאמֶער הָאט מֶען דֶערְפוּן בַּאקוּמֶען אַ וואוּנְד, אַ בְּלָאטֶער, אַ טְשֶׁערִיק, מוּז מֶען אַז מֶען גֶעהְט אִין מִקְוָה אִיהְם אַרוֹיסְרַייסֶען מִיט דֶעם פְלֵייש, עֶס מֶעג אֲפִילוּ שְׁטַארְק וֶועה טְהוּן, דֶערְפַאר הָאט מֶען אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶען שְׂכַר אִין הִימֶעל. אִיךְ וָואלְט דֶעם מְקַבֵּל, וֶועלְכֶער הָאט דֶעם דִין אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען, אַוֶועקְגֶעגֶעבֶּען מַיין גַאנְצֶען שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, עֶר זָאל אויף זִיךְ אַיין מָאל מַאכֶען דִי אָפֶּערַאצְיֶע, נָאר אִיךְ וַויים נִישְׁט צוּ עֶר וָואלְט עֶס גֶעוָואלְט. אָבֶּער וְוִי גְרִינְג הָאט עֶר עֶס מִיט זַיין פַאנַאטִישֶׁער פֶּען אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַז אַ וֶועלְט מִיט יוּדִישֶׁע טֶאכְטֶער זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען! וֶוער הָאט אויסְגֶעטְרַאכְט „דְוָואשֶׁע דִי טוּקֶערִין״ וָואס זָאל זַיין אַ נַאטְשַׁאלְנִיק אִיבֶּער דִי וַוייבֶּער, זֵיי עֶקְסְפְּלָאַטִירֶען צוּזַאמֶען מִיט דֶעם בֶּאדֶער, אַז עֶר וַוארְמְט דִי מִקְוָה וֶוען אִיהְם פַארְגְלוּסְט זִיךְ אונ זִי זְשַׁאלִיוִויט אַ קָאפִּיקֶע אויסְצוּשַׁארְפֶען דָאס מֶעסֶערִיל פַאר דִי נֶאגֶעל? וֶוער הָאט אויסְגֶעטְרַאכְט „פַּיוִויש דֶעם פָאנְפַּאטְשׁ״, וֶועלְכֶער טְרָאגְט זוּמֶער אונ ווִינְטֶער אַ פֶּעלְץ מִיט אַ פוּטֶערְן הִיטֶעל, אונ יֶעדֶעם וַוייבֶּעל וָואס מַאכְט זִיךְ רֵיין מוּז זִיךְ אָנְרִיהְרֶען אִין זַיין פֶּעלְץ, אונ טָאמֶער הָאט זִי ח״ו פַארְגֶעסֶען, מוּז זִי נָאךְ אַמָאל מַאכֶען דִי גַאנְצֶע אָפֶּערַאצְיֶע פוּן דֶער מִקְוָה מִיט אַלֶע דִינִים? וָואס פַאר אַ הֵיידֶענְטְהוּם דָאס אִיז, אַז טָאמֶער בַּאגֶעגֶענְט מֶען אַ גוֹי אונ מֶען רֶעדְט אֲפִילוּ נִישְׁט מִיט אִיהְם, אִיז מֶען שׁוֹין טָמֵא!

חַנָה הָאט זִיךְ פַאר דָוִד׳ס וֶוארְטֶער זֶעהְר דֶערְשְׁרָאקֶען, דָוִד הָאט דָאס בֶּעמֶערְקְט.

– וָואס שְׁרֶעקְסְט דוּ דִיךְ אַזוֹי, חַנָה? נִישְׁט נָאר אִיהְר וַוייבֶּער הָאט אויף אַייךְ אַזוֹינֶע פְּלַאגֶען מִיט אִינְקְווִיזִ׳צְיֶעס, מִיר, מַאנְסְבִּילְן, הָאבֶּען אַ סַךְ מֶעהְר פוּן אַייךְ מִצְוֹת – יוּדִישֶׁע מִנְהָגִים. יֶעדֶער יוּדִישֶׁער מִנְהָג אִיז פַאר זִיךְ גוּט אונ הֵיילִיג, נָאר מֶען הָאט זֵיי אויךְ פַארְמִישְׁט מִיט מִילְיָאנֶען פֵּירוּשִׁים, אַזוֹי אַז מֶען זָאל אֲפִילוּ זַיין מִיט צֶעהְן קָאפּ וָואלְט גָאר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען זֵיי אויסְצוּפִיהְרֶען. אָט דִי אַלֶע צוֹוֶעצֶען פוּן טוֹיזֶענְדֶער לַיידִיגְגֶעהֶערְס גֶעמֶען אוּנְז צוּ דִי יָאהְרֶען אונ טְרַייבֶּען אוּנְז פְּרִיה אִין דֶער

ערד אַריין. וָעהר נאַריש איז דיין ענטשלוס נישט חתונה האָבען, אַז דו וועסט ווערען עלטער — אין אַ יאָהר צוויי אַרום, וועסט דו אַליין פאַרשטעהן אַז דאס איז ביי אַ יודישער טאָכטער נישט אויסצופיהרען. קיין קלויסטערס זענען ביי אונז יודען נישט דאָ, פאַר-געס נישט אַז ביי אונז יודען נישט חתונה האָבען איז אַ גראָסער פאַרברעך ווי נישט מקיים זיין דוואשים אַלע דינים פון דער מקוה און דיינע עלטערן וועלען דאס נישט דערלאָזען.

— וואָס, דוד, נישט חתונה האָבען וועלען די עלטערן אויך נישט לאָזען?!

— נאָך ווי אַזוי נישט לאָזען! און דאס איז זעהר רעכט, וואָרום ווי אַזוי פּאַסט דיר גאר איין דער געדאַנקען זיך אַליין דאס לעבען אָבצושניידען? וואָס איז? דו האָסט דיך דערשראָקען פאַר די מעשיות וואָס די שוועסטער האָט דיר דערצעהלט, פּונקט ווי אַ קינד וואָס מען שרעקט עס מיט אַ מעשה „בערעלע בער" און ער האָט מורא אַרויסצוטרעטען אַ שפּאַן פאַר דער טהיר? אַ מענש אָבער אפילו ווען ער ווייסט אַז אונטער דער טהיר געפינט זיך איין אמת'דיגער בער, דאַרף מען אויך דעם קאָפּ נישט פאַרליערען פאַר שרעק...

אָרימע הנה! ערשט איצטער איז זי פון דוד'ס ווערטער געוואָהר געוואָרען אַז אפילו נישט חתונה האָבען וועלען די עלטערן אויך נישט דערלאָזען!

זי איז אַזוי טרויעריג אַראָבגעגאַנגען פון דעם באַרג, אַזוי טרויעריג האָט זי זיך געזעגענט מיט דוד'ן, אַז זי האָט גאָר פאַרגעסען איהם צופרעגען אַ סך זאַכען, פון וועלכע זי האָט געוואָלט מיט איהם רעדען. אין דרויסען האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען, עס איז געוואָרען ליכטיגער. דער פּאָשאַר איז שוין אויך געוואָרען שטילער, אַ סך ווייבער און מיידלעך זענען שוין אַוועקגעגאַנגען און חנה האָט אויך שוין געמוזט אַהיים געהן.

דוד איז נאָך געבליבען אַליין אויף דעם באַרג, עס האָט איהם אַזוי גיך נישט געקאָנט אַרויס פון דעם קאָפּ דאס אַלץ וואָס ער האָט געהערט פון חנה'ן.

— זי איז אַ נאַרר, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, — נאָר אומגליקליכע חנה! זי האָט זיך דערשראָקען, די ערצעהלונגען פון איהר עלטערע שוועסטער האָבען אַ שרעקליכען איינדרוק אויף איהר געמאַכט, און אַז אַ מענש שרעקט זיך איבער, באַהאַלט ער זיך וואו ער קען נאָר. זי וויל זיך אויך באַהאַלטען אין דעם „נישט חתונה האָבען". נאָר שרעקט זי זיך ווי אַ נאַרר פאַר אַ בבא מעשה? אוי ניין! זי שרעקט זיך געוויס פאַר איין אמת'ן בער, וואָס האָט גיפטיגע צעהן און שאַרפע לאַפּעס! לאָז זיך נאָר איינשטעלען אַ ווייבעל מקיים צו זיין די מקוה ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר אָהן די מקבלישע דינים, אָהן דוואשען, אָהן פּיווישען, וועט זי זיך נישט קענען אָבוואַשען אין צעהן וואַסערן פאַר די פרומע שטאָדט-ווייבער. געהט זאָגט נאָר אַ וואָרט געגען דער מקוה, וועט מען אייך פּשוט אויסרייסען די אויגען! יעדע נאַציע, יעדעס פאָלק האָט זיך זיין אָבערגלויבען, זיינע פאַרבלאָנזעניישען, נאָר ביי אַנדערע פעלקער האָבען ביים פּראָסטען עולם די אָבערגלויבענס איין אָרט נאָר אין מעשיות, לעגענדעס און זאַגען; ביי יודען אָבער איז יעדער פּוסטער אָבערגלויבען, יעדער נאַרישער מנהג —

אַ גאַנְצֶע תּוֹרָה אוּנ מֶען אִיז זַיי אַזוֹי שְׁטְרֶענְג מְקַיֵם מִיט אַלֶע פְּשָׁטְלִיךְ, אַז הַלְוַאי וָואלְט מֶען אַזוֹי מְקַיֵם גֶעוֶוען דִי אֶמֶתֶע תּוֹרָה, דִי אֶמֶתֶע קְלוּגֶע יוּדִישֶׁע דִינִים! דֶעמָאלְט וָואלְטֶען דִי יוּדֶען טַאקִי גֶעוֶוען אַזוֹינֶע מֶענְשֶׁען וִוי עֶס פַּאסְט יוּדֶען זָאלֶען זַיין...

דָוִד, וֶועלְכֶער הָאט תָּמִיד לִיעבּ גֶעהַאט צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען יֶעדֶע זַאךְ, הָאט אִיצְטָער אוֹיךְ גֶעוָואלְט וַוייטֶער טְרַאכְטֶען, נָאר אַ שְׁטַארְקֶער קְלַאפּ אִין דֶער פְּלֵייצֶע הָאט אִיהם אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין חַבֵר יוֹסִיל, אֵיין אֵיידֶעם אוֹיף קֶאסְט, אַ יוּנְגֶער מַאנְן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּזַאמֶען מִיט דָוִד'ן גֶעלֶערְנְט אִין קְלוֹיז, וַוייל דָוִד הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט אִין זְלִידְנִיווְקֶע פַּאר אַשַׁארְף שְׁפִּיצֶעכִיג קָאפֶּעל.

— פְּרֵייע זִיךְ, דָוִד, הָאט יוֹסִיל גֶעגֶעבֶּען אַ גֶעשְׁרֵייא.

— אוֹיף וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ פְרֵייֶען? אִיךְ וֵוייס נִיט אוֹיף וָואס...

— סְטַייטְשׁ, דוּ זֶעהְסְט נִישְׁט? דוּ בִּיזְט בְּלִינְד? דִיא גַאנְצֶע בָּאד אִיז שׁוֹין בַּאלְד אָבְּגֶעבְּרֶענְט בִּיז אִין גְרוּנְד.

— מִיר דַאכְט זִיךְ אַז מִיר דַארְפֶען וויינֶען אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ פְרֵייֶען, ווי דוּ זָאגְסְט, אוּנְזֶער שְׁטֶאדְטִיל וֶועט גֶענְוּג פַארְשְׁווארְצְט וֶוערֶען אֵיידֶער מֶען וֶועט אוֹיסְבּוֹיֶען אַ נַייֶע בָּאד.

— דִיא בָּאד גֶעהֶט דִיר טַאקִי אַזוֹי שְׁטַארְק אָבּ, וָואס דִיר גְלוּסְט זִיךְ צוּ וויינֶען?

— מָאהְל דִיר אַז אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאגֶעהְן אָהְן דֶער בָּאד גִיכֶער פוּן דִיר. אִיךְ הָאבּ אוֹיף זִיךְ נִישְׁט קֵיין שְׁווינֶער זִי זָאל מִיךְ טְרַייבֶּען אַלֶע פְרִיה מָארְגֶען אִין מִקְוֶה אַרַיין, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז דָאךְ אַ חִילוּל הַשֵּׁם, וָואס וֶועלֶען טְהוּן אַ שְׁטָאדְט מִיט ווייבֶּער? דוּ פַארְגֶעסְט אַז יוּדֶען, וּבִפְרַט נָאךְ יוּדִישֶׁע ווייבֶּער קֶאנֶנֶען נִישְׁט לֶעבֶּען אֲפִילוּ אֵיין טָאג אָהְן אַ מִקְוֶה.

— נָא, וֶועט מֶען זִיךְ מוּזֶען בַּאגֶעהְן אָהְן אַ מִקְוֶה, הָאט יוֹסִיל אַרוֹיסְגֶעזָאגְט מִיט הַארְץ.

דָוִד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען הֶערֶענְדִיג יוֹסִילְס וָוארְטֶער, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אִיהְם אָנְפַאלֶען מִיט אַ פּוּל מוֹיל מִיט פַייֶער, נָאר עֶר הָאט זִיךְ מִיט גֶעוַואלְד אַיינְגֶע-הַאלְטֶען אוּנ אִיהם גֶעפְרֶעגְט קַאלְטְבְּלִיטִיג:

— דוּ זָאגְסְט עֶס פַּאר אַ וֶוארְטִיל אָדֶער דוּ מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט?

— גַאנְץ עֶרְנְסְט, דָוִד, אִיךְ בִּין אִיצְט נָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעלֶעגְט צוּ זָאגֶען וֶוארְטְלֶעךְ.

— נָא, אוֹיבּ אַזוֹי בִּיזְט דוּ גָאר אַ גְרָאבֶּער יוּנְגַאטְשׁ אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גָאר-נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדֶען. דוּ פַארְגֶעסְט וָואס דִי מִקְוֶה אִיז בַּיי יוּדֶען? וויפִיעל הוּנְדֶערְטֶער יָאהְרֶען דֶער מִנְהָג אִיז שׁוֹין בַּיי יוּדֶען? דוּ וַוייסְט וָואס פַּאר אַ טְהַייֶערֶער אֵיידְלֶער גֶעדַאנְקֶען עֶס לִיגְט אִין דֶעם ווִיכְטִיגֶען מִנְהָג פוּן דֶער מִקְוֶה? וֶוען דוּ גְלוֹיבְּסְט נִישְׁט מִיר, גְלוֹיבּ וָואס דָאקְטוֹירִים זָאגֶען. זַיי ווּאוּנְדֶערְן זִיךְ וָואס צְווִישֶׁען יוּדֶען זֶענִין דָא אַזוֹי וֶועניג שְׁלַאפְקַייטֶען אוּנ וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ ח"ו אֵיין עֶפִּידֶעמְיֶע אוֹיף דֶער וֶועלְט, שְׁטַארְבֶּען יוּדֶען וֶועניגֶער. אִין דִי פְרִיהֶערֶע יָאהְרֶען, וֶוען דֶער פַאנַאטִיזְמוּס אִיז נָאךְ זֶעהְר גְרוֹיס גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז יוּדֶען שְׁטַארְבֶּען אֲפִילוּ

קיין צֶעהֶנְטֶעל נִישְׁט פון דֶער עֶפִּידֶעמְיֶע, הָאט מֶען זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבֶּען עֶפִּים אַזוינְס אָבְּגֶעטְהוּן אַז אַנְדֶערֶע זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען אוּנ זֵיי נִישְׁט; יוּדֶען הָאבֶּען פַּאר דֶעם חָשַׁד שְׁטַארְק גֶעלִיטֶען. נָאר נִישְׁט דָאס בִּין אִיךְ אוֹיסֶען, אִיךְ וִויל דִיר נָאר בַּוֵוייזֶען אַז אֲפִילוּ דִי הַיינְטִיגֶע דָאקְטוֹירִים זָאגֶען אַז דֶער מִנְהָג פוּן דֶער מִקְוֶה אִיז זֶעהְר אַ נִיצְלִיכֶער פַאר דֶעם פָאלְק, אוּנ נָאךְ מֶעהְר פַאר דֶעם פְּרָאסְטֶען עוֹלָם וֶועלְכֶער פִיהְרְט שְׁטֶענְדִיג אַיין אוּמְרֵיין לֶעבֶּען, אִין אַיין עֶנְגֶער לוּפְט. וָואס וָואלְט פוּן זֵיי גֶעוָוארֶען וֶוען מֶע זָאל נִישְׁט מוּזֶען עַל פִּי דִין גֶעהְן זִיךְ אָפְּט אָבְּוַואשֶׁען מִיט וַואסֶער? אוּנ דָאס לִיגְט שׁוֹין אִין דֶעם יוּדִישֶׁען חַאראַקְטֶער אַז אָהְן שְׂכַר טְהוּט זִיךְ אַ יוּד קֵיין רִיהְר נִישְׁט, פַאר יֶעדֶער זַאךְ וִויל אַ יוּד שְׂכַר: שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא אָדֶער שְׂכַר מִיט מְזוּמֶנֶע גִילְדֶען. גְלוֹיבּ מִיר אַז וֶוען מֶען זָאל אוּנְזֶערֶע זְלִידְנִיוּוְקֶער נִישְׁט גֶעוֶוען צוּזָאגֶען שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא פַאר דֶער מִקְוֶה, וָואלְטֶען זֵיי גֶעווּיס נִיט, נָאר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, נָאר אֲפִילוּ קֵיין מָאל נִישְׁט אָבְּגֶעוַואשֶׁען דָאס פָּנִים...

יוֹסִיל הָאט זִיךְ צוּלַאכְט.

– הָאסְט גָאר נִישְׁט וָואס צוּ לַאכֶען, יוֹסִיל, אִיךְ דֶערְצֶעהְל דִיר גָאר נִישְׁט דַארוּיף דוּ זָאלְסְט לַאכֶען, אִיךְ וִויל דִיר טַאקִי גָאר עֶרְנְסְט דֶערְוַוייזֶען, חָאטְשׁ דוּ וַוייסְט עֶס אַלֵיין זֶעהְר גוּט, אַז אַ יוּד וָואלְט זִיךְ בֶּאֱמֶת קֵיין מָאל נִישְׁט גֶעוַואשֶׁען דָאס פָּנִים וֶוען עֶר זָאל נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אַז עֶר וֶועט דֶערְפַאר הָאבֶּען שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא. זָאג מִיר נָאר, הָאסְט דוּ אַמָאל גֶעזֶעהְן אַ גוֹי, אֲפִילוּ אַ פְּרָאסְטֶען מוּזְשִׁיק, וֶוען עֶר שְׁטֶעהְט אוּיף אִין דֶער פְרִיה, זָאל זִיךְ נִישְׁט אָבְּוַואשֶׁען אוּנ פַארְקֶעמֶען, אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דָאס מוֹיל, אוֹיסְטְרֶעסְלֶען דֶעם פֶּעלְץ, צוּ דִי סְוִויטֶע אוּנ אַרוֹיסְגֶעהְן אוּיף דֶער גַאס וִוי אַ מֶענְשׁ? וִוי אַזוֹי פִיהְרְט זִיךְ אָבֶּער אַ יוּד, וֶוען עֶר שְׁטֶעהְט אוּיף פוּן דֶעם שְׁלָאף? נָאר פְרִיהֶער מוּז אִיךְ דִיר דֶערְצֶעהְלֶען, אוֹיבּ דוּ וַוייסְט נִישְׁט, אַז יוּדֶען בִּכְלַל צְוָואגֶען, קֶעמֶען זִיךְ נִישְׁט. אַ יוּד, אַ יוּדֶענֶע קֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן אֵיין שַׁבָּת צוּם אַנְדֶערְן, אוּם פְרַייטָאג נֶעמְט דָאס וַוייבּ דֶעם טָאפּ לָאקְשֶׁען יוּךְ אוּנ צְוָואגְט זִיךְ אוּנ דִי קִינְדֶערְלֶעךְ לִכְבוֹד שַׁבָּת, דֶעם מַאנְן לָאזְט מֶען אוּיךְ אַבִּיסִיל אִיבֶּער עֶר זָאל זִיךְ אוּיךְ אוֹיסְצְוָואגֶען לִכְבוֹד שַׁבָּת. אִין דֶער צַייט וַואשְׁט מֶען זִיךְ שׁוֹין אוּיךְ אָבּ דִי הֶאנְד אוּנ דָאס פָּנִים אוּיךְ לִכְבוֹד שַׁבָּת אוּנ מֶען טְהוּט זִיךְ אָן אַ וַויים הֶעמְד. אִיךְ מֵיין, לִיעבֶּער יוֹסִיל, וֶוען אַז נִיט צוּ לִיעבּ דֶעם הַיילִיגֶען שַׁבָּת, וָואס עַל פִּי דִין מוּז מֶען זִיךְ וַואשֶׁען, רֵיין מַאכֶען, אָנְטְהוּן רֵיינֶע קְלֵיידֶער – אוּנ דֶערְפַאר פַאר דֶעם אַלֶעמֶען קְרִיגְט מֶען שְׂכַר – וָואלְטֶען אוּנְזֶערֶע זְלִידְנִיוּוְקֶער יוּדֶען מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער אֲפִילוּ אוּם פְרַייטָאג זִיךְ אוּיךְ נִישְׁט גֶעצְוָואגֶען, נִישְׁט גֶעוַואשֶׁען, אוּנ וֶוער וַוייסְט אוֹיבּ זֵיי וָואלְטֶען אֲפִילוּ אָנְגֶעטְהוּן אַ וַויים הֶעמְד. זֵיי גֶעוָואהְנֶען זִיךְ אַזוֹי אַיין אִין זֵייעֶר קוֹיטִיג לֶעבֶּען, אַז זֵיי פִיהְלֶען נִישְׁט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע בְּלָאטֶע, זִי מֶעג זֵיי לִיגֶען אוּיף דֶעם פָּנִים. אַ גְרוֹיס גְלִיק אִיז דֶער טְהַייעֶרֶער שַׁבָּת פַאר יוּדֶען! צוּ לִיעבּ אִיהְם מַאכְט זִיךְ דֶער יוּד חָאטְשׁ אַ בִּיסִיל רֵיין! נָאר וִוי אַזוֹי פִיהְרְט זִיךְ אַ יוּד אַ גַאנְצֶע וָואךְ? עֶר גִיסְט אוֹיס אֶפְשַׁר צֶעהְן קְוָוארְט נֶעגֶעל־וַואסֶער, וֶוען עֶר חַאפְּט זִיךְ אוּיף פוּן דֶעם

שְׁלָאף, נָאר פְּרִיוו גִיבּ אַ קוּק וָואס הָאט עֶר דָא אָבְּגֶעוַואשֶׁען ? נָאר דִי שְׁפִּיץ נֶאגֶעל (עַל פִּי דִין) אוּנ דִי הֶאנְד מִיט דֶעם פָּנִים זֶענִין וַוייטֶער גֶעבְּלִיבֶּען מִיט דֶער נֶעכְטִיגֶער בְּלָאטֶע. אַ גְלִיק וָואס עֶס אִיז דָא בַּיי יוּדֶען אַ דִין אוֹיף נֶאגֶעל־וַואסֶער, פַאר וֶועלְכֶען עֶס פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ, קוּמְט אַ שְׂכַר, וֶוען נִיט דֶער דִין מִיט דֶעם שְׂכַר, וָואלְט אַ יוּד זִיךְ דִי נֶאגֶעל אוֹיךְ נִישְׁט אָבְּגֶעגָאסֶען. פַאר דֶעם דַאוְונֶען אוּנ דֶערְנָאךְ פַאר׳ן עֶסֶען אוּנ נָאךְ דֶעם עֶסֶען מוּז זִיךְ אַ יוּד וַואשֶׁען עַל פִּי דִין, ד. ה. טְהוּן אַ מִצְוָה אוּנ מֶען הָאט דֶערְפַאר שְׂכַר, דֶערְפַאר אִיז דָאס דֶער יוּד מְקַיֵם אוּנ וַואשְׁט זִיךְ פַאר דֶעם עֶסֶען, פַאר דֶעם דַאוְונֶען א. ד. ג. – וִוי גוּט אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים, וָואס הָאבֶּען גֶעשְׁטֶעלְט דִי דִינִים, הָאבֶּען גֶעקָאנְט אוּנְזֶער פָאלְק אוּנ זַיין לֶעבֶּען, זֶעהְט מֶען עֶבֶּען אַרוֹיס פוּן דִי דִינִים. וֶוער וַוייסְט אוֹיבּ אַ יוּד וָואלְט זִיךְ אַמָאל אָבְּגֶעוַואשֶׁען וֶוען נִישְׁט דִי דִינִים ? הַלְוַאי וָואלְטֶען זַיי נָאךְ גֶעוֶוען פוּרְגֶעשְׁרִיבֶּען אַז אָבְּפוּצֶען דִי שְׁטִיוִויל, פַארְקֶעמֶען זִיךְ אַלֶע טָאג דֶעם קָאפּ, אָבְּבֶּארְשְׁטֶען דָאס מַלְבּוּשׁ, פַארְקֶעהְרֶען אַלֶע טָאג פַאר דֶער שְׁטוּבּ, הַאלְטֶען רֵיין אִין שְׁטוּבּ – אִיז אוֹיךְ אַ דִין, אַ מִצְוָה, פַאר וֶועלְכֶע מֶען הָאט שְׂכַר, וָואלְטֶען גֶעוִויס אוּנְזֶערֶע יוּדֶען רֵיינֶער גֶעוֶועזֶען אוּנ נִישְׁט גֶעהַאט אַזוֹינֶע גְרִינֶע פַארְטְרִיקֶענְטֶע פֶּנִימֶער. אוּנְזֶערֶע יוּדֶען נִישְׁט נָאר זַיי טְהוּעֶן נִישְׁט דִי נוּצְלִיכֶע זַאכֶען, וֶועלְכֶע זֶענִין נִישְׁט פִירְגֶעשְׁרִיבֶּען מִיט אַ דִין אוּנ פַאר וֶועלְכֶע מֶען הָאט נִישְׁט צוּגֶעזָאגְט קֵיין שְׂכַר, נָאר וֶוען אֵיינֶער טְהוּט יָא אַזַא זַאךְ, הֵייסְט עֶס נָאר אַ פַארְבְּרֶעכֶען. וִוי אָפְּט זָאגְט מֶען אָבּ אַ שׁוֹחֵט, אָדֶער אַ רַב דֶערְפַאר וָואס עֶר פּוּצְט זִיךְ, ד. ה. עֶר פִיהְרְט זִיךְ רֵיין, גֶעהְט אֵיין אָרֶענְטְלִיךְ רֵיין מַלְבּוּשׁ, טְרָאגְט צוּגֶעקָאמְט דִי הָאר אוּנ דִי בָּארְד. וָואס הָאבֶּען מִיר אַלֵיין דֶערְפַאר וָואס מִיר טְרָאגֶען רֵיינֶע קָאלְנֶער, פוּצֶען אַלֶע טָאג דִי שְׁטִיוֶועל אוּנ קֶעמֶען זִיךְ ? וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף אוּנְז ? גַאנְצֶע דַייטְשֶׁען גֶעוָוארֶען, אַפִּיקוֹרְסִים, גֶעהֶען אוֹיסְגֶעפּוּצְט וִוי אַ טָאק ! רֵיין, צִיכְטִיג אַרוּם זִיךְ גֶעהְן אִיז בַּיי יוּדֶען אַ פַארְבְּרֶעכֶען. וָואס דֶען ? שְׁלֶעפֶּען אוֹיף זִיךְ דִי בְּלָאטֶע מִיט דֶעם אָרִימְקַייט – דָאס אִיז גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ מִצְוָה ! קוּק זִיךְ נָאר צוּ וִוי עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען פִיהְרֶען זִיךְ: בַּיי זַיי אִין שְׁטוּבּ גֶעפִינְט זִיךְ קֵיין מָאל נִישְׁט קֵיין קְלֵיידֶער־בַּארְשְׁט, אָדֶער אַ שׁוּךְ בֶּארְשְׁטֶעל אוּנ נָאךְ וָואס טוֹיג עֶס גָאר ? דֶערְסְגְלַייכֶען אַ קֶעמֶעל אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעמְהִיג, אֶפְשַׁר וַואלְגֶערְט זִיךְ אַמָאל אִין אַ יוּדִישֶׁער שְׁטוּבּ בַּיי דֶער בַּעַל־בַּיִת׳טֶע אוּנְטֶערן קוּימֶען, וואו עֶס טְרִיקֶענְט זִיךְ וֶועשׁ, אַ בְּרֵייט קֶאמֶעל מִיט עֶטְלִיכֶע צוּבְרָאכֶענֶע צֵאהְן אוּנ דָאס גַאנְצֶע הוֹיז־גֶעזִינְד בַּאנִיצְט עֶס פוּן אַיין פְרַייטָאג צוּם אַנְדֶערן ; עֶס קוּמֶען אָבֶּער פִיר אַזוֹינֶע צוּפֶאלְלֶע אִים מֶענְשְׁלִיכֶען לֶעבֶּען וֶוען אֲפִילוּ דֶער פְּרוּמְסְטָער יוּד פַארְשְׁטָעהְט אַז מֶע דַארְף זִיךְ מַאכֶען רֵיין, וִוי לְמָשָׁל אַז מֶען דַארְף גֶעהְן אוֹיף אַ חֲתוּנָה, אוֹיף אַ בְּרִית, צוּ אַ גוּטֶען פְרַיינְד אוֹיף אַ שִׂמְחָה, דֶעמֶעלְט נֶעמְט דֶער יוּד אַרָאבּ פוּן זִיךְ דִי קַאפָּאטֶע אוּנ טְרֶעסֶעלְט זִי אוֹיס אוּנ דֶערְמִיט אִיז עֶר שׁוֹין פָּטוּר, מִיט דִי שִׁיךְ אָדֶער שְׁטִיוֶועל אִיז אוֹיךְ קֵיין גְרוֹיסֶע דַאֲגָה נִישְׁט – עֶר נֶעמְט דָאס גְרוֹיסֶע נָאז־טִיכְל אוּנ ווִישְׁט זַיי אָבּ אוּנ טַאקִי מִיט דֶעם אֵייגֶענֶעם טִיכְל דָאס הִיטֶעל אוּנ עֶר אִיז וַוייטֶער רֵיין. דֶעם קָאפּ, דִי בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת פַארְגְלֶעט עֶר

מִיט דֶער הַאנְד אוּנ אִיז פַּארְטִיג, אוּנ שְׁרַייט שׁוֹין צוּם וַוייב: אִיךְ בִּין שׁוֹין אָנְגֶעטְהוֹן. אָט דָאס הֵייסְט בַּיים יוּדֶען זִיךְ רֵיין מַאכֶען! גֶעוַואלְד, יוֹסִיל, וָואס וָואלְט פוּן אוּנְזָערֶע יוּדֶען, אוּנ מֶעהְר נָאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער גֶעוָוארֶען, וֶוען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאלֶען נִישְׁט גֶעוֶוען פִירְשְׁרַייבֶּען גֶעווִיסֶע דִינִים אוֹיף זִיךְ רֵיין צוּמַאכֶען? וָואס פַאר אַ קִינְדֶער וָואלְטֶען פוּן זַיי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען בַּיי זֵייעֶר שְׁמוּצִיגֶען לֶעבֶּען, וֶוען דִי פְרוֹי זָאל נִישְׁט זַיין גֶעצְווֹאוּנְגֶען עַל פִּי דִין צוּ גֶעהֶן זִיךְ אָרֶענְטְלִיךְ וַואשֶׁען אִין מִקְוָה? אוּנ דוּ זָאגְסְט אַז מִיר דַארְפֶען זִיךְ בַּפְרֵייעֶן וָואס דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט! נֵיין, בְּרוּדֶער, דִי מִקְוָה אִיז אַ גְרוֹיס גְלִיק פַאר יוּדִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אוּנ וָואס אוּנְזֶער מִקְוָה בְּרֶענְט אִיז אַ גְרוֹיס אוּמְגְלִיק!

– צוּ פִיעל, דָוִד, הָאסְט דוּ דִיךְ צוּדַרְשֶׁנְת אִיבֶּער דֶער מִקְוָה, דוּ בִּיזְט אַזְשׁ אַרַיינְגֶעקְרָאכֶען אִין דֶער גֶעשִׁיכְטֶע ווִי מֶען אִיז יוּדֶען מְקַנֵא גֶעוֶוען פַאר דֶער מִקְוָה, אוּנ וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלַאפְקַייט אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועגִין יוּדֶען ווִינְצִיגֶער גֶעשְׁטָארְבֶּען א. ז. וו. נָאר, לִיעבֶּער דָוִד, דֶעם נוּצֶען פוּן דֶער מִקְוָה, פוּן זִיךְ רֵיין וַואשֶׁען, ווַייס אִיךְ אוֹיךְ, נָאךְ מֶעהְר – חוּץ דֶעם אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט, בִּין אִיךְ נָאךְ גֶעקוּמֶען צוּ דֶער אִיבֶּערְצַייגוּנְג, אַז דָאס וָואס יוּדִישֶׁע קִינְדֶער הָאבֶּען וֶועלְטֶען פַארְשְׁטָאפְּטֶע קֶאפּ, קֶען מֶעגְלִיךְ זַיין אַז דָאס אִיז דַאנְק דֶער מִקְוָה.. יָא, דָוִד, פַאר יוּדֶען אִיז אַ גְרוֹיס אוּמְגְלִיק אָהְן אַ מִקְוָה וּבִפְרַט נָאךְ פַאר אוּנְזֶערֶע זְלִידְנִיוְוקֶער, נָאר אִיךְ מוּז פָארְט זָאגֶען דֶעם אֶמֶת אַז דִי מִקְוָה, דֶעם מְהַייעֶרן דִין וָואס דוּ לוֹיבְּסְט אַזוֹי, לִיגְט מִיר שׁוֹין אִין הַארְצֶען אוּנ אִין אַלֶע אֵבָרִים, עֶס אִיז מֶעהְר נִיט אִיבֶּערְצוּטְרָאגֶען... לָאז בְּרֶענֶען דִי בָּאד בִּיז אִין גְרוּנְד אַרַיין, עֶס זָאל פוּן אִיהְר אַשׁ וֶוערֶען! הָאט יוֹסִיל גֶעעֶנְדִיגְט מִיט כַּעַס... עֶר הָאט זִיךְ אַבִּיסִיל אָבְּגֶערוּהְט אוּנ וַוייטֶער גֶעזָאגְט:

– אִיז דֶען בַּיי יוּדֶען דָא אַזוֹינֶע מִקְוָואוֹת ווִי מֶע הָאט אוּנְז מִיט שֵׂכֶל פִירְגֶעשְׁרִיבֶּען? נֵיין, טוֹיזֶענְד מָאל נֵיין. אַנְשְׁטַאט וָואס דִי מִקְוָה אִיז בֶּעשְׁטִימְט גֶעוָוארֶען מֶען זָאל זִיךְ רֵיין מַאכֶען, דֶערְפְרִישֶׁען, וָואס דָאס אִיז אַ גְלִיק, אַ פֶערְגְנִיגֶען פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען, אִיז בַּיי אוּנְז פוּנְקְט פַארְקֶעהְרְט, פוּן דֶער מִקְוָה גֶעהְט מֶען אַרוֹיס אוּמְרֵיינֶער ווִי מֶען אִיז גֶעוֶוען פְרִיהֶער אֵיידֶער מֶען אִיז אִין אִיהְר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען; אַלֶע צָרוֹת, שְׁלֶעק אוּנ שְׁלַאפְקַייטֶען בַּאקוּמְט מֶען פוּן דֶער מִקְוָה. אַנְשְׁטַאט וָואס דִי מִקְוָה דַארְף זַיין אַ תַּעֲנוּג פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען, אִיז זִי בַּיי אוּנְז יוּדֶען אַ מוּטְשֶׁענִיגֶע, אַיין אָבְּקוּמֶענִישׁ, אַזוֹי אַז קֵיינֶער וָואלְט אִין מִקְוָה נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען עֶר זָאל נִישְׁט הָאבֶּען מוֹרָא פַאר אֵיין עֲבֵירָה, פַאר לַייטִישֶׁע רֵייד. אִיז דֶען אַנְדֶערְשׁ מֶעגְלִיךְ, אַז שְׁטֶענְדִיג גֶעפִינְט זִיךְ אִין דֶער מִקְוָה מֶעהְר בְּלָאטֶע ווִי וַואסֶער? אוּנ נִיט קֵיין פְּרָאסְטֶע בְּלָאטֶע ווִי מֶען זֶעהְט אוֹיף דֶער גַאס נָאךְ אַ רֶעגֶען, נָאר בְּלָאטֶע פוּן מֶענְשֶׁענְס לַייבֶּער, פוּן מֶענְשֶׁענְס שְׁווַייס; דוּ ווַייסְט וָואס פַאר אַ סַם דָא גֶעפִינְט זִיךְ? וֶוער עֶס ווִילְל גֶעהְט אִין דֶער מִקְוָה, שְׁלַאפֶע, קְרֶעצִינֶע, פַארְפַאסְקוּדִיטֶע, מִיט אָנְשְׁטֶעקֶענְדֶע קְרַאנְקְהַייטֶען, קֵיינֶעם פַאלְט גָאר נִישְׁט אַיין אַז אַזוֹינֶע קְרַאנְקֶע טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְלָאזֶען אִין אַ בָּאד ווָאו עֶס גֶעהֶען גֶעזוּנְדֶע מֶענְשֶׁען. בַּיי יוּדֶען הֵייסְט דָאס אוֹיךְ אַיין עֲבֵירָה, וֶוער טָאר שְׁטֶערן אַ יוּדֶען צוּ טְהוּן אַ מִצְוָה? אַי פוּן דֶער מִצְוָה קֶען אַ גַאנְצֶע שְׁטָאדְט מִיט גֶעזוּנְדֶע

מֶענְשֶׁען קְרַאנְק וֶוערֶען — דָאס גֶעהְט קֵיינֶעם נִישְׁט אָן, דָאס אוּמְגְלִיק אִיז נָאךְ אַז דִי אַלֶע פַארְפֶּעסְטֶעטֶע, פַארְפַּאסְקוּדֶעטֶע הַאלְטֶען זִיךְ פוּן דֶער וַוייטֶענְס אוֹיף דֶער גַאס, אִין קְלוֹיז אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ מֶענְשֶׁען, אַזוֹי אַז גֶעזוּנְדֶע מֶענְשֶׁען קָאנֶען זִיךְ פוּן זֵיי נִישְׁט אָנְשְׁטֶעקֶען. אִין מִקְוָה אָבֶּער צוּלֵיינֶען זֵיי זִיךְ מִיט „וֵוי־יֶער פַארְמֶעגֶען" פּוּנְקְט וִוי בַּיים טַאטֶען אִין וַוייְנְהוֹיז, אָהְן חַרְפָּה אוּנ בּוּשָׁה, אַז פָּשׁוּט דִי גְרִינְגֶע גַאל קְרִיכְט אַרוֹיס קוּקֶענְדִיג. דָא זֶענִין זֵיי אַזוֹי פְרַיי דֶערְפַאר וָואס קֵיינֶער וֶועט זִיךְ נִיט אוּנְטֶערְשְׁטֶעלֶען זֵיי צוּ שְׁטֶערן, וַוייל זֵיי טְהוּעֶן דָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי עֶס פַּאסְט פַאר עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען. — הַיינְט וִויפִיעל גֶעלְד קָאסְט דִי מִקְוָה יֶעדֶען יוּדֶען, דָאס אִיז דִי צְוֵוייטֶע טַאקְסֶע וָואס שִׁינְדְט פוּן זֵיי לֶעבֶּעדִיג דִי הוֹיט, דִי שְׁטָאדְט בַּעֲלֵי בַּתִּים פַארְדִינְגֶען אַלֶע יָאהְר דִי בָּאד אוּנ מֶען גֶעמְט אַ שֶׁאנֶע סוּמֶע גֶעלְד, אַלֶע וָואךְ גֶעהְט מֶען אַרוּם מִיט פּוּשְׁקֶעס פוּן דֶער בָּאד וֶועגֶען, אוֹיף צוּ וַוארֶעמֶען דִי בָּאד; דַארְף מֶען דִי בָּאד צוּרֶעכְט מַאכֶען, גֶעהְט מֶען וַוייטֶער אַרוּם נָאךְ גֶעלְד. מֶען נֶעמְט שׁוֹין נִישְׁט־קֵיין גְרָאשֶׁענְס נָאר קֶערְבְּלֶעךְ. גֶעהְט מֶען אִין בָּאד אַריין קָאסְט גֶעלְד דֶערְפַאר וָואס מֶען בָּאדְט זִיךְ אָב — אָדֶער בֶּעסֶער — דֶערְפַאר וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָב; אַ פְּרוֹי קוּמְט גֶעוִויס נִישְׁט אָב מִיט צֶעהְן גְרָאשֶׁען, וִוי מִיר מַאנְסְבִּילְן, אִיהְר קָאסְט דִי בָּאד נִישְׁט וֵוינְצִיגֶער פוּן פוּפְצִיג קָאפּ. נָאךְ דֶעם אַלֶעם אוּנ פוּן דִי אַלֶע גֶעלְדֶער אִיז קֵיין מָאל קֵיין וַואסֶער נִישְׁט דָא, נִישְׁט־קֵיין קַאלְטֶע אוּנ נִישְׁט־קֵיין וַוארֶעמֶע, מֶען אִיז גְלִיקְלִיךְ וֶוען מֶען דֶערְטַאפְּט אַבִּיסל בְּלָאטִיגֶע וַואסֶער אִין אַ שֶׁאפֶעל וָואס רִינְט פוּן דְרַיי זַייטֶען. שְׁטֶענְדִיג רִינְט פוּן דֶער סְטֶעלֶיע אוֹיפ׳ן קָאפּ, שְׁטֶענְדִיג אִיז דֶער פָּאל אוּנ דִי טְרֶעפּ פוּל מִיט שְׁטִיקְלֶעךְ צוּבְּרָאכֶענֶע בְּרֶעטְלֶעךְ, פַארְשְׁלָאגֶען מִיט קְרוּמֶע טְשְׁוֶועקִים אַז מֶען רַייסְט פוּן זִיךְ דָאס פְלֵייש, שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ טְשַׁאד אָדֶער אַזוֹי קַאלְט אַז מֶען קֶען דֶערְפְרָארֶען וֶוערֶען. וואוּ קוּמֶען אַהִין דִי אַלֶע גֶעלְדֶער וָואס מֶען נֶעמְט צוּנוֹיף פַאר דֶער בָּאד? פְּרִיוּו נָאר טְהוּ אַ פְרֶעג, גִיט מֶען דִיר בַּאלְד אַ גְרֵייטֶען חֶשְׁבּוֹן, אַז דִי מִקְוָה הָאט דְרַיי מָאל אִין דֶער וָואךְ נִישְׁט־גֶעהַאלְטֶען דִי מָאס, הָאט מֶען גֶעמוּזְט אַרָאבּ בְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע רַבָּנִים פוּן אַלֶערְלֵיי שְׁטֶעדְט כַּשְׁרְן דִי מִקְוָה, אוּנ אֵיין מָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא הַארְבֶּע שַׁאֲלָה אוֹיף דֶער מִקְוָה, אַז מֶען הָאט גֶעמוּזְט אַרָאבְּבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּין אַלֵיין, אוּנ דָאס קָאסְט דָאךְ בְּוַודַאי אַ סַךְ גֶעלְד! אָט אוֹיף אַזוֹינֶע זַאכֶען גֶעהְט אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד, נָאר אוֹיף צוּ רֵיינִיגֶען דִי בְּלָאטֶע פוּן דֶער מִקְוָה, טְרָאגְט נִישְׁט. נֵיין, נִישְׁט אַזוֹינֶע מִקְוָאוֹת וִוי מִיר זֶעהֶען אִיצְטֶער בַּיי יוּדֶען הָאט מֶען יוּדֶען פִירְגֶעשְׁרִיבֶּען עַל פִּי דִין, אַיידֶער אַזוֹינֶע מִקְוָאוֹת אִיז גְלַייכֶער זֵיי זָאלֶען בְּרֶענֶען אוּנ בְּרֶענֶען...

— זַיי זִיךְ מוֹדֶה, יוֹסִיל, אַז פוּן דִיר רֶעדְט דֶער כַּעַס, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט בַּארֶע־בֶענֶען אַז אָהְן דֶער וִוייסְטֶער מִקְוָה וֶועט בַּיי אוּנְז אִין זְלִידְנִיוֶועקֶע זַיין נָאךְ עֶרְגֶער.

— עֶס קֶען זַיין, נָאר זִי הָאט מִיר אַזוֹי דֶערְגֶעסֶען אַז אִיךְ ווִילל זִי נִישְׁט קֶענֶען, לָאז זִי בְּרֶענֶען...

— מִיט וָואס הָאט זִי דִיר אַזוֹי מֶעהְר דֶערְגֶעסֶען וִוי מִיר? אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ

אַ וְלִידְגִיוְוקֶער, אונ גֶעה אויךְ אָפְּט אִין מִקְוָה אונ לַייד פון אִיהְר גְלַייךְ מִיט אַלֶע, פון רֶעסְטְוֶועגֶען . . .

– וָואס גְלַייכְסְט דו דִיךְ צו מִיר ? דו פַארְגֶעסְט וָואס פַאר חִילוּק עֶס אִיז וֶועגֶען דֶער מִקְוָה צְווִישֶׁען אַ בָּחוּר אונ אַ יוּנְגֶען מַאנְן פון אַ פְרוֹי וָואס זִיצְט אויף קֶאסְט אונ הָאט אַ שְׁווִיגֶער ! קֶאן אִיהְ דִיר רֶען אַלְץ אִיבֶּערְגֶעבֶּען וִויפִיעל אִיךְ מִיט מַיין פְרוֹי לַיידֶען רֶערְפוּן, דו קֶאנְסְט מִיךְ נִישְׁט פַאר אַזא בֶּאזֶען אַז אִיךְ זָאל הָאבֶּען אַ נְקָמָה פון אַ שְׁטָאדְט אוּמְגְלִיק, נָאר מִסְתָּמָא לִיגְט מִיר דִי בָּאד גוּט אִין הַארְצֶען אַז אִיךְ ווִילְל אַזוֹי פון אִיהְר פָּטוּר וֶוערִין, אִיךְ ווִילְל אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּאטְרַאכְטֶען וָואס דֶער סוֹף וֶועט זַיין, לָאז זַיין עֶרְגֶער אַבִּי דִי מִקְוָה זָאל נִיט זַיין.

VI.

נָאךְ דֶעם אוּמְגְלִיק.

דָוִד מִיט יוסְלִין וָואלְטֶען נָאךְ לַאנְג גֶערֶעדְט אויפֶן בַּארְג, וַוייל זַייא הָאבֶּען נָאךְ זַייעֶר שְׁמוּעָס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט, נָאר אַ פְּלוּצִימֶער גְרוֹיס גֶעוַויין מִיט אַ גֶעשְׁרַיי וָואס מֶען הָאט הֶערהֶערְט פון דֶער זַייט וואו דֶער פָּאזְשַׁאר אִיז גֶעוֶוען, הָאט זַייא אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען. זַייא הָאבֶּען זִיךְ דֶערשְׁרָאקֶען, וַוייל זַייא הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַ הויז הָאט זִיךְ אָנְגֶעהַאפְּט, נָ:ר וִויא פַארוואוּנְדֶערְט זֶענִין זַייא גֶעוָוארֶען אַז זַייא הָאבֶּען דֶערזֶעהן אַז קֵיין פַייעֶר וֶועהְט מֶען שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט, חוּץ דִיא הָאלָאוֶועשְׁקִים וָואס זֶענִין גֶעלֶעגֶען בֶּארְגַוִויז אונ מֶען הָאט בִּיסְלֶעכְוַויז גֶעלָאשֶׁען. דָאס גֶעשְׁרַיי אִיז אָבֶּער אַלֶע מָאל גֶעוָוארֶען גְרֶאסֶער אונ גְרֶאסֶער.

זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט אַרָאבּ פון דֶעם בַּארְג, דְרוֹיסֶען הָאט שׁוֹין גֶעטָאגְט אַזוֹי אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקָאנְט דֶערְקֶאנֶען פון שְׁוַוארְץ בִּיז וַוייס. זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהן וִוי אויף אֵיין אָרְט, טַאקִי בַּיים פָּאזְשַׁאר, לויפְט זִיךְ צוּזַאמֶען דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם, עֶס וֶוערְד אַגְרוֹיס רֶעדֶעל. פון דֶערמִיט הֶערְט מֶען אַגְרוֹיס גֶעוַויין מִיט קוֹלוֹת עַד לַשָּׁמַיִם, אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארשְׁטֶעהן וֶוער אונ פַאר וָואס מֶען וַויינְט. מִיט פִּיעל מִיה הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּנְגֶע לַייט דוּרְכְגֶעשְׁטוּפְּט דוּרְךְ דֶער עֶנְגְשַׁאפְט אונ הָאבֶּען דֶערזֶעהן . . . אַגְרוֹיל מִיט אַ שְׁרֶעק הָאט זַייא אָנְגֶעהַאפְּט קוּקֶענְדִיג ! זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהן וִויא יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער אונ יֶעקִיל דֶער קַאלִיקֶע זֶענִין גֶעלֶעגֶען אויסְגֶעצוֹיגֶען וִוי לַאנְג זֵיי זֶענִין גֶעבֶּען דֶער בּוֹיד מִיט אַלַיידִיג פָּאסֶעל וַואסֶער. יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער הָאט נָאךְ גֶעזְשִׁיפֶּעט אונ פון יֶעקִיל דֶעם קַאלִיקֶע הָאט מֶען שׁוֹין קֵיין אָטְהֶעם נִישְׁט גֶעהֶערְט, אונ טְרַייטֶעל מִיט טְרַיינֶען הָאבֶּען זַייא בַּאוַויינְט:

– וָואס וֶועל אִיךְ אִיצְטֶער טְהוּן ? וואו וֶועל אִיךְ נֶעמֶען פַאר מַיין וַוייבּ אונ קִינְדֶער בְּרוֹיט ? אַז קֵיין פֶערְד הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, הָאט טְרַייטִיל גֶעוַויינְט, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעזָאגְט, טְרַיינֶע, אַז מִיר זָאלֶען פַארְקוֹיפֶען דִיא שְׁטוּבּ פון דֶער

מְלַמְדִישֶׁער גַאס , וָואלְטֶען דִיא וַוייסֶע חֶבְרָה פַארשְׁפָּארְט זַיין מִיט זֵיי גוּטֶע בְּרִידָער אוּנ וָואלְטֶען זֵיי אִיצְטֶער בַּיים פָּאזְשַׁאר נִישְׁט פַּארמוּטְשֶׁעט . . . אוּנ אִיצְטֶער ...

– אַ דוּנְנֶער הָאט מִיךְ דֶערְשְׁלָאגֶען אִין מַיין טִיפֶען הַארְצֶען , הָאט טְרַיינֶע בִּיטֶער גֶעוַויינְט , אַ קְלֵיינִיקַייט ! פִינְף פֶּאסְלֶעךְ וַואסֶער גֶעבְרַאכְט אִין אֵיין נַאכְט ! מֶען קֶען אֲפִילוּ פַּארְמוּטְשֶׁען פֶערְד וּבִפְרַט נָאךְ שְׁקַאפֶּעס , וָואס זֶענִין אֵייְדעל גֶעצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען וְוִי בַּיי מִיר ! דֶעם לֶעצְטֶען בִּיסֶען פוּן זִיךְ הָאבּ אִיךְ זֵיי אַוֶועקְגֶעגֶעבֶּען , אַבִּי זֵיי זָאלֶע נִיט זַיין הוּנְגֶערִיג , אוּנ אִיצְטֶער – אַ גְרוֹיסֶער שְׁלַאק הָאט מִיךְ גֶעטְרָאפֶען , וואוּ וֶועל אִיךְ נֶעמֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּנ מִיט מַיין מַאנְן בְּרוֹיט , אַז אִיךְ בִּין נָאר גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי דֶער שְׁטוּב ? וֶוער וֶועט זֵי קוֹיפֶען ? אוּנ וִוידֶער וִוי אַזוֹי פַארְקוֹיפְט מֶען דָאס לֶעצְטֶע שְׁטִיקֶל נַחֲלָה ? גֶעוַואלְד , יוּדֶען ! וָואס וֶועל אִיךְ טְהוּן ? הָאט זִי וַוייטֶער גֶעוַויינְט , וָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹי פַּארְזִינְדִיגְט בַּיי דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג מֶעהר וִוי אַלֶע יוּדֶען ? דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען , וָואס־זְשֶׁע בִּין אִיךְ שוּלְדִיג ? פַאר וָואס הָאבֶּען דִי וַוייסֶע חֶבְרָה ־מַיינֶע שְׁקַאפֶּעס , מַיין לֶעצְט שְׁטִיקִיל חִיוּנָה פַּארְמוּטְשֶׁעט ?

– וַויין נִיט , טְרַיינֶע , הָאט זִיךְ פְּלוּצִים וִוי אוּנְטֶער דֶער עֶרְד גֶעוַיאוּיט דְוָואשֶׁע דִי טִיקֶערִין מִיט אַ גְרוֹים גֶעוַויין , מִסְתָּמָא הָאבֶּען מִיר פַּארְזִינְדִיגְט , מִסְתָּמָא זֶענִין מִיר מֶעהר נִישְׁט וֶוערְטְה בַּיי דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג . אִיךְ פְּלֶעג דֶען נִיט שְׁרַייעֶן , אַלֶע טָאג דֶען נִישְׁט זָאגֶען דִי וַוייבֶּער אַז מִיר פַּארְזִינְדִיגֶען זִיךְ , אוּנ אָט זֶענִין מַיינֶע בֵּייד מְקוּוָם גֶעוָוארֶען אוּנ מִיר הָאבֶּען דֶערְלֶעבְּט זַיין גְרוֹיסֶען צָארְן . דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ מִיר זֶענִין אָהְן אַ מִקְוָה גֶעבְּלִיבֶּען , וָואס וֶועלֶען מִיר טְהוּן ? אוּנ דַיין טְרַייטִיל אִיז אָהְן שְׁקַאפֶּעס גֶעבְּלִיבֶּען . מִסְתָּמָא זֶענִין מִיר נִישְׁט מֶעהר וֶוערְטְה . מִיר הָאבֶּען עֶפִּים ־דֵעוֹת צוּ זָאגֶען זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען , עֶר בֶּאשַׁאפְט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ נֶעמְט צוּ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען פוּן דֶער וֶועלְט , דַיינֶע שְׁקַאפֶּעס הָאט עֶר אוֹיךְ בַּאשַׁאפֶען , הַיינְט וָואס הָאט מֶען צוּ וַויינֶען אוֹיף גָאטְטֶס מַעֲשִׂים ? אוּנ אִיךְ זִינְדִיגֶע , וָואס אוּנְגֶעוַואשֶׁען גֶערֶעדְט בִּין נִיט וֶוערְטְה זַיין נָאמֶען צוּ דֶערְמָאנֶען , הָאבּ עֶפִּים צוּ זָאגֶען גָאטְט ־דֵעוֹת ? עֶס בְּרֶענְט דִי בָּאד , וִוילְל עֶר עֶס זָאל בְּרֶענֶען , מִסְתָּמָא זֶענִין מִיר נִיט וֶוערְטְה צוּ הָאבֶּען אַ מִקְוָה , כְּדֵי מִיר זִינְדִיגֶע זָאלִין זִיךְ נָאךְ מֶעהְרֶער קֶענֶען פַּארְזִינְדִיגֶען פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג , אַז ־קֵיין שׁוּם תְּשׁוּבָה מִיט קֵיין שׁוּם עוֹנֶשׁ זָאלֶען אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד נִישְׁט קֶענֶען אָבְּוַואשֶׁען . אִיךְ , דְוָואשֶׁע הָאבּ דֶען נִיט גֶעשְׁרִיעֶן , אַלֶע טָאג מִיט זֵיי זִיךְ דִי גַאל אוֹיסְגֶערִיסֶען , לָאז מֶען פְּרֶעגֶע פַּייוִוישֶׁען , עֶר אִיז מַיין ־עֵדוּת , אוּנ זֵיי גֶעזָאגְט : וַוייבְּלֶעךְ , אִיהְר זֶענְט נָאךְ יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיהְר פַּארְזִינְדִיגְט אַייךְ אֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָאהְר , אוּנ טְהוּט נִיט וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁרַייבְּט אוּנְז נָשִׁים פִּיר , אוּנ פַּייוִויש הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעזָאגְט , אָט לָאז עֶר זָאגֶען , וָואס שְׁוַוייגְסְט דוּ , פַּייוִויש ? זָאג , צוּ אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט ?

פַּייוִויש וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן וַוייטֶענְס , אַז עֶר הָאט דֶערְהֶערְט וִוי דְוָואשֶׁע רוּפְט זַיין נָאמֶען , אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען נֶעהֶנְטֶער :

– אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגֶען : עֶס בְּרֶענְט , הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְצֶעהְלֶען מִיט זַיי

הַייזֶעריג פָּאנְפַּאטְשֶׁע קוֹל, אוּנ קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְלט גְלויבֶּען, קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְלט הֶערֶען, טְרַייטִיל אויךְ נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שׁוין אוּמֶעטוּם גֶעשְׁרִיעֶן „עֶס בְּרֶענְט", אִיךְ הָאבּ שׁוין קֵיין כֹּחַ נִישְׁט גֶעהַאט צוּ שְׁרַייעֶן, אִיךְ בִּין שׁוין הַייזֶעריג גֶעוָוארֶען. אִיצְט זֶעהְט אִיהְר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגֶען קֵיין לִיגֶענְד...

— נִיט דָאס פֵּייוִויש, הָאט דְוָואשֶׁע אִיהְם אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען, גֶעדֶענְקְסְט דוּ ווִי אִיךְ הָאבּ זַיי פְרִיהֶער גֶעזָאגְט אַז זַיי פַארְזִינְדִיגֶען זִיךְ דִי יָאהְרֶען אוּנ זַיי הָאבֶּען מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְלט גְלויבֶּען?

פֵּייוִויש אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן ווִי תְּמֶעוַואטֶע אוּנ הָאט אֵיין וָוארְט נִישְׁט פַאר־שְׁטַאנֶען וָואס דְוָואשֶׁע הָאט גֶערֶעדְט.

— נָא וָואס שְׁטֶעהְסְט דוּ, פֵּייוִויש, ווִי אַ לֵיימֶענֶער גוֹלֶם? זָאג, דֶערְצֶעהְל, וָואס הָאט חַיִּים גֶעצִים טָאכְטֶער דִיר גֶעזָאגְט, הָאבּ קֵיין מוֹרָא נִישְׁט, מִיר הָאבֶּען זִיךְ שׁוין בְּלויז אַלֶע פַארְזִינְדִיגְט פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, דֶערְצֶעהְל הָאטְשׁ דוּ אַלְץ, אַז מֶען ווִילְל מִיר נִישְׁט גְלויבֶּען, לָאזֶען אַלֶע ווִיסֶען, טָאמֶער דוּרךְ דֶעם וֶועט דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אויף אוּנְז רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּנ אוּנְז פַארְגֶעבֶּען אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד.

פֵּייוִויש הָאט זִיךְ אָנְגֶעהויבֶּען דֶערְמָאנֶען ווִי אויס דֶעם שְׁלָאף:

— יָא, דְוָואשֶׁע, הָאסְט מִיךְ טַאקִי דֶערְמָאנְט, חַיִּים גֶעצִים טָאכְטֶער, יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס ווַייבּ, דָא עֶרְשְׁט נִישְׁט לַאנְג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק הָאט זִי פַארְגֶעסֶען... הָאבּ אִיךְ אִיהְר נָאכְגֶעשְׁרִיעֶן אוּנ גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט מִיךְ אַפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶעהֶן ווִי אִיךְ שְׁטֶעה בַּיי דֶער טְהִיר, וָוארוּם ווִי הָאט זִי מִיךְ גֶעקָאנְט זֶעהֶען אַז אִיךְ הָאבּ זִי עֶרְשְׁט נָאךְ דֶעם דֶערְזֶעהְן? הָאט זִי מִיר גֶעעֶנְטְוֶוערְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן:

— אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט וָואס אוּמְצוּקֶעהְרֶען צוּ לִיעבּ דִיר, פָּאנְפַּאטְשׁ, אִיךְ וֶועל אגֶעגֶענֶען אַ שֶׁאנֶערְן יוּדֶען פוּן דִיר, פָּאנְפַּאטְשׁ, מִיט דֶעם פַארְשְׁמָאלְצֶעוִויטֶען זוּמֶער־יגֶען פֶּעלְץ, אוּנ... אִיז זִיךְ טַאקִי אַזוי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

— הַיינְט זֶעהְט אִיהְר שׁוין אִיבֶּער וֶועמֶען עֶס בְּרֶענְט דִי בָּאד? אִיז דְוָואשֶׁע מִיט יֶער אַרַיינְגֶעפַאלֶען פֵּייוִוישֶׁען אִין דִי רֵייד, אִיבֶּער וָואס אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד זֶענֶען זוי גְרוֹיס? אַז אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער זָאל זָאגֶען בְּקוֹל רָם, אַז עֶס שְׁטֶעהְט אִיהְר נִישְׁט אָן ךְ אָנְרִיהְרֶען אִין אַזַא טְהַייֶערְן יוּדֶען ווִי פֵּייוִויש אִיז. מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלֶען מִיר נָאר זוי זַיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואלְט אִיךְ שׁוין גָאר נִישְׁט גֶעוָואלְלט מֶעהְר בַּיי דֶעם וָואס עבְּט אֵייבִּיג. אַ יוּד, וָואס מֶעהְר פוּן יוּדִישֶׁע וֶוערְטֶער הֶערְט מֶען נִישְׁט פוּן זַיין מויל, ין אַזַא כְּשֵׁרְן טְהַייֶערְן יוּדֶען שְׁטֶעהְט זֵיי נִישְׁט אָן זִיךְ אָנְרִיהְרֶען עַל פִּי יוּדִישְׁקַייט! אַנִיטְשִׁים אָדֶער פְּרִיצִים ווִילְלֶען זֵיי אִיךְ זָאל זֵיי שְׁטֶעלֶען בַּיי דֶער טְהִיר פוּן דֶער אד! אָט וָואס פַאר אַ זִינְדִיגֶע יָאהְרֶען מִיר הָאבֶּען דֶערְלֶעבְּט, אָט פַאר וָואס מִיר נִין נִישְׁט זוֹכֶה בַּיי זַיין גְרוֹיס גֶעוָואר צוּ הָאבֶּען אַ מִקְוֶה, אוּנ זִי אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶוָוארֶען, גָאטְט ווייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ מִיט פֵּייוִוישֶׁען זֶענִין רֵיין פוּן אַלֶע זִינְד; גֶענוּג אס עֶר הָאט אוּנְז אִיצְטֶער בֵּיידֶען גֶעשְׁטְרָאפְט, וָואס מִיר זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּען אָהְן פַּרְנָסָה, ז עֶס קוּמְט אוּנְז אִיצְטֶער נָאר אִין דִי הַייזֶער אַרוּמְצוּגֶעהְן. נָאר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מִיר

נעמען עס אן פאר ליעב, דער וואס שפייזט א גראזעלע הינטערן בוים, דער וועט אונז מיט זיין שטארקער האנד אויך שפייזען, אבי ער זאל אונז מוחל זיין.

ווער עס האט נאר געהערט דוואשען מיט פייוישען האט געקלאגט אויף די גרויסע זינד, נאר טרייטעל מיט טרייגען האבען געוויס נישט געהערט, דרום זענין זייא נישט געטראסט געווארען און האבען טאקי נישט אויפגעהערט צו וויינען אויף זייער גרויס אומגליק.

פלוצים האט איינער, וועלכער האט פון לאנג גוט געקענט טרייטילם שקאפעס און איז ביז אהער געשטאנען טרויעריג און געקוקט אויף ביידע „יעקלין" ווי זייא ליגען אויסגעשטרעקט, א געשריי געטהון מיט פרייד:

– עס קען זיין אז זייא זענען נאך לעבעדיג, ווייל יעקיל דער קאליקע האט שטענדיג ליעב אזוי צו ליגען, פון דעסטוועגען שטעהט ער שטענדיג אויף ווען מען דארף פאהרען.

– איך האב אויך אזוי געמיינט, האט טרייטיל געענטווערט, נאר אז איך האב דערזעהן וויא יעקיל דער לאנגער ליגט, האב איך געוואוסט אז איך האב שוין קיין פערד נישט, ווארום יעקיל דער לאנגער ליגט־דאך קיין מאל נישט, און אז איך האב איהם געקויפט אין בולאנאווקע אויפ'ן יריד, האט מיר דער ליווערארנט אזוי געזאגט און מיר דערצעהלט אז דאס פערד קומט ארויס גאר פון א גרויסען פריצישען שטאל, דער פריץ איז געוועזן א גרויסער געגעראל און ווען עס איז געווארען די סעוואסטאפאלער מלחמה, האט ער באדארפט געהן אין דער מלחמה, און האט צושריבען אין אלע לאנדער אז ער וויל קויפען א טהייער פערד וואס זאל ניט מורא האבען פאר קיין פייער און קיין וואסער, עס זאל זיין שטארק ווי איין העלפאנט און לויפען גיך ווי א הירש; מען האט איהם געשריבען אז אין לאנד מצרים וואו עס וואקסען העלפאנטען, געפינען זיך ביי די אראבער (אזוינע שווארצע ווילדע מענשען) אזוינע פערד. ער האט באלד געשיקט אהין זיין אפיציר מיט א סך חיל, און ער האט דארט געקויפט א פערד פאר עטליכע זאקלעך רענדלעך – אט טאקי דעם יעקיל דעם לאנגען. נאר ווי אזוי אי[ז] ער אנגעקומען צו מיר וועט איהר הערען. דער פריץ, דער גרויסער געגעראל, האט מלחמה געהאלטען און האט מיט דעם פערד דיא גאנצע מלחמה איינגענומען און א סך מעדאליען מיט טשינים האט ער דער פאר באקומען, נאר דאס פערד איז שטארק געראניעט געווארען אין א פוס, דער געגעראל האט באפוילען מען זאל עס אי[ן] א טהייערען שטאל אריינשטעלען און דאקטוירים זאלען עס היילען. עס האבען אבע[ר] קיין שום מיטלען נישט געהאלפען, פון דעם פוס האט געראנגען, מען האט איה[ם] פארבונדען מיט א שמאטע און דאס פערד איז ווייטער געבליבען שטעהן אין שטא[ל] מען האט מיט איהם גאר נישט געארבייט, נאר איין מאל אין יאהר האט מען ע[ס] איינגעשפאנט אין א טהייער'ן פריצישען וואגען. אזוי וואלט דאס פערד שטענד[יג] געלעבט און וואלט געוויס צו מיר ניט אנגעקומען, נאר פלוצים האט זיך אין פריציש[ען] שטאל זאנאדעט אלע נאכט א „דאמאוואי" (הויז־שד) און אנגעהויבען דאס פער[ד]

מוטשֶׁען, אַ גאַנְצֶע נאַכְט פְלֶעגְט עֶר אויף אִיהם פָאהְרֶען רַייטֶענְדִיג אִיבֶּער פֶעלְדֶער אוּנ וָואלְדֶער, אִיבֶּער בֶּערְג אוּנ טְהָאלֶען, עֶר אִיז מִיט אִיהם אֶפְשַׁר דִיא גאַנְצֶע וֶועלְט אויסְגֶעפָאהְרֶען, אוּנ אַז עֶס הָאט אָנְגֶעהויבֶּען צוּ טָאגֶען, פְלֶעגְט אִיהְם דֶער דָאמָאוָואי צוּרִיק אַנִידֶער שְׁטֶעלֶען אִין דֶער אֵייגֶענֶער שְׁטַאל, פַארְפְּלֶעכְטֶען אִיהְם אַלֶע הָאר פוּן דֶער גְרִיוָוע, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוועֶן זַיי אוֹפְצוּפְּלָאנְטֶען. עֶס זֶענְין אַוֶועקְגֶעגאַנְגֶען עֶטְלִיכֶע נֶאכְט: דָאס פֶערְד הָאט דורְךְ דֶעם „דָאמָאוָואי" אָנְגֶעהויבֶּען שְׁטַארְק צוּ דַארֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַזוֹי וִוי אִיהְר קֶענְט עֶס אִיצְטֶער. דֶער גֶענֶעראַל הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אוּנ הָאט בַּאפוֹילֶען מֶע זָאל אִין שְׁטַאל אַרַיינְשְׁטֶעלֶען אַ ווַייסֶען בַּאראַן מִיט לַאנְגֶע הָאר, כְּדֵי דֶער דָאמָאוָואי זָאל קֵיין שְׁלִיטָה נִישְׁט הָאבֶּען צוּם פֶערְד, נָאר עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפֶען. דֶער „דָאמָאוָואי" אִיז גֶעפָאהְרֶען רַייטֶענְדִיג אִי אויפְן פֶערְד אִי אויפְן בַּאראַן אוּנ הָאט זַיי בֵּיידֶע גֶעמוּטְשֶׁעט, בֵּיידֶע דִי הָאר פַארְפְּלָאכְטֶען. בְּקִיצוּר דֶער בַּאראַן אִיז אַ בַּאראַן, נָאר דָאס פֶערְד הָאט וַוייטֶער גֶעדַארְט אוּנ גֶעדַארְט נָאךְ עֶרְגֶער וִוי פְרִיהֶער. אִין דֶער אֵייגֶענֶער צַייט הָאט גֶעדִינְט בַּיי דֶעם גֶענֶעראַל אַ יוּדִישֶׁער סָאלְדַאט, וָועהְר אַ גְרויסֶער חָשׁוּב, אוּנ דֶער גֶענֶעראַל פְלֶעגְט קֵיין שׁוּם זַאךְ אָהְן אִיהְם נִישְׁט טְהוּן, עֶר הָאט דֶעם יוּדֶען עֶטְלִיכֶע מֶעדַאלְיֶען גֶעגֶעבֶּען נָאךְ דֶעם הָעוואַסְטָאפָּאלֶער קְרִיעג, ווַייל דֶער יוּדִישֶׁער סָאלְדַאט הָאט בַּאקוּמֶען אֶפְשַׁר אַכְצֶעהְן רַאנְיֶעס. נָאךְ דֶער מִלְחָמָה אַז דֶער סָאלְדַאט הָאט אויסְגֶעדִינְט זַיינֶע פִינְף אוּנ צְוַאנְצִיג יָאהְר אוּנ בֶּעדַארְפְט גֶעמֶען אָטְסְטַאוְקֶע, הָאט עֶר זִיךְ בַּאטְרַאכְט וָואס וֶועט עֶר וַוייטֶער טְהוּן, פוּן וָואס וֶועט עֶר לֶעבֶּען אַז קֵיין גֶעלְד הָאט עֶר נִישְׁט, אַ הֵיים אוֹיךְ נִישְׁט (פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר פוּן דֶער הֵיים, אַ קְלֵיינִיקַייט!) אַ אָרִימַאן אִיז עֶר, דָאס אוּנ יֶענְץ קֶען עֶר נִישְׁט טְהוּן, זַיין גאַנְץ פַארְמֶעגֶען בַּאשְׁטֶעהְט אִין עֶטְלִיכֶע מֶעדַאלְיֶען, מִיט אַ סַךְ רַאנְיֶעס, נָאר מִיט אַזוֹינֶע זַאכֶען וָואס קֶען אַ מֶענְשׁ טְהוּן אויף אַ וֶועלְט וואוּ מֶען דַארְף לֶעבֶּען? דֶער סָאלְדַאט הָאט גֶעטְרַאכְט אוּנ גֶעטְרַאכְט בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר אִיז אַ גְרויסֶער חָשׁוּב בַּיים גֶענֶעראַל, עֶר אִיז צוּ אִיהְם אַרִיבֶּערְגֶעגאַנְגֶען אוּנ הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט: „גְרויסֶער פְּרִיץ! אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דֶעם קֵייסֶר אוּנ דִיר אָבְגֶעדִינְט פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַכְצֶעהְן רַאנְיֶעס מִיט עֶטְלִיכֶע מֶעדַאלְיֶען פַאר מַיין טְרַייֶען דִינְסְט, אִיצְט דַארְף אִיךְ אַרוֹיס פוּן דִינְסְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעלְד, אוּנ ווַייס נִישְׁט וואוּ גֶעלְד צוּ נֶעמֶען, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת!" דֶער גֶענֶעראַל הָאט אִיהְם בַּאלְד אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט זַיין פֶערְד פוּן מִצְרַיִם, דֶער סָאלְדַאט הָאט זִיךְ זֶעהְר דֶערְפְרֵייט פוּן דֶעם גְרויסֶען חֶסֶד, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעקְרִיגֶען אַ וָואגֶעלֶע, אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דָאס פֶערְד אוּנ גֶעוָוארֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה פוּן יְרִידִים אוּנ קְלֵיינֶע יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְטְלֶעךְ. וִוי עֶס פִיהְרְט זִיךְ מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה, פְלֶעגְט עֶר אויסְפָאהְרֶען דִי גאַנְצֶע וֶועלְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין זְלִידְנִיוְקֶע אויפ׳ן יְרִיד. אִיךְ, טְרֵייטִיל, בִּין דֶעמֶעלְט אוֹיךְ גֶעקוּמֶען מִיט מַיינֶע פַארְשׁוּיֶען אוּנ הָאבּ דֶעמֶעלְט גֶעוָואלְט בַּייטֶען מַיינֶע פֶערְד נָאר אִיךְ הָאבּ קֵיין בֶּעלְן נִישְׁט גֶעפוּנֶען, הָאבּ אִיךְ זַיי פַארְקוֹיפְט. אִיךְ גֶעה אַזוֹי אַרוֹם אויפ׳ן יְרִיד אָנְקוּקֶען פֶערְד, הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶעהְן

פְרִיהֶער יֶעקִיל דֶעם קַאלִיקֶע, אִיךְ הָאבּ אִיהְם בַּאלְד גֶעקוֹיפְט. פָּשׁוּט אַ מְצִיאָה, אוּנ טְרַאכְט מִיר אַזוֹי: אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען צוּ אִיהְם אַ פָּאר, וָואלְט גָאר גֶעוֶוען גוּט. אִיךְ גֶעה אוּנ גֶעה אוּנ דֶערְזֶעה אַזוֹי פְּלוּצִים דֶעם יוּדִישֶׁען קָאלְדַאט מִיט דֶעם פֶערְד. בְּרוּדֶער! זָאג אִיךְ אִיהְם, וִוילְלְסְט דוּ נִישְׁט פַארְקוֹיפֶען דַיין הֶערְד? אִיךְ דַארְף עֶס הָאבֶּען צוּ אַ פָּאר אוּנ וַוייז אִיהְם מַיין אָדְלֶער, מִיר הָאבֶּען זַיי צוּגֶעמָאסְטֶען אוּנ זַיי הָאבֶּען גֶעפַּאסְט וִוי גְלַייךְ אַיין מַאמֶע הָאט זַיי גֶעהַאט. אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעדוּנְגֶען אוּנ גֶעדוּנְגֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקוֹיפְט. וֶוען מִיר הָאבֶּען גֶעטְרוּנְקֶען „מָאגָארִיטְשׁ״ הָאט מִיר דֶער סָאלְדַאט גֶעזָאגְט: „פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען, ר׳ טְרַייטִיל, חָאטְשׁ זַיי פַּאסֶען זִיךְ אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן, זָאלְט אִיהְר זַיי נִישְׁט פֶערְגְלַייכֶען״. אוּנ עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְצֶעהְלֶען דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, פּוּנְקְט וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶערְצֶעהְלְט, וִוי אַזוֹי דָאס פֶערְד קוּמְט צוּ אִיהְם אוּנ אַ סִימָן אַז עֶר נַארְט מִיךְ נִישְׁט אָבּ, אַז דָאס פֶערְד לֶעגְט זִיךְ קַיין מָאל נִישְׁט, אוּנ אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַנִידֶערְלֶעגֶען וֶועט עֶס שׁוֹין קַיין מָאל נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעהן, וַוייל עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם וואוּ עֶס וַואקְסֶען ווִילְדֶע עֶלֶעפַאנְטֶען, וָואס לֶעגֶען זִיךְ קַיין מָאל נִישְׁט אוּנ וֶוען זַיי לֶעגֶען זִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז זַיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען. אַז דָאס פֶערְד הָאט בַּאקוּמֶען אַ רַאנֶע אִין סֶעוַואסְטָאפָּאל בַּיי דֶער מִלְחָמָה, זֶעהְט מֶען דֶערְפוּן וָואס עֶס גֶעהְט נָאךְ עַד הַיּוֹם פַארְבּוּנְדֶען מִיט אַ שְׁמַאטֶע, דִי גְרִיוֶוע אִיז עַד הַיּוֹם פַארְפְלָאנְטֶעט אַז קַיין מֶענְשׁ קָאן זִי נִישְׁט אוֹיפְפְלָאנְטֶען, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז וֶוען עֶס אִיז אַ מִצְרַיִם פֶערְד אוּנ הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט, וֶועט עֶס קַיין מָאל נִישְׁט מֶעהְר אוֹיפְשְׁטֶעהן, חָאטְשׁ עֶס זְשִׁיפֶּעט נָאךְ...

— יָא, יָא, הָאבֶּען זִיךְ דִי וַוייסֶע חֶבְרָה אָנְגֶערוּפֶען טְרוֹירִיג, דִי מַעֲשֶׂה אִיז טַאקִי אֱמֶת, עֶר גֶעהְט טַאקִי־פַארְבּוּנְדֶען דֶעם פוּס מִיט אַ שְׁמַאטֶע, עֶר הָאט טַאקִי אַ פַארְפְלָאנְטֶעטֶע גְרִיוֶוע, עֶס אִיז טַאקִי אֱמֶת...

טְרַיינֶע וָואס הָאט בִּיז אַהֶער שְׁטִיל אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט נָאךְ מֶעהְר גֶעקְרֶעכְצְט וָואס פוּן גַאטְס בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען קָאן אַזוֹי וֶוערֶען.

אֵיינִיגֶע הָאבֶּען גְלַאט עֶטְלִיכֶע זִיפְץ גֶעטְהוּן דַארוּף וָואס יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער אִיז אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם גֶענֶעראַל צוּ טְרַייטְלֶען אוּנ פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען לַאנְד מִצְרַיִם אִין דֶעם קְלֵיינֶען יוּדִישֶׁען שְׁטֶעדְטִיל זְלִידְנִיוְוקֶע.

דַאכְט זִיךְ וָואס הָאבֶּען זְלִידְנִיוְוקֶער פְרוּמֶע יוּדֶען אוּנ וַוייבֶּער צוּ זִיפְצֶען אִיבֶּער אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ טְמֵא חַיָּה? נָאר צוּהֶערֶענְדִיג דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ זַיי עֶפִּיס אַלֵיין גֶעזוּיפְצְט.

אִין אֵיינֶעם מִיט זַייעֶר זִיפְצֶען הָאט יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער גֶעטְהוּן דֶען לֶעצְטֶען זִיפְץ....

* * *

דְרוֹיסֶען אִיז שׁוֹין גֶעוָוארֶען וַוייסֶער טָאג. פוּן דִי בֶּערְג הָאלָאוֶועשְׁקִים אִיז שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען וִוי אַ שְׁוַוארְצֶער רוֹיךְ, דֶער עוֹלָם מִיט פַארְשְׁלָאפֶענֶע פְּנִימֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ צוּגֶעהְן, עֶרְשְׁט אִיצְטֶער אַז עֶס אִיז אַבִּיסְל גְרוֹיסֶער גֶעוָוארֶען

הָאט מֶען גֶעקָאנְט זֶעהן ווִי בֶּערִיל פְּלַאסְטֶער, וָואס הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט קָאמַאנְדָאוִוים מִיט גְרוֹיס גַדְלוּת וִוי אַ גֶענֶערַאל אוּנ אוֹיף יֶעדֶען גֶעשְׁרִיגֶען, הָאט אִיצְט אַ פָּנִים גֶעהַאט וִוי אַ שְׁוַוארְץ יָאהְר: דָאס גַאנְצֶע פָּנִים, דִי הֶאנְד אוֹיסְגֶעשְׁמִירְט אִין בְּלָאטֶע אוּנ אִין סַאזְשֶׁע, דִי שְׁפִּיצֶעכִיגֶע יַארְמֶעלְקֶע צוּשְׁפָּאלְטֶען אַז דִי הָאר הָאבֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט, דָאס הֶעמְד, דֶער טַלִית קָטָן צֶערִיסֶען אַז מֶען הָאט דָאס אוֹיסְגֶעשְׁמִירְטֶע הַארְץ אַרוֹיסְגֶעזֶעהְן. טַאקִי פּוּנְקְט וִוי אַ גֶענֶערַאל וָואס נֶעמְט אַיין אַ קְרֶעפָּאסְט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטִיל פַארְטְרַאכְט צוּ גֶעהְן אַהֵיים. דֶער פְּרִיסְטַאוו, דִי דֶעסַיאטְנִיקִים, דֶער בָּאד־גוֹי אוּנ עֶטְלִיכֶע יוּדֶען, זֶענִין צוּגֶעגַאנְגֶען אָנְקוּקֶען פְלַאסְטֶערן; אֵיינִיגֶע הָאבֶען גֶעלַאכְט, גְלַייכֶע וֶוארְטְלֶעךְ גֶעזָאגְט אוּנ חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִיהְם, נָאר דֶער פְּרִיסְטַאוו הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען אַ קְלַאפּ אִין דֶער פְּלֵייצֶע אוּנ גֶעלוֹיבְּט: „מָאלָאדִיעץ בֶּערְקָא״! אִין אַיין וֶועגְס הָאט עֶר אִיהְם עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעצוֹיגֶען בַּיים אוֹיעֶר, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז „בֶּערְקָא״ גֶעפֶעלְט שְׁטַארְק דֶעם פְּרִיסְטַאוו פַאר זַיינֶע „רַאסְפָּארְיַאזְשֶׁענְיֶעס״ בַּיים פָּאזְשַׁאר. אַז דֶער פְּרִיסְטַאוו אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאבֶען דָאס אֵיתֶענֶע אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט, דִי דֶעסַיאטְ־נִיקִים אוּנ אֲפִילוּ דֶער בָּאד גוֹי, ד. ה., אִיהְם גֶעשְׁרִיגֶען „מָאלָאדִיעץ בֶּערְקָא״ אוּנ גֶערִיסֶען בַּיים אוֹיעֶר; חָאטְשׁ בֶּערִיל הָאט זִיךְ וֶוען מֶען הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אוֹיעֶר זֶעהְר פַארְקְרִימְט, נָאר עֶר אִיז פָארְט גֶעוֶוען צוּפְרִידֶען, וַוייל דָאס זֶענִין גֶעוֶועזֶען זַיינֶע שְׁטֶענְדִיגֶע „נַאגְרַאדִים״ נָאךְ יֶעדֶען פָּאזְשַׁאר.

דִי יוּדֶען וָואס זֶענִין דֶערְבַּיי גֶעשְׁטַאנֶען הָאבֶען גֶעשְׁמֵייכֶעלְט, וַוייל זֵיי זֶענִין זֶעהְר צוּפְרִידֶען גֶעוֶוען וָואס דֶער יוּד בֶּערִיל, חָאטְשׁ עֶר אִיז אַ פְרוּמֶער חָסִיד, גֶעפֶעלְט פָארְט דֶעם אָדוֹן דֶעם פְּרִיסְטַאוו אוּנ דִי אֲדוֹנִים – דִי דֶעסַיאטְנִיקִים, זֵיי הָאבֶען פָּשׁוּט בֶּערָלֶען מְקַנֵא גֶעוֶוען פַאר דֶעם גְרוֹיסֶען כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט אִיצְטֶער גֶעהַאט פוּן דֶעם אָרוֹן מִיט דֶער גַאנְצֶער נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא.

VII.

אַ שַׁבָּת׳דִיג פָּאר־פָאלְק.

אִין קְלוֹיז... שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אִין זְלִידְנִיוְוקֶע פוּן תָּמִיד אָן דַאוְונֶען שַׁבָּת זַייגֶער נַיין, נָאר הַיינְט אִיבֶּער דֶעם פָּאזְשַׁאר הָאט מֶען זִיךְ פַארְשְׁלָאפֶען אוֹיף אַ שָׁעָה אוּנ מֶען הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען זַייגֶער צֶעהְן. עֶס אִיז שׁוֹין אָבֶּער עֶלְף אַ זַייגֶער... חָאטְשׁ דֶער חַזָן שְׁטֶעהְט שׁוֹין פוּן אַ שָׁעָה פַאר דֶעם עָמוּד, נָאר מֶען הֶערְט פוּן אִיהְם נִישְׁט קֵיין וָוארְט... אַ גֶעוַואלְד, אַ גֶעפִּילְדֶער אִין קְלוֹיז, עֶס טְהוּט זִיךְ וִוי מֶען זָאגְט אוֹיף טִישׁ אוּנ אוֹיף בֶּאנְק, דִי גַאנְצֶע קְלוֹיז גֶעהְט „הָאדָארָאם״! אוּנ אִיז דֶען עֶפִּים אַ וואוּנְ־דָער? אַ קְלֵיינִיקַייט! אַזַא נַייעֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אִין זְלִידְנִיוְוקַא, מִיט וֶועלְכֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען אִיז טָאג טֶעגְלִיךְ פַארְבּוּנְדֶען! דֶעם מִזְרָח שְׁטָאדְט יוּד, ר׳ אַבְרָהָם׳ל גֶעלֶעס טְהוּט שׁוֹין וֶועה דִי הֶאנְד פַּאטְשֶׁענְדִיג אִין סִידוּר:

שַׁאט שאט לַאז זַיין שְׁטִילֶער, לָאז מֶען הֶערֶען פוּן דֶעם חַזָן אַ וָוארְט, חָאטְשׁ קְדוּשָׁה!

נָאר וֶוער הֶערְט אִיהְם אִיצְטֶער מִיט זַיין שְׁרַייעֶן? אַלֶע רֶעדֶען, אַלֶע פִילְדֶערְן, זָאגֶען דֵעוֹת, אֲפִילוּ יוּנְגְלֶעךְ, וַוייסֶע חֶבְרָה דְרֶעהֶען זִיךְ אוֹיךְ אִין דֶער מִיטְט. יֶעדֶער אִיז אַזוֹי פַארְטְרָאגֶען אוּנ קֵיינֶער הָאט קֵיין צַייט נִישְׁט צוּ זָאגֶען דֶער וַוייסֶע חֶבְרָה: שְׁקָצִים, לָאז זַיין שְׁטִילֶער!" נָאר וָואס הֶערְט מֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען גֶעפִילְדֶער, גֶעשְׁרֵיי אוּנ גֶערוּדֶער? – בָּאד, בָּאד אוּנ וַוייטֶער בָּאד, וָואס וֶועט מֶען טְהוּן אָהְן אַ בָּאד, בּוֹיעֶן אַ נַייעֶ בָּאד, א. ז. וו.

אוּמְגְלִיקְלִיכֶע זְלִידְנִיוְוקֶער! זֵיי הָאבֶּען גֶעבִּיךְ שׁוֹין אִיצְט אוֹיף דֶער הֵייסֶער שָׁעָה גֶעפִּיהְלְט ווי דִי בָּאד גֶעהְט זֵיי אָב וִוי דָאס לֶעבֶּען. דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּתְ'דִיגֶער פַארְגְנִיגֶען אִיז פַארְשְׁטֶערְט גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דֶער מִקְוֶה, אוּנ וָואס פַאר אַ תַּעֲנוּג הָאט דֶען אַ יוּד אִין זְלִידְנִיוְוקֶע? וֶוען נִיט דִי מִקְוֶה! אִיז דֶען גָאר אִיבֶּערְצוּגֶעבֶּען דֶעם יוּדֶענְס פַארְגְנִיגֶען שַׁבָּת פוּן דֶער מִקְוֶה? עֶר חַאפְּט זִיךְ אוֹיף גַאנְץ פְרִיה, זוּמֶער וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גוּטֶער טָאג, עֶר טְהוּט זִיךְ אָן וַוייסֶע וֶועשׁ אוּנ דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע שְׁטֶעקְשִׁיךְ, וָואס עֶר הָאט גֶעבְּטִין אָנְגֶעטְהוּן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דֶעם חַאלַאט מִיט דִי קָאטֶעסֶען, וָואס אֲפִילוּ דֶער גֶעמֵיינֶער בַּעַל בַּיִת, וֶועלְכֶער הָאט נִיט קֵיין גַאנְצֶען סוּרְדוּט, מוּז הָאבֶּען, אָט אַזוֹי אוֹיסְגֶעפּוּצְט שְׁפַּאנְט עֶר מִיט גַדְלוּת אִיבֶּער זְלִידְנִיוְוקֶע, אִיבֶּער אַלֶע גַאסֶען אוּנ גֶעסְלֶעךְ גְלַייךְ צוּ דֶער מִקְוֶה. דֶער גְרוֹיסֶער גַאנְג צוּ דֶער מִקְוֶה גֶעדוֹיעֶרְט גוּטֶע אָנְדֶערְטְהַאלְבֶּען שָׁעָה, חָאטְשׁ עֶר וָואלְט בַּאדַארְפְט הֶעכְסְטֶענְס גֶעדוֹיעֶרְן צֶעהְן, פוּפְצֶעהְן מִינוּט, גַאנְץ זְלִידְנִיוְוקֶע מִיט אַלֶע גֶעסְלֶעךְ אוּנ גַאסֶען אִיז דָאךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ גֶענִיץ, אוֹיף וָואס גֶעהֶען אַוֶועק בַּיים יוּדֶען דִי אָנְדֶערְטְהַאלְבֶּען שָׁעָה? גְלוֹיבְּט מִיר אַז נִישְׁט אוֹיף אוּמְזִיסְט, וִוי אִיהְר וֶועט בַּאלְד אַלֵיין זֶעהְן, נָאר פְרִיהֶער מוּז אִיךְ אַייךְ דֶערְצֶעהְלֶען:

אַ יוּד אַ גַאנְצֶע וָואךְ (חוּץ שַׁבָּת) וֶוען עֶר דַארְף עֶרְגֶעץ גֶעהן, גֶעהְט עֶר נָאר גְלַייךְ, ד. ה. אַהִין וואוּ עֶר דַארְף גֶעהְן, וואוּ עֶר גֶעפִינְט זַיין פַּרְנָסָה, מִיט אַנְדֶערֶע וָוארְטֶער – עֶר גֶעהְט נָאךְ צוּלִיעבּ זַיין אִינְטֶערֶעס, צוּלִיעבּ דֶעם שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט, אוּנ עֶר דַארְף זִיךְ טַאקִי גֶענוּג אָנְגֶעהְן אֵיידֶער עֶר גֶעפִינְט עֶס. וֶוען דֶער יוּד גֶעהְט זִיךְ מִיט זַיין שְׁטֶענְדִיגֶען וֶועג, מֶעג מֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען אַרוּם אִיהְם שְׁרַייעֶן, קְלַאפֶּען, שְׁפִּיעלֶען מַאנְצֶען אוּנ פוֹיקֶען, וֶועט עֶר זִיךְ נִיט נֶעמֶען אָן דֶער זַייט, עֶר וֶועט נִישְׁט אַרָאבְּגֶעהְן פוּן זַיין וֶועג, קֵיין שׁוּם צֶערְשְׁטְרֵייאוּנְג גֶעהְט אִיהְם נִישְׁט אִין קָאפּ אַרַיין, וַוייל זַיין קָאפּ אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פַארְטְרָאגֶען. בֶּעשׁוּלְדִיגְט אָבֶער נִישְׁט דֶעם יוּדֶען דֶערְפַאר וָואס, וִוי אִיךְ הָאבּ מִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, עֶר גֶעהְט נָאר נָאךְ זַיין אִינְטֶערֶעס; מַיינְט נִישְׁט אַז עֶר טְהוּט עֶס וַוייל עֶר אִיז אַיין עֶגָאאִיסְט, וֶוען מֶען קָאן עֶמִיצֶען בֶּע־שׁוּלְדִיגֶען אִיז דָאס גִיכֶער מִיךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אִין אוּנְזֶער אָרִימֶער שְׁפְּרַאכֶע קֵיין בֶּעסֶערְן אוֹיסְדְרוּק וֶועגֶען דֶעם מִיט וָואס דֶער יוּד אִיז פַּארְנוּמֶען, מִיט וָואס זַיין קָאפּ אִיז פַּארְטְרָאגֶען וֶוען עֶר שְׁפַּאנְט אוּנ לוֹיפְט דִי גַאנְצֶע

וָואךְ. אֲפִילוּ זַיין ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער הָאבֶּען טַעֲנוֹת צוּ אִיהְם וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים בַּיי נַאכְט פַּאר וָואס קַיין שׁוּם זַאךְ אִינְטֶערֶעסִירְט אִיהְם נִישְׁט.

– טַאטֶע, מַיין כַּאנְן, זָאגֶען זֵיי צוּ אִיהְם, אַ גַאנְצֶען טָאג זֶעהֶען מִיר דִיךְ נִישְׁט, דוּ לוֹיפְסְט, גֶעהְסְט אַרוּם, בִּיזְט פַּארְטְרָאגֶען מִיט דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, אוּנ אַז דוּ קוּמְסְט שׁוֹין אַהֵיים אוֹיף דֶער נַאכְט, פַּאר וָואס זָאלְסְט דוּ נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אוּנְז דִי צַייט, אָדֶער גֶעהֶן מִיט אוּנְז עֶרְגִיץ, אָדֶער חָאטְשׁ זִיצֶען מִיט אוּנְז דֶעם אָבֶענְד? נֵיין, דוּ גֶעהְסְט בַּאלְד שְׁלָאפֶען, אָדֶער פַארְנֶעמְסְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען אִין דֶער הֵיים שְׁטָאט זִיךְ אָפְּצוּרוּהֶען; מֶעהְר ווִי דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען אִינְטֶערֶעסִירְט דִיךְ גָאר נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען מֶעג אַרוּם דִיר טַאנְצֶען, שְׁפְּרִינְגֶען, גֶעהְט עֶס דִיךְ גָאר נִישְׁט אָן – אֶט דָאס וַוארְפֶען אִיהְם פָאר דָאס ווַייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. הַיינְט קֶאנְנֶען שׁוֹין הָאבֶּען צוּ אִיהְם טַעֲנוֹת פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען פַארְוָואס עֶס גֶעהְט אִיהְם נִישְׁט אָן קַיין שׁוּם זַאךְ?

הָארֶען מִיר אָבֶּער זַיין תְּשׁוּבָה:

– גְלוֹיבְּט מִיר, קִינְדֶער, אַז אִיךְ וָואלְט מִיט פֶערְגְנִיגֶען פַארְבְּרַאכְט בַּיי אַייךְ דֶעם גַאנְצֶען אָבֶענְד, אֲפִילוּ דֶעם גַאנְצֶען טָאג, גְלוֹיבְּט מִיר אַז אִיךְ וָואלְט דָאס גֶעוָואלְט אֶפְשַׁר מֶעהְר פוּן אַייךְ, וָוארוּם אִיךְ וָואלְט דֶערְפוּן גֶעווִיס דָאס גְרֶעסְטֶע פֶערְגְנִיגֶען גֶעהַאט, דֶעסְגְלַייכֶען וָואלְט אִיךְ מִיךְ גֶערְן אָפְּגֶעגֶעבֶּען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכֶען אוֹיךְ, מִיט זַאכֶען וָואס קֶאנֶען יֶענֶעם נוּצֶען בְּרֶענְגֶען אוּנ מִיר פֶערְגְנִיגֶען מַאכֶען, נָאר גְלוֹיבְּט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיף דִי זַאכֶען קַיין צַייט נִישְׁט, אִיךְ לוֹיף מִיךְ אָן אוּנ גֶעה מִיךְ אָן, אִיךְ הָארֶעוֶוע אוּנ פַּארְמוּטְשֶׁע מִיר דֶעם קָאפּ אַ גַאנְצֶען טָאג אַלְץ צוּלִיעבּ דֶער פַּרְנָסָה, אוּנ וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פַארְגֶעס אִיךְ אִין אַלֶעם אֲפִילוּ אִין אַייךְ, מַיין ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער, וּבִפְרַט נָאךְ אִין קְרוֹבִים אָדֶער גָאר אִין פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען, וָואס בֶּעטֶען מִיךְ אַמָאל, אַ טוֹבָה, אִיךְ פַאל אַנִידֶער אוֹיפְן בֶּעט שְׁלָאפֶען, מִיךְ אוֹיסְרוּהֶען נָאךְ דֶעם שְׁוֶוערֶען טָאג.

– פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה ווִי דוּ זָאגְסְט, שְׁטֶעהֶען פוּן אִיהְם נִישְׁט אָבּ דָאס ווַייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶער וָואס וָואהְנְט אִין דֶער אַנְדֶערֶען שְׁטוּבּ פוּן אוּנְז, אוֹיךְ אַ יוּד פוּן פַּרְנָסָה, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ גַאנְצֶען טָאג פַארְנוּמֶען מִיט גֶעשֶׁעפְטֶען, גֶעפִינְט פָּארְט אַבִּיסֶעל צַייט זִיךְ צוּ אִינְטֶערֶעסִירֶען פַאר אַנְדֶערֶע זַאכֶען, עֶר זִיצְט דֶעם אָבֶענְד מִיט זַיין ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער צוּזַאמֶען, אָדֶער גֶעהְט מִיט זֵיי עֶרְגִיץ.

– פְרֶעגְט נִיט אַזוֹינֶע שַׁאֲלוֹת, מִסְתָּמָא הָאט יֶענֶער צַייט, מִסְתָּמָא קָאסְט אִיהְם זַיין צַייט קַיין גֶעלְד נִישְׁט, אָדֶער אַנְדֶערֶע הָאבֶּען צַייט פוּן זַיינְטְוֶועגֶען, צוּ אֶפְשַׁר הָאט עֶר אַ סַךְ גֶעלְד, אָדֶער קַיין מוֹרָא נִישְׁט פַאר פְרֶעמְד גֶעלְד, אִיךְ ווַיים אַלֵיין נִישְׁט, נָאר אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַזוֹינֶע זַאכֶען קַיין צַייט נִישְׁט. –

אוּנ דֶער יוּד גֶעהְט זִיךְ וַוייטֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ גְלַייךְ מִיט זַיין וֶוענִי קוּקְט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אוּם, נִישְׁט רֶעכְטְס נִישְׁט לִינְקְס, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִיהְם נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ...

קוּמְט אָבֶּער שַׁבָּת וֶוערְד דֶער יוּד גָאר אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען, עֶס אִיז גָאר נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְשׁ פוּן דָער גַאנְצֶער וָואךְ; שַׁבָּת פַארְבְּרֶענְגְט עֶר מִיט זַיין ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער,

נאר דאס איז נאך ווענִיג, ער אינטערעסירט זיך פאר יעדער זאך וואס זיינע אויגען זעהען אדער זיינע אויערן הערען, פאר וויכטיגע שטאדטזאכען, אפילו דער ענגלישער מלכה וואס פאר איין מיטטאג זי עסט און וואס פאר קליידער זי טראגט און נאך פאר אזויגע פוסטע זאכען, ער האט אפילו צייט מיט זיין ווייב און קינדער א ווארט צו רעדען.

איצט קאנט איהר פארשטעהן מיט וואס א יוד קען פארברענגען שבת אנדערהאלבען שעה בשעת ער געהט אין חאלאט פון דער היים אין מקוה, דער גאנג אליין דויערט טאקי אפשר פופצעהן מינוט, נאר וואס טהוט ער פארט אין דער איבריגער צייט?

למשל ער געהט זיך רוהיג זיין וועג און דערזעהט פלוצים ליגען אויפן וועג חיים בעריל דעם שדכנס ציעג, דארף מען זיך אבשטעלען, פאר וואס נישט? א יוד האט שבת צייט, ווען רעדן אז ניט שבת? א יוד דארף פון יעדער זאך וויסען און זיך פאר יעדער זאך אינטערעסירען, נישט אומזיסט זאגט מען אז יודען זענין ציקאווע! דארף מען א טארע טהון די ציעג, די ציעג שטעהט אויף און טרעסעלט זיך אב, ער באטראכט זי פון דעם קאפ ביז צו די פיס, ער שאצט זי אב: חיים בעריל האט זיך פאר מיר געריהמט אז ער האט געהאנדעלט זיין ציעג א כשרה מציאה אויף דעם בולאנאווקער יריד, זי קאסט איהם פינף קערבלעך און גיט איהם פיער קווארט מילך א טאג – צוויי אין דער פריה און צוויי פאר נאכט. קוקענדיג אויף דער ציעג שטעהט ער אזוי אביסל און טראכט: ניין, עס קען נישט זיין אז די ציעג זאל געבען פיער קווארט מילך, איינס פון ביידע – אדער זי גיט נישט אזוי פיעל מילך, אדער זי קאסט מעהר פון פינף קערבלעך. אי צו וואס האט מיך חיים בעריל אבצונארען און זיך באריהמען אז ער האט געהאנדעלט א מציאה – ווייס איך נישט. אפשר ווילל ער זי פארבייטען און פערזיכערט דערפאר אז זי גיט פיער קווארט... אזוי געהט ער זיך ווייטער און עס פארשטעהט זיך אז פריהער גיט ער נאך אמאל א טארע די ציעג, אז זי אליין זאל מיינען ער איז א מבין אויף איהר.

ווייטער געהענדיג דערזעהט ער ווי שמערקע טאראראם, וועלכער בויעט איבער זיין שטיבל איז שוין האלב פארטיג, א האלבער דאך איז שוין געדעקט, דריי וואנד זענין שוין ארומגעקלעבט מיט ליים, לאבער אויף פענסטער זענין שוין אויך דא און גלאט אזוי א לאנגער סלופ איז אנגעשפארט צו דער שטוב, נא דארף מען זיך אבשטעלען און קוקען ווי שמערקע טאראראם בויעט זיין שטוב, פארט א בן עיר, ווי וועט ער מיך אמאל נישט פרעגען: הירשעל! ווי געפעלט דיר מיין שטוב? און ווען האט א יוד צייט צו באטראכטען אזויגע זאכען אז ניט שבת? ער נעמט צונויף דעם חאלאט אין איין האנד, דרעהט מיט דער אנדערער האנד ביידע קוואסטען און דעם קאפ פארריסען ווי איין ארחיטעקטאר שטעלט ער זיך באטראכטען די סטראיעניע, מסתמא געפעלט זי איהם נישט, ווארום נאך זיין פלאן דארפען גאר די פענסטער, דער דאך א. ז. וו. אויסקומען אנדערש. היינט וואס האט דא צו טהון דער סטאלב? אויף וואס איז ער? ביי דעם סטאלב שטעלט ער זיך טאקי, ער קלערט אהין און אהער און בלייבט ווייטער נישט צופרידען מיט שמערקעס סטראיעניע, ער בארעכענט אין דער

זיך אויפן קאפ און אויף די פינגער וויפיעל עס טרעפט אן דער דאך, די וואנד, די פענסטער און דאס גאנצע הויז און קלערט אז טאמער וועט עס קאסטען וואלוועל איז כדאי, און געהט זיך ווייטער אוועק און שטעלט זיך ווייטער אב ביי עפים נייעס.

נאר איז דען מעגליך אויסצורעכענען וויפיעל מאל א יור שטעלט זיך אב ווען ער געהט אין מקוה? דא האט ער דערזעהן א נייעם געפארבטען לאדען, דא איין אויס־געשלאגען פענסטער, איין אלט הויז וואס מען האט איהם געזאגט אז מען וויל עס איבער בויען, דא ר׳ שלמה׳ס צוויי האלענדישע קיה וועלכע ריהמען זיך אין זלידניקע אז זיי גיבען ביידע דרייסיג קווארט מילך אלע טאג א. ז. וו.

אט איז ער שוין צוגעקומען צום בארג וואו מען לאזט זיך גלייך אראב אין באר אריין, דאכט זיך אז דא זענען שוין נישט דא אזויגע זאכען וואס זאלען איהם אבשטעלען און איבערשלאגען דעם וועג. נאר ניין, דא באגעגענט איהם איינער וועלכער געהט שוין פון דער מקוה, שטארק איינגעהילט אין חאלאט, עס קאפיט איהם פון דער נאז און פון דער בארד און פאות.

– גוט די מקוה? פרעגט איהם דער וואס לאזט זיך אראב פון דעם בארג.

– בא... טהייער, גוט ווי די וועלט, ר׳ הירשעל, פשוט א דערקוויקעניש, געהט געהט גיכער, ענטווערט איהם דער וואס לאזט זיך בארג ארויף און איילט זיך אהיים.

– א, זעהר יואהל, איז ווארים די מקוה ר׳ געצעל? פרעגט ער ווייטער אראב־געהענדיג פון דעם בארג.

– ווארים ווארים, ר׳ הירשעל, שרייט ער איהם נאך.

– ווי קומט עס, א וואונדער חלעבען, פרעגט ווי זיך אליין ר׳ הירשעל און איז שוין אראב פון בארג און איז שוין באלד אין באד.

– איך האב זיי דארט אויך אזוי געזאגט, האט זיך ר׳ געצעל פלוצים אבגע־שטעלט, וועלכער איז שוין געוועזען אויפ׳ן בארג, און זיי האבען מיר געדרונגען, באשר זעליג סמיטע דוואשעס האט מיר געזאגט אז פינע טינטלער האט געזאגט אז ער וועט באשרייבען אונזער באד אין די גאזעטען, האט זיך דער באדער מיט דעם שוחט דערשראקען, ווי מיינט איהר ר׳ הירשעל? האט מען זיך דא וואס צו דער־שרעקען? וואס איילט איהר זיך אזוי ר׳ הירשעל?

ר׳ הירשעל וואס האט שוין געזאלט אריין אין באד האט זיך אומגעקעהרט, אקעגען געגאנגען געצלען ביז אין מיטען בארג, איינער דעם אנדערן האט געזאגט „א גוט שבת״.

– מהיכא תיתי וואס האט מען זיך צו איילען? האט זיך ר׳ הירשעל אנגערופען, עס איז דאך שבת, ווען האט א יור צייט זיך אבצוגעבען מיט וועלטזאכען אז נים שבת? יא, נאר וואס איהר זאגט וועגען גאזעטען, וואס האט מען זיך צו שרעקען פאר גאזעטען? מילא וואס מען שרייבט?

– איך ווייס? איך האב אויך אזוי געזאגט, האט מען געענטווערט אז גאזעטען שרייבען אויף מלחמה, צום סוף, ווער, וואס, ווען? מען הארט ניט און מען זעהט ניט,

און זֶעלִיג סְטִיסֶע דְוָואשֶׁעס זָאגְט אַז הַלְוַאי וָואלְט פִּינֶע טִינְטְלֶער אַלֶע וָואךְ וֶועלֶען בֶּעשְׁרַייבֶּען אִין גַאזֶעטֶען, וָואלְטֶען מִיר אַלֶע שַׁבָּת גֶעהַאט אַ וַוארְמֶע מִקְוֶה. אִיךְ הָאבּ אִיהְם אָבְּגֶעדְרוּנְגֶען אוּנ מִיר הָאבֶּען נָאר וָואס גֶעהַאט צְווִישֶׁען זִיךְ אַ גַאנְץ מַחְלוֹקֶת, וִוי מֵיינְט אִיהְר?

– אִיךְ דְרִינְג אוֹיךְ אַזוֹי, אָדֶער זָאל דָאס אַנְדֶערְשׁ זַיין, קֶען עֶס דָאךְ נִישְׁט זַיין. נָאר ר׳ גֶעצִיל מִיר וֶועלֶען נָאךְ רֶעדֶען הַיינְט דֶערְפוּן. זֶעלִיג סְטִיסֶע דְוָואשֶׁעס דַאוֶוענְט נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין קְלוֹיז, חָאטְשׁ זַייט עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם רֶבִּין הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ דַאוֶונֶען אִין אַלְטֶען בֵּית הַמִּדְרָשׁ. נָאר לָאז זַיין, אַ גוּטֶען שַׁבָּת, ר׳ גֶעצֶעלֶע, מִיר וֶועלֶען זִיךְ נָאךְ זֶעהְן, אִיךְ אַייל אִין וַואסֶער אַרַיין.

– אַ גוּטֶען שַׁבָּת, הָאט אַ גוּטֶען שַׁבָּת, ר׳ הִירְשֶׁעלֶע, אִיךְ אַייל זִיךְ אוֹיךְ, אִיךְ מוּז וַוייזֶען חַייקֶעל דְרַאנְג אַז מֶען וֶועט זִיךְ שְׁטֶעלֶען דַאוֶונֶען אֵיידֶער עֶר וֶועט קוּמֶען, אִיךְ מוּז אִיהְם וַוייזֶען אַז דָאס וָואס עֶר הָאט מִיט זַיין בְּתוּלָה אַ שִׁידוּךְ גֶעטְהוּן מִיט יֶענְקִיל קָאסְטִילָאנֶוער, אִיז עֶר נָאךְ גָאר בַּיי אוּנְז קֵיין מְיוּחָס נִישְׁט, עֶר מֵיינְט עֶס זֶענִין אִיהְם דִי הַקָּפוֹת, נָאר... נָאר אַ גוּטֶען שַׁבָּת אַייךְ, ר׳ הִירְשֶׁעלֶע, מַיין פְּלוֹנִית׳טֶע וַוארְט אוֹיף מִיר מִיט טְהֶעע.

גֶעצִיל גֶעהְט אַוֶועק אַהֵיים מִיט גִיכֶע שְׁפְּרִינְגֶענְדֶע שְׁפַּאנֶען אוּנ ר׳ הִירְשֶׁעל לָאזְט זִיךְ וַוייטֶער אַרָאבְּגֶעהְן פוּן דֶעם בַּארְג, נָאר שׁוֹין אַ בִּיסֶעלֶע גִיכֶער. דָא פַּארְטְשֶׁעפֶּעט עֶר זִיךְ מִיט חַיִּים דֶעם רוֹיטְהֶעעָן וֶועלְכֶער גֶעהְט שׁוֹין אוֹיךְ פוּן דֶער מִקְוֶה, מֶען זָאגְט זִיךְ אַ „גוּט שַׁבָּת", מֶען פְרֶעגְט וַוייטֶער צוּ דִי מִקְוֶה אִיז וַוארֶעם, מֶען פַּארֶערְט זִיךְ וַוייטֶער אַבִּיסל פוּן וֶועלְטְזַאכֶען. דֶערְנָאךְ בַּאגֶעגֶענְט מֶען זִיךְ מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע א. ז. וו. בִּיז גָאטְט הֶעלְפְט ר׳ הִירְשֶׁעל קוּמְט אִין מִקְוֶה. דָא דַארְף מֶען זִיךְ בְּוַודַאי אָבְּרוּהֶען אוֹיף דֶער צְוֵוייטֶער בַּאנְק וואו אַ גַאנְצֶער עוֹלָם זִיצְט אוּנ מֶען רֶעדְט פוּן וֶועלְטְזַאכֶען. ר׳ הִירְשֶׁעל מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אוּנ דְרִינְגְט פוּנְקְט פַּארְקֶעהְרְט אוּנ דֶערְוַוייזְט מִיט דִי פִינְגֶער אַז עֶס אִיז אַקוּרַאט קַאפּוֹיר.

אִיצְט קֶענְט אִיהְר שׁוֹין פַּארְשְׁטֶעהְן אַז עֶס מוּז דוֹיֶערְן בַּיי אַ זְלִידְנִיוְוקֶער יוֹרֶען פוּנְקְט אָנְדֶערְטְהַאלְבֶּען שָׁעָה אֵיידֶער עֶר קוּמְט פוּן דֶער מִקְוֶה אַהֵיים. אִין דֶער הֵיים הֵייבְּט זִיךְ עֶרְשְׁט אָן אַ נַייֶער עוֹנֶג שַׁבָּת; ר׳ הִירְשֶׁעלֶעס וַוייבּ דְרֶעהְט זִיךְ אִיצְט אַרוּם אִין שְׁטוּבּ מִיט אֵיין אָבְּגֶעוַואשֶׁען פָּנִים אוּנ מִיט אֵיין אוֹיסְגֶעוַואשֶׁען קְלֵיידֶעל לְכָבוֹד שַׁבָּת, אַז ר׳ הִירְשֶׁעל אַלֵיין קְוֶועלְט. נָאר אָן פוּן אִיהְר. אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאט אַ יוּד קֵיין צַייט נִישְׁט אָנְצוּקוּקֶען זַיין וַוייבּ, אָבֶּער שַׁבָּת הָאט עֶר אֲפִילוּ צַייט אוֹיסְצוּ־הֶערֶען וִוי זִי פֶּעסְטֶעט זִיךְ פַאר אִיהְם דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעזוּימְט אִין מִקְוֶה.

– אִיךְ פַּארְשְׁטֶעה דִיךְ נִישְׁט, הִירְשֶׁעל, טַעֲנָהט זִי צוּ אִיהְם, וָואס אִיז, אִיךְ בִּין עֶפִּים בַּיי דִיר נִישְׁט קֵיין יִדִישֶׁע טָאכְטֶער, עֶס אִיז גֶענוּג וָואס אִיךְ בִּין צוּ דִיר פַּאר־קוֹיפְט וִוי אֵיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי אַ גַאנְצֶע וָואךְ, זָאל אִיךְ נָאךְ פוּן קֵיין שַׁבָּת נִישְׁט וִויסֶען, אֲפִילוּ נִישְׁט קֶענֶען גֶעהְן אִין שׁוּל אַרַיין?

וֶוער לָאזְט דִיךְ נִישְׁט גֶעהן אִין שׁוּל אַרַיין? פַאר וָואס בִּיסְט דוּ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בִּיז אַהֶער?

– וָואס הֵייכְט אִיךְ זָאל גֶעהְן בִּיז אַהֶער? אוּנ דִי טְהֶעע?

– קֵיין קַאטָאוֶועס נִישְׁט דִי טְהֶעע! הָאסְט דוּ גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען.

– אִיךְ פַארְשְׁטֶעה דִיךְ נִישְׁט, עֶפִּים מֵיינְסְט דוּ אַז אִיךְ בִּין עֶרְגֶעץ אוּנְטֶערְן אוֹיוִוין אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען אוּנ וֵוייס גָאר נִישְׁט וִוי מִיט אַ מַאנְן זִיךְ צוּ פִיהְרֶען? בְּוַודַאי הָאבּ אִיךְ עֶס בַּיי דִיר פַארְדִיעְנְט! דַאכְט זִיךְ אַז פְרִיהֶער גָאטְט אוּנ דֶערְנָאךְ אִיךְ שְׁטֶעהְסְט דוּ נָאךְ אוֹיף דִי פִּיס. אִיךְ זָאל נִישְׁט אַיינְבְּרֶענְגֶען וָואס וָואלְט גֶעוָוארֶען פוּן דִיר מִיט דִי קִינְדֶער... בַּיי דִי וֶוארְטֶער צוּוַויינְט זִי זִיךְ אַבִּיסל, ר׳ הִירְשֶׁעל נֶעמְט זִי אַיין, וַוייל עֶר וַוייסְט אוּנ פִיהְלְט אַז זַיין וַוייבּ אִיז ח״ו אוֹיף אִיהְם נִישְׁט בֶּאז, נָאר זִי פֶּעסְטֶעט זִיךְ גְלַאט אַזוֹי פַאר אִיהְם אוּנ מַאכְט חֲנְדְלֶעךְ, וָוארוּם וֶוען דֶען הָאט אַ יוּדִישֶׁע פְרוֹי צַייט זִיךְ צוּ פֶּעסְטֶען פַאר׳ן מַאנְן אַז נִיט שַׁבָּת?

– נָא זָאג אַלֵיין וָואס הָאסְט דוּ דִיךְ צוּוֵויינְט? וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר אַזוֹינְס גֶעטְהוּן?

– דָאס אִיז טַאקִי דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס פַארְשְׁטֶעהְט גָאר נִישְׁט. אִין דֶער אֶמֶת׳ן אִיז עֶס גָאר קֵיין וואוּנְדֶער נִישְׁט, זַייט אִיךְ הָאבּ דִיךְ דֶערְקֶענְט הָאסְט דוּ מִיר פַארְוִויסְט מַיינֶע יָאהְרֶען. דוּ מֵיינְסְט אַז מַיין פָּנִים אִיז טַאקִי תָּמִיד גֶעוֶועוֶען אַזוֹי פַארְוִויסְט? נֵיין, עֶס אִיז נָאר זַייט אִיךְ בִּין צוּ דִיר אָנְגֶעקוּמֶען... אָבֶער פְרִיהֶער? הָאט מֶען מִיר דֶען נִישְׁט גֶערֶעדְט דִי גְרֶעסְטֶע שִׁידוּכִים? זַיי זֶענִין הַיינְט גְבִירִים, אַדִירִים, רַבָּנִים, אוּנ זַייעֶרֶע וַוייבֶּער זֶענִין בַּיי זַיי קַאיְסֶערִינֶעס, אוּנ מַיין טַאטֶע הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט...

– וֵוייסְט דוּ וָואס? אַט וֶועלֶען מִיר אי״ה אִיבֶּער דְרַיי יָאהְר חֲתוּנָה מַאכֶען אוּנְזֶער קְלֵיינְסְטֶער טָאכְטֶער, אוּנְזֶער מוּזִינְקֶע, וָועלֶען מִיר זִיךְ גֶטֶען אַז דִיר גֶעפֶעלְט נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ.

– אִיךְ פַארְשְׁטֶעה דִיךְ נִישְׁט, הִירְשֶׁעל, עֶפִּים הַאלְסְט דוּ מִיךְ גָאר פַאר אַיין אַלְטֶע יוּדֶענֶע וָואס דוּ מַאכְסְט פוּן מִיר חוֹזֶק.

– וָואס דֶען מֵיינְסְט דוּ? אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ יוּנְג וַוייבֶּעל?

– אַוַודַאי קֶען אִיךְ בַּיי דִיר זַיין אַ יוּנְג וַוייבֶּעל אַז דוּ פַארְוִויסְט מִיר מַיינֶע יָאהְרֶען, אֲפִילוּ אַ בַּת מַלְכָּה קֶען אוֹיךְ בַּיי דִיר וֶוערֶען אַלְט וּבִפְרַט נָאךְ אִיךְ – אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער. זָאג אַלֵיין בִּין אִיךְ דֶען אַזוֹי גֶעוֶוען אַיידֶער אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִיר, ווָאוּ דֶען בִּין אִיךְ אַלְט אוּנ פַארְפִינְסְטֶערְט גֶעוָוארֶען אַז נִיט בַּיי דִיר?

– זָאג מִיר, זָאלְסְט מִיר לֶעבֶּען אוּנ גֶעזוּנְד זַיין, מִיט וָואס הָאסְט דוּ עֶס אַזַא שְׁלֶעכְטֶע וֶועלְט בַּיי מִיר?

– אִיךְ וֵוייס, אִיךְ קֶען מִיךְ דֶען אָנְגֶעדֶענְקֶען יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ וֵוייס נָאר אַז זַייט אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִיר בִּין אִיךְ פַארְשְׁוַוארְצְט אוּנ פַארְפִינְסְטֶערְט, אוּנ דֶער קָאפּ אִיז מִיר, אוֹיף מַיינֶע שׂוֹנְאִים גֶעזָאגְט, אַזוֹי פַארְשְׁלָאגֶען, אוּנ דוּ ווִילְלְסְט נָאךְ אַז אִיךְ זָאל דִיר אַלְץ גֶעדֶענְקֶען. אָט גְרָאד אִיצְטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמָאנְט אַז אֲפִילוּ קֵיין שַׁבָּת

האָב איך בײַ דיר נישט, אֲפִילוּ שַׁבָּת בִּין איך צו דיר פַארקויפט אַז איך קֶען אֲפִילוּ נישט געהן אין שוּל אַריין, אָנקומען גלייך מיט אַלע ווייבער, איך מוז זיצען און וואַרטען אויף דיר צוויי שָׁעָה בִּיז וואַנען דו וועסט קומען פון דעם וואַסער.

–װער האָט דיך געהייסען וואַרטען?

–נאָ, סְטַייטְשׁ די טהעע?

–איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט אַז דו האָסט געקאָנט טרינקען מיט די קינדער און מיר איבערלאָזען די טהעע...

– בײַ דיר איז אַלץ אַ קְלֵיינִיקַייט, אַ גאָר נישט, פון דיינטוועגען דאַרף זיך שַׁבָּת פִּיהרען ווי אין דער וואָכען, מען זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, דיך וואָלט נישט געאַרט אַז מען זאָל דיך שַׁבָּת אויך נישט האָבען ביים טיש, און ווען דו זאָלסט האָבען איין אַנדער ווייב, וואָלט טאַקי אַזוי געווען, וואָלסט געהאַט שַׁבָּתִים נישט בעסער פון דער וואָכען, נאָר איך טראָג אַלץ איבער.

הירשעל זעהט אַז זיין ווייב איז געריכט זאָגט ער צו איהר מיט אַ געלעכטעריל:

– איך ווייס אַז דו ביסט אַ וואוילע, אַ געראָטהענע און ביסט גערעכט, נאָר וואס זאָל איך טהון? אומשטיינס געזאָגט, אַ גאַנצע וואָך האָט מען קיין צייט נישט, נאָ, און שַׁבָּת אויך? אַז מען געהט באַגעגענט מען אַ מענשען, אָט איז ערשט אויף שַׁבָּת געקומען חַיִּיקִיל דְרָאנְג פון דעם רַבִּין זאָל לעבען און איך האָב איהם געטראָפען אין וואַסער, נאָ ווי אַזוי פרעגט מען איהם נישט פון דעם רַבִּין, וואס און ווער און ווען, אויף דארויף איז מען דאָך אַ יוד, און אָט האָב איך באַגעגענט זעליג סְטִימְסֶע דְוָואשֶׁעס, ער האָט מיר דערצעהלט עטליכע נייעס פון דער שטאָדט, און חַיִּים דעם רוימהען קען מען אויך נישט אָנשפייען אין פָּנִים. וואס מיינסט דו עס? אַ מאַנסביל איז עפּיס אַ יודענע וואס ווייסט נישט מעהר ווי ווייבערשע זאַכען?

די פְּלוֹנִית׳טע זעהט ווי איהר מאַנן איז טאַקי באֶמֶת נישט קיין פוסטעפּאַסניק און אַז ער האָט זיך אַזוי לאַנג געזוימט אין וואַסער, מסתמא האָבען איהם מענשען פאַרהאַלטען, און בֶּאֱמֶת טאַקי איז דאָך אַ מאַנסביל נישט קיין יודענע, זי געפינט אַז ער איז גערעכט און נעמט אַראָב די טהעע פון דעם אויבען, די געדיכטע פאַרע פון דעם טהעע געהט ביז אין דער סטעליע און מען טרינקט די טהעע אַז עס איז פָּשׁוּט אַ פערגניגען. הירשעלע זופט די טהעע מיט גרוים גַדְלוּת, טאַקי ווי נאָך דער מִקְוָה, און זיין ווייב בְּוַדַּאי, דען זי האָט זיך אַבִּיסל אויסגערעדט פאַר׳ן מאַנן, אַבִּיסל זיך געפּעסטעט, אַבִּיסל איהם געוויזען אַז מען איז אויך אַמאָל געווען אַ מענש און ער האָט געמוזט מוֹדֶה זיין און לאָז ער טאַקי וויסען אויף איין אַנדער מאָל אַז אַ ווייב איז אויך אַ מענש...

נאָר, בִּין איך דען אים שטאַנד אייך אַלץ איבערצוגעבען וואס ר׳ הירשעלעס ווייב טראַכט בְּשַׁעַת זי טרינקט טהעע שַׁבָּת אין דער פְרִיה, ווען דער מאַנן קומט פון דעם וואַסער? נאָך דעם וואס זי האָט זיך אויסגעפּעסטעט פאַר איהם און ער האָט זי געפונען פאַר גערעכט, זי איבערגעבעטען, איהר געמאַכט עטליכע קאָמפּלימענטען און

װער װייסט — אפשר האט ער זי נאך אָנגענומען בײַ דער האַנד און אַ גלעט געטהון איבערן פּנים: אַז זי איז זיבּין מאָל רויטה געװאָרען און האט איהם געזאָגט: געה שוין אַװעק שלאַק, שעם דיך חאָטש פאר דײַנע אײגענע קינדער! — זי איז העכסט צופרידען און פיהלט זיך גליקליך. אַ סימן: װעהט נאר מיט װאס פאר אַ ליעבשאַפט, מיט װאס פאר אַ גדלות זײַ געהען בײדע צוזאַמען אין שול אַרײַן, זי מיט איהר אַטלאַסענער שבּת׳דיגער יופּע נאך פון דער חתונה, אָנגעטהון אויף איין אַרבּעל; ער אין דער שבּת׳דיגער ראַדזשיװאַלקע (אויבער מלבּוש אויך פון דער חתונה), אָנגעהאָנגען אויף בײדע אַקסלען צוחראַסטעט, און שפּאַנען בײדע מיט אַזאַ גרויסקייט אַז קיינער איז זײַ באמת נישט גלײַך. פאר זײַ לויפט אַ קליין יונגעל, אַ װײַסע־חברה׳ניק, אָדער אַ קליין מײדעל, זייערס אַ קינד, אָדער איין אייניקעל, אָדער אַ פרעמד יונגעל, װאס האט זיך פאַרדונגען בײַ זײַ פאר אַ לעקעכל פון דעם קידוש מיט צװײ גראָשען צאָהלען נאך שבּת און דערפאַר טראָגט ער אין שול אַרײַן ר׳ הירשעלס װײַבּס „קרבּן מנחה", װעלכער איז גרעסער פון איהם אַלײן, ר׳ הירשעלס ספרים מיט אַ קנײטש װעלכע ער באַנוצט בײַם דאַװענען, חוץ דעם זענען דעם קינדס קעשענים אָנגעלאָדען מיט ר׳ הירשעלס שבּת׳דיגע פּושקע טאַבּאַקע, זײַן בּרילל, דעם װײַבּס נאָז־טיכל, הײַנט פאר זיך אַלײן נאַפּאָס ער זאָל חו"ש אין קלויז נישט שטאַרבּען פאר הונגער: עטליכע שטיקלעך קוילעטש װאס זענען געבּליבּען פון דעם פרײַטאָג צונאַכטס טיש, אויסגעשמירט מיט עטליכע פלוימען פון דעם צימעס, און נאך אַזױנע קלײניקייטען.

— װאָס געהסטו דו אַזוי פּאַװאָליע? זאָגט דאס װײַבּ, מען קען שוין האַלטען איך װיים נישט װאו, איך זאָל חאָטש אָנקומען צו „ברכו".

נאר ער געהט אַלץ פּאַװאָליע און ענטװערט איהר:

— װאָס אײַלסטו דיך אַזוי? האָב קיין מורא נישט, מען װעט זיך אָהן מיר נישט שטעלען דאַװענען, פאר אַכט־טאָגען שבּת האָבּען זײַ געהאט פון מיר אַ מיאוסען פּסק, זײַ װעלען שוין פאַרזאָגען דעם צעהנטען — באַריהמט ער זיך פאַרן װײַבּ, און זי װערד בײַ זיך גרױס מיט דעם װאס איהר מאַנן זאָגט דעות אין קלױז און מען װאַרט אויף איהם מיט דעם דאַװענען, נאר פון דעסטװעגען זאָגט זי איהר אָנגעלאָדענעם קינד:

— לויף, מײַן טהײַערער, אין דער גיך און קום מיר זאָגען װאו מען האַלט שוין מיט דעם דאַװענען אין קלויז.

אָט אַזוי געהט אַ זלידניװקער יוד שבּת אין שול דאַװענען, און אַז ער קומט שוין אַרײַן אין קלויז איז טאַקי פּשוט אַ פערגניגען צו קוקען אויף איהם און אויף יעדען; די פּאות, די באָרד זענען נאך נישט גאַנץ טרוקען פון דער־מקוה, דאס פּנים, די נאָז, דער שטערן גלאַנצען נאך פון דעם מקוה־װאַסער, עפּעס פיהלט מען פון אַלע זײַטען דעם ריח פון מקוה־װאַסער, מען פיהלט זיך שבּת׳דיג אין אַלע גלידער.

VIII.

דְוָואשֶׁע פִּילְדֶערְט.

נָאר אִיצְטֶער . . . אַךְ אִיצְטֶער ! . . . חָאטְשׁ מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוְנֶען, נָאר יֶעדֶער הָאט זִיךְ גָאר נִישְׁט גֶעפִיהְלְט שַׁבָּתְ׳דִיג. אַ קְלֵיינִיגְקֵייט צוּ זָאגֶען. קֵיינֶער אִיז הַיינְט נִישְׁט גֶעוֶועֶן אִין מִקְוָה, פַארְשְׁפָּארְט מֶען צוּ בַּאגֶעגֶענֶען זֶעלִיג סְטִיסֶע דְוָואשֶׁעס, זִיךְ אָבְצוּשְׁטֶעלֶען אַבִּיסל אִיבֶּערְשְׁמוּעסֶען פוּן וֶועלְט זַאכֶען, אָנְקוּקֶען דֶעם שָׁכֵנְס סְטְרָאיֶענִיֶע, צוּ הֶערֶען אוֹיף דֶער בַּאנְק אִין בָּאד נַייֶעס, דָאס וַוייבּ פַארְשְׁפָּארְט קְלָאמֶערְשְׁט בְּרוֹגֶז צוּ וֶוערֶען, זִיךְ צוּ פֶּעסְטֶען בַּיי דֶער טְהֶעע, זִיךְ דֶערְנָאךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטֶען, וָואס עֶס אִיז טַאקִי אַ פֶּערְגְנִיגֶען, הַיינְט אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִין קְלוֹיז הָאט מֶען גָאר אַ פָּנִים גֶעהַאט וִוי אַ שְׁוַוארְץ יָאהְר, וִוי אַ נֶאכְטִיגֶער : דִי בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת צוּבָּארְשְׁטֶען, פַארְדַארְט, דָאס פָּנִים פַארְטְרִיקֶענְט, אִין גַאנְצֶען פִיהְלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט שַׁבָּתְ׳דִיג.

– מֶען דַארְף נָאךְ הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת זֶעהְן עֶס זָאל וֶוערֶען גֶעלְד אוּנ מֶען זָאל אי״ה טַאקִי בַּאלְד נָאךְ שַׁבָּת אָנְהוֹיבֶּען בּוֹיֶען אַ בָּאד, הָאבֶּען אַלֶע גֶעשְׁרִיעֶן.

– לָאז זַיין שְׁטִילֶער, לָאז מֶען חָאטְשׁ דֶעם חַזָן לָאזֶען אָבְדַאוְונֶען, פַּאטְשֶׁען אִין סְדוּר דִי מִזְרָח-יוּדֶען.

פְּלוּצִים זֶענִין מִיט אַ גְרוֹיס גֶעפִילְדֶער אוּנ גֶעוֵויין אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין קְלוֹיז ר׳ טְרַייטִיל מִיט טְרַיינֶען אוּנ דְוָואשֶׁע דִי טוּקֶערִין אוֹיךְ:

– וָואס הָאט אִיהְר מִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער ? הָאבֶּען טְרַייטֶעל מִיט טְרַיינֶען צוּזַאמֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן אוּנ וַויינֶען, וָואס דַארְף אִיךְ אָבְקוּמֶען פַאר גַאנְץ קָהָל ? הָאבֶּען זֵיי וַוייטֶער גֶעשְׁרִיעֶן, עֶס אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען דִי בָּאד, וָואס זְשֶׁע בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג ? וָואס אִיז מַיין מַאנְן שׁוּלְדִיג ? עֶר זָאל בְּלַייבֶּען אָהְן אַיין עֶגְלָה ? אִיךְ וֶועל פוּן דַאנֶען נִישְׁט אַוֶועקְגֶעהְן בִּיז קָהָל וָועט מִיר נִישְׁט בַּאצָאהְלֶען פַאר מַיינֶע שְׁקַאפֶּעס, וָוארוּם וָואס זֶענִין זֵיי שׁוּלְדִיג ?

אַ מִזְרָח-יוּד הָאט עֶפֶּעס גֶעוָואלְט עֶנְטְוֶוערְן אוּנ דֶער רָב הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְמִישֶׁען, נָאר דְוָואשֶׁע מִיט אִיהְר גְרִילְצֶענְדִיג הֵייזֶערִיג קוֹיל הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען. אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִיךְ אֲפִילוּ דְוָואשֶׁע שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט, וַוייל וֶוען הָאט זִי זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אַ מַאנְסְבִּילִישֶׁער שׁוּל ? נָאר אִיצְטֶער אַז זִי הָאט גֶעזֶעהְן וִוי גָאטְ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעשְׁטְרָאפְט יוּדִישֶׁע טֶאכְטֶער פַאר זַייעֶרֶע גְרוֹיסֶע זִינְד, הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען מִיט הַארְץ, ד. ה. זִי אִיז גָעגַאנְגֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם, נָאר אָנְשְׁטָאט וָואס זִי הָאט גֶעוָואלְט רֶעדֶען, הָאט זִי זִיךְ גָאר צוּוֵויינְט אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער קְלוֹיז אַז אַלֶע זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטִיל.

– וָואס וַויינְט אִיהְר ? וָואס ווִילְט אִיהְר דְוָואשֶׁע ? הָאט מֶען זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פְרֶעגֶען.

– סְטַייטְשׁ, הָאט זִי גֶעזָאגְט אוּנ זִיךְ אוֹיסְגֶעווִישְׁט דִי אוֹיגֶען מִיט דֶעם שַׁבָּתְ׳דִיגֶען פַארְטוּךְ אוּנ נָאךְ אַבִּיסל גֶעחְלִיפֶּעט אַזוֹי אַז פַּיוִויש פָּאפַאטְשׁ, וֶועלְכֶער אִיז אִיצְט גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְ׳ן בַּאלֶעמֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זִיפְצֶען אוּנ צוּ קְרֶעכְצֶען. – סְטַייטְשׁ, אִיהְר פְרֶעגְט

וָואס איך וויין? פּאר וָואס זָאל איך נִישְׁט וויינֶען? אויף וָואס איך בּין גָאר גֶעבּוֹירֶען געוָואָרֶען אויף דער זינְדיגֶער וועלְט, אונ וָואס איך בּין גָאר גֶעבּוֹירֶען געוָואָרֶען איין אִשָּׁה.

– אֱמֶת, הָאט אָנגֶעהוֹיבֶּען צוּ טְרֵייסְטֶען איהר פַּארבִּיטֶערְט הַארץ דער פְרוּמֶער שְׁטִילֶער בֶּערִיל פְלַאסְטֶער, אֱמֶת, גָאטט הָאט דַארוּיף בַּאשַׁאפֶען די וועלְט איהר זָאלְט גֶעבּוֹירֶען ווערֶען איין אִשָּׁה, נָאר וָואס קֶאנֶען מִיר, זינְדִיגֶע מֶענְשֶׁען, טְהוּן מִיט דֶעם וָואס לֶעבּט אֵייבִּיג, אַז איהם איז אַזוֹי נִיחָא די וועלְט צוּ בַּאשַׁאפֶען; איהר זֶענְט דָאך אַיין עֶהרלִיכֶע יוֹדֶענֶע, דְוָואשֶׁע, מֶעג מֶען דֶען ווַיינֶען אויף אַזוֹינֶע זַאכֶען? אָט איז דָא דֶער רַב, אָט זֶענִין מִיר דָא אַלֶע בַּעֲלֵי־בַּתִּים, זָאגְט בֶּעסֶער וָואס איהר ווִילְט, ווֶעלֶען מִיר מִסְתָּמָא זֶעהן עֶפִּים צוּ טְהוּן, דַארוּיף זֶענִין מִיר דָאך יוֹדֶען.

– יָא, יָא, ר׳ בֶּערִיל איז טַאקִי גֶערֶעכְט, הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע אָנְגֶערוּפֶען, דֶער רַב מִיט דֶעם שׁוֹחֵט אויךְ.

– אִיצְטֶער זָאגְט אִיהר אַז אִיהר זֶענְט יוֹדֶען, הָאט דְוָואשֶׁע ווַייטֶער אָנגֶעהוֹיבֶּען, ווייל עֶס איז הַיינְט דֶער הֵיילִיגֶער טָאג שַׁבָּת אונ איהר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ מָקוֹם קָדוֹשׁ, וואו זַיין פוּרְכְטִיגֶער נָאמֶען שְׁוֶועבְּט אִין אַלֶע ווִינְקֶעלֶעךְ, נָאר אַז עֶס קוּמְט אִין דֶער וָואכֶען פַארְגֶעסְט איהר אָן אַלֶעם אונ ווערְט זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁען אונ פַארזִינְדִיגְט אַייֶערֶע יָאהרֶען אונ טֶאג, פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, פוּן אָרִים בִּיז רֵייךְ, אונ דֶער גְרוֹיסֶער גָאטט, וָואס מִיר זַיינֶען זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען נִיט ווערְט צוּ דֶערמַאנֶען אוּמְגֶעוַואשֶׁען, איז אַייךְ מוֹחֵל אונ פַארְגִיבְּט אַייֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, ווָארוּם עֶר איז גָאטט ווָאס איז מוֹחֵל אַלֶע עֲוֹנוֹת, כְּדֵי די רְשָׁעִים זָאלֶען אִין גֵיהִנָּם נִיט דֶערְפְרֵייט ווערן, אונ איהר מֵיינְט אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אַזוֹי אונ טְהוּט טַאקִי ווַייטֶער אַייֶערְס, וָואס איז? איהר זֶענְט מַאנְסבִּילֶען, מֶעגְט איהר אַלְץ אונ מַאכְט הוֹזֶק פוּן די ווַייבֶּער מִיט זֵייעֶרֶע דְרַיי מִצְוֹת וָואס זֶענִין אוּנְז נָשִׁים גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען דוּרךְ אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל, לֵאָה, פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען בַּארג סִינַי, ווָאס מַיינֶע פִּיס זֶענִין נִיט ווערְט דָארְט צוּ שְׁטֶעהן, וואו מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן גָאטט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִיצְטֶער אִין דֶעם מָקוֹם קָדוֹשׁ, וואו איהר מַאכְט חוֹזֶק פוּן אוּנְז.

– חַס וְשָׁלוֹם, הָאבֶּען זִיךְ אֵייניגֶע אָנְגֶערוּפֶען, ווער מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַזוֹינֶע זַאכֶען?

– איך ווַייס, מֶען זָאגְט אַז מַאנְסבִּילִין מַאכֶען חוֹזֶק פוּן די ווַייבֶּער מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע תְּחִנּוֹת, פַּאר וָואס דֶען איז די בָּאד אָבְגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען ווֶען נִישְׁט פַּאר אוּנְזֶערֶע זִינְד?

– גָאר נִישְׁט דֶערְפַאר. הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען איין עַזּוּת פָּנִים, זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעצוּנְדֶען אִיבֶּער דֶעם בָּאד גוֹי, עֶר איז גֶעלֶעגֶען אויפ׳ן בּוֹידֶעם אונ הָאט גֶערֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע צִיבֶּעךְ, די בָּאד הָאט זִיךְ אָנְגֶעהַאפְּט, אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁלָאפֶען, קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעהֶערְט אונ עֶס איז אֲפִילוּ קֵיינֶער נִיט גֶעוֶוען ווער עֶס זָאל שְׁרַייעֶן אַז עֶס בְּרֶענְט.

– אַי דוּ שֵׁיינֶעץ, איז אַרָאבּ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דֶעם „בַּאלֶעמֶער" ווִי אַיין אָבְגֶעבְּרִיהטֶער, פַּייוִוישׁ מִיט זַיין הֵייזֶעריג פָּאנְפַּאטֶע קוֹל, איך, זָאגְסְטדוּ, הָאבּ נִיט גֶעשְׁרִיעֶן אַז עֶס „בְּרֶענְט"? איך הָאבּ גֶעשְׁרִיעֶן „עֶס בְּרֶענְט", נָאר קֵיינֶער הָאט

מִיר נִיט גֶעוָואלְט גְלוֹיבֶּען, קֵיינֶער הָאט מִיר נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען, טְרַייטִיל אוֹיךְ נִיט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוּמֶעטוּם גֶעשְׁרִיעֶן „עֶס בְּרֶענְט", אִיךְ הָאבּ שׁוֹין קֵיין כֹּחַ נִישְׁט גֶעהַאט צוּ שְׁרַייעֶן, אִיךְ בִּין שׁוֹין הַייזֶערִיג גֶעוָוארֶען, אִיצְט זֶעהט אִיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין לִיגֶענְד... אוּנ דֶער שַׁייגֶעץ, דֶער עַזּוּת פָּנִים זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעשְׁרִיעֶן „עֶס בְּרֶענְט"— אַרוֹיס פוּן דֶער קְלוֹיז דוּ וַוייסֶע-חֶבְרָה-נִיק...

אוּנ פַּיוֶויש הָאט אִיהם שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁלֶעפֶּען בַּיים קַארְק, נָאר דֶער וַוייסֶע-חֶבְרָה'נִיק הָאט זִיךְ אוֹיסגֶעדְרֶעהט פוּן זַיינֶע הֶענְד, פַּיוֶויש הָאט אִיהם גֶעוָואלְט נָאכְלוֹיפֶען, נָאר דְוָואשֶׁע הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט:

— וָואס הָאט אִיהר זִיךְ צוּ קְרִיגֶען, הָאט זִי גֶעזָאגְט, אִיבֶּער וָואס דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען? זֶעהֶען מִיר דֶען נִיט בְּעֶשׁיינְפֶּערְלִיךְ אַז נָאר אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד? וָוארוּם אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל נִיט גֶעוֶוען וֶועלֶען, מֶעגֶען זַיין צֶעהן בָּאד-גוֹיִם מִיט צֶעהן לוּלְקֶע צִיבֶּעכִים, וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְט, אוּנ אַז גָאטט הָאט גֶעוָואלְט, אִיז גֶענוּג גֶעוֶוען אֵיין בָּאד גוֹי מִיט אֵיין לוּלְקֶע צִיבֶּעךְ. וָוארוּם לָאמִיר זִיךְ נִיט נַארֶען, פַאר וָואס זֶענִין מִיר נָאךְ אַזוֹי זִינְדִיג וָואס מִיר ווִילְלֶען נִיט מוֹדֶה זַיין אוּנ לֶעגֶען אַלְץ אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בָּאד גוֹי? דַאכְט זִיךְ אַז שׁוֹין נִיט פוּן אֵיין יָאהר אִיז עֶר בַּיי אוּנְז בָּאד גוֹי, נִיט פוּן אֵיין יָאהר רֵייכֶערְט עֶר אוֹיפ'ן בּוֹידֶעם, פַּאר וָואס-זְשֶׁע הָאט זִיךְ בִּיז אַהֶער נִיט אָנְגֶעצוּנְדֶען דִי בָּאד? נָא, וָואס שְׁוַוייגְט אִיהר? זָאגְט אַלֵיין פַּאר וָואס הָאט זִיךְ בִּיז הַיינְט נִיט אָנגֶעצוּנְדֶען דִי בָּאד? אַ יָא אִיהר הָאט זִיךְ נִיט מִיט וָואס צוּ פַּארֶענְטְוֶוער'ן פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט עֶבִּיג? ווִי אִיהר וַוייסְט אַז מִיר זֶענִין פוּלל מִיט זִינְד. אַי פַּאר וָואס הָאט בִּיז הַיינְט נִיט גֶעבְּרֶענְט? וַוייל גָאטט אִיז אַגְרוֹיסֶער בַּעַל רַחֲמִים וּמַאֲרִיךְ אַף — וָואס הָאט לִיעבּ צוּ לַייטְזֶעלִיגֶען, עֶר וַוארְט לַאנְג אוּנ צָאהלְט גוּט, עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוּנ גֶעוַוארְט טָאמֶער וֶועלֶען מִיר תְּשׁוּבָה טְהוּן, הָאטְשׁ דֶער מַלְאָךְ רַע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: „רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גְרוֹיסֶער הֶערר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, בִּיז וַואנֶען וֶועסְט דוּ לַייטְזֶעלִיגֶען דַיינֶע יוּדֶען? זֶעהסְט דֶען נִיט ווִי זֵיי זִינְדִיגֶען אַלֶע טָאג מֶעהר? בִּיז וַואנֶען וֶועסְט דוּ וַוארְטֶען? שַׁאף מִיט דַיין רֶעכְטֶער הַאנְד וָואס זָאל אִיךְ מִיט זֵיי טְהוּן?" — „אִיךְ ווִילל נָאךְ וַוארְטֶען, הָאט דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים גֶעעֶנְטְוֶוערְט, טָאמֶער וֶועלֶען זֵיי פָּארְט תְּשׁוּבָה טְהוּן". אוּנ גָאטט הָאט גֶעוַוארְט בִּיז דִי וָואגְשָׁאלֶען פוּן אוּנְזֶערֶע זִינְד הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶעוָואגֶען. דֶענְצְמָאל הָאט זִיךְ וַוייטֶער דֶער מַלְאָךְ רַע גֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶען נָאמֶען אוּנ הָאט וַוייטֶער אוֹיף אוּנְז גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוּנ גֶעזָאגְט: „דוּ גְלוֹיבְּסְט מִיר נִיט, גְרוֹיסֶער הֶארר פוּן דֶער וֶועלְט! נַא זֶעה אַלֵיין ווִי דִי וָואגְשָׁאל וֶועגְט אִיבֶּער". דֶעמְמָלְט הָאט גָאטט גֶעזָאגְט צוּם שָׂטָן: „גֶעה אוּנ טְהוּ מִיט מַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל ווִי דִיר גֶעפֶעלְט". דַארוֹיף אִיז דֶער מַלְאַךְ רַע בַּאנַאכְט גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט אוֹיף אוּנְז אַלֶע אָנְגֶעשִׁיקְט אַ שְׁטַארְקֶען שְׁלָאף, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַוֶועק אִין בָּאד אוֹיפ'ן בּוֹידֶעם, וואו דֶער גוֹי שְׁלָאפְט שְׁמֶענְדִיג אוּנ רֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע צִיבֶּעךְ פַאר דֶעם שְׁלָאף, אוּנ הָאט אוֹיף אִיהם אוֹיךְ אָנְגֶעשִׁיקְט אַ שְׁלָאף; נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסגֶערֵייכֶערְט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען

בְּלאָזֶען אִין דֶער לוּלֶקֶע בִּיז עֶס אִיז גֶעוָואָרֶען אַ גְרוֹיס פַייֶער אוּנ דִי בָּאד הָאט זִיךְ אָנגֶעצוּנדֶען. דֶער מַלְאָךְ אִיז אַוֶועק. הַיינְט פַארשְׁטֶעהט אִיהר שׁוֹין פַאר וָואס קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעהֶערְט וִוי פַּייוויש הָאט גֶעשְׁרִיגֶען „עֶס בְּרֶענְט”? וַוייל פַּייוִויש אִיז אֵיין עֶהרְלִיכֶער יוּד אוּנ וֶועט נִיט זָאגֶען קֵיין לִיגֶענְד.

– טַאקִי, הָאט פַּייוִויש וִוי מִיט פְרֵייד אוֹיפְגֶעחַאפְּט אִיהרֶע וֶוארְטֶער, אִיךְ הָאבּ טַאקִי גֶעשְׁרִיגֶען „עֶס בְּרֶענְט” אוּנ קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעוָואלְט גְלוֹיבֶּען, אִיצְט וֶועהט אִיהר שׁוֹין אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט גֶעוֶועזֶען... אוּנ דֶער שֵׁייגִיץ זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעשְׁרִיגֶען... אַרוֹיס פוּן קְלוֹיז!...

אוּנ פַּייוִויש וָואלְט שׁוֹין וִוידֶער גֶעחַאפְּט דֶעם וַוייסֶע-חֶבְרָה׳נִיק אוּנ אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַ פְּסַק, נָאר אַ מִזְרָח יוּד הָאט אָנגֶעהוֹיבֶּען פַּאטְשֶׁען מִיט דֶער הַאנְד אִין סִדוּר:

– שְׁטִילֶער לָאז זַיין! לָאזְט דֶעם חַזָן שׁוֹין אָבְּדַאוְונֶען; אַז נִיט וֶועט יֶעדֶער אָבְּדַאוְונֶען מוּסַף פַאר זִיךְ, וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעטְהוּן אוּנ גֶעהן אַהֵיים; אַ גוּט שַׁבָּת, אַ גוּט שַׁבָּת! הָאט עֶר זִיךְ גֶעגֵייגְט רֶעכְטְס אוּנ לִינְקְס אוּנ וֶועמֶען עֶר הָאט נָאר גֶעזֶעהֶען, מֶען מֶעג שׁוֹין אַהֵיים גֶעהן.

דֶערְמֶעלְט הָאט זִיךְ טְרַייטִיל אִין אֵיינֶעם מִיט טְרַיינֶען אוֹיפְגֶעחַאפְּט:

– וָואס הֵייסְט מֶען וֶועט שׁוֹין אָבְּדַאוְונֶען פַאר זִיךְ, הָאבֶּען זַיי בֵּיידֶע גֶעשְׁרִיגֶען, וָואס הֵייסְט מֶען זָאל זַיין שְׁטִילֶער? אִיךְ וֶועל דֶעם עוֹלָם נִיט לָאזֶען גֶעהן אַהֵיים בִּיז מֶען וֶועט מִיר נִיט בַּאצָאהלֶען פַאר מַיינֶע שְׁקַאפֶּעס, פַאר מַיינֶע פֶערְד. הַ י י ק י ל ק י שֶׁ ק ע, דֶער סְטַארָאסְטַא, הַאלְט דִי קִישְׁקֶע אוּנ נֶעמְט פַאר אִיהר יָאהר גֶעלְד, וָואס זֶשֶׁע וֶוענִין מַיינֶע שְׁקַאפֶּעס שׁוּלְדִיג? לָאז עֶר מִיר בַּאצָאהלֶען.

– אוּנ אִיךְ וֶועל נִיט לָאזֶען אָבְּדַאוְונֶען, הָאט דְ ר ו א שֶׁ ע וִוידֶער אָנגֶעהוֹיבֶּען הָאכֶער, וואוּ אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען בַּיי יוּדֶען מֶען זָאל אַזַא זַאךְ פַארְלָאזֶען? מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זִינְד... אַייךְ מַאנְסְבִּילִין אַאַרְט דָאס נִיט, וַוייל אִיהר יֶענְט מַאנְסְבִּילִין, אָבֶער מִיר וַוייבֶּער קֶענֶען זִיךְ חָלִילָה פַארזִינְדִיגֶען אוּנְזֶערֶע יָאהרֶען אוּנ טֶאג אוּנ הָאבֶּען שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער רְשָׁעִים אוּנ פַארלֶענְגֶער׳ן דֶעם גָלוּת!

פוּן דֶער וַוייבֶּערְשֶׁער שׁוּל הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ גֶעוֵויין אִיבֶּער דְוָואשֶׁעס רֵייד, אֵייניגֶע וַוייבֶּער, פַארשְׁטֶעהט זִיךְ דִי פְרוּמְסְטֶע, הָאבֶּען אוֹיף אַ מִינוּט אַרוֹיסגֶעשְׁטֶעקְט זֵייעֶרֶע קֶעפּ דוּרְךְ דִי גְרַאטִים אוּנ אָנגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן: מִיר וֶועלֶען נִיט דֶערלָאזֶען, מִיר וֶועלֶען נִיט לָאזֶען אָבְּדַאוְונֶען בִּיז דִי מַאנְסְבִּילִין וֶועלֶען זִיךְ נִיט אַרַיינְמִישֶׁען אִין דֶער בָּאד, אַז מֶען זָאל בַּאלְד נָאךְ שַׁבָּת זִיךְ שְׁטֶעלֶען בּוֹיעֶן, מִיר הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי אוֹיךְ גֶענוּג פַארזִינְדִיגְט אוּנְזֶערֶע יָאהרֶען...

אוּנ דִי פְרוּמֶע וַוייבֶּער הָאבֶּען וִוידֶער בַּאהַאלְטֶען דִי קֶעפּ. אִין דֶעם אוֹיגֶענְבְּלִיק הָאט זִיךְ דְוָואשֶׁע צוּשְׁרִיגֶען:

– וָואס דֶען? אִיהר זָאלְט זַיין וַוייבֶּער וָואלְט אִיהר אוֹיךְ נִיט גֶעשְׁוִויגֶען, אוּנ אַזוֹי וָואס? וָואס אַ אַרְט אַייךְ מַאנְסְבִּילִין, אַז טְרָאגֶען דַארְפְט אִיהר נִיט, גֶעוִוינֶען אוֹיךְ נִיט, קֵיין בְּלוּט פַארגִיעסְט אִיהר נִיט, אוּנ מֵיינְט אַז קִינְדֶער וַואקְסֶען בַּיי אַייךְ אוֹיס

ווי קְרֶאפּיוָוע אין גָארְטֶען, וָוארום פַאר קיין קִינְדֶער שְׁטְרָאפְט מֶען אַייךְ נִיט, זַיי מֶעגֶען זַיין שְׁלֶעכְטֶע אוּנ גוּטֶע קוּמְט אִיהר נִיט אָב פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט עֶבִּיג, ווִי שְׁלֹמה הַמֶּלֶךְ ע״ה – זַיין זְכוּת זָאל אוּיף אוּנְז מֵגֵן זַיין – הָאט גֶעזָאגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אַז גוּטֶע קִינְדֶער זֶענִין נָאר גֶעוֶוענְט אָן דֶער אִשָּׁה, דְרוּם אַ אַרְט אַייךְ נָאר נִיט וַוייל אַלֶע זִינְד פַאלֶען אוּיף דֶער אִשָּׁה.

פוּן דֶער וַוייבֶּערְשֶׁער קְלוּיז הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעהֶערְט אַ גֶעחְלִיפְּעֶרַיי בַּיי אַ גֶעוויין, אֵיינִיגֶע הָאבֶּען ווִידֶער אַרויסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי קָאפּ אוּנ גֶעשְׁרִיגֶען: – אַזוֹי וֶועלֶע מִיר יוּדִישֶׁע מֶאכְטֶער בַּיי אַייךְ, מַאנְסבִּילִין, פַארשְׁוַוארְצְט, אִיהר ווִילְט אוּנְז נָאך בְּרֶענְגֶען צוּ אַזוֹינֶע גְרוֹיסֶע זִינְד אַז מֶען זָאל אוּנְז פַארְטְרַייבֶּען גְלַייךְ אִין גֵיהִנָם? –

דְוָואשֶׁע הָאט גָאר גֶעשְׁווִיגֶען, זִי הָאט נָאר מִיט אַ רַחֲמָנוּת פָּנִים אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם קָאפּ, זִיךְ גֶעשָׁאקֶעלְט אוּנ גֶעזִיפְצְט, גֶעקְרֶעכְצְט אָהן וֶוערְטֶער.

דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען בַּיים הַאֶרֶץ, אֵיינִיגֶע הָאבֶּען גֶעקְרֶעכְצְט דֶער רַב מִיט דֶעם שׁוֹחֵט אוּנ נָאךְ עֶטְלִיכֶע בַּעֲלֵי בַתִּים הָאבֶּען גֶעזָאגְט צוּ דְוָואשֶׁע אוּנ טְרַייטְלֶען, וֶועלְכֶע זֶענִין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶער טְהִיר אוּנ נִיט אַרויסְגֶעלָאזְט דֶעם עוֹלָם –לֵעֵת עַתָּה אִיז שַׁבָּת. שַׁבָּת טָאר מֶען נִיט פַארְשְׁטֶערֶען, אוּיף דֶער נַאכְט אי״ה בַּאלְד נָאךְ הַבְדָלָה וֶועלֶען מִיר מַאכֶען אֵיין אֲסִיפָה אוּנ מִיר וֶועלֶען זֶעהן, בַּאטְרַאכְטֶען וֶועגֶען דֶער בַּאד, אוּנ טָאמֶער דַארְף טַאקִי עַל פִּי דִין חַייקִיל קִישְׁקֶע בַּאצָאהלֶען פַאר טְרֵייטִילְס שְׁקַאפֶּעס, וֶועט מֶען מַאכֶען אַ פְּסַק.

דָא הָאט זִיךְ חַייקִיל קִישְׁקֶע, וֶועלְכֶער הָאט בִּיז אַהֶער גֶעשְׁווִיגֶען, אָנְגֶעצוּנְדֶען

– וָואס הֵייסְט אִיךְ זָאל בַּאצָאהלֶען? דִי שְׁקַאפֶּעס הָאבֶּען קַארְג גֶעלְד פַארְדִיעֶנְט בַּיי אוּנְז פָאהרֶענְדִיג אַלֶע וָואךְ אוּיפ׳ן יְרִיד אוּנ צוּם רֶבִּין? זַיי הָאבֶּען גֶעמֶעגְט בְּרֶענְגֶען פִינְף פֶּאסְלֶעךְ וַואסֶער אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַ פָּאזְשַׁאר.

– – אַ קְלֵיינִיקַייט! גְרִינְג זִיךְ אָבְּגֶעזָאגְט פִינְף פֶּאסְלֶעךְ וַואסֶער! הָאט טְרַייגֶע זֵי אָנְגֶערוּפֶען, פְּרִיוְוט נָאר אִיהר צוּ בְּרֶענְגֶען פִינְף פֶּאסְלֶעךְ וַואסֶער! וֶועט אִיהר זֶעהן צוּ עֶס אִיז גוּט.

– דַארוּיף זֶענִין זַיי דָאךְ פֶערְד...

– בְּוַודַאי בְּוַודַאי זֶענִין זַיי בַּיי אַייךְ פֶערְד, וָוארוּם זַיי קָאכְטֶען אַייךְ קֵיין גֶעלְד נִיט, אָבֶּער בַּיי מִיר, בַּיי מִיר זֶענִין זַיי גֶעוֶועזֶען אֶפְשָׁר טֵהַייעֶרֶער פוּן אַלֶעמִין, אִי מִיט מַיין מַאנְן אוּנ קִינְדֶער הָאבֶּען פוּן זַיי גֶעלֶעבְּט, בְּרוֹיט גֶעהַאט... וָואס וֶועשֶׁע בִּין אִי שׁוּלְדִיג? פַאר וָואס דַארְפֶען דִי שְׁקַאפֶּעס אֶבְּקוּמֶען דֶערְפַאר וָואס אִיהר הָאלְט דִי קִישְׁקֶע אוּנ נֶעמְט יָאהר גֶעלְד צוּ שְׁטֶעלֶען וַואסֶער מִיט אַ קִישְׁקֶע צוּ אַ פָּאזְשַׁאר?

– אִיהר הֶערְט? הָאט זִיךְ חַייקִיל אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ דִי בַּעֲלֵי בָתִּים, אַ בַּעַל עֶגָלָה זָאגְט אוּיךְ בַּיי אוּנְז דֵעוֹת אִין שְׁטָאדְטזַאכֶען! גֶעהט נִיט אִיהם אָב חֶשְׁבּוֹן פוּן דֶעם יָאהר גֶעלְד!

נָאךְ לַאנְג הָאבֶּען זַיי זִיךְ גֶעקְרִיעגְט אוּנ טְרַייטִיל, טְרַייגֶע מִיט דְוָואשֶׁען זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶער טְהִיר אוּנ נִיט אַרויסְגֶעלָאזְט דֶעם עוֹלָם. נָאר דֶער רַב מִיט

בַּעַל בָּתִּים הָאבֶּען זִיךְ ווִידֶער אַרייַנְגֶעלֶעגְט אוּנ גֶעזָאגְט, אַז בַּאלְד נָאךְ הַבְדָלָה זָאלֶען זִיךְ אַלֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים צוּנוֹיפְגֶעהן צוּם שׁוֹחֵט אוֹיף אֵיין אֲסִיפָה, אוּנ טְרַייטֶעל, טְרַיינֶע מִיט דְווָאשֶׁען זָאלֶען אוֹיךְ קוּמֶען.

IX.

אַיוּדִישֶׁער שִׁכּוֹר.

רַעשֶׁענְדִיג מִיט צוּשׁוֹיבֶּערְטֶע פֵּאוֹת, מִיט פַּארְרוּקְטֶע הִיטְלֶען מִיט פַּארְחְרִיפִּיטֶע גָארְגְלֶען אִיז דֶער עוֹלָם גֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם דַאוְונֶען, רַעשֶׁענְדִיג הָאט מֶען אָבְּגֶעגֶעסֶען, שְׁפֶּעטֶער ווִי אַלֶע שַׁבָּת אִיז מֶען הַיינְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן טִישׁ, ווִינְצִיגֶער ווִי אַלֶע שַׁבָּת הָאט מֶען הַיינְט גֶעשְׁלָאפֶען, מֶעהר פוּן אַלֶע שַׁבָּת הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם גֶעדְרֶעהְט אִין גַאס אוּנ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע אוּנ קְלֵיינֶע רֶאדְלֶעךְ... „בָּאד, טְרַייטִיל, פֵּייוִושׁ, טְרַיינֶע, פָּאנְפַּאטְשׁ, יֶעקִיל דֶער לַאנְגֶער, יֶעקִיל דֶער קַאלִיקֶע, דְווָאשֶׁע דִי טוּקֶער׳ן, חַייקִיל קִישְׁקֶע, בָּאד, בָּאד אוּנ ווַייטֶער בָּאד!"... אָט דָאס הָאט מֶען גֶעהֶערְט גֶעהֶענְדִיג פוּן דֶעם דַאוְונֶען, בַּיים עֶסֶען, נָאךְ דֶעם עֶסֶען, נָאךְ דֶעם שְׁלָאף, אִין גַאס, אוּנ אֲפִילוּ פוּן דֶעם שְׁלָאף פוּן דִי ווָאס זֶענִין גֶעווָאהְנְט צוּ רֶעדֶען פוּן שְׁלָאף, מִיט אֵיין ווָארְט גַאנְץ זְלִידְנִיוְוקֶע פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס פוּן אָרִים בִּיז רַייךְ אוּנ אֲפִילוּ קִינְדֶער זֶענִין אַ גַאנְצֶען טָאג גֶעוֶועזִין פַארְנוּמֶען, נָאר צְוֵויי מֶענְשֶׁען זֶענִין גֶעוֶועזֶען מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט...

צְווֵיי... אֵיינֶער אֵיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶער אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער אַ גְלִיקְלִיכֶער... דֶ ע ר עֶ רְ שְׁ טֶ ע ר אִ י ז אוּנְזֶער אַלְטֶער בַּאקַאנְטֶער ר׳ בֶּ ע רִ י ל פְלַ א סְ טֶ ע ר... אִיצְטֶער ווֶעלֶען מִיר זִיךְ אַבִּיסֶעל מִיט אִיהם מֶעהר בַּאקֶענֶען, ווָארוּם דֶעמֶעלְט ווִי אִיהר גֶעדֶענְקְט, הָאט בֶּערִיל גָאר קֵיין צַייט נִיט גֶעהַאט, מִיר זֶענִין אִיהם גָאר נִיט גֶעקְרָאבֶען אִין קָאפּ אַרַיין אוּנ אֶפְשֶׁר קֶען זֶעהְר זַיין אַז אִיהם אִיז גָאר נִיט אָנְגֶעשְׁטַאנֶען זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען מִיט אוּנְז, פָּארְט אַ גֶענֶערַאל ווָאס אוּפְרַאוְולַיאיֶעט מִיט דֶעם גַאנְצֶען פָּאזְשַׁאר!... אָבֶער אִיצְטֶער... אִיצְטֶער אִיז בֶּ ע רִ י ל גָאר אֵיין אַנְדֶער מִין מֶענְשׁ גֶעווָארֶען, פָּשׁוּט אַ גוּט בְּרוּדֶערִיל, אַ „נַאשׁ בְּרַאט", ווִי מֶען זָאגְט אוֹיף רוּסִישׁ, אוּנ ווִידֶער אִיצְטֶער אִיז שַׁבָּת, מִיר הָאבֶּען צַייט, בֶּערִיל הָאט בְּוַודַאי צַייט, (ווָארוּם ווֶען הָאט בֶּערִיל קֵיין צַייט נִיט, חוּץ ווֶען עֶס אִיז אַ פָּאזְשַׁאר?) אוּנ מִיר ווָאלְטֶען גֶעקָאנְט זֶעהְר גוּט פַּאר־בְּרֶענְגֶען דֶעם לִיעבֶּען שַׁבָּת׳דִיגֶען טָאג מִיט בֶּערֶעלֶען, צוּזַאמֶען אַבִּיסִיל בְּרָאנְפֶען נֶעמֶען אוּנ נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע פַארְטְרִינְקֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּנ טַאקִי ווַייטֶער אַ קַאפֶּעלֶע אוֹיף צוּ טְרִינְקֶען לְחַיִים, דֶער פַאר ווָאס מִיר זֶענֶען יוּדֶען, דֶערְנָאסֶען נָאךְ אַ בִּיסֶעלֶע דֶערְפַאר ווָאס מִיר זֶענִין אִין גָלוּת, פַארזוּפְט נָאךְ אַ בִּיסֶעלֶע פוּן זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען ווֶעגֶען, אַז גָאטְט אַלֵיין זָאל הֲנָאָה הָאבֶּען... אוּנ נָאךְ אַ סַךְ מִיט אַ סַךְ בִּיסֶעלֶעךְ...

אִיךְ ווֵייס נִיט ווִי אִיהר, לִיעבֶּע לֶעזֶער, וּבִפְרַט נָאךְ אִיהר, לִיעבֶּע לֶעזֶערִינֶען,

אֶפְשֶׁר טְרִינְקְט אִיהר גָאר נִיט, נָאר אִיךְ... אִיךְ הָאבּ זֶעהר לִיעבּ מִיט בֶּערְלֶען אָפְּט צוּ מַאכֶען עֶטְלִיכֶע בִּיסֶעלֶעךְ, אַבִּיסֶעלֶע פוּן אוּנְזֶערְטְוֶועגֶען, אַבִּיסֶעלֶע פוּן אַייֶערְטְוֶועגֶען, אַבִּיסֶעלֶע פוּן גָאטְטֶס וֶועגֶען, אוּנ אַבִּיסֶעלֶע פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל׳ס וֶועגֶען.

אִיךְ מוּז אַייךְ נָאךְ מוֹדֶה זַיין, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן? פוּן דֶעם אֱמֶת קֶען אִיךְ נִיט אַוֶועקגֶעהן, אַז הַיינְט ד. ה. זַייט גָאטְט הָאט מִיךְ צוּשֵׁיידְט מִיט דֶער שְׁטָאדְט זְלִידְנִיוְוקֶע, דֶערמָאן אִיךְ זִיךְ אָפְּט אָן בֶּערֶעלֶען, מִיט זַיין בִּיסֶעל בְּרָאנְפֶען...

כִּמְעַט יֶעדֶען טָאג וֶוען אִיךְ הָארֶעוֶוע זִיךְ אָן פַאר׳ן שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הֶער זִיךְ אָן, וָואס אִיךְ זֶעה זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ אוּנ אִין גַאס, נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ לֶעז זִיךְ אָן מִיט פֶערְשִׁיעדֶענֶע צַייטוּנְגֶען, בְּלֶאטְטֶלֶעךְ, בִּיכֶער אוּנ בִּיכְלֶעךְ וָואס מַאכֶען גְלִיקְלִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט... אוֹי נָאכְדֶעם... וֶוען דָאס הַארְץ וֶוערְד שְׁוֶוער, דֶער קָאפּ פוּל אוּנ עֶס ווִילְט זִיךְ אַ סַך זָאגֶען, אַ סַךְ שְׁרַייֶען, אַ סַך פִּילְדֶערן, זָאגֶען: סְטַייטְשׁ, גֶעווַאלְד, עֶס אִיז דָאךְ הִימֶעל־שְׁרַייֶענְד, וואוּ אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען, גֶעוַואלְד וָואס אִיז דָאס פַאר אַ וֶועלְט, וָואס אִיז דָאס פַאר מֶענְשֶׁען. וואוּ אִיז דָאס גֶעזֶעהן גֶעוָוארֶען, וואוּ מֶען קוּקְט זִיךְ נָאר אַרוּם, אָךְ, אָךְ, אָךְ, אָךְ!... אוּנ נָאךְ דֶעם אַלֶעמֶען מוּז מֶען נָאר שְׁוַויְיגֶען אוּנ נָאךְ שְׁטַארְק צוּקְוֶועטְשֶׁען דִי לִיפֶּען, אָ דֶערְנָסְטְמָאל וֶוען אִיךְ שְׁוַויג, דִי לִיפֶּען זֶענִין מִיר שְׁטַארְק צוּגֶעקְוֶועטְשְׁט אוּנ בִּין טְרוֹיעֶרִיג... דֶערְמָאן אִיךְ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִין מַיין בֶּערְלֶען, אִין מַיין טְהַייֶערן, טְהַייֶערן בֶּערְלֶען...

— אַךְ, זָאג אִיךְ צוּ זִיךְ אַלֵיין — וואוּ נֶעם אִיךְ אִיצְטֶער בֶּערְלֶען? וואוּ נֶעם אִיךְ אִיהְם? וָואלְטֶען מִיר אִיצְטֶער זִיךְ גֶענוּמֶען אַבִּיסֶל בְּרָאנְפֶען אוּנ נָאךְ אַבִּיסֶל אוּנ טַאקִי וַוייטֶער אַבִּיסֶעלֶע... אַךְ וואוּ נֶעם אִיךְ אִיצְטֶער בֶּערְלֶען!...

קֶען אִיךְ דֶען פַארְגֶעסֶען אִין בֶּערְלֶען?... אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס ווִי הַיינְט:

אוֹיף דֶער נַאכְט... נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ פְלֶעג זִיךְ אָנְהָארֶעוֶוען, זִיךְ אָנְלֶעזֶען, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעזֶעהן אוּנ אָנְגֶעהֶערְט דֶעם טָאג אוּנ הָאבּ שׁוֹין גֶע־טְרַאכְט פוּן שְׁלָאפֶען, פְלֶעגְט זִיךְ פְלוּצִים עֶפֶענֶען דִי טְהִיר אוּנ בֶּערִיל הָאט זִיךְ שְׁטִיל אָהֶן וֶוארְטֶער אַרַיינְגֶערוּקְט. אִיךְ קֶען נִיט פַארְגֶעסֶען זַיין גֶעזִיכְט, זַיין גֶעשְׁטַאלְט: טְרוֹיעֶרִיג, פַארְזָארְגְט, פַארְקְלָאגְט, אַייְנְגֶעבּוֹיגֶען אִין דְרַייֶען, אַ פַארְווִיסְט פָּנִים מִיט אַ גִיט פַארְקָאמְטֶע בָּארְד, נָאר זַיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע גוּטֶע אוֹיגֶען — יוּדִישֶׁע אוֹיגֶען!... מִיט אַ גְרוֹיסֶען וַוייסֶען לִיכְטִיגֶען שְׁטֶערֶען. נָאר דִי אוֹיגֶען מִיט דֶעם שְׁטֶערֶען הָאט מֶען גֶעזֶעהן אִין דֶעם גַאנְצֶען בֶּערְלֶען, מֶען הָאט זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעמוּזְט זֶעהֶען..

— אַ גוּטֶער אָבֶענְד, דִיר בְּרוּדֶער, פְלֶעגְט עֶר מִיר זָאגֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַוֶועקשְׁטֶעלֶען זַיין לַאנְגֶען שְׁטֶעקֶען אוּנ זִיךְ זֶעצֶען, וָואס מַאכְסְט דוּ בְּרוּדֶער?

— וָואס זָאל מֶען מַאכֶען? וָואס מַאכְט אִיהְר, ר׳ בֶּערִיל?

— עֶט, וָואס זָאל מֶען מַאכֶען... מֶען לֶעבְּט, מִיר לֶעבֶּען, אִיךְ לֶעבּ אוֹיךְ אוּנ ווִיל נָאךְ אַבִּיסֶל בְּרָאנְפֶען אוֹיךְ; נָא, דוּ וָואלְסְט עֶס גֶעגְלוֹיבְּט אוֹיף בֶּערְלֶען? זֶעהְסְט זִיךְ ווִי עֶס אִיז אַזוֹי אִיז, אוּנ אַ דַאנְק טַאקִי גָאטְט דֶערְפַאר... וָואס דֶען?... עֶהְרְלִיכֶע

יוּדֶען דַארְפֶען טַאקִי אוּנ מוּזֶען טַאקִי נֶעמֶען אָפְּט אַבִּיסל בְּרָאנְפֶּען; יָא, יָא, אַ יוּד מוּז. נָאר וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעדְרוּנְגֶען אִין קְלוֹיז אַז עַל פִּי... עַל פִּי.. נָא עַל פִּי!... נָא וָואס אִיז דֶער חִילוּק אִין וָואס פַאר אַ סֵפֶר אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזֶעהן, אִיךְ הָאבּ גְרָאד אִיצְטֶער פַארְגֶעסֶען, נָאר אִיךְ הָאבּ זֵיי אִין קְלוֹיז בְּפֵירוּשׁ גֶעדְרוּנְגֶען אַז יוּדֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַארְשְׁטֶעהסְט דוּ מִיךְ – אִין אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד! נֶעהמֶען אוֹיךְ אַבִּיסל בְּרָאנְפֶען אוּנ פַאר וָואס נִיט טַאקֶע זֶעהר שֵׁאן, יוּרִישׁ!...

נָאכְדֶעם פְלֶעגְט בֶּערִיל גְלַייךְ אַרַיין מִיט בֵּיידֶע הֶאנְד אִין זַיינֶע אַלֶע קֶעשֶׁענֶעס אוּנ אַזוֹי לַאנְג טְרֶעסְלֶען, אַזוֹי לַאנְג זוּכֶען בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אוֹיסְטְהוּן דִי שִׁיךְ אוּנ פוּן זֵיי אִיז עֶפִּים אַרוֹיסגֶעפַאלֶען מִיט אַ גְרוֹיס קְלִינְגֶערַיי, בִּיז בֶּערִיל אִיז מִיט אַלֶע פִיעֶר אַרוּמְגֶעלָאפֶען עֶטְלִיכֶע מָאל דִי שְׁטוּבּ אוּנ הָאט גֶעחַאפְּט צְוַויי פְּיַאטַאקֶעס (דְרַיי קָאפִּיקֶעס).

עֶר הָאט זֵיי גוּט אָנְגֶעקוּקְט אוּנ דֶערְנָאךְ גֶעזָאגְט צוּ מִיר:

– יָא צְוַויי פְּיַאטַאקֶעס – זֶעקְס גְרָאשֶׁען, דַאכְט זִיךְ אִין מַיינֶע קֶעשֶׁענֶעס גֶעפִינְט זִיךְ מֶעהר נִיט, אוּנ ווִידֶער אֶפְשַׁר וֶועל אִיךְ נָאךְ גֶעפִינֶען צְוַויי גְרָאשֶׁען וֶועט זַיין אוֹיף פַארְבַּייסֶען, אִיךְ וֶועל דֶערְוַייל זוּכֶען, אוּנ דוּ בְּרוּדֶער דֶערְלֶעג נָאךְ זֶעקְס גְרָאשֶׁען וֶועט זַיין פוּנְקְט אוֹיף אַ „פָּאלָאוִוינְטְשִׁיק" אוּנ שִׁיק טַאקִי בַּאלְד מִיט אַ פְלֶאשֶׁעל צוּ יֶ ע נְ טֶ ע דֶ ע ר מְ לַ מֶ דְ קְ ע.

– נָא ר׳ בֶּערִיל, הָאבּ אִיךְ אִיהם גֶעזָאגְט, הָאט אִיהר נִיט גֶעטְהוּן קֵיין נַארִישׁ־קַייט? אַז אִיהר הָאט יָא זֶעקְס גְרָאשֶׁען וָואלְט אִיהר זִיךְ גֶעקָאנְט אַרַיינְגֶעהן צוּ יֶ ע נְ טֶ ע ן, אִיהר וָואלְט שׁוֹין גֶעקָאנְט לַאנְג אוֹיסְטְרִינְקֶען...

– אַיי בְּרוּדֶער, בְּרוּדֶער, פְלֶעגְט עֶר מִיר דַארוֹיף עֶנְטְוֶוערֶען, אַ פָּנִים אַז דוּ ווַייסְט גָאר נִיט וָואס בַּיי עֶהרְלִיכֶע יוּדֶען הֵייסְט אַבִּיסל בְּרָאנְפֶּען... חַא, חַא, גֶעהְן צוּ יֶ ע נְ טֶ ע ן אוּנ אוֹיסטְרִינְקֶען וָואס וָואלְט גֶעוָוארֶען דֶערפוּן? גָאר נִיט...

– אוּנ אַזוֹי וָואס וֶועט זַיין, וֶועט אִיהר דֶען נִיט אוֹיסטְרִינְקֶען?

– חַס וְשָׁלוֹם וֶוער זָאגְט נֵיין? אִיךְ וֶועל דָא בְּפֵירוּשׁ טַאקִי נָאר אוֹיסְטְרִינְקֶען, נָאר אַי פַאר וָואס נִיט בַּיי יֶ ע נְ טֶ ע ן... נֵיין בְּרוּדֶער, דוּ ווַייסְט נָאךְ אַ פָּנִים גָאר נִיט, דוּ זָאלְסְט זַיין בֶּערִיל וָואלְסְט דוּ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ גִיבּ זֶעקְס גְרָאשֶׁען אוּנ דוּ וֶועסְט אוֹיךְ דֶערלֵייגֶען זֶעקְס גְרָאשֶׁען אוּנ וֶוער שְׁמוּעסְט נָאךְ אַז אִיךְ וֶועל גֶעפִינֶען צְוַויי גְרָאשֶׁען אוֹיף פַארְבַּייסֶען... מֶעג שׁוֹין פִ י נֶ ע טֶ ע נְ טְ לֶ ע ר שְׁרַייבֶּען הוּנְדֶערְט יָאהְר אִין גַאזֶעטֶען אוֹיף מִלְחָמוֹת...

– יָא, ר׳ בֶּערִיל אִיהר זֶענְט טַאקִי אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד... עֶס קֶען טַאקִי אֶפְשַׁר זַיין אִיהר זָאלְט גֶעפִינֶען דִי צְוַויי גְרָאשֶׁען אוֹיף פַארבַּייסֶען אוּנ אִיךְ זָאל אוֹיךְ דֶערְלֶעגֶען זֶעקְס גְרָאשֶׁען אַז עֶס זָאל וֶוערֶען אַ קְרוּטְשָׁאק בְּרָאנְפֶּען, נָאר פַארְוָואס זָאלֶען זַיין מִלְחָמוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט?... בַּארֶעכֶענְט נָאר ווִי פִיעל מֶענְשֶׁען עֶס וֶוערֶען גֶעהַרְגֶעט וֶוערֶען אוּמְזִיסְט אוּנ אוּמְנִישְׁט... אִיהר זֶענְט דָאךְ אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד ווִי־זְשֶׁע קוּמְט עֶס... צוּ אַייךְ, ר׳ בֶּערִיל –

– בּיזט מאַקי געֶרעכט בּנאֱמָנות, אַ „קְרוּטְשָאַק" בְּרַאנְפֶּען קֶען מאַקי זַיין, טאָ פאַר וואָס־זשֶע זאָלֶען זַיין מִלְחָמוֹת? דֶערלֶעג־זשֶע מאַקי זעֶקס גְרָאשֶׁען און מאַך קֵיין מַעֲנוֹת נִיט מֶען זאָל בַּיי יֶענְטֶען נִיט דאַרְפֶען קְלאַפֶּען, זי זאָל דֶערנאָך האָבֶּען טַעֲנוֹת אַז אִיבֶּער מִיר האָט זי זיך פאַרקִיהלט...

פאַרשְׁטֶעהט זיך אַז בֶּערִיל האָט קֵיין צְווֵיי גְרָאשֶׁען נִיט גֶעפוּנֶען, אִיך האָב דֶערלֶעגְט זעֶקס גְרָאשֶׁען, יֶענְטֶע אִיז גֶעווֶעזֶען אַזוֹי גוּט און האָט צוּגֶעבָּארגְט אוֹיף אוּנזֶער חֶשְׁבּוֹן פאַרבַּייסֶען פאַר צְווֵיי גְרָאשֶׁען און מֶען האָט גֶעבְּרַאכְט אַ „פָּאלָאווִינִיטְשִׁיק" בְּרַאנְפֶּען.

באַלד ווי בֶּערִיל האָט פאַרזוכְט, אָבְּגֶעטְרוּנְקֶען אַ בִּיסֶעלֶע, ווי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז בַּיי יוֹדֶען, און גֶעזָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטֶען לְחַיִים, פְלֶעגְט עֶר ווֶערֶען עֶרנְסְט און זֶעהר טְרוֹיעֶרִיג, אִין גַאנְצֶען זיך אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען, אָנְהוֹיבֶּען רֶעדֶען אַזוֹי אַז אִיהר ווֶעט זיך אַלֵיין נִיט גְלוֹיבֶּען צוּ עֶס רֶעדְט בֶּערִיל.

– אַיי בְּרוּדֶער, בְּרוּדֶער, האָט עֶר זיך אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגֶען, שְׁלֶעכְט צוּ לֶעבֶּען אוֹיף דֶער ווִיסְטֶער ווֶעלְט, שְׁלֶעכְט צוּ זַיין אַ יוּד אוֹיף דֶער ווֶעלְט...

– סְטַייטְשׁ ר' בֶּערִיל אִיהר זָאלְט דָאס זָאגֶען? אַלֶע האַלְטֶען אַייך פאַר אַזַא עֶהרְלִיכֶען יוֹדֶען, זָאלְט אִיהר זָאגֶען אוֹיף גָאטְ'ס ווֶעלט אַז זי אִיז שְׁלֶעכְט בַּאשַׁאפֶען און עֶס אִיז שְׁלֶעכְט צוּ זַיין אַ יוּד אוֹיף דֶער ווֶעלְט!

– גְלוֹיב נִיט בְּרוּדֶער אָט דִי אַלֶע וואָס זָאגֶען אַז אִיך בִּין אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד, מִיט וואָס בִּין אִיך דָא עֶהרְלִיך? וואָס אִיך קְרִיך נִיט צוּ יֶענֶעם אִין פֶּענְסְטֶער? צוּ אֶפְשַׁר דֶערְפַאר וואָס אִיך דַאווֶען אַלֶע טָאג און קְרִיך נִיט אַרוֹיס פוּן דֶער קְלוֹיז און לֶערֶען מִשְׁנָיוֹת, צוּ דֶערפאַר וואָס אִיך שְׁטְרָאף אַמָאל יוּנְגֶע לַייט וואָס זַיי פִּיהְרֶען זִיך שְׁלֶעכְט? נַא דִיר אַ גְרָאשֶׁען פאַר דֶעם גַאנְצֶען עֶהרְלִיכְקַייט; דָאס דאַרְף מְהוֹן יֶעדֶער יוּד, נָאר אִיך בְּרוּדֶער זִינְדִיג אָפְּט, עֶס קוּמְט מִיר אָפְט אוֹיף אַזוֹינֶע גֶעדַאנְקֶען אַז דֶער גֵיהִנָם אִיז קַארְג פוּן מַיינֶעטְווֶעגֶען...

– פוּן אַייעֶרְטְווֶעגֶען דֶער גֵיהִנָם! אָ נֵיין, אִיהְר פאַרדִיעֶנְט עֶס נִיט.

– אָ, דוּ ווֵייסְט גָאר נִיט... האָט עֶר גֶעזָאגְט און אִיז נָאכְמֶעהְר טְרוֹיעֶרִיג גֶעווָארֶען; האַלְטֶענְדִיג אִין דֶער האַנְד דָאס בִּיסל אָבְּגֶעטְרוּנְקֶענֶע קֶעלִישִׁיקֶעל מִיט בְּרַאנְפֶּען האָט עֶר אַרָאבְּגֶעלָאזֶען דֶעם קָאפּ נָאךְ נִידְרִיגֶער. דִי אוֹיגֶען האָבֶּען אָנְגֶעווָארֶען זַייעֶר גְלַאנְץ, דֶער שְׁטֶערֶען ווִי שְׁוַוארְץ, אִין גַאנְצֶען האָט עֶר אִיצְטֶער אַ פָּנִים גֶעהַאט ווִי אַ פאַרְדְרֶעהְטֶער קְנוֹיל.

אִין דֶער צַייט פְּלֶעג אִיךְ פוּן אִיהם נִיט אַרָאבְּלָאזֶען דִי אוֹיגֶען און צוּלֶעגֶען דִי אוֹיהֶרֶען, נָאר אִיך האָב מֶעהר פוּן אִיהם נִיט גֶעהֶערְט און נִיט גֶעזֶעהן נָאר ווִי טְרָאפֶּען טְרֶעהרֶען האָבֶּען מִינוּטֶען־ווַייז גֶערוּנֶען אִיבֶּער זַיינֶע בַּאקֶען...עֶטְלִיכֶע זֶענִין אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין קֶעלִישִׁיקֶעל בְּרַאנְפֶּען...

מִיר אִיז גֶעווֶעזֶען זֶעהר טְרוֹירִיג צוּ קוּקֶען אוֹיף אִיהם – אוֹיף דֶעם גוּטֶען, גוּטֶען, נָאר אוּמְגְלִיקְלִיכֶען, זֶעהר אוּמְגְלִיקְלִיכֶען ר' בֶּערִיל: דָאס האָט מֶען גֶעקֶאנְט אִיצְטֶער

װעהן אין זיין פָּנים און אין זיינע אויגען; זיין שטערען, זיינע אַללע אֵבָרים זענען פַארֶענדערט געװאָרען, עֶר האָט עפּיס גערעדט צו זיך, געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, נאָר איך האָב ניט געקאָנט פַארשטעהן אֲפִילוּ אַ האַלב װאָרט.

האַלטענדיג דאָס קעלעשיקיל אין דער האַנד, האָט עֶר פְּלוּצִים אויפגעהויבען די אויגען, אַנגעהויבען קוקען אויף מיר און עפּיס געטראַכט. אַזוי איז אַװעקגעגאַנגען עטליכע מִינוּט און פְּלוּצִים האָט עֶר פְרֶעהליך אויסגעשטרעקט די האַנד און געזאָגט:

לְחַיִים! ברידער, לְחַיִים ניט דאָ װאָס זיך צו זאָרגען, מען דאַרף ניט זאָרגען און מיר יודען אַוַודַאי ניט... מיר זענען אויף דעם געבּוירען געװאָרען... הער ברודער װאָס איך װעל דיר זאָגען... און עֶר האָט זיך װייטער פַארטראַכט.

איך האָב געװאַרט װאָס עֶר װעט זאָגען, איך האָב געפְרעגט:

– נאָ װאָס?

– הערסט דו װאָס איך װעל דיר זאָגען, האָט עֶר נאָך אַ מאָל געענטװערט, אַ דאַנק גאָטט װאָס מיר זענען יודען, און לְחַיִים ברודער!... און האָט װייטער אָבגעטרונקען. איך האָב אויך גענומען טרינקען צו איהם לְחַיִים. – אָט דאָ האָט עֶר זיך ערשט דערפרייעט.

– אָט אַזוי, ברודער, האָב איך ליעב, האָט עֶר געזאָגט אונטערשפרינגענדיג פַאר פרייד, יודען דאַרפען זיך ליעב האָבען און טרינקען לְחַיִים, אַך ברודער!.. נור געלעבט און געלעבט! יודען דאַרפען נאָר לעבען און זיך גאָר ניט זאָרגען... לְחַיִים, ברודער!...

עֶר האָט װייטער געטרונקען און עפּיס גערעדט פַאר פייער און פַאר װאַסער אַז איך האָב איין װאָרט ניט פַארשטאַנען און װייס עד היום ניט װאָס עֶר האָט גערעדט, נור דאָס האָב איך באַמערקט װי עֶר רעדט אַ סך, װעהר אַ סך פון אַ סך זאַגען און רוהט זיך גאָר ניט אָב, חאַפּט איינס אין דעם אַנדער׳ן און האָט עפּיס גרויס פערגניגען פון זיין רעדען. װי מען זאָגט „אויסגערעדט זיך דאָס האַרץ”, אויסגעגאָסען דאָס שװערע האַרץ, עס זאָל װערען גרינגער.

בערלען איז טאַקי תָּמיד פון דעם רעדען געװאָרען אַ סך גרינגער, אַז עֶר פלעגט אַזוי פרעהליך װערען ביז עֶר פלעגט חאַפּען אַ טאַנצעל און שלעפּען מיך טאַנצען און װען די קינדער האָבען שוין געשלאָפען האָט עֶר זיי אויפגעװעקט, זיי זאָלען געהן מיט איהם טאַנצען און ניט אויפגעהערט צושרייען:

– נאָר געלעבט און געלעבט, יודען דאַרפען נור לעבען, לאָמיר אַללע הוליען און טאַנצען װייל מיר זענען יודען...

דאָס האָט אויך געדויערט אַ פערטעל שָעה, דערנאָך האָט זיך זיין פָּנים װייטער איבערגעביטען, עֶר איז צוגעגאַנגען צום פלעשעל און האָט אַ קוק געטהון און האָט דערזעהן װי פון דעם קרוטשאַק בראַנפען פַאר צװעלף גראָשען איז נאָך אַ ביסעל איבערגעבליבען.

– עס איז איבערגעבליבען, נאָ זעהר גוט װאָס עס איז איבערגעבליבען, ביי

יוּדֶען דַארְף טַאקִי אִיבֶּערבְּלַייבֶּען שְׁיַרַיִים, דָאס פַּאסְט פַאר יוּדֶען, נָאר גִיב עֶס נִיט אַוֶועק קַיינֶעם, בַּאהַאלְט עֶס אוֹיף אֵיין אַנֶדער מָאל וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען, אִיצְטֶער אִיז שׁוֹין צַייט צוּ גֶעהן אַהֵיים. אַ גוּטֶע נַאכְט דִיר בְּרוּדֶער. עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַוֶועקגֶעהן צוּ דֶער טְהִיר, נוּר בַּאלְד הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהרְט צוּרִיק מִיט דֶעם שְׁטֶעקֶען אִין דֶער הַאנְד אוּנ אָנְגֶערוּקְט דָאס הִיטֶעל (דָאס אִיז בַּיי יוּדֶען אַ סִימָן אַז מֶען גֶעהְט אִין וֶועג אָדֶער אַהֵיים) אוּנ הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטֶעלְט קוּקֶען אוֹיף מִיר. —

— נָא, הָאב אִיךְ אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, וָואס שְׁטֶעהְט אִיהר? אִיהר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַ גוּטֶע נַאכְט.

— נֵיין בְּרוּדֶער, אִיךְ קֶען נִיט אַוֶועקגֶעהְן אַזוֹי...

— וָואס הֵייסְט?

— זַיי מִיר מוֹחֵל...

— פַאר וָואס? אִיהר הָאט זִיךְ דַאכְט זִיךְ קֵיין מָאל נִיט פַארְזִינְדִיגְט גֶעגֶען מִיר.

— אָבֶער, אָבֶער, זַיי זִיךְ בְּרוּדֶער מוֹדֶה, אִיךְ הָאב דִיר אִיצְטֶער דָאקוּטְשֶׁעט, אַיךְ הָאב אוֹיפְגֶעוֶועקְט דִי קִינְדֶער, אָנְגֶעמַאכְט אַגֶעפִּילְדֶער, בַּיינַאכְט אוֹיפְגֶערִיהרְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב; זַיי מִיר מוֹחֵל, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן? דוּ הָאסְט גֶעהַאט אֵיין אֱמֶת׳ע מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט מִיט מִיר גֶעטְרוּנְקֶען לְחַיִים, פַארבְּרֶענְגְט אַ שָׁעָה אוּנ מִיךְ גֶעלָאזְט אוֹיסגִיעסֶען מַיין הַארְץ... עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארֶען גְרִינְגֶער, אִיךְ בִּין אִיצְט אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט, אִיךְ לֶעב אִיצְט וַוייטֶער, וֶוען נִיט, וֶוער וַוייסְט צוּ אִיךְ וָואלְט גֶעקָאנְט וַוייטֶער לֶעבֶּען... אַ גוּטֶע נַאכְט בְּרוּדֶער, עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אַהֵיים, אַ גוּטֶע נַאכְט; דִי צְוֵויי גְרָאשֶׁען יֶענְטֶע דֶער מְלַמֵד׳קָע פַאר דִי צְוֵויי רֶעטְשֶׁענֶע פְלֶעצְלֶעךְ וֶועל אִיךְ מָארְגֶען נָאךְ דֶעם מַארְק אָבְּגֶעבֶּען... אוּנ אִיז אַיילֶענְדִיג אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, נָאר אַזוֹי טְרוֹירִיג, אַזוֹי פַארְקְלָאגְט מִיט אֵיין אָרָאבְּגֶעלָאזְטֶען קָאפּ, וִוי דֶער שְׁטֶענְדִיגֶער פַארְחָמָארֶעטֶער, שְׁוַויגֶענְדִיגֶער בֶּ ע רִ י ל פְּ לַ א סְ טֶ ע ר, נָאר מִיט אַ גְרִינְג הַארְץ...

הַיינְט, ד. ה. זַייט גָאטְט הָאט מִיךְ צוּשַׁיידְט מִיט בֶּערְלֶען דֶערְמָאן אִיךְ אִיהם אָפְּט מִיט זַיין בִּיס׳ל בְּרָאנְפֶען, עֶס וֶוערְד אָפְּט אַזוֹי שְׁוֶוער דֶער קָאפּ מִיט דֶעם הַארְץ פוּן דֶער הַיינְטִיגֶער קְלוּגֶער וֶועלְט, פוּן צוּזֶעהן אוּנְזֶערֶע אַלֶערְלֵיי פָאלְק־פַארְזָארְגֶערְם, שְׁטָאדְט־פַארְזָארְגֶערְם אוּנ אַללֶערְלֵיי יוּדִישֶׁע פַארְזָארְגֶערְם אַז אִיךְ זָאג נִיט אֵיין מָאל צוּ מִיר אַלֵיין:

— אַךְ, וואוּ נֶעם אִיךְ אִיהם, וואוּ נֶעם אִיךְ אִיצְט בֶּ ע רִ י ל פְּ לַ א סְ טֶ ע ר מִיט זַיין בִּיס׳ל בְּרָאנְפֶען, חָאטְשׁ אוֹיף אֵיין שָׁעָה, וָואלְט אִיךְ זִיךְ פַאר אִיהם אוֹיסגֶערֶעדְט, אוֹיסגֶעגָאסֶען דָאס הַארְץ... וָוארוּם וַוייטֶער אַזוֹי לֶעבֶּען אִיז טַאקִי נִיט מֶעגְלִיךְ, וִוי בֶּערִיל פְּלַאסְטֶער הָאט גֶעזָאגְט...

X.

שְׁפְּרִינְצֶעלֶע.

אִיךְ הָאבּ אַז דִי לֶעזֶער הָאבֶּען גֶעוִויס נִיט פַארְגֶעסֶען אַז דֶעם שַׁבָּת וֶוען אִיךְ זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז דִי בָּאד אָבּגֶעבְּרֶענְט וֶוענִין אַלְלֶע בַּיים עֶסֶען, נָאךְ דֶעם עֶסֶען, אִין שְׁלָאף, נָאךְ דֶעם שְׁלָאף גֶעוֶועזֶען פַארְטְרָאגֶען מִיט רֶעדֶען וֶוענֶען דֶעם וָואס אִיז פָּארגֶעקוּמֶען אִין קְלויז מִיט דְנָואשֶׁען, טְרַייטְלֶען אוּנ טְרַייגֶען, נָאר צְווֵיי זֶענִין גֶעוֶועזֶען פַארְטְרָאגֶען מִיט אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְטֶען. דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דִי צְוַויי אִיז אוּנְזֶער ר׳ בֶּער׳ל פְלַאסְטֶער וָואס אִיז אַ גַאנְצֶע נַאכְט גֶעוֶועזֶען גֶענֶערַאל בַּיים פָּאזְשַׁאר.

אַלְלֶע הָאבֶּען זִיךְ דֶעם גַאנְצֶען שַׁבָּת׳דִיגֶען טָאג גֶעמִישְׁט אִין דֶער בָּאד וִוי שְׁטָאדְט-בַּעֲלֵי בָּתִּים נָאר בֶּערֶעל נֶעבֶּעךְ... אָט הֶערְט בֶּעסֶער מִיט וָואס פַאר אַ גֶעשֶׁעפְט עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פַארְנוּמֶען דֶעם גַאנְצֶען טָאג שַׁבָּת – אִיךְ וֶועל דֶערְצֶעהלֶען פוּן אָנְהֵייבּ:

וֶוען בֶּערִיל אִיז פוּן דֶעם פָּאזְשַׁאר אוֹיסגֶעשְׁמִיעֶרְט וִוי אַ שְׁוַוארְץ יָאהר אוּנ צֶערִיסֶען אוֹיף זִיךְ דֶעם טַלִית קָטָן, וִוי אֵיינֶער וָואס נֶעמְט אָב אַ קְרֶעפָּאסְט, אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אַהֵיים, אִיז זַיין וַוייבּ דִי „אֵשֶׁת חַיִל״ – וָואס, וִוי זִי זָאגְט, הָאדֶעוֶועט זִי אִיהם מִיט אִיהְרֶע קִינְדֶער – שׁוֹין לַאנְג וִוי אֵיין אֱמֶת׳ע אֵשֶׁת חַיִל אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען אִין קְלויז דַאוְונֶען; בֶּערִיל אִיז דֶערְפוּן זֶעהְר גֶעוֶועזֶען צוּפְרִידֶען, „לָאז זַיין שְׁפֶּעטֶער אַבִּי נִיט אִיצְטֶער״... הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ וִוי אַ פֶערְשׁוּלְדִיגְטֶער וָואס אִיז פַארמִשְׁפָּט צוּם טוֹיט אוּנ שְׁרַייבְּט אֵיין אַפֶּעלַאצְיֶע מִיט דֶער אִיבֶּערְצַייגוּנְג אַז עֶר וֶועט גָאר נִיט פוֹעֶל׳ן פַאר זַיינֶע גְרוֹיסֶע זִינְד „נָאר לָאז זַיין שְׁפֶּעטֶער, אַבִּי נִיט אִיצְטֶער״... טְרַאכְט עֶר זִיךְ.--

וֶוען בֶּערִיל אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם דַאוְונֶען אַהֵיים, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ מִיט אַלְלֶע יוֹדֶען גֶעטְרַאכְט: נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען דַארְף מֶען אַבִּיס׳ל אַרוֹיסגֶעהן אוֹיף דֶער גַאס הֶערֶען, זֶעהן וָואס וֶועט זַיין מִיט דֶער בָּאד; נָאר אַזוֹי גֶעהֶענְדִיג הָאט עֶר דֶערְזֶעהן זַיין „אֵשֶׁת חַיִל״ גֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער קְלויז, זִי הָאט אוֹיף אִיהם אָן דֶער זַייט אַ קוּק גֶעטְהוּן, וִוי אֵיינֶער זָאגְט: קוּם, קוּם נָאר אַהֵיים וֶועסְט דוּ עֶפֶּעֶן מִיט דֶעם קָאפּ דִי טְהִיר. דֶער אָרִימֶער בֶּערִיל הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעךְ דִי מִינוּט פַארְשְׁטַאנֶען אִיהְר קוּק אוּנ הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסֶען נִיט נָאר אָן דֶער בָּאד נָאר אֲפִילוּ אָן גַאנְץ זְלִידְנִיוְוקֶע, חוּץ זַיין אֵשֶׁת חַיִל...

וִוי אֵיינֶעם וָואס מֶען פִיהְרְט הֶענְגֶען, אַזוֹי אִיז בֶּערִיל גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט פַאוָואלִי דִי טְהִיר אוּנ גֶעזָאגְט שְׁטִיל אַ „גוּט שַׁבָּת״. דָאס וַוייבּ... נוּר לָאם אִיךְ אַייךְ פְרִיהֶער אִין קוּרְצֶען בֶּעקַאנְט מַאכֶען מִיט אִיהר, זִי הֵייסְט מִיט אִיהר נָאמֶען: שְׁפְּרִינְצֶע זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע. –

בַּיי אִיהר פָאטֶער ר׳ זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע אִיךְ

גְעוועֶזֶען אַ בַּת יְחִידָה'לֶע שְׁפְּרִינְצֶעלֶע (אַזוֹי פְּלֶעגְט מֶען זִי רוּפֶען מֵיידֶעל וַוייז), וָועהר אַ גֶערָאטְהֶען מֵיידֶעל.

ווִי אִיהר פָּאטֶער פְּלֶעגְט זָאגֶען, אִיז שְׁפְּרִינְצֶעלֶע גֶעוועֶזֶען גֶערָאטְהֶען אִין אִיהר בָּאבֶען ד. ה. אִין זַיין מוּטֶער גֶעלֶע דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע מִיט אַלֶע פִּישְׁטְשִׁיווְקִים. דִי בָּאבֶּע גֶעלֶע אִיז גֶעוועֶזֶען אַ בִּרְיָה, זִי הָאט גֶעקֶאנְט אַלֶערְלֵיי שְׁפְּרַאךְ כִּמְעַט אַלֶע זִיבְּצִיג לְשׁוֹנוֹת פוּן דֶער וָועלְט, אוּנ הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט צוּ רֶעדֶען מִיט שָׂרִים וּמְלָכִים ד. ה. מִיט דִי פְּרִיצִים, גוֹיִם פוּן זְלִידְנִיווֶקֶע וָואס פְּלֶעגֶען קוּמֶען צוּ גֶעלֶען אִין קְלֵייט אַרַיין קוֹיפֶען סְחוֹרָה. זִי הָאט אֲפִילוּ קֵיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט אַרוּמְצוּפָאהְרֶען מִיט סְחוֹרָה אוֹיף אַלֶע יְרִידִים, אוּנ דֶערְפַאר טַאקִי הָאט מֶען זִי אוֹיף דֶער אֶלְטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען גֶעלֶע דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע. אַז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט מֶען אִיהר זוּהְן זַלְמָן מָאטֶעל אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען אוֹיף זַיין מוּטֶערְס נָאמֶען ד. ה. ר׳ זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע, אוּנ אַז בֵּיי זַלְמָן מָאטֶעל אִיז אוֹיסְגֶעוואַקְסֶען אַ טָאכְטֶער שְׁפְּרִינְצֶע הָאט זִי גֶעהֵייסֶען שְׁפְּרִינְצֶע זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע, אוּנ וֶוען בַּיי שְׁפְּרִינְצֶען לְמָשָׁל וואַקְסְט אוֹיס אַ זוּהְן שַׁכְנָא מֵאִיר הֵייסְט עֶר בֵּיי יוּדֶען: שַׁכְנָא מֵאִיר שְׁפְּרִינְצֶעס זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע אוּנ וֶוען לְמָשָׁל בַּיי שַׁכְנָא מֵאִיר וַואקְסְט אוֹיס אַ קִינְד גֶעלֶע בֵּיילֶע, הֵייסְט זִי: גֶעלֶע בֵּיילֶע שַׁכְנָא מֵאִיר שְׁפְּרִינְצֶעס. זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע א. ז. וו.

אַזוֹי קֶען אוֹיסְוואַקְסֶען צְווִישֶׁען יוּדֶען אַ נָאמֶען עֶר זָאל זַיין לַאנְג ווִי פוּן אוּנְזֶער לַאנְד בִּיז קֵיין מִצְרַיִם, עֶס וֶוערְד נִיט נִמְאַס צוּ צִיהֶען אַזוֹי לַאנְג דֶעם נָאמֶען כְּדֵי דֶער פַארְדִיענְטֶער נָאמֶען פוּן דֶער בָּאבֶּע גֶעלֶע זָאל אִין דֶער מִשְׁפָּחָה נִיט פַארְגֶעסֶען וֶוערֶען.

אַי וֶועט אִיהר פְרֶעגֶען: נָא אוּנ דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶע הָאט גָאר קֵיין מַאמֶע מִיט קֵיין טַאטֶען נִיט גֶעהַאט. אַ זֵיידֶען אָדֶער אַ בָּאבֶּע, פַאר וָואס זְשֶׁע הָאט מֶען גָאר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ צִיהֶען פוּן אִיהר דֶעם נָאמֶען?...

דַארוּיף קֶען אִיךְ אַייךְ פַאר גֶעווִיס עֶנְטְוֶוערֶען, חָאטְשׁ אִיךְ בִּין דֶערְבַּיי נִיט גֶעוועֶזֶען, אַז מִסְתָּמָא הָאבֶּען דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעס עֶלְטֶערְ'ן זֵיידֶעס אוּנ בָּאבֶּעס גֶעפִיהרְט אַ שְׁטִיל גֶעוואֶהנְלִיךְ לֶעבֶּען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ קֵיינֶעם נִיט גֶעוואָרְפֶען אִין דִי אוֹיגֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זֵיי אָבְּגֶעלֶעבְּט, דֶערְנָאךְ זֶענִין זֵיי גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ מֶען הָאט אָן זֵיי פַארְגֶעסֶען, גֶעלֶע אָבֶּער הָאט גֶעווִיס גֶעקֶענְט זַיין אִין אִיהר מִשְׁפָּחָה אַיין אַרְט „פֶּעטֶער דֶער גְרוֹיסֶער" אוּנ הָאט אִין אִיהר קְלֵיינֶעם פַאמִילְיֶען קְרֵייז זִיךְ פַארְדִיענְט אַ נָאמֶען פַאר אִיהרֶע מַעֲלוֹת, בְּרִית'קֵייט א. ז. וו., דְרוּם בְּלַייבְּט אִיהר נָאמֶען אוּנ שְׁטָארְבְּלִיךְ בִּיז עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת.

ווִי לָאכֶערְלִיךְ עֶס זָאל נִיט קְלִינְגֶען אַ יוּדִישֶׁער נָאמֶען וֶועלְכֶער דוֹיֶערְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז צוּ עֶנְדֶע אַ פֶערְטִיל שָׁעָה, בַּאווייזְט דָאס אָבֶער אַז בַּיי יוּדֶען הָאט מֶען לִיעבּ צוּ גֶעדֶענְקֶען דֶעם וָואס הָאט מַעֲלוֹת אוּנ פֶּערדִיענְסְטֶען.

אִיךְ הָאבּ אַ בַּאקַאנְטֶען — אַ גוּטֶען פְרַײנְד, הַײסְט עֶר מִיט אַזַא נָאמֶען, נָאר פְרִיהֶער מוּז אִיךְ אַייךְ דֶערצֶעהלֶען ווִי אַזוֹי דֶער נָאמֶען אִיז אויסגֶעוַואקְסֶען בַּײ אִיהם:

גֶעזְוִים צוּרִיק מִיט דְרַײ אָדֶער פִיער הוּנְדֶערְט יָאהר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ יוּד ר׳ אַהֲרֹן תַּנְחוּם, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן נָחוּם אַייזִיק, בַּײ אִיהם אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען אַ זוּהן, טַאקִי וַוייטֶער אַהֲרֹן תַּנְחוּם, בִּיי דֶעם אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען אַ טָאכְטֶער פֵּייגֶה לֵאָה, זִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּהן נָחוּם אַייזִיק, דֶער הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער פֵייגֶה לֵאָה, בַּײ אִיהר אִיז גֶעבּוֹירֶען אַ זוּהן אוּנ מֶען הָאט אִיהם אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען נָאךְ דֶעם זֵיידֶען אַייזִיק נָחוּם — דָאס אִיז מַײן בַּאקַאנְטֶער, אוּנ אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיהם אִין שְׁטֶאדְטִיל אוּנ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערפְרֶעגֶען זַײן פַאמִילְיֶע נָאמֶען, הָאט מִיר קֵיינֶער נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עֶנְטוֶוערֶען, נָאר אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערמָאנְט אָן זַײן לַאנְגֶען נָאמֶען אוּנ הָאבּ אִיהם אויסגֶעשִׁיט אַזוֹי: וואוּ וָואהְנְט דָא ר׳ אַייזִיק נָחוּם פֵּייגֶה לֵאָה׳ס נָחוּם אַייזִיק׳ס פֵּייגֶה לֵאָה׳ס אַהֲרֹן תַּנְחוּם׳ס נָחוּם אַייזִיק׳ס אַהֲרֹן תַּנְחוּם׳ס, הָאט מִיר יֶענֶער בַּאלְד גֶעעֶנְטוֶוערְט: — אַ, אַ, ר׳ אַייזִיק נָחוּם פֵּייגֶה לֵאָה׳ס, נָחוּם אַייזִיק׳ס פֵּייגֶה לֵאָה׳ס אַהֲרֹן תַּנְחוּם׳ס נָחוּם אַייזִיק׳ס אַהֲרֹן תַּנְחוּם׳ס? וֶוער וַוייסְט עֶס נִיט? אָט וָואהְנְט עֶר דָא אַקֶעגֶען... נִיט וַוייט... אִיהר זָאלְט פְרִיהֶער גֶעוֶועזֶען אַזוֹי פְרֶעגֶען וָואלְט מֶען שׁוֹין אַייךְ לַאנְג גֶעוֶועזֶען גֶעווִיזֶען, אֲפִילוּ אַ קְלֵיין קִינְד...

עֶס פַארשְׁטֶעהט זִיךְ אַז יֶענֶער אִיז דָא גֶעוֶועזֶען גֶערֶעכְט נִיט אִיךְ...

מִיר קֶעהְרֶען זִיךְ אוּם צוּרִיק: שְׁפְּרִינְצֶעלֶע אִיז גֶעוֶועזֶען אַ בַּת יְחִידָה׳לֶע בַּײ אִיהר פָאטֶער זַלְמֶן מָאטֶעל גֶעלֶע דִי יְרִידְנִיטְשְׁקֶע. זִי הָאט אוֹיךְ גֶעקָאנְטרֶעדֶען אוֹיף אַלֶערְלֵיי שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ גֶעקָאנְט אויסטַעֲנֶהן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שָׂרִים וּמְלָכִים, מִיט גוֹיִם, דַייטְשֶׁען א. ז. וו. — אַ דַאנְק דֶעם וָואס אִיהר פָאטֶער הָאט גֶעהַאט אַ שֶׁ׳נְק אוּנ שְׁפְּרִינְצֶעלֶע אִיז פוּן קִינְדוַוייז אָן גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער סְטוֹיקֶע. דָא הָאט זִי זִיךְ אַ סַךְ יָאהרֶען גֶעשַׁארְפְט דָאס צִינְגֶעל אוֹיף אַלֶע זַייטֶען, וָוארוּם אִין שֶׁענְק פְלֶעגֶען זִיךְ אַלֶע טָאג קוּמֶען אַלֶערְלֵיי מֶענְשֶׁען פוּן פִיעל אוּמוֹת פוּן דֶער וֶועלְט: דַייטְשֶׁען, יוּדֶען, פָּאלַיאקֶען, פְּרִיצִים אוּנ אֲפִילוּ מוּזְשִׁיקֶעס אוֹיךְ, דֶעם הָאט זִי גֶעעֶנְטוֶוערְט, מִיט דֶעם זִיךְ גֶעדוּנְגֶען, מִיט יֶענֶעם זִיךְ גֶעקְרִיעגְט, דֶעם גֶעשָׁאלְטֶען אוּנ דֶעם אויסגֶעפַּאטְשְׁט אוּנ אַרויסגֶעשְׁטוּפְּט.

אַ דַאנְק דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִי בַּײ יוּדֶען אוּנ נָאךְ מֶעהר בַּײ אִיהרֶע עֶלְטֶערן בַּאקוּמֶען אַ נָאמֶען פַאר אַ גֶערָאבְהֶ׳נֶע, פַאר אַ וָואילֶע מִיט אַ סַךְ מַעֲלוֹת, אַ בְּרִיָה אַ גָאנְץ אוּנ לַײט מֶעגֶען מְקַנֵא זַײן דִי עֶלְטֶערן מִיט אַזוֹינֶע קִינְדֶער.

קוּקֶענְדִיג ווִי שְׁפְּרִינְצֶעלֶע שְׁטֶעהט אוּנְטֶער דֶער סְטוֹיקֶע, דָא הָאט זִי אָנְגֶעגָאסֶען, דָא דֶערגָאסֶען, דָא אָבְּגֶענָאסֶען, דָא גֶעלְד גֶענוּמֶען, דֶעם גֶעעֶנְטוֶוערְט, דֶעם גֶעשָׁאלְטֶען אוּנ דֶעם גְלַאט אַזוֹי גֶעזָאגְט שְׁטְרֶענְג, פְלֶעגְט דֶער פָאטֶער גָאר אָנְקְוֶועלֶען.

— מִיט אֵיין וואָרְט, — פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען דֶעם שַׁדְכָן וָואס פְלֶעגְט אָפְּט אַרַיינְגֶעהן טְרִינְקֶען אַ בִּיסֶל בְּרָאנְפֶען — גוּטֶע קִינְדֶער זֶענֶען טַאקִי נָאר פוּן גָאט,

דַאכְט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם זֶענִין אוֹיךְ דָא קִינְדֶער, מֶען לֶערֶענְט זֵיי אוּנ מֶען לֶערֶענְט זֵיי, אוּנ זֵיי טוֹיגֶען נִישְׁט אַ קַאץ אֵיין עֶק צוּ צוּבִּינְדֶען אוּנ מַיין שְׁפְּרִינְצֶעלֶע וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר אִיהר קֵיין מָאל קֵיין שְׁרַייבֶּער גֶעלְד נִיט גֶעצָאהלְט, קֶען מֶעהר פוּן דִי אַלֶלֶע גֶעלֶערנְטֶע, זִי רֶעדְט אוּנ טַעֲנִיט זִיךְ אוּיס מִיט יֶעדֶען בַּאזוּנְדֶער אֲפִילוּ מִיט שָׂרִים וּמְלָכִים; אִיהר קוּמְט אַ מַאנְן אַיין אֶמֶת׳ער תַּלְמִיד חָכָם, וָוארוּם וָואס קוּמְט אַרוֹיס דִי וָואס נֶעמֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אַז זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער טוֹיגֶען צוּ גָאר נִיט, אָבֶער בַּיי מַיין שְׁפְּרִינְצֶעלֶע וֶועט דֶער מַאנְן מֶעגֶען זִיצֶען אִין קְלוֹיז אָהְן זָארְגֶען אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אָט זִי אִיז אַ מֶענְטְשׁ, אַ סוֹחֵר׳טֶע מִיט אַ פִּסְק, זִי קֶען אַ מַאנְסְבִּיל – אַ סוֹחֵר אַרַיינְשְׁטֶעקֶען אִין גַארְטִיל.

שְׁפְּרִינְצֶעלֶע פְלֶעגְט דָאס אָפְט הֶערֶען פוּן אִיהר פָאטֶער אוּנ פוּן זַייטִיגֶע מֶענְשֶׁען אוּנ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעוואוּסְט אַז זִי שְׁטֶעהְט הוֹיךְ – הֶאכֶער פוּן אַלֶע אִיבְּרִיגֶע מֵיידְלֶעךְ אִין שְׁטָאדְט אוּנ הָאט נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ גְרֶעסֶערֶע רָאלֶיע צוּ שְׁפִּיעלֶען נֶעבֶּען דֶער סְטוֹיקֶע אוּנ וַוייזֶען דִי קוֹנִים אוּנ שִׁיכּוֹרִים אַז זִי הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר זֵיי אוּנ קֶען זִיךְ אוֹיסְטַעֲנֶהן.

שְׁפְּרִינְצֶען אִיז קֵיין מָאל נִיט אוֹיפְגֶעקוּמֶען דֶער גֶעדַאנְק אַז דָאס וָואס זִי אִיז מִיאוּס אִיז אַ חִסָרוֹן פַאר אַ מֵיידֶעל, אוּנ פוּן וַואנֶען זָאל זִי דָאס וִויסֶען? דִי עֶלְטֶערן לוֹיבֶּען זִי, דִי שְׁטָאדְט וַוייבֶּער זֶענִין אִיהר פָאטֶער מְקַנֵּא מִיט אַזַא גֶערָאטְהֶען קִינְד אוּנ וִוינְשֶׁען זִיךְ אַזוֹינֶע קִינְדֶער, דִי שִׁיכּוֹרִים זָאגֶען אוֹיךְ אַז קֵיין בֶּעסֶערְס פוּן שְׁפְּרִינְצֶקֶע אִיז גָאר נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, – מִיט אֵיין וָוארְט שְׁפְּרִינְצֶע הָאט גֶעוואוּסְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְחַאפֶּען אַ שִׁידוּךְ פוּן דִי אַנְטִיקֶען, יֶענֶער זָאל זִיךְ נָאךְ שֶׁאצֶען פַאר גְלִיקְלִיךְ וָואס עֶר הָאט שְׁפְּרִינְצֶעלֶען פַאר אַ וַוייבּ. נָאר דָא הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שְׁטִיקֶעל מְנִיעָה זִי הָאט זִיךְ עֶפִּים אוֹיף אַ וַויילִיטְשְׁקֶע שְׁטַארְק פַארְלִיעבְּט אִין דֶעם שֵׁייגֶעץ וָואס טְרַייבְּט אָן דִי פֶערְד בַּיי אַ פָּרִיץ אוּנ טְרִינְקְט אַלֶלֶע טָאג בְּרָאנְפֶען בַּיי ר׳ זַלְמֶן מָאטִיל גֶעלֶע׳ס דִי יֶרִידְנִיטְשְׁקֶעס אִין שֶׁענְק אוּנ... אוּנ הָאט גֶעוָאלְט מִיט אִיהם אַנְטְלוֹיפֶען, נָאר מֶען הָאט דֶערזֶעהן...

רֶענְצְמָאל הָאט אִיהר פָאטֶער גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מִיט שְׁפְּרִינְצֶעלֶען אַ שִׁידוּךְ טְהוּן, אוּנ וֶוען ר׳ זַלְמֶן שַׁדְכָן אִיז דֶעם לֶעצְטֶען שַׁבָּתצוּנַאכְט אַרַיינגֶעקוּמֶען אוֹיסְטְרִינְקֶען אַ גְלֶאזֶעל טְהֶעע לְכָּבוֹד „מְלַוֶה מַלְכָּה" אוּנ הָאט וִוי תָּמִיד דֶערוַוייל פָארְגֶעלֶעגְט פוּן שְׁפְּרִינְצֶעלֶעס וֶועגֶען אַ שִׁידוּךְ, אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט מְיוּחָסִים מִיט גְבִירִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט דָרוֹיף ר׳ זַלְמֶן מָאטֶעל גֶעעֶנְטְוֶוערְט אוּנ גֶעדְרוּנְגֶען זַלְמֶן דֶעם שַׁדְכָן אַז פַאר זַיין שְׁפְּרִינְצֶעלֶען דַארְף עֶר נִיט הָאבֶּען קֵיין גְבִירִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל בְּרוֹיט פַארְדִינֶען קֶען זִי אַלֵיין. זִי אִיז אַלֵיין אַ מַאנְסְבִּיל, אַ סוֹחֵר׳טֶע מִיט אַ פִּסְק, זִי קֶען רֶעדֶען מִיט מֶענְשֶׁען אֲפִילוּ מִיט שָׂרִים וּמְלָכִים, זִי דַארְף נָאר הָאבֶּען אַ מַאנְן אַ טְהַייעֶר קִינְד, אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס זָאל קֶענֶען זִיצֶען אוּנ לֶערְנֶען, גָאטְט דִיעֶנֶען, אַז זַיין שְׁפְּרִינְצֶעלֶע זָאל פַארְדִינֶען אַ סַךְ שְׂכַר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. דֶער שַׁדְכָן הָאט בַּאלְד פָארְגֶעלֶעגְט בֶּערְלֶען דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶעם לַמְדָן, וָואס אִיז דֶערְנְצְמָאל גֶעוֶועזֶען אֵיין

אָרִימֶער בָּחוּר, הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִין קְלוֹיז אוּנ גֶעהַאט אַ שֵׁם אִין זְלִידְנִיוֶוקֶע פַאר אַ טְהַייֶער קִינְד וָואס זִיצְט נָאר אוּנ לֶערֶענְט.

„בֶּערֶעל דֶער בָּחוּר" הָאט טַאקֶע לִיעבּ גֶעהַאט צוּ זִיצֶען שְׁטֶענְדִיג אִין קְלוֹיז אוּנ אַ סַךְ לֶערְנֶען. עֶר פְלֶעגְט אַזוֹי פִיעל לֶערְנֶען בִּיז עֶר הָאט אָנגֶעהוֹיבֶּען גְלוּסְטֶען צוּ לֶערְנֶען „וַייטִיגֶע סְפָרִים" אוֹיךְ, אוּנ פְלֶעגְט שׁוֹין אָפְט שְׁמוּעסֶען אִין קְלוֹיז דֶערפוּן, פַאר וָואס דִי זוּנְן גֶעהט אוֹיף אַלֶע אִין דֶער פְרִיה פוּן דֶער זַייט וואוּ דִי מִיהל שְׁטֶעהְט, אוּנ פַאר נַאכְט פַארגֶעהְט זִי אַרָאבּ פוּן דֶעם דַאךְ פוּן דֶער קְלוֹיז; אוֹיךְ פַאר וָואס מוּז מֶען וִוינְטֶער הֵייצֶען אִין קְלוֹיז דִי רוּבָּא אוּנ זוּמֶער נִיט? אוּנ גְלַאט אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פַארגֶעבֶּען פְרַאגֶען פַאר וָואס אִיז וִוינְטֶער־קאלְט אוּנ זוּמֶער וַוארְ׳ם? פַאר וָואס זָאל אִין זְלִידְנִיווֶקֶע נִיט זַיין אַ גַאנְץ יָאהְר זוּמֶער וִוי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? אוּנ נָאךְ פוּן אַזוֹינֶע זַאכֶען הָאט עֶר אָנגֶעהוֹיבֶּען שְׁמוּעסֶען; דִי וֶועלְט הָאט אֲפִילוּ אָנגֶעהוֹיבֶּען מוּמְלֶען, אַז בֶּערֶעל הָאט זִיךְ אַזוֹי פִיעל אַריינגֶעלָאזְט אִין לֶערְנֶען בִּיז עֶר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארֶען, נָאר פַאר אַ טְהַייֶער קִינְד פַאר אַ לַמְדָן הָאט אִיהם יֶעדֶער גֶעהַאלְטֶען.

בֶּערֶעל אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהר צוּפְרִיעדֶען מִיט דֶעם שִׁידוּךְ מִיט ר׳ זַלְמָן מָאטֶעל גֶעלֶע׳ס דִי יְרִידְנִיטְשֶׁקֶע, עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אוֹיפְצוּהֶערֶען קְוֶועטְשֶׁען דִי בַּאנְק, עֶס אִיז שׁוֹין צַייט עֶפֶּעס טְהוּן אוֹיף דֶער וָועלְט אוֹיךְ, הָארֶעוֶוען אוֹיפ׳ן שְׁטִיקְ׳ל בְּרוֹיט פַאר זִיךְ, פַאר דֶעם וַוייבּ, פַאר דִי קִינְדֶער. מִיט אֵיין וָוארְט פִיהְרֶען אַ פַאמִילְיֶענלֶעבֶּען, זַיין אַ בַּעל בַּיִת וִוי גָאטְט הָאט גֶעבָּאטֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ בֶּערֶעל גֶעטְרַאכְט נִיט וִוי אַ מְשׁוּגָענֶער, טַאקִי וִוי אַ גַאנְץ קְלָארֶער וָואס פַארְשְׁטֶעהט אַז דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען בַּאשְׁטֶעהְט נִיט דַארִין, צוּ זִיצֶען גַאנְצֶע יָאהְרֶען אִין קְלוֹיז, „קְוֶועטְשֶׁען דִי בַּאנְק" וִוי מֶען רוּפְט עֶס אָן בַּיי יוּדֶען. זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּנ גָאטְס דִיענֶען, לֶערְנֶען, – הָאט בֶּערֶעל גֶעטְרַאכְט, –דַארְף מֶען נוּר בָּחוּר וַוייז, – נָאכְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְשׁ מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פַארנֶעמֶען, אַז עֶר זָאל זַיין אִים שְׁטַאנְד דֶער פַאמִילְיֶע אוּנ דֶער וֶועלְט עֶפֶּעס נוּצֶען צוּ בְּרֶענְגֶען. חוּץ דֶעם זִיךְ מִיט עֶפֶּעס פַארנֶעמֶען אַז עֶר זָאל זַיין אִים שְׁטַאנְד צוּ פַארדִיעְנֶען דָאס לֶעבֶּענְסְ־מִיטֶעל, מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִיט דַארְפֶען אָנקוּמֶען צוּ יֶענֶעם א. ד. ג. – אִין דִי זַאכֶען אִיז גָאךְ בֶּערֶעלְס גֶעדַאנְקֶען, בַּאשְׁטַאנֶען דָאס גַאנְצֶע „גָאטְס דִיעְנֶען". בֶּערֶעל הָאט מִיט דִי גֶעדַאנְקֶען חֲתוּנָה גֶעהַאט עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אֵיין אֵיידֶעם אוּנ הָאט גֶעגֶעסֶען קֶעסְט. כָּל זְמַן מֶען אִיז אֵיין אֵיידֶעם מֶעג מֶען דָאךְ זִיצֶען אִין קְלוֹיז, אוּנ בֶּערֶעל אִיז וַייטֶער גֶעזֶעסֶען אִין קְלוֹיז, הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁמַאק גֶעלֶערֶענְט, גֶעטְרַאכְט: אַז נִיט אִיבִּיג עֶסְט מֶען קֶעסְט; אוּנ זַיין וַוייבּ שְׁפְּרִינְצֶע אִיז וַוייטֶער גֶעוֶועזֶען דִי בְּרְיָה בַּיים פָאטֶער אִין שֶׁענְק.

אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִיהְרְט אַ לַאנְגֶע צַייט, ד. ה. בִּיז זֵיי וֶוענִין אַרָאבּ פוּן קֶעסְט, אַזוֹי וִוי שְׁפְּרִינְצֶע אִיז דָאךְ אַ בְּרְיָה אִיז זִי גֶעוָוארֶען אַ קְרֶעמֶערִין. בֶּערֶעל, אִיהר מַאנְן, וִוי דֶער שְׁטִייגֶער אִיז, הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט מִישְׁעֶן אִין גֶעשֶׁעפְט – אִין קְלֵייט.

קויפֶען אונ פַארקויפֶען א. ז. וו., הָאט זִי אִיהם נִיט גֶעלָאזְט אונ אִיהם גֶעטְרִיבֶּען פוּן דֶער קְלֵייט . . .

– דוּ הָאסְט דָא אִין קְלֵייט נִיט וָואס צוּ טְהוּן, הָאט זִי צוּ אִיהם גֶעשְׁרִיגֶען, אִיךְ הָאבּ דַארוּיף מִיט דִיר נִיט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ קֶען ב״ה אַלֵיין מְפַרְנֵס זַיין דִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער.

כָּל זְמַן זַיי זֶענִין גֶעזֶעסֶען אויף קֶאסְט הָאבֶּען זַיי כִּמְעַט צְווִישֶׁען זִיךְ נִיט גֶערֶעדְט וּבִפְרַט נָאךְ פוּן אַזוינֶע זַאכֶען ווִי פַּרְנָסָה. אונ וָואס הָאבֶּען זַיי גֶעהַאט צוּ רֶעדֶען? אַ גַאנְצֶע טָאג אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען גְלַייךְ מִיט אַלֶע אֵיידֶעמְלֶעךְ אִין קְלויז גֶעדַאוֶועט, גֶעלֶערֶענְט אָדֶער אַזוֹי פַארבְּרַאכְט דִי צַייט מִיט דִי יוּנְגֶע לַייט, אונ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט מֶען אִיהם גֶעגֶעבֶּען וֶועטְשֶׁערֶע, מִיטטָאג, פְרַייטָאג נָאכ׳ן רָאסֶעל-פְלֵיישׁ מִיט דֶער פְרִישֶׁער בּוּלְקֶע אַ הֶעמְד אִין בָּאד אַרַיין מִיט דְרַיי גְרָאשֶׁען בָּאד-גֶעלְד. אַזוֹי הָאבֶּען זַיי אָבְּגֶעלֶעבְּט אַ סַךְ יָאהרֶען בִּיז זַיי זֶענִין אַרָאבּ פוּן קֶאסְט מִיט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶערְלֶעךְ; עֶרְשְׁט אִיצְטֶער הָאט זַיין ווַייבּ דִי בְּרִיָה׳טֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען קְנֶעלֶען מִיט אִיהְם, ווַייזֶען אִיהם אַז זִי אִיז דָאס ווַ י י בּ אונ עֶר אִיז דֶער מַאנן, זִי אִיז דִי אֵשֶׁת חַיִל אונ עֶר אִיז דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס דַארְף זִיצֶען אִין קְלויז לֶערְנֶען, בֶּעטֶען גָאמְט פַאר אִיהר זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְד אַז זִי זָאל אִיהם מְפַרְנֵס זַיין מִיט דִי קִינְדֶערלֶעךְ.

וֶוען זִי הָאט אִיהם דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִיט וָואס צוּ טְהוּן אִין קְלֵייט אונ דַארְף זִיצֶען ווַייטֶער אִין קְלויז, הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס לֶעבֶּען אונ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אִיהר צוּ רֶעדֶען אונ טַעֲנֶהן. –

אִיךְ זָאג: „אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס לֶעבֶּען", וָוארוּם פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען מוֹרָא הָאבֶּין פַאר אִיהר, זִי הָאט אִיהם תֵּיכֶף גֶעווִיזֶען אַז זִי „דָאס ווַייבּ" דַארְף גֶעהְן אִין שְׁטְרַיימֶעל, נִיט עֶר דֶער מַאנן.

עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען פַאר וָואס מוֹרָא צוּ הָאבֶּען! שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אַז נָאךְ מוידְרַוייז אִיז שְׁפְּרִינְצֶע גֶעוֶועזֶען צְווֵיי מָאל לֶאנְגֶער, דְרַיי מָאל בְּרֵייטֶער אונ אַזוֹי פִיעל מָאל גְרֶאסֶער פוּן בֶּערְלֶען. זִי הָאט גֶעהַאט שְׁוַוארְצֶע הָאר מִיט שְׁוַוארְצֶע פַארוַואקְסֶענֶע בְּרָאדִיוְוקִים. אַ קוֹל גָאר נִיט קֵיין ווַייבֶּערְשׁ זִי פְלֶעגְט רֶעדֶען מִיט אַ גְרָאבֶּער שְׁטִימֶע ווִי אַ מַאנְסבִּיל, אונ וֶוער שְׁמוּעסְט אַז זִי פְלֶעגְט שְׁרַייֶען פְלֶעגֶען אֲפִילוּ דִי שִׁכּוֹרִים אִין שֶׁענְק צִיטֶער׳ן ווִי דִי פִישׁ אִין וַואסֶער. זַייט זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז זִי נָאךְ גֶעוָוארֶען דִיקֶער, גְרֶאסֶער אונ לֶאנְגֶער. חוּץ דֶעם, צוּ בֶּערֶעלְם גְרוֹיס אוּמְגְלִיק הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען וֶוערֶען שְׁטַארְק פְרוּם! דָאס אִיז אַ דַאנְק דֶעם וָואס צוּ דֶער חֲתוּנָה הָאט מֶען אִיהר גֶעקויפְט אַ טַייטְשׁ-חוּמָשׁ מִיט אַללֶע ווַייבֶּערשֶׁע תְּחִנוֹת. זִיצֶענְדִיג אִין שֶׁענְק הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק אַרַיינְלֶעגֶען אִין זַיי דֶעם קָאפּ, דֶערצוּ אַללֶע שַׁבָּת גֶעהְן אִין שׁוּל אַרַיין זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט דֶער זָאגֶערִינְס תּוֹרָה וּבִפְרַט נָאךְ מִיט דְוָואשֶׁע דֶער טוּקֶערְנְס מוּסָר. זִי הָאט אויסגֶעלֶער׳נְט דִי ווַייבֶּערשֶׁע גַאנְצֶע תּוֹרָה ווִי אַ וַואסֶער אונ אִיז אַזוֹי פְרוּם גֶעוָוארֶען, אַז זִי פְלֶעגְט מִיט יֶעדֶען (חוּץ מִיט דִי „שָׂרִים וּמְלָכִים") אויף קֵיין שׁוּם שְׁפְּרַאךְ נִיט רֶעדֶען נוּר ווִי אויף תְּחִינָה לָשׁוֹן ד. ה. דַייטְשׁ – יוּדִישׁ גֶעמִישְׁט

מיט לשון קודש. זי האט אנגעהויבען שטארק מורא האבען פאר עבירות און פאר דעם גיהנם וואס עס ברענט ווי א קאלך. אויבען פון איין שבת צום אנדערען, ווי מען ברענט די רשעים גנביגען זיי פון דער גאס שטיקער שנעע און באהאלטען אונטער די פאחוועס צי זאלען זיך קענען קיהלען ווען עס ברידט זיי; ביי נאכט דאווענען מתים אין דער אייבערשטער שול א. ז. וו.

מיט איין ווארט זי האט געגלויבט און מורא געהאט פאר אללע זאכען ווי עס שטעהט געשריבען אין די היילגע תחינות, אין טייטש חומש און אין אללע אנדערע ווייבערשע היילגע ספרים. נאך מעהר מורא האט זי געהאט פאר איהרע זינד; נאר זי האט זיי שוין לאנג גערעכענט פאר אבגעוואשען, דענן גאנצע צוויי יאהר האט זי עטליכע מאל אין טאג אויסגעגאסען א כאס וואסער אויף די האנד און געבעטען דעם וואס לעבט אייביג בזה הלשון:

„ארון כל העולמים, העררר פון דער גאנצער וועלט! דו האסט דעם מענשען באשאפען אז ער זאל דיר דיענען און איך האב ווידערגעשפעניגט געגען דיר און דו טהוסט מיך שטראפען טהו איך ווידערקעהרען צו דיר מיט מיין תפלה און געבעט און דיין דערבארמיגע גענאד איז גרויס איבער דעם הימעל, לאנג ווי אללע וועלטען און דיין קיניגרייך איז שטארק, דרום ביסט דו גערופען דער גאטט פון משפט און ווען איך בין אונטערטהעניג מיט תשובה, ביסט דו מוחל מיט דיין זיסען נאמען. רבונו של עולם! איך האף אז דו וועסט מיין תפלה צוריק ניט מאכען קעהרען, ווארום „מי אנכי", ווער בין איך דאס אזוי? איך זאל זוכה זיין תשובה צו טהון פאר אזוי איין גרויסען קיניג און איך בין איטעל בלוט און פלייש, און דוד המלך ע"ה (אזוינע קינדער זאלסט דו מיר געבען רבונו של עולם!) האט אויך געזאגט: „א צובראכען הארץ טהוסט דו ניט פארשעמען און זעהסט אן די פיין און די קוועלען פון טהרערען וואס רינען אויף מיינע קינבאקען ווי פון א רינווע אדער פון א באך, דרום זיי מיר מוחל און האר צו מיינע בקשות און מיין תשובה צו דיר, ווארום איך פורכט מיך זעהר פאר דעם שטן וואס טהוט אין מיין הארץ די תפלה הינדער'ן. ליעבער פאטער העלף מיר קענען דעם שטן ווארום איך קען ניט מיט מיין קראפט איהם בייקומען, ער איז מקטרג מיין תשובה וועגען מיינע זינד וואס איך האב געטהון אין מיין יוגענד; ליעבער גאטט זיי מיר מוחל, איך האב ביז אהער געטהון ווי א שוטה. „אוי לי" וויי איז צו מיין לייב וואס מיט דיין גרויסער קראפט האסט דו מיין לייב באשאפען פון לעהם און „אוי לי" א וואונדר איז מיר אויף מיינע באזע מעשים וואס איך האב געטהון אויף דער וועלט וואס איז הבל הבלים, ווי א שטן אויף דער וואנד; און ווער וועט מיר דא העלפען אין מיינע נויטהען אז דער בעל פקדון וועט שיקען נאך מיין פאר-פלעקטער פארפינטעלטער קויטיגער נשמה וואס איז שווארץ ווי די לייבער פון די רשעים אין גיהנם; מיין נשמה וועט זיך שיידען פון מיין גוף עס וועט פארלאשען ווערען דאס ליכט פון מיינע אויגען, מיין חכמה וועט פארגעהן ווי די זונן פון דעם הימעל. נאקיט בין איך געקומען אויף דער וועלט, נאקיט וועט מיך דער בעל דבר

צונעמען פון דער וועלט, פון מיין שיין ליבטיג הויז אין פינסטער׳ן קבר אריין און די ווערים וועלען קומען איבער מיין גאנץ לייב און וועלען מיך עסען און נאגען מיין בלוט ווי א גוטען וויין פון גרויסע צווייגען וויינטרויבען און מיין נשמה וועט געביך שטעהן און וועט דאס אלעס צוזעהן; נאך דעם וועט מען מיך ערשט רופען צום יום הדין הגדול והנורא פאר דעם בית דין און מען וועט אויפמאכען דאס ספר הזכרונות נאך מיין כתב נאך, מיינע מעשים וועלען קלערען מיין דין, א שטיין פון דער וואנד וועט עדות זאגען, א שפאן פון האלץ וועט געגטוועגען מיט מדת הרחמים און מדת הדין און איך וועל בלייבען שטעהן מיט א פארשעמט פנים פאר דיר הגדול הגבור והנורא; דער בעל פקרון וועט מיך אבגעבען צו די מלאכי חבלה וואס איך האב אליין באשאפען און אין מיין אייגען פייער וועט מען מיך בראטען אין גיהנם. „אוי לי״ ווי איז צו מיין שווארץ לייב וואס מיט דיין גרויסער שטארקער קראפט האסט דו עס באשאפען פון לעהם און פון בלאטע, וואס איז שווארץ ווי די האלאוועשקים וואס זענין איבערגעבליבען פון דעם חורבן בית המקדש און אונזער הייליג לאנד ירושלים, און בזכות זה וועלען מיר זוכה זיין אין ארץ ישראל אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות אמן סלה״.

XI.

אשת חיל.

ביי איהר גרויס פרומקייט האט זי געהאט א חסרון וואס זי פלעגט איהם קיין מאל ניט מודה זיין. למשל ווען איינער האט זיך מיט איהר איבער עפיס געשפארט פלעגט זי באלד ווערען אין כעס, פארגעסען אן דער גאנצען פרומקייט מיט אלע הייליגע תחנות, אפילו דאס תחנה לשון און פלעגט אנהויבען רעדען און קריגען זיך מיט אזא לשון פונקט ווי א גוישע פערעקופקע וואס זיצט אין מארק און פארקויפט אפעלעך; אז דער כעס איז איהר אבגעגאנגען פלעגט זי די מינוט פארבייטען דאס פערעקופקער לשון אויף תחנה לשון, פארציהען דעם גרויסען בריימען פיסק אין א קליין קיילעכיג פיסקעלע מיט פאלבען און קנייטשען ווי א רינגעלע און נאר רעדען מיט גאטט פון זיינע גרויסע מעשים, פון דעם גיהנם, פון די רשעים, פון די ווייבער וואס געהען ערגיץ אין די גרויסע שטאדט מיט די אייגענע האר, פון די עקדיסין אין דער מדבר, פון דעם עולם התוהו, פון דעם גן עדן התחתון, פון יודישע טאכטער וואס לאבען פאר מאנסבילען און וואס קומען אב פאר זייערע זינד א. ז. וו.

דאס ערשטע מאל ווען שפרינצע האט געזאגט בערלען אז ער האט ניט וואס צו טהון אין קלייט, האט ער ניט אבגעשוויגען און געפרעגט:

— וואס הייסט? וואס הייסט איך זאל ניט זיין אין קלייט?

— עס איז גענוג פון מיינטוועגען — האט זי געענטפערט מיט דעם צונויפ-

גֶעצוֹיגֶענֶעם פִּיסְקֶעלֶע אוּנ מִיט דֶעם פַארְגָאטְטֶערְטֶען פְּנִים – וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי זִינְדִיג אוּנ פַארְגֶעם זִיךְ מִיט זִינְדִיגֶע זַאכֶען, וָואס טְהוּט אַ מֶענְשׁ נִיט צוּ לִיעבּ פַּרְנָסָה? דַארְפְסְט דוּ נָאךְ זִיךְ אָבְגֶעבֶּען מִיט אַזוֹינֶע זַאכֶען! זִיץ אִין קְלוֹיז אוּנ לֶערֶען וֶועט אוּנְז אִין דֶעם זְכוּת גָאטְט הֶעלְפֶען כֵּפֶל כִּפְלַיִם, גְלַייךְ וִוי דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זַיין אִין קְלֵייט״. וָוען בֶּערֶעל הָאט אִיהר דֶערוֹיף גֶעעֶנְטְפֶערְט:

– וָואס הֵייסְט, דוּ זָאלְסְט מִיךְ לֶערְנֶען? אִיךְ בִּין אַ מַאנְסְבִּיל אוּנ אִיךְ וֵויים אַזוֹי גוּט וָואס הֵייסְט עֲבֵרוֹת, וָואס אַ יוֹר מֶעג אוּנ וָואס עֶר טָאר נִיט גְלַייךְ מִיט דִיר פוּן דַיינֶע תְּחִנּוֹת.

דָא הָאט שְׁפְּרִינְצֶע אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען דֶעם פִּיסְק וִוי לַאנְג אוּנ בְּרֵייט עֶר אִיז אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוֹיף אִיהר פֶּערֶעקוּפְּקֶע לָשׁוֹן:

– אוֹיף דְרוֹיף הָאט דִיךְ מַיין טַאטֶע גֶענוּמֶען פַאר אֵיין אָרֶעם בָּחוּר אַז דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער זַיין טָאכְטֶער גֶעוֶועלְטִיגֶען אוּנ הֶערְשֶׁען? וָואס נָאךְ הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אִין דִיר אַז נִיט קֵיין תּוֹרָה? אָט וַוארְף אִיךְ דִיר צוּ דִי קִינְדֶער אוּנ זַיי זֵיי מְפַרְנֵס מִיט דַיין תּוֹרָה וִוי דוּ ווילְלסְט אוּנ מִיט דֶער קְלֵייט וֶועל אִיךְ אַוֶועקְגֶעהְן צוּ מַיין טַאטֶען א. ז. וו.

פוּן דֶעם טָאג אָן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְווִישֶׁען זֵיי אַלְלֶע מָאל קְרִיעג אוּנ קְרִיעג, עֶס אִיז אַ טָאג נִיט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען שְׁטִיל אָהן קֵיין טַעֲנוֹת אוּנ אָהְן קֵיין קְרִיעג; זִי הָאט גֶעטַעֲנָהט אַז זִי אִיז וַוייבּ אוּנ עֶר מַאנְן, אוּנ עֶר הָאט גֶעטַעֲנָהט אַז עֶר אִיז מַאנְן אוּנ זִי אִיז וַוייבּ; זִי הָאט גֶעטַעֲנָהט אַז זִי ווִילְל הָאבֶּען אַ מַאנְן אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס זָאל זִיצֶען יוֹם וָלַיְלָה אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר זָאל אִיהר פַארְדִיעגֶען עוֹלָם הַבָּא; אוּנ עֶר הָאט גֶעטַעֲנָהט אַז עֶר ווִילל הָאבֶּען אַ וַוייבּ וָואס זָאל זִיצֶען אִין דֶער הֵיים, זַיין אַ בַּעַל בַּיִת׳טֶע אוּנ עֶר אִין קְלֵייט אַ פָּאטֶער פַאר זַיין פַאמִילְיֶע. נָאר אַזוֹי וִוי בֶּערֶעל הָאט נִיט גֶעקֶענְט אַזוֹי שְׁרַייעֶן, שֶׁעלְטֶען אוּנ זִידְלֶען וִוי שְׁפְּרִינְצֶע, הָאט זִי טַאקִי אוֹיסְגֶעפִיהְרְט, ד. ה.–זִי אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִיז קְלֵייט אוּנ עֶר אִין קְלוֹיז. זַיין לֶעבֶּען אִיז אִיהם אַזוֹי נִמְאַס גֶעוָוארֶען, אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט אֵיין מָאל עֶנְטְשְׁלָאסֶען זִי אִיבֶּער־לָאזֶען מִיט דֶער קְלֵייט אוּנ זִיךְ גְטִין, נָאר צוּ זַיין אוּמְגְלִיק הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין גֶעהַאט קִינְדֶער אוּנ וִוי אוֹיף צוּלֶעצֶענֶעשׁ זֶעהר שֶׁאנֶע, זֶעהר גֶערָאטְהֶענֶע אוּנ עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי לִיעבּ בַּאקוּמֶען, אַזוֹי צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צוּ זֵיי, אַז זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען אִיז בַּא־שְׁטַאנֶען אִין דִי קִינְדֶער אוּנ עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אֵיין מָאל פַאר אַלֶע מָאל גֶערֶעשֶׁעט „לֶעבֶּען צוּ לִיעבּ דִי קִינְדֶער״.

פִּיעל יָאהרֶען זֶענֶען אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. אִין דֶער צַייט הָאט זִיךְ בֶּערֶעל אַזוֹי אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען שְׁפְּרִינְצֶען אַז עֶר אִיז פָאלְקָאמֶען גֶעוֶועזֶען בַּיי אִיהר אִין דִי הָאנְד, וָואס זִי הָאט גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעטְהוּן, קֵיין מָאל אִיז עֶר אִיהר מִיט קֵיין הַאלְבּ וָוארְט נִיט דֶערְווִידֶער גֶעוֶועזֶען; הָאט זִי אִיהם גֶעשָׁאלְטֶען הָאט עֶר גֶעשְׁווִיגֶען, אִיז זִי גֶעוֶועזֶען גוּט (דָאס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען זֶעהר זֶעלְטֶען), הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעשְׁווִיגֶען. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַיינְגֶעוָואהְנְט זִיךְ צוּ אוּנְטֶערְגֶעבֶּען אַז נִיט נָאר זַיין פְרוֹי נָאר יֶעדֶען

מֶענְשֶׁען בַּאזונֶדער אֲפִילוּ וֶוען אַ וַוייסֶער חֶבְרָה׳נִיק אִיז גֶעקְרָאכֶען אִיהם אוּיפְן קָאפּ הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעשְׁווִיגֶען.

בֶּערֶעל הָאט מֶעהר נִיט גֶעוואוּסְט ווִי אַ גַאנְצֶען טָאג זִיצֶען אִין קְלויז אוּנ אוֹיף דֶער נַאכְט זָאל עֶר אִין דֶער הֵיים אוֹיסְהֶערֶען אַללֶע בֶּעפֶעהלֶע שְׁפְּרִינְצֶעס, אַלֶעס טְהוּן וָואס זִי הָאט גֶעשַׁאפְט מִיט אִיהם אוּנ דֶערְנָאךְ שְׁפִּיעלֶען זִיךְ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

זַיי, דִי קִינְדֶער הָאבֶּען דֶעם פָאטֶער מֶעהר גֶעקֶענְט ווִי דִי מוּטֶער, זַיי זֶענִין מִיט אִיהם מֶעהר גֶעוֶועזֶען צוּזַאממֶען, אוּנ ווִידֶער וַוייל עֶר אִיז מִיט זַיי גֶעוֶועזֶען אַזַא גְלַייךְ קִינְד ווִי זַיי, זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען שְׁפְּרִינְצֶען גְלַייךְ מִיט זַיי.

וֶוען דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זֶענִין אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען הָאבֶּען זַיי בֶּעסֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פַארְשְׁטֶעהן זַייער „אוּמְגְלִיקְלִיכֶען פָאטֶער אוּנ דֶערְפַאר מֶעהר לִיעבּ הָאבֶּען אוּנ אַכְטֶען, אוּנ דִי מוּטֶער כְּמְעַט ווִי פַיינְד הָאבֶּען. זַיי הָאבֶּען זִי נַאטִירְלִיךְ נִיט גֶעקֶענְט לִיעבּ הָאבֶּען, וַוייל זִי הָאט זִיךְ מִיט זַיי נִיט אָבְּגֶעגֶעבֶּען ווִי אַ מוּטֶער מִיט קִינְדֶער, זִי הָאט נָאר גֶעוואוּסְט צוּ זַיין אֵיין אֵשֶׁת חַיִל, זִיצֶען אִין קְלֵייט אוּנ זִיךְ קְרִיעגֶען מִיט דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. ווִי אַ פֶּערֶעקוּפְּקֶע. —

מַיין עֶרְצֶעהְלוּנְג לָאזְט נִיט אִיךְ זָאל אַזוֹי פִיעל רֶעדֶען פוּן שְׁ פְּ רִ י נְ צֶ ע ן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אוֹיךְ צוּפִיעל אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער זַייט. נָאר אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעמוּזְט חָאטְשׁ אִין קוּרְצֶען בַּאקַאנְט מַאכֶען מִיט דֶעם סָארְט יוּדִישֶׁע פְרוֹיֶען וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ נִיט ווִינְצִיג צְווִישֶׁען אוּנְזֶערֶע יוּדִישֶׁע „אֵשֶׁת חַיִל׳ס”; אִיךְ וֶועל שׁוֹין דָא מֶעהר פוּן אִיהר לֶעבֶּענְסגֶעשִׁיכְטֶע נִיט רֶעדֶען, מִיר וֶועלֶען זִיךְ טַאקִי בַּאלְד אוּנ אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער בַּאגֶעגֶענֶען מִיט אִיהר, נָאר דֶערְוַוייל מוּז אִיךְ צוּוֶועצֶען — אִיהר זָאלְט נִיט מֵיינֶען אַז בֶּערֶעל אִיז שׁוֹין טַאקִי אַזוֹי גֶעוֶועזֶען דֶערְשְׁלָאגֶען, פַארְנַארִישְׁט אָדֶער אַזוֹי מְשׁוּגָע וָואס עֶר הָאט נִיט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין אַנְדֶער לֶעבֶּען אוּנ אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזֶען צוּפְרִיעדֶען מִיט אַזַא לֶעבֶּען, אָדֶער עֶר הָאט שׁוֹין גָאר נִיט גֶעפִיהלְט זַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶען שְׁטַאנְד — אַ קְלֵיינִיגְקֵייט שׁוֹין ־עֶטְלִיכֶע אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אַז עֶר לֶעבְּט אַזוֹי מִיט זַיין וַוייבּ שְׁפְּרִינְצֶע!

אוּם אִיהר זָאלְט נִיט הָאבֶּען קֵיין טָעוּת, מוּז אִיךְ אַייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען אַז דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער בֶּערֶעל הָאט שְׁטֶענְדִיג פַארְשְׁטַאנֶען זַיין לַאגֶע אוֹיף אַללֶע אוֹפַנִים גְלַייךְ ווִי מִיר זַייטִיגֶע מֶענְשֶׁען פַארְשְׁטֶעהֶען. נָאר וָואס הָאט עֶר גֶעזָאלְט טְהוּן? אַז עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם אַרוֹיסְגַאנְג פוּן זַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶער לַאגֶע — זַיין לִיעבְּשַׁאפְט צוּ דִי קִינְדֶער הָאט אִיהם צוּגֶעשְׁלָאסֶען צוּ דֶעם לֶעבֶּען אוּנ עֶר אִיז אַזוֹי גֶעוָואהנְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם שְׁטַאנְד ווִי זַיין וַוייבּ הָאט אִיהם גֶעשְׁטֶעלְט. נָאר אִין אֵיינִיגֶע זַאכֶען הָאט עֶר זִיךְ צוּ קֵיינֶעם נִיט אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען אוּנ נִיט גֶעפָאלְגְט, אֲפִילוּ שְׁ פְּ רִ י נְ צֶ ע ן אוֹיךְ נִיט; דִי זַאכִין זֶענִין: וֶוען עֶס אִיז אִין קְלויז גֶעקוּמֶען אַיין אָרִימַאנְן וָואס מֶען הָאט אִיהם בַּאדַארְפְט מַאכֶען עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען, הָאט בֶּערֶעל נִיט גֶערוּהט בִּיז זַיי זֶענִין בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען; אַ גוּטֶער יוּד אָדֶער אַיין אֵיינִיקֶעל וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאדְט, הָאט בֶּערֶעל וַוייטֶער נִיט גֶערוּהט בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז נִיט אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען

מיט א גוט הארץ וועגען די זלידניוקער און... און נאך מעהר ווען עס האט זיך געטראפען א שריפה, האט בערעל אלעס אוועקגעווארפען און איז געלאפען לעשען, ראטעווען. איבער די שריפות פלעגט ער אפט פארפאלען ווערען אויף עטליכע טאג, ביז שפרינצע פלעגט שוין מיינען אז זי איז געבליבען איין עגונה; וויפיעל מאל האט ער זיך אבגעבריהט און איז שלאף געווארען איבער די שריפות, וויפיעל מענשען האט ער אבגעראטעוועט דאס לעבען, וויפיעל מאל האט שפרינצע איהם באצאהלט אז ער האט געקאנט געדענקען אויף א יאהר, עס האט אלץ ניט געהאלפען; ער האט זיך נאך מעהר אריינגעלאזט אין די זאכען זינט זיין אלטסטע אויסגעגעבענע טאכטער פרומע איז באלד נאך דער חתונה געשטארבען פון דער מקוה געהענדיג, א דאנק דער פרומער מוטטער — דער אשה צנועה שפרינצע, וואס מיט איהר חתונה האט זי שוין די טאכטער אויסגעמוטשעט ווי א יודישע טאכטער דארף זיך פיהרען ווען זי האט חתונה, ווי די לעזער געדענקען אין אנהויב פון דער ערצאהלונג. נאך דער טאכטערס טוידט האט בערעל שוין צייטענוויים ניט פארשטאנען ווי אומגליקליך ער איז, אזוי ווי ער האט פריהער געמיינט. חוץ דעם איז אין דער לעצטער צייט ניט אוועקגעגאנגען קיין אבענד ער זאל צו איימעצין ניט אריינקומען מיט זעקסער, וואס ער האט צוגע־גנביתביי שפרינצען, און קויפען מיט איימעצין בשותפות א „קרוטשאק" בראנפען ביי יענטע דער מלמדקע, צובארגען צוויי רעטשענע פלעצלעך פאר צוויי גראשען, טרינקען הונדערט מאל לחיים פאר מיר, פאר אייך, פאר דעם יודישען גלות, פאר גאט און פאר כל ישראל; אויסגיעסען דאס הארץ, וויינען, טאנצען, זינגען, אויפ־וועקען ביי איימעצין די קינדער זאלען געהן טאנצען, איבערבעטען דעם בעל בית וואס ער האט איהם דאקוטשעט, מיט די ווערטער: „עס איז מיר גרינגער, איך האב זיך אביסעל אויסגעגאסען דאס הארץ, עס איז שוין מעהר ניט קענגליך צו לעבען, איצטער קען איך ווייטער לעבען"...

אין דער אמת'ן נאך אזא סין אפעראציע פלעגט ער ווערען דער פריהערדיגער בערעל פלאסטער, ביז ער האט באדארפט נעמען א נייע ביס'ל בראנפען. דאס האט בערעל געטראכט טהון היינטיגען שבת אויך ובפרט נאך אין שטאט איז פאר־געקומען אזא נייעס — די באר איז אבגעברענט געווארען, וועט מען זיך אוודאי נעמען א ביס'ל און א יס'ל און טאקע ווייטער א ביסעלע נאר... נאר: א מענש טראכט און גאט לאכט, נאר...

XII.

א טייבערש מיילכעל.

— נאר... זאג מיר נאר וואו ביסטו דו גם פארפאלען געווארען א גאנצע נאכט?..

וַוייטֶער אויף דִיר אַ פָּאזְשַׁאר ?!! . . אַ בְּרֶענֶעניש, אַ קָאכֶעניש !! . . הָאט אִיהם שְׁפְּרִינְצֶע גֶעעֶנְטְוֶוערְט אויף זַיין גוט שַׁבָּת . –

אוּמְגְלִיקְלִיכֶער בֶּערִיל ! עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אִיצְטֶער נִיט גֶעקָאנְט אויסדְרֶעהֶען, פָּשׁוּט קֵיין אָרְט נִיט גֶעקֶאנְט גֶעפִינֶען, וֶוען עֶס זָאל אִיצְטֶער נִיט זַיין שַׁבָּת פַּאר׳ן עֶסֶען, וָואלְט עֶר גֶעפַאלֶען אויף אַ שֵׂכֶל אוּנ וָואלְט זִיךְ דֶערוַוייל. אויסגֶעדְרֶעהְט פוּן שְׁפְּרִינְצֶעס הֶאנְד, ד. ה. עֶר וָואלְט גֶעטְהוּן דָאס אֵייגֶענֶע וָואס עֶר טְהוּט תָּמִיד, וֶוען שְׁפְּרִינְצֶע חַאפְּט זִיךְ אַרויף אויף אִיהם – עֶר וָואלְט אָנְגֶערוּקְט דָאס הִיטֶעל אוּנ אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט, גֶעזֶעסֶען אִין קְלוֹיז אוּנ דֶערנָאךְ גֶעוִוים פַּארקְרָאכֶען צוּ אַ בַּאקַאנְטֶען קוֹיפֶען בְּשׁוּתָּפוּת אַ בִּיסֶעל בְּרָאנְפֶען, נָאר אִיצְטֶער הָאט עֶר נִיט גֶעקֶאנְט אַוֶועקגֶעהן – שַׁבָּת פַּאר׳ן עֶסֶען וואוּ זָאל עֶר גֶעהן ? דִי קְלוֹיז אִיז פַּארמַאכְט, אִין גַאס זֶעהט מֶען אויךְ נִיט קֵיין לֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְשֶׁען, אַלֶלֶע זִיצֶען אִיצְטֶער מִיט וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער בַּיים טִישׁ אוּנ עֶסֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּנ קוּקֶען אַרוֹיס פוּן דִי פֶּענְסְטֶער אוּנ אַז זֵיי וֶועלֶען דֶערזֶעהן אִין אַזא צַייט בֶּערְלֶען אַרוּמְדְרֶעהֶען זִיךְ אִין גַאס, וֶועלֶען זֵיי גֶעוִוים פַארשְׁטֶעהן אַז זַיין שְׁפְּרִינְצֶע אִיז אויף אִיהם אָנְגֶעפַאלֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען ; אַז יֶענֶער זָאל ווִיסֶען – אִיז בַּיי בֶּערְלֶען גֶעוֶוענֶען אֶרְגֶער פוּן דֶעם טוֹיְדט, דַארוּם הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶערִיהְרְט פוּן דֶעם אָרְט אוּנ הָאט מִיט אֵיין אַרָאבגֶעלָאזְטֶען קָאפּ, מִיט אַ דֶערשְׁרָאקֶען פָּנִים אויסגֶעהֶערְט שְׁפְּרִינְצֶען. – זִי הָאט זִיךְ דֶערמִיט בֶּענוּצְט, זִי זָאל קֶענֶען אויסגִיעסֶען אִיהר גַאנְץ הַארְץ. – זִי פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קְלָאגֶען אויף אִיהם אַז ווִי בַּאלְד זִי ווִילל זִיךְ אַ מָאל אויסרֶעדֶען, אויסגִיעסֶען דָאס הַארְץ, ווִי עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַ מָאל צְוִוישֶׁען מַאנן אוּנ וַוייבּ, נֶעמְט עֶר אוּנ אַנְטְלוֹיפְט אוּנ זִי בְּלַייבְּט אַלֵיין אוּנ פַאר הַארְצְוֵוייטָאג וָואס אִיהר אָפְּפֶער אִיז אַרוֹיס פוּן אִיהרֶע הֶענְד פְלֶעגְט זִי שְׁפְּרִינְגֶען בִּיז אִין דֶער סְטֶעלִיע, רַייסֶען זִיךְ בַּיי דִי הָאר וַויינֶען אוּנ שְׁרַייֶען גֶעוַואלְד, אַז זִי הָאט בַּיי בֶּערְלֶען אַ פַארשְׁטֶערְטֶע וֶועלְט, עֶר ווִילל אֲפִילוּ פוּן זַיין אֵייגֶען וַוייבּ, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפֶען פוּן בֶּערִילְס פַּאחְוֶוע, נִיט אויסהֶערֶען אִיהר שְׁוֶוער הַארְץ, ווִי עֶס פִיהְרְט זִיךְ אַ מָאל צְוִוישֶׁען מַאנן אוּנ וַוייבּ . –

– אִי, אִי, קוּק נָאר אָן ווִי עֶר זִיצְט אַ בִּיס׳ל, הָאט זִי וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען, אַז זִי הָאט גֶעזֶעהן ווִי בֶּערִיל עֶנְטְוֶוערְט אִיהר גָאר נִיט, ווִי אויף צוּזֶעצֶעניש, ווִי אִיהר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אויסגֶעווִיזֶען אַז בֶּערִילְס שְׁוַוייגֶען ווִילל זָאגֶען : רֶעד, שְׁרַיי, קְווִיטְשֶׁע, רַייס זִיךְ אויף דִי צֶאהְן, חָאטְשׁ וֶוער צוּזֶעצְט שְׁרַייֶענְדִיג אוּנ אִיךְ וֶועל שְׁוַוייגֶען . פוּן דֶעם גֶעדַאנְקֶען פְלֶעגְט שְׁפְּרִינְצֶע גָאר אָנְגֶעצוּנְדֶען וֶוערֶען ; טַאקִי שְׁפְּרִינְגֶען בִּיז אִין דֶער סְטֶעלִיע . –

– נָא אִיךְ פְרֶעג דִיךְ וָואס זִיצְט דוּ ? ווִי גְלַייךְ עֶס רֶעד גָאר נִיט צוּ דִיר דַיין וַוייבּ, אַ הוּנְד זָאל רֶעדֶען צוּ דִיר וָואלְסְט דוּ שׁוֹין אויךְ נִיט גֶעזֶעסֶען.

– נָא וֶועל אִיךְ אַוֶועקְגֶעהן . . .

– אַוֶועקְגֶעהן ווִילְסְט דוּ ? . . . אט הָאסְט דוּ דִיר מַיינֶע שַׁבָּתִים וואס אִין

האָרעוֶוע אַזוי בְּלוּטִיג אַ גאַנְצֶע וואָך אונ עֶר ווילל זיך אַוֶועקְגֶעהֶן, ווי גְלַייך עֶר איז גאָר ניט קֵיין מַאנְן פון ווייב אונ קינְדער. אוּמְשְׁטֵיינְס געזאָגט מַיין וועלְט, אַזוי פַארְשְׁטֶערְט עֶר מִיר מַיינֶע אַלְלֶע שַׁבָּתִים אונ מַיין גאַנְצֶע וועלְט.–

– איך פַארְשְׁטֶער דיר?.. האָט עֶר קוים אויסְגֶערעדְט:

– ווער דען אַז ניט דו? דו, דו נאָר דו אַליין, איך בִּין דען בַּיי דיר אַ ווייב ווי בַּיי אַלְלֶע מֶאנְנֶער, דו זאָלסט וויסען איהר ווערְטה, וואס פְרִיהֶער גאָטט אונ דֶערְנאָך איך, בְּרֶענְג אַריין די גאַנְצֶע פַּרְנָסָה, אין שְׁטוּב. וואס וואלְט איהר אַלְלֶע געטְהוּן אָהן מִיר?..

אַלֶעס אין דער וועלְט, אונ נאָך מֶעהר שְׁפְּרִינְצֶעס שְׁרַייעֶן, האָט בֶּערֶעל גֶע־קאַנְט איבֶּערְשְׁווייגען אונ איבֶּערְטְרָאגען, נאָר אַז זי פְלֶעגְט איהם דֶערְמאָנֶען אונ (דאָס איז גֶעשֶׁעהֶן יֶעדֶער מִינוּט) אַז זי איז די פַּרְנָסָה גֶעבֶּערִין, האָט בֶּערִיל ניט גֶעקאָנְט אָבּ־שְׁווייגֶען אונ ניט אָבְּגֶענְטְווֶערִין, אונ אויף איהר פְרַאגֶע וואס וואלְט עֶר אונ די גאַנְצֶע שְׁטוּב געטְהוּן אָהן איהר, פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְוֶוערִין אַז אָהן איהר וואלְט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶר לֶעבְּט אונ וואלְט אָנְגֶעהויבֶּען צו לֶעבֶּען מִיט דֶער גאַנְצֶער שְׁטוּב...

דאָס אֵייגֶענֶע האָט עֶר איהר אִיצְטֶער אויך גֶעעֶנְטְוֶוערְט.–

די ווערְטֶער זֶענִין שוין גֶעוֶועזֶען גֶענוּג פַאר שְׁפְּרִינְצֶען אַז איהר אויסְרֶעדֶען זיך דאָס הַארְץ פַאר׳ן מַאנְן (ווי זי פְלֶעגְט עֶס אָנְרוּפֶען) זאָל דֶערְווייל נֶעמֶען אַ עֶנְדֶע, פַארְשְׁטֶעהט זיך אין אֵיינֶעם מִיט עֶטְלִיכֶע טֶעלֶער וואס זֶענִין גֶעשְׁטַאנֶען אויפְ׳ן טִישׁ אונ זֶענִין גֶעפְלוֹיגֶען גְלַייך בֶּערְלִין אין קאָפּ אַריין, דֶערְנאָך האָט מֶען זיך אָהן ווערְטֶער גֶעזֶעצְט עֶסֶען בַּיים טִישׁ לִכְבוֹד שַׁבָּת...

ווען אֲפִילוּ אַ פְרֶעמְדֶער זאָל אָנְקוּמֶען אונ זֶעהֶן ווי שְׁפְּרִינְצֶע זיצְט בַּיים טִישׁ וואלְט עֶר תֵּיכֶף דֶערְקאָנְט ווי זי איז דאָ דאָ ווייב אונ עֶר איז מַאנְן; דאָרְט וואו זי זיצְט האָט אויסְגֶעווִיזֶען דֶער אויבֶּענְאָן, חאָטְשׁ ווי דֶער שְׁטֵיינֶער איז, איז זי גֶעזֶעסֶען אָן דֶער זַייט אונ בֶּערִיל אויבֶּענְאָן. עֶס האָט זיך עֶפֶּעס אויסְגֶעווִיזֶען אַז אָט אָט וועט שְׁפְּרִינְצֶע אָנְהויבֶּען זִינְגֶען זְמִירוֹת... נאָר אָנְשְׁטָאט זְמִירוֹת האָט זי בַּאלְד נאָך פִּיטְשַׁאי אָנְגֶעהויבֶּען פון עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ ד. ה. טַאקִי וואס האָט בֶּעריל צו טְהוּן בַּיי אַ פָּאזְשַׁאר לֶעשֶׁען.–

– פַאסְען דען אַזוינֶע זאַכֶען צו אַ אֵיידְלֶען יוּרֶען – דו מַיין מַאנְן? וויפִיעל מָאל איך האָב דיר שוין געזאָגְט אונ עֶס איז אַקוּרָאט ווי אַיין אַרְבִּים אָן דֶער וואַנְד, ווייטֶער אַ פָּאזְשַׁאר, ווייטֶער זיך געמַאכְט ווי אַ שְׁווַארְץ יאָהר אונ צֶערִיסֶען אויף זיך דאָס הֶעמְד, אויף ווֶעמֶעס קאָפּ איז דאָס? דו האָסט מִיר פַארדִיענְט אויף אַ הֶעמְד היינְטִיגֶע וואָך?...

– פַארדִיענֶען מִיר ניט, איך בֶּעט דיך ניט דו זאָלסט מיך מְפַרְנֵס זיין, איך וועל אַלֵיין גֶעהן אין קְלֵייט, איך וועל אַלֵיין פַארדִיענֶען, איך דַארְף ניט דו זאָלסט מִיר פַארדִינֶען. אַז איך וועל ניט פַארדִיענֶען אין קְלֵייט וועל איך גַנְבִינֶען אונ וועל דיר

גֶעבֶּען בְּרויט, וָואס אִיז דַיין עֵסֶק וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל מַיין פַּרְנָסָה פַּארְדִיענֶען ? אַבִּי זִיץ אִין דֶער הֵיים אוּנ זַיי מִיךְ נִיט מְפַרְנֵס. –

– הַא, הַא, הָאט זִי דַארוֹיף אִיהם גֶעעֶנְטְוֶוערְט מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶערֶעל, אַ שֶׁאנֶער בַּעַל מְפַרְנֵס, וֶועלֶען מִיר זֶעהֶן דָ״ץ הַסוֹחֵר... נַא גֶעה אִין קְלֵייט, וֶועלֶען מִיר זֶעהֶען וִוי דוּ וֶועסְט פַּארְדִיענֶען. –

* *

*

אַייגֶענְטְלִיךְ אִיז דִי אוּסְלָאוִויֶע, אַז בֶּערֶעל זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֶעהְן אִין קְלֵייט אוּנ פַּארְדִיענֶען גֶעלְד, גֶעוֶועזֶען אָבְּגֶערֶעדְט צְוִוישֶׁען שְׁפְּרִינְצֶען אוּנ בֶּערְלֶען אַוַודַאי צוּם פִינְפְהוּנְדֶערְטְסְטֶען מָאל אוּנ בֶּערֶעל אִיז שׁוֹין טַאקִי נִיט אֵיין מָאל גֶעגַאנְגֶען אִין קְלֵייט, נָאר וִוי עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפְּרִינְצֶע אַנִידֶערְשְׁטֶעלֶען אָן אַזַייט אוּנ קוּקֶען וִוי בֶּערֶעל וֶועט לֵייזֶען אוּנ פַּארְדִינֶען גֶעלְד, ד. ה.: זִי הָאט אִיהם גֶעוָואלְט וַוייזֶען אַז זִי וִויל הַאלְטֶען דִי אוּסְלָאוִויֶע. עֶס הָאט נַאטִירְלִיךְ אַזוֹי גֶעדוֹיעֶרְט אוּנ קֵיין קוֹנֶה אִיז גְרָאד נִיט גֶעקוּמֶען פְלֶעגְט זִי אִיהם שׁוֹין שְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי אוֹיגֶען אוּנ שְׁטֶעכֶען:

– אָה אַ, וואוּ זְשֶׁע זֶענִין דַיינֶע פַּארְדִיענְסְטֶען, דַיינֶע קוֹנִים ? זִיצְט פַארלֶעגְט דִי הֶאנְד אוּנ וַוייטֶער גָאר נִיט, מֶעהְר קֶענְסְט דוּ טַאקֶע נִיט. –

– וָואס זָאל אִיךְ פָארְט טְהוּן אַז עֶס קוּמְט אִיצְטֶער גְרָאר נִיט קֵיין קוֹנֶה, נָא נָא לָאם אִיךְ זֶעהְן וִוי דוּ וֶועסְט לֵייזֶען גֶעלְד אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין קוֹנִים.

– וָואס הֵייסְט עֶס אִיז נִיט דָא, אִיךְ זָאל זִיצֶען אוֹיף דַיין אָרְט וָואלְט אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶועזֶען גֶעהַאט אַ שְׁטִיק פוּפְצִיג קוֹנִים אוּנ צֶעהְן פוּן זַיי וָואלְטֶען שׁוֹין גֶעוֶועזֶען גֶעגֶעבֶּען צוּ לֵייזֶען גֶעלְד מִיט פַּארְדִיענְסְט.

– וואוּ וָואלְסְט דוּ גֶעוֶועזֶען גֶענוּמֶען ? קוֹנִים פַאלֶען נִיט פוּן דֶעם הִימֶעל; וֶוען דֶער קְרֶעמֶער וִויל אַ קוֹנֶה מוּז עֶר קוּמֶען ?

וָואס הֵייסְט פַאלֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, וָואס הֵייסְט עֶר מוּז קוּמֶען, „קוֹנִים שְׁלֶעפְּט מֶען„. „קוֹנִים רַייסְט מֶען״, „קוֹנִים טַאסְקֶעט מֶען״.

– וָואס הֵייסְט מֶען „שְׁלֶעפְּט״, וָואס הֵייסְט מֶען „רַייסְט״ ?

– דָאס הֵייסְט: מֶען זִיצְט בַּיי דֶער קְלֵייט אוּנ אַז עֶמִיצֶער גֶעהְט דוּרְךְ לוֹיפְט מֶען אִיהם נָאךְ מֶען שְׁלֶעפְּט אִיהם בַּיי דִי פָּאלֶעס, מֶען רַייסְט אִיהם בַּיי דִי אַרְבֶּעל, מֶען רֶעכֶענְט אִיהם אוֹיס דִי גַאנְצֶע קְלֵייט פַאר הַאלְבּ אוּמְזִיסְט בִּיז עֶר זֶעהְט אַז עֶר קֶען זִיךְ פוּן דֶעם קְרֶעמֶער נִיט אָבְּטְשֶׁעפֶּען גֶעהְט עֶר אַרַיין אוּנ גִיט צוּ לֵייזֶען, אוּנ אַז עֶר וִויל טַאקִי בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעבֶּען צוּ לֵייזֶען, גִיט עֶר אַ וָוארְף פוּן זִיךְ דֶעם קְרֶעמֶער אַז עֶר קֶעהְרְט זִיךְ אִיבֶּער דְרַיי מָאל, אָדֶער עֶר שֶׁעלְט אָן, דֶערְנָאכְדֶעם וַוייסְט שׁוֹין דֶער קְרֶעמֶער אַז עֶר וֶועט נִיט גֶעבֶּען צוּ לֵייזֶען. וֶוען מֶען זֶעהְט נִיט גֶעהְן אוֹיף דֶער גַאס אַזוֹינֶע מֶענְשֶׁען וָואס מֶען זָאל זַיי קֶענֶען שְׁלֶעפֶּען פַאר קוֹנִים, גֶעהְט מֶען אוּנ מֶען קוּקְט צְוִוישֶׁען דִי קְלֵייטֶען בַּיי דִי אַנְדֶערֶע קְרֶעמֶער אוּנ מֶען שְׁרַייט אַז זַיי זָאלֶען אַרוֹיסגֶעהְן פוּן דֶער קְלֵייט אוּנ בֶּעסֶער בַּיי מִיר קוֹיפֶען וֶועל אִיךְ אִיהם

פַּאַ־קְיֶען פַאר הַאלְבּ אוּמזִיסט, דֶערלֶעגֶען פוּן דֶער קֶעשֶׁענֶע – אַזוֹי זָאגְט מֶען אִיהם צוּ – אַבִּי יֶענֶער קְרֶעמֶער זָאל נִיט לֵייזֶען.

– נָא אוּנ יֶענֶער קְרֶעמֶער אָדֶער דִי קְרֶעמֶערְקֶע שְׁוַויינְט דִיר פַאר אַזוֹינֶע זַאכֶען?

– זִי שְׁוַויינְט טַאקִי נִיט, זִי לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן דֶער קְלֵייט זִידֶעלְט מִיךְ ווִי אַ סֶעדֶעבֶע אוּנ גַאנְץ אָפְט רַייסְט מֶען פוּן זִיךְ טְשִׁיפְּקִים, דֶערפַאר אָבֶער אַז זִי רוּפְט אַרוֹיס פוּן מַיין קְלֵייט אַ קוֹנֶה שְׁוַוייג אִיךְ אִיהר אוֹיךְ נִיט.

– דַארְף מֶען דָאךְ טַאקִי זַיין אַ סֶעדֶעבֶע, מֶען זָאל אַזוֹי לַייזֶען אוּנ פַארְדִינֶען גֶעלְד ווִי דוּ דֶערצֶעהלְסְט. –

– דוּ רוּפְסְט עֶס אָן „סֶעדֶעבֶע"; פְרֶעג אָבֶער וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף חַיִיטְשֶׁע דְרִינֶע וָואס הָאט אַ קְלֵייט נִיט ווַייט פוּן מִיר אוּנ לֵייזְט אַ סַךְ מֶעהר פוּן מִיר, ווַייל זִי קֶען נָאךְ בֶּעסֶער שְׁלֶעפֶּען קוֹנִים אוּנ נָאךְ בֶּעסֶער זִיךְ שֶׁעלְטֶען, פַּאטְשֶׁען מִיט דִי קְרֶעמֶערִנְס אִיבֶּער אַ קוֹנֶה, – פְרֶעג וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף אִיהר? אוֹיף מִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! חַיִיטְשֶׁע דְרִינֶע אִיז אֵיין אֵשֶׁת חַיִל, אַ בְּרִיָּה, אַ קָאפּ, אַ מֶענְשׁ וָואס קֶען צֶעהן מַאנְסְבִּילֶען פַארְשְׁטֶעקֶען אִין גַארְטֶעל"...

בְּשַׁעַת בֶּערֶעל מִיט שְׁפְּרִינְצֶען הָאבֶּען אַזוֹי גֶעשְׁמוּעסְט, אִיז גְרָאד אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קוֹנֶה פְרֶעגֶען אוֹיף סְחוֹרָה, שְׁפְּרִינְצֶע אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער זַייט, גֶעקוּקְט מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶערִיל ווִי אַ יַאשְׁטְשֶׁערְקֶע ווִי בֶּערֶעל וֶועט לֵייזֶען גֶעלְד בַּיים קוֹנֶה. בֶּערֶעל הָאט גֶעווִיזֶען סְחוֹרָה, דֶער קוֹנֶה הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אוּנ גֶעפְרֶעגְט דֶעם פְּרַייז. בֶּערֶעל הָאט גֶעזָאגְט דֶעם רֵיינֶעם אֶמֶת אַז אֵיין אַרְשִׁין קָאסְט אִיהם קֶרֶן צְוַואנְצִיג קָאפּ. דֶער קוֹנֶה נִיט פוּפְצֶעהְן, זֶעכְצִין קָאפּ. אוּנ מֶעהר פוּן זִיבְּצֶען קָאפּ. ווִייל עֶר נִיט גֶעבֶּען אַ גְרָאשֶׁען, חָאטְשׁ הַאק אוּנ בְּרָאט אִיהם, דֶער קוֹנֶה פְרִיפְט אַוֶועקְגֶעהְן, פְרִיפְט קוּמֶען אוּנ בֶּערֶעל שְׁוֶוערְט זִיךְ אוֹיף זַיין גֶעֱמָנוֹת אַז עֶס קָאסְט אִיהם אַלֵיין צְוַואנְצִיג קָאפּ. ווִי אַזוֹי וְשֶׁע קֶען עֶר גֶעמֶען נִיט נָאר זִיבְּצֶען, נָאר אֲפִילוּ צְוָואנְצִיג קָאפּ, דֶער קוֹנֶה ווִיל אִיהם אָבֶער בְּאֵין אוֹפֶן נִיט גְלוֹיבֶּען אוּנ הֵייבְּט אָן טַאקִי אַוֶועקְצוּגֶעהֶען, אַז עֶר זָאל שׁוֹין מֶעהר זִיךְ נִיט אוּמְקֶעהרֶען, דָאס הָאט דֶערפִיהלְט שְׁפְּרִינְצֶע אוּנ ווִי אַ וָואלְף וֶוען עֶר דֶערזֶעהט אַ שֶׁעפֶּעלֶע אִיז זִי אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דֶער זַייט אָנְגֶעכַאפְּט אִיהם בַּיי דִי פָּאלִים אוּנ גֶעשְׁלֶעפְּט אִיהם צוּרִיק מִיט דִי וֶוערְטֶער:

– וָואס אַנְטְלוֹיפְט אִיהר שׁוֹין, אַז אִיהר הָאט נָאךְ גָאר נִיט אָנְגֶעקוּקְט קֵיין סְחוֹרָה?...

– וָואס הֵייסְט? הָאט זִיךְ אַ חַאפּ גֶעטְהוּן דֶער קוֹנֶה, אַיֶיער מַאנְן הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין גֶעווִיזֶען סְחוֹרָה...

– חַא, חַא מַיין מַאנְן, הָאט זִי גֶעמַאכְט אַ יַאשְׁטְשֶׁערְקִי גֶעלֶעכְטֶערִיל, וָואס פַאר אַ מַאנְן, דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְן *), דָאס אִיז אַ מְשָׁרֵתִיל וָואס אִיךְ

---

*) נִיט נאָר שפּרינצען איז גרינג דערוויל אָנרופען פאַר אַ פרעמדען מענשען איהר אייגענעם מאַנן משרת בהמה אָדער שוטה, נאָר בכלל איז אַזוי אין דער קרעמערשער וועלט, אַבי מע זאָל אבנאַרען דעם קונה; אויב עס פּאַסט דערצו אַז מע זאָל פאַר דעם קונה אויסלאַכען און

הַאבּ אִיהם נָאר וָואס צוּגֶעקוּמֶען אִין קְלֵייט, עֶר אִיז נָאךְ אַ נַייעֶר מֶענְשׁ אוּנ ווייזְט נָאךְ אוּים – אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער – אַ בְּהֵמָה, אוֹיךְ ווַייסְט עֶר נָאךְ נִיט אַקוּרַאט דִי פְּרַייזֶען פַאר ווִיפִיעל מֶען קֶען פַארְקוֹיפֶען אוּנ פַאר ווִיפִיעל נִיט, דְרוּם הָאט אִיהר טַאקִי נִיט גֶעקוֹיפְט.

דֶער קוֹנֶה הָאט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעווֶעזֶען: גֶעווִיס וֶועט זִי בַּיי אִיהם לֵייזֶען דֶעם פְּרַייז, ווַייל זִי ווֵייסְט אַקוּרַאט דֶעם מֶקַח. דֶער קוֹנֶה הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, זִי זָאגְט אִיהם צוּ אַז זִי וֶועט אִיהְם עֶרְשְׁט אִיצְטֶער ווַייזֶען דִי אֱמֶת׳ע גוּטֶע סְחוֹרָה, עֶס פַארְשְׁטֶעהט זִיךְ אַז דֶערְבַּיי הָאט מֶען זִיךְ גֶעשְׁוָוארֶען בַּיים מַאנְן אוּנ קִינְדֶער אוּנ בַּיים גַאנְצֶען יוּדִישְׁקַייט מִיט דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. — עֶנְדְלִיךְ אִיז דֶעם קוֹנֶה טַאקִי ווַייטֶער גֶעפֶעלֶען נָאר דִי סְחוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעדוּנְגֶען בַּיי בֶּ ע רְ לֶ ע ן אוּנ מֶעהר פוּן זִיבְּצֶעהן קָאפּ׳ ווִילל עֶר טַאקִי נִיט גֶעבֶּען.

שְׁפְּרִינְצֶע הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט הָאט זִי אַ קוּק גֶעטְהוּן מִיט אִיהרֶע קַאצֶענֶע אוֹיגֶען אוּנ הָאט דִי מִינוּט אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען דֶעם טָאן:

– עֶ, ר׳ זַייטְזְשֶׁע מוֹחֵל, אַ פָּנִים אִיהר זֶענְט טַאקִי אַ מֵבִין אוֹיף סְחוֹרָה וָואס אִיהר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען נָאר ד׳ י״, מֵילָא וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעפְּרִיפְט אַייךְ אָבְּנַארֶען, עֶס אִיז אָבֶּער נִיט מֶעגְלִיךְ ווִי זָאגְט מֶען: אַז „אַ נַאר גֶעהט צְווִישֶׁען דִי קְלֵייטֶען פְּרֵייעֶן זִיךְ דִי קְרֶעמֶער״, אָבֶּער אַ קְלוּגֶער, אָ! נִיט אַזוֹי גִיךְ, צוּ אַזוֹינֶע לַייט דַארְף מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְגַארְטְלֶען.

דֶעם קוֹנֶה אִיז זֶעהר גֶעפֶעלֶען דֶער קָאמְפְּלִימֶענְט, דֶען עֶר הָאט גֶעזֶעהן בֶּע־שַׁיינְפֶּערְלִיךְ אַז אִיהם אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ אָבְּצוּנַארֶען, אַז אֲפִילוּ דִי קְרֶעמֶערִין הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין מוֹדֶה זַיין אַז זִי הָאט אִיהם גֶעווָאלְלְט אָבְּנַארֶען נָאר עֶס אִיז אִיהר נִיט גֶעגַאנְגֶען, וָואס נָאךְ פַאר אַ בֶּעסֶערן סִימָן דַארְף עֶר הָאבֶּען אַז אִיהם זָאל מֶען נִיט אָבְּנַארֶען?

דֶער קוֹנֶה מִיט שְׁפְּרִינְצֶען דִינְגֶען זִיךְ ווַייטֶער אִיבֶּער דֶער פְרִיהֶערְדִיגֶער סְחוֹרָה, עֶר גִיט זִיבְּצֶעהן קָאפּ׳, זִי ווִילְל מֶעהר, עֶר ווִילל נִיט גֶעבֶּען. עֶנְדְלִיךְ הָאט זִי אַרוֹיס־גֶעשָׁאכֶען:

– הֶארְט־זְשֶׁע, ר׳ יוּד, זֶעהְט זְשֶׁע אַלֵיין ווִי אִיךְ ווִילל בַּיי אַייךְ לֵייזֶען, אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען מַיין לֶעצְט וָוארְט, אַז אִיהר זֶענְט יָא אַזאַ עַקְשָׁן נַאבַּאוֶועט נָאךְ אֵיין קָאפּ. דֶער יוּד הָאט נַאבַּאוֶועט דִי קָאפִּיקֶע ד. ה. אַכְצֶעהן קָאפּ. אוּנ הָאט גֶעקוֹיפְט.

בֶּ ע רְ י ל הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מוֹיל אוּנ אוֹיהרֶען, וָואס הֵייסְט? הָאט עֶר זִיךְ

חזוק מאַכֿען פֿון דעם איינענעם מאַנן, פֿון דער טאָכֿטער וואָס געפֿינען זיך אין קלייט און העלפֿען מיטלייזען, שעמט מען זיך גאָר ניט אָנצוּרוּפֿען זיי, אָדער מאַכֿען פֿון זיי אַ משרת אַ נאַר, אַ שוטה, אַ גאָר נישט. נאָר נאָך מעהר וואונדער איז אויף די אַליין וואָס לאָזען אַז דאָס אייגענע ווייב, די אייגענע מוטער זאָל מאַכֿען פון זיי בלאָטע פֿאַר אַ פֿרעמדען מענשען אין די אויגען, און געפֿינען זיך גאָר ניט באַליידיגט, אַבי מע האָט נאָר דערמיט אָבגענאַרט דעם קונה און געלייזט געלד. פֿון מאַנספערזאָנען קרעמערס האָב איך אַזאַ נידעריגען פֿאָקוס ניט בעמערקט, נאָר פֿון פֿרויען קרעמערקים, האָב איך אַזוינע פֿאָקוסען אַ סך געזעהן.—

דער פערפאסער.

געטראַכט: קען דאָס זיין, אַז זי זאָל אַ "פּאַר־קוֹפּעֶן, אַז איך וויים געווים אַז עֶס קאָסט זי אַליין צוואַנציג קאָפּ' — אַנדערש ניט, נאָר זי וויל מיך אָנלערנען און ווייזען אַז נאָר זי קען לייענען, דארום זשאַלעוועט זי אֲפִילוּ ניט צו דערלעגען צוויי קאָפּ' אויף יעדען אַרשין. — דער קוֹנֶה איז געוועזען צופריעדען מיט דער פּאקוּפקא, ער האָט זיך געזעגענט מיט דער בַּעַל בַּיִת'טע דער קרעמערין און קאָסע אַ קוק געטהון אויף דעם אומגליקליכען וואָס דאַרף זיין אַ מְשָׁרֵת און קען ניט לייענען בּיי קיין קוֹנֶה. — דער קוֹנֶה איז נאָר אַוועקגעגאַנגען האָט זי זיך אויף בערלען ארויפגעוואָרפען:

— אַ, אַ ווער טויג? טויגסט דו צו עפּעס אֲפִילוּ אַ קאַץ איין עק צו צובינדען אֲפִילוּ אויף וואַסער צו קאַשע וואָלט מען ניט געהאַט פון אַזאַ פַּרְנָסָה געבער ווי דו בּיסט. אין קְלוֹיז איז דיין אָרט אָבער ניט דאָ, וואָס האָסט דו זיך צו שטופּען דאָרטען וואו דו טויגסט נישט?

בערעל איז טאַקי בֶּאֱמֶת פון שפּרינצעס איצטערדיגע ווערטער געבליבען שטעהן אָהן האַנד און אָהן פּיס, נאָר דערנאָך אַז ער איז געקומען צו זיך האָט ער זי ווי אַ פאַרזינדיגטער שטיל געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר שפּרינצע, ווי אַזוי האָסט דו געקאָנט לייענען אַכטצעהן קאָפּ' אַז דיך אַליין קאָסט צוואַנציג קאָפּ', דערלעגען צוויי קאָפּ' צו יעדען אַרשין וואָלט איך אויך בּיי איהם געקאָנט לייענען...

— בּאַלד קען ער! פאַר וואָס־זשע האָסט דו ניט געלייזט?...

— וואָס הייסט? ווי אַזוי זאָל איך לייענען אויף צו דערלעגען צוויי קאָפּ'? מיר זעצען דען אָן?

— נאָ און דער קלענערער אַרשין וואו איז? דער קוֹנֶה מעג טאַקי זיין אַ קלוגער נאָר שפּרינצע די קרעמערקע איז נאָך קלוגער, אָט מיט אַזוינע קרעמערס ווי דו בּיזט וואָלט זיך דער קוֹנֶה בּאַדאַרפט בּאַגעגענען, וואָלט־איהר געקענט גיך אָנזעצען, נאָר אין קְלוֹיז איז פאַר אייך איין אָרט, ווייטער אין ערגעץ ניט.—

— וואָס הייסט דער קלענערער אַרשין? האָט בערלען אַלץ אינטערעסירט, עס הייסט — עס איז געוועזען ווינציגער ווי איין אַרשין?

— אַוַודאַי, אַוַודאַי, ווער איך געהן פרעגען בּיי דיר חָכָם טהֲערער, וויפיעל מיר קרעמערס דאַרפען מעסטען און ווערשקים אויף איין אַרשין, אַזוינע זאַכען פרעגט מען ניט קיין רב און ניט קיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ'ניק.

— דאָס הייסט — איז דער שטילער בערל פְּלוּצִים אונטערגעצונדען געוואָרען, פרעגט בּאַגנבעט דעם קוֹנֶה, אַז פאַרברענט זאָלסט דו ווערען מיט דיינע אַלע קרעמערס מיט די אֵשֶׁת חַיִל'ס! אָט מיט דעם זענט איהר בְּרִיָה'ס, קאָפּ, מאַנסבּילען, ווי מע רופט אייך אָן, אָ דאָס הייסט בּיי אייך „פַּרְנָסָה"? אָט מיט דער פַּרְנָסָה דוֹלט איהר אָן גאָטט אַ קאָפּ אין אייערע אַללע תְּחִינוֹת און רעדט מעהר ניט נאָר מיט גאָטט... אַי פאַרשׂרפעט זאָלט איהר אַלע ווערען מיט אייערע היילינגע תְּחִנוֹת, ווערט איהר חָאטש ניט טאָנהן מיט גאָטט אויף האַלב לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ... פַּרְנָסָה! קרעמערס!

אֵשֶׁת חַיִל ! . . . קְרִיכְט בֶּעסֶער אִין דִי פֶענְסְטֶער אוּנ הֵייסְט פְּרָאסְט גַנָבִים״...

בֶּערֶעל אִיז אַזוֹי אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אַז אוֹיף דֶער מִינוּט אִיז עֶר פְּרָאסְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט אַ קְלַאפּ גֶעטְהוּן מִיט דֶער טְהִיר פוּן דֶער קְלֵייט אוּנ אִיז אַנְטְלָאפִין אִין קְלוֹיז. שְׁפְּרִינְצָע הָאט אִיהם נָאכְגֶעשְׁרִיגֶען: גֶעה, גֶעה, בֵּית הַמֶדְרָשׁ׳נִיק אִין קְלוֹיז, דָארְט אִיז דַיין אָרְט, עֶסֶען אָבְגֶעשֶׁעלְטֶע גֶעבְּרָאטֶענֶע קַארְטָאפְלִים, אָבֶּער נִיט דָא, חַא, חַא, חַא, אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ׳נִיק וֵוייסְט אוֹיךְ עֶפֶּעס !? . . .

דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶן מִיט בֶּערְלֶען אִין קְלֵייט שׁוֹין לַאנְג — צוּרִיק מִיט אַ סַךְ יָאהרֶען — אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאהרֶען וֶוען שְׁפְּרִינְצֶע אִיז קְרֶעמֶערִין גֶעוָוארֶען.

* *

*

עַד הַיוֹם, אוֹיךְ וִוי הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת בַּיים טִישׁ נָאךְ דֶער „פֶּעטְשָׁא״ הָאט זִי אִיהם פַארְגֶעוָוארְפֶען: „אַ שֶׁאנֶער בַּעַל מְפַרְנֵס, וֶועלִין מִיר זֶעהֶן דִין הַסוֹחֵר נָא, נָא גֶעה, גֶעה אִין קְלֵייט אַריין וֶועלִין מִיר זֶעהֶן וִוי דוּ וֶועסְט פַארְדִיעֶנֶען״ א. ד. ג.

נָאךְ לַאנְג הָאט שְׁפְּרִינְצֶע אִיהם גֶעשָׁאלְטֶען פַאר דֶעם פָּאזְשַׁאר, פוּן דֶעם הֶעמְד מִיט דֶעם טַלִית קָטָן וָואס אִיז צוּרִיסֶען גֶעוָוארֶען, דֶער שַׁבָּתְדִיגֶער טִישׁ בַּיי בֶּערְלֶען הָאט כִּמְעַט גֶעדוֹיֶערְט בִּיז צְוֵויי שָׁעָה פַאר נַאכְט. בֶּערֶעל אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוֹי דֶערְשְׁלָאגֶען אַזוֹי דֶערְהַרְגִיט, אַז אֵייִדֶער גֶעוֶוזֶן אִין גַאס הָארֶען פָּאטְשְׁטֶען וֶועגֶען דֶער מִקְוֶה, וָואס דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶאדְטִיל הָאט זִיךְ אִיצְטֶער דֶערְמִיט אִינְטֶערֶעסִירְט, אִיז עֶר בֶּעסֶער גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפֶען ד. ה. פַארְשְׁלָאפֶען זַיינֶע צָרוֹת, אוּנ זַיין אֵשֶׁת חַיִל-דִי בְּרִיָה-שְׁפְּרִינְצֶע הָאט זִיךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת פַארְצוֹיגֶען דֶעם בְּרֵייטֶען פִּיסְק אִין אַ רִינְגֶעלֶע מִיט פַאלְדֶען, עֶמַאכְט אַ רַחֲמָנוּת פָּנִים וִוי מֶע דַארְף רֶעדֶען מִיט גָאטְט אוּנ זִיךְ גֶענוּמֶען לֵייעֶנֶען אִיהרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים לְכָבוֹד שַׁבָּת . . . „וּבִבְרָכְתִי אוּנ פוּן וֶועגֶען מֵיין לוּיב זָאלְסְט דוּ, גְרוֹיסֶער הֶערְר גָאטְט, צוּ מִיר שָׁאקְלֶען מִיט דַיין קָאפּ צוּ וַוייזֶען מִיר אַז מֵיין לוּיב אִיז צוּ דִיר לְרָצוֹן אוּנ מֵיין לוּיב זָאלְסְט דוּ מְקַבֵּל זַיין וִוי טְהַייעֶרֶע שְׁמֶעקֶענְדִיגֶע חֲשׁוּבָה בְּשָׂמִים מִיט נֶעגֶעלִיךְ אוּנ לָאבֶּערְבְּלֶאטֶער וָואס וַואקְסֶען אִין בְּרֵייטֶע צְוַוייגֶען אִין דֶעם גְרוֹיסֶען לַאנְד פָּרַס, אוּנ אִיךְ דַיין דִיעֶנְסְטְמַאד שְׁפְּרִינְצֶע טוּה תְּפִלָּה טְהוּן צוּ דִיר וִוי אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה. אִיךְ שְׁפְּרִינְצֶע דַיין דִיעֶנְסְטְמַאד שְׁטֶעה פַאר דִיר מִיט לוֹיטֶער צִיטֶערְנִישׁ אִיךְ בַּאגֶעהר, פוּן דִיר, וָואס דוּ זִיצְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דֶער שְׁטוּל פוּן דֶערְבַּארִימְקַייט, צוּבְּרֶעךְ דִי בֵּייזֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ רוּחוֹת רָעוֹת אִין מִיר, שְׁפְּרִינְצֶע דַיין דִיעֶנְסְטְמַאד, בּוֹיֶע אוֹיס אַרוּם מִיר אַ שְׁטַארְקֶען פַארְקֶען פוּן טְהַייעֶרֶע פֶעלְזֶענְשְׁטֵיינֶער וָואס וַואקְסֶען בַּיים יַם אוֹקְיָנוֹס צְווִישֶׁען קָאמִישׁ, כְּדֵי אַלֶע קְרַאנְקַייטֶען. דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער עַיִן הָרָע, דִי לֵילוֹת הָרִשְׁעָה מִיט אִיהְרֶע חֲבֵרְתֶּה׳ס זָאלֶען צוּ מִיר נִיט קֶענֶען צוּשְׁטֶעהֶן אוּנ מִיר קֵיין גוּט אוּיג נִיט גֶעבֶּען, לָאזֶען זֵיי זִיךְ וואוּנֶען אִין דִי פּוּסְטֶע וֶועלְדֶער, צְווִישֶׁען דִי פַארְוַואקְסֶענֶע שְׁטֵיינֶער, וָואס זִינְט דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרֵב גֶעוָוארֶען הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי זוּנְן צוּ בַּארֶעקֶען זֵייעֶרֶע שְׁפִּיצֶען אוּנ וואוּ דֶער גָאטְט פוּן יִשְׂרָאֵל וָואס יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהרְט אִיבֶּער דֶעם טַייךְ גֶענֶעמֶע

קיינגלעך מיט טאפליך זאלסט דו מיך שפּרינגצע דיין דיענסטמאד, בענטשען מיט אבענטשונג, מיינע קינדער און קינדס קינדער זאל זיין פול מיט תורה און חכמה, זיי זאלען לייכטען פון איין עק וועלט אין דער אנדערער, אז מיין שטוהל אין גן עדן זאל זיין נאהנט פון דער מוטער רחל׳ס שטוהל און זאלסט מיך ארומרינגלען און לייטזעליגען מיט חסד און מיט מתנת חנם, אזוי ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען, און דער געזאלבטער וואס דו האסט איהם געזאלבט מיט טהייער׳ן איילבירט בוימעל זאל קומען און משיח זאל אויך קומען צו מיר, שפּרינצע דיין דינסטמאד, אמן.

XIII.

דער קארעספּאנדענט.

דער צווייטער וואס איז אויך געוועזען פארטראגען היינטיגען שבת מיט אנדערע געשעפטען, איז געוועזען דער גליקליכער פינע טינטלער – דער זלידניוועקער קארעספּאנדענט וואס שרייבט אין גאזעטען נייעס פון דער שטאדט. צו איז פינע טינטלער טאקי באמת געוועזען א קארעספּאנדענט פון צייטונגען, וועלען די לעזער זעהן ווייטער, נאר דאס איז געווים, אז אין זלידניוועקע אלע, גרויסע און קליינע, אפילו קינדער האבען איהם געקענט אונטער דעם נאמען.

ווען אין קלויז האבען זיך די גבאים געקריגט אדער געווארטעלט איז זיך דער עולם צוגאנגען און יעדער האט ביי זיך געטראכט: א, פינע טינטלער וועט שוין האבען וואס צו שרייבען אין די גאזעטען; אז איינער אויף דעם אנדערן איז גע-וועזען באז אדער געוואלט דעם אנדערן אונטערשטעלען א פיס׳ל, האט ער ביי זיך געטראכט: א, וואו נעמט מען פינע טינטלער וואלט איך איהם געגעבען ער זאל איהם באשרייבען אין די גאזעטען אז ער זאל מיך האבען צו געדענקען אויף הונדערט יאהר; אום שמחת תורה צו אזוי א יומא דפגרילה, ווען א חסיד א פליאסקעדריגע האט זיך אנגענומען פאר גאטט און צוליעב איהם פון זיינעטוועגען זיך צוהוליעט, האט זיך יעדער געטראכט: א גליק וואס פינע טינטלער איז ניט דא דערביי, ער וואלט איהם באשריבען אין די גאזעטען אז די דייטשען אפּיקורסים וואלטען זיך צוקייכט פאר געלעכטער; ווען פינע טינטלער איז געקומען אין קלויז ראווגען, האבען אלע, ווער עס האט נאר זיך אינטערעסירט מיט פּאליטיקע און געוואלט וויסען צו עס וועט טאקי באמת זיין א מלחמה, געפרעגט ביי פינע טינטלער און ער האט אויסגעדרונגען מיט די אקסלען און דערוויזען מיט די פינגער דעם גאנצען פּלאן פון דער מלחמה און פארשטעהט זיך אז ביסמארק פיהרט יעדען ביי דער נאז.

מיט וואס פינע טינטלער האט זיך פארנומען ד. ה. פון וואנענט ער האט געהאט פּרנסה און וואו ער האט גענומען צו לעבען ווייס איך ניט, ווערליג איך האב איהם גוט געקענט פלעגט זיך מיר אויסווייזען אז ער עסט גאר ניט און טרינקט

גָאר נִיט, עֶר לֶעבְּט נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶר שְׁרַייבְּט. אִיהר מֵיינְט בְּוַודַאי אַז דִי גַאזֶעטְשִׁיקֶעס הָאבֶּען אִיהם גֶעצָאהלְט פַאר זַיין שְׁרַייבֶּען וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערמִיט טָאג וִוי נַאכְט פַארנֶעמֶען אֲפִילוּ אִין שְׁלָאף, אָ גַיין, וַוייסְט אִיהר פַאר וָואס דִי גַאזֶעטְשִׁיקֶעס הָאבֶּען אִיהם נִיט גֶעצָאהלְט? פְּרָאסְט דֶערפַאר וָואס פִּינֶע טִינְטֶלֶערְס שְׁרַייבֶּען, הָאט מֶען קֵיין מָאל נִיט גֶעדְרוּקְט. אַי סְטַייטְשׁ פַאר וָואס הָאבֶּען אִיהם אַלֶע אִין זְלִידְנִיוְוקֶע גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ שְׁרַייבֶּער אִין דִי גַאזֶעטֶען? נָאר אֵיינְס נִיט דֶעם אַנְדֶער׳ן גֶעהֶער זִיךְ גָאר נִיט אָן, פִּינֶע טִינְטֶלֶערְס שְׁרַייבֶּען הָאט מֶען אִין דִי גַאזֶעטֶען הוּנְדֶערְט מָאל נִיט גֶעמֶעגְט דְרוּקֶען אוּנ אַ שְׁרַייבֶּער פוּן גַאזֶעטֶען הָאט עֶר פָּארְט גֶעהֵייסֶען בַּיי אַלֶע זְלִידְנִיוְוקֶער.

דֶעם שֵׁם אַז עֶר אִיז אַ שְׁרַייבֶּער פוּן גַאזֶעטֶען הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶערפוּן, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט: פִּינֶע טִינְטֶלֶער הָאט זִיךְ דֶעם שֵׁם אַלֵיין גֶעמַאכְט, אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוֹיסגֶעטְרַאכְט, מִיט אֵיין וָוארְט דֶער שֵׁם פוּן אַ שְׁרַייבֶּער אִין גַאזֶעטֶען אִיז מְמֵילָא צוּ אִיהם גֶעקוּמֶען.

פִּינֶע טִינְטֶלֶער פְלֶעגְט זִיךְ מִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט פַארנֶעמֶען, קֵיין דַאֲגוֹת פַּרְנָסָה הָאט עֶר נִיט גֶעהַאט, זַיין מוּטֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵייטֶעל פוּן וֶועלְכֶען זִי הָאט אַלֵיין גֶעצוֹיגֶען הָאט פִּינֶע׳לֶען (וִוי זַיין מוּטֶער פְלֶעגְט אִיהם רוּפֶען) אִין אַ חֵדֶר גֶעהַאלְטֶען, דֶערנָאךְ מִיט אִיהם אַ שִׁידוּךְ גֶעטְהוּן, חֲתוּנָה גֶעמַאכְט; עֶר אִיז אָבְּגֶעזֶעסֶען בַּיים שְׁווֶער צְוֵויי יָאהר אוֹיף קֶעסְט, זִיךְ צוּקְרִיגְט מִיט אִיהם, מִיט דֶער שְׁווִיגֶער, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶרֶע עֲוֹלוֹת נִיט גֶעקֶענְט לַיידֶען, דַארוּם הָאט עֶר בַּיי זֵיי אִיבֶּערגֶעלָאזְט דָאס וַוייבֶּעל אוּנ אִיז אַלֵיין אַוֶועקגֶעפָארֶען צוּ דֶער מוּטֶער אוּנ הָאט בַּיי אִיהר גֶעהַאט אַגְרִינְגֶען, נִיט קֵיין פַארהָארֶעוֶועטֶען מִיטָאג. אַלֵיין פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פַארנֶעמֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר פְלֶעגְט בַּאטְרַאכְטֶען דִי וֶועלְט, זִיךְ מִישֶׁען אִין שְׁטָאדְטזַאכֶען, וואוּ מֶען הָאט אִיהם גָאר נִיט גֶעפְרֶעגְט, זִיךְ שְׁטוּפֶּען אִין פְרֶעמְדֶע גֶעשֶׁעפְטֶען וואוּ עֶס אִיז גָאר נִיט גֶעוֶועזֶען זַיין זַאךְ אוּנ וִוי בַּאלְד עֶפֶּעס, הָאט עֶר זִיךְ מִיט יֶעדֶען צוּקְרִיגְט אוּנ גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז מֶען וֶועט אִיהם הָאבֶּען צוּ גֶעדֶענְקֶען.

– וָואס קֶענְסְט דוּ מִיר טְהוּן? הָאט יֶענֶער גֶעפְרֶעגְט; מִיט וָואס קֶען אִיךְ דִיךְ הָאבֶּען צוּגֶעדֶענְקֶען?

– גָאר גִיט, וַוארְט נָאר אוֹיס עֶטְלִיכֶע טָאג אָדֶער צְוֵויי וָואכֶען וֶועט אִיהר שׁוֹין זֶעהן...

דִי עֶטְלִיכֶע טָאג צוּ צְוֵויי וָואכֶען, הָאט פִּינֶע בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט דַארְפֶען גֶעדוֹיעֶר׳ן אֵיידֶער עֶר וֶועט אָנשְׁרַייבֶּען, אֵיידֶער עֶס וֶועט אָנקוּמֶען מִיט דֶער פָּאסְט אִין דִי גַאזֶעטֶען אוּנ אֵיידֶער דִי גַאזֶעטֶען וֶועלֶען אָנקוּמֶען צוּרִיק קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע שׁוֹין אָבְּגֶעדְרוּקְט מִיט זַיין גֶעשְׁרַייבֶּערַיי וָואס עֶר הָאט בַּאשְׁרִיבֶּען דֶעם צוּ יֶענֶעם אַז מֶען זָאל הָאבֶּען צוּגֶעדֶענְקֶען.

פִּינֶע טִינְטֶלֶער פְלֶעגְט וִוירְקְלִיךְ טַאקִי בַּאלְד אַוֶועקְגֶעהן אַ הֵיים, זִיךְ זֶעצֶען בַּאלְד בַּאשְׁרַייבֶּען, לְמָשָׁל, חַייקִיל קִישֶׁקֶע. אַז עֶר הָאט שׁוֹין אָבְּגֶעשְׁרִיבֶּען פְלֶעגְט עֶר

אַריינרופֿען דעם שבֿנ׳ס אײדעמעל, וואָס האָט פֿינע טינטלער געהאַלטען פֿאַר אַ גאַנצען בעל לשון, פֿאַר אַ גאַנצען קאַנער און אַז איהם פֿלעגט אויסקומען שרייבען אַ געשעפֿטסבריוועל זיין שווערער דעם גראָבען יונגאַטש, פֿלעגט ער אַ סך נאַשען פֿון פֿינע טינטלערס לשון. —

מיט דעם אײדעמעל פֿלעגט פֿינע טינטלער בסוד סודות געבען איבערלייענען ווי ער האָט חייקיל קישקע באַשריבען אין גאַזעטען. —

נאָ, ווי געפֿעלט דיר? פֿלעגט איהם פֿינע דערנאָך פֿרעגען.

— וואָס הייסט, דו פֿרעגסט מיך נאָך, דו האָסט דען ניט געזעהן ווי איך בין צוקאַכט געוואָרען פֿאַר געלעכטער? אַך ברודער, ווען איך זאָל קענען אַזוי שרייבען!..

האָט דאָס אײדעמעל געזאָגט מיט אַ ערנסטע מינע.

— זאָגסט דו אַז עס איז גוט באַשריבען, האָט פֿינע טינטלער שוין מעהר ניט געקענט איינזיצען אויף דעם אייגענעם אָרט, נאָר מיט אַ שטיל טאַנצעל אונטער־געשפּרונגען פֿאַר פֿרייד און זיך נאָך אַמאָל איבערצייגט וועגען זיין שרייבען ביי זיין גוטען ברודער דעם אײדעמעל.

— וואָס פֿרעגסט דו סיך נאָך! איך זאָג דיר אַז הלוואי וואָלט איך אַזוי געקאָנט שרייבען...

פֿינע טינטלער האָט זיך אַביסעלע פֿאַרטראַכט האַלטענדיג די קאָרעספּאָנדענציע און זיך ווייטער אומגעקעהרט צום אײדעמעל.

— דו ווייסט ברודער אַז עס וועט זיין געדרוקט אין די גאַזעטען?

— וואָס הייסט, וואָס דען?

— נאָ איז גוט. נאָר דו זאָלסט קיינעם ניט אויסזאָגען, וואָרום טאָמער וועט מען עס ניט דרוקען...

— איך פֿאַרשטעה ניט פֿאַרוואָס מען זאָל עס ניט וועלען דרוקען, דאַכט זיך עס איז אַזוי גוט, איך קען דיר געהן שווערען, אַז מען וועט עס דאָרטען אויפֿחאַפּען ווי הייסע לאָקשען.

— אויב עס איז נאָך אַ וואונדער צו מען וועט עס חאַפּען, פֿלעגט שוין איצטער דרינגען פֿינע אַליין.

אויף מאָרגען פֿלעגט פֿינע מיט דער פּאָסט אַוועקשיקען די קאָרעספּאָנדענציע און טאַקי דעם אייגענעם טאָג פֿלעגט דאָס אײדעמעל דערצעהלען זיינעם אַ גוטען פֿריינד בסוד סודות אַז פֿינע טינטלער האָט באַשריבען חייקיל קישקע אין די גאַזעטען און האָט זיך געשוואָרען ביי זיינע אַללע ייִדעס און באָבעס אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע הענד געהאַלטען די קאָרעספּאָנדענציע און מיט זיינע אויגען געלייענט.

דאָס איז שוין געוועזען געגוג אַז די גאַנצע שטאָדט זאָל וויסען אַז פֿינע טינטלער האָט באַשריבען חייקיל קישקע אין די גאַזעטען. — אויב די קאָרעספּאָנדענציע איז טאַקי געדרוקט געוועזען צו עס איז נאָר אָנגעשריבען, ווען מען געהט עס אָן, קיינער פֿרעגט

גָאר נִיט דַארוֹיף, וָוארוּם וֶוער לַייֶענְט דֶען גַאזֶעטֶען? זְלִידְנִיוְוקֶער יוּדֶען לַייֶענֶען נִיט קֵיין גַאזֶעטֶען, זַיי הָאבֶּען נָאר לִיעבּ צוּ הֶערֶען גַאזֶעטֶען ד. ה. הֶערֶען ווִי מֶען דֶערְצֶעהלְט פוּן גַאזֶעטֶען, הֶערֶען פָּאטְשְׁטֶען; נָאר דֶער פְּרוּמְסְטֶער יוּד אֲפִילוּ דֶער בְּרֶענֶענְדִיגֶער חָסִיד זָאגְט זִיךְ נִיט אָבּ פוּן הֶערֶען גַאזֶעטֶען; עֶר זָאגְט דֶערבַּיי:

– פַארְוָואס נִישְׁט, מְהֵיכָא תֵּיתָא, פַארוָואס זָאל מֶען נִיט הֶערֶען? עֶס קָאסְט זִיךְ בְּלוֹיז קֵיין גֶעלְד נִיט, הַיינְט פַארוָואס זָאל אַ יוּד נִיט פַארבְּרֶענְגֶען מִיט פָּאטְשְׁטָען אַ שָׁעָה, וָוארוּם צַייט בַּיי יוּדֶען קָאסְט זִיךְ אַוַודְאִי קֵיין גֶעלְד נִיט.

הַיינְט וֶועמֶען אִין זְלִידְנִיוְוקֶע הָאט גָאר גֶעקֶענְט אַיינְפַאלֶען אוֹיבּ מֶען דְרוּקְט פִּינֶע טִינְטֶעלֶערְס שְׁרַייבֶּערַיי צוּ זַיין, אַלְץ אֵיינְס צוּ גֶעהֶערְט פוּן אַ גֶעדְרוּקְטֶען צוּ פוּן אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶעם פַּאפִּיר.

צוּ הָאט מֶען טַאקִי בֶּאֱמֶת גֶעדְרוּקְט פִּינֶע טִינְטֶעלֶערְס שְׁרַייבֶּערַיי דָאס וֶועלֶען דִי לֶעזֶער זֶעהן וַוייטֶער, נָאר זַיין גֶעשֶׁעפְט פְּלֶעגְט עֶס נִיט זַיין, עֶר אִיז נִיט מִיעד גֶעוָוארֶען שׁוֹין פוּן עֶטְלִיכֶע יָאהר אַלֶע טָאג שְׁרַייבֶּען אוּנ אַוֶועקשִׁיקֶען אַ נַייֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶע פוּן זְלִידְנִיוְוקֶע – אַי וָואס מֶען דְרוּקְט נִיט, פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּט בְּטְרַאכְטֶען, וָואס וֶועט זַיין דֶער סוֹף? נָאר וֶוער קֶען עֶס וִויסֶען, אֶפְשָׁר זֶענִין דִי וָואס פִירֶען דִי גַאזֶעטֶען אַזוֹי פַארטְרָאגֶען מִיט פִיהרֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז זַיי הָאבֶּען קֵיין צַייט נִיט אִיבֶּערצוּלֵייעֶנֶען מַיינֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶעס, צוּ אֶפְשָׁר הָאט מַיינֶער אַ שׂוֹנֵא דָארְט אָנְגֶערֶעדְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ קֶען נִיט שְׁרַייבֶּען אוּנ אֶפְשָׁר וֶועלִין זַיי טַאקִי נָאךְ זַיין גֶעדְרוּקְט, וֶוער וַוייסְט?...

נָאר ווִי אַזוֹי עֶס אִיז שׁוֹין, צוּ מֶען הָאט יוֹא גֶעדְרוּקְט אָדֶער נִיט, אָבֶּער דָאס וָואס מֶען הָאט אִיהם אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַ גַאזֶעטְשִׁיק אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז עֶפֶּעס אוֹיךְ וֶוערְטְה גֶעוֶועזֶען. – דֶערצוּ פְּלֶעגְט עֶר דֶעם רֶעדַאקְטָאר פוּן דֶער גַאזֶעטֶע וואוּ עֶר פְּלֶעגְט שְׁרַייבֶּען, אוֹיךְ נִיט שְׁוַוייגֶען:

בַּאלְד ווִי עֶר הָאט אִיבֶּערגֶעגֶעבֶּען זַיין קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶע אוֹיף דֶער פָּאסְט „וַאקַאזְנָאיֶע" אוּנ בַּאקוּמֶען דִי קְוִויטַאנְצִיֶע, פְּלֶעגְט עֶר אָנְהוֹיבֶּען צוּ צֶאהלֶען דִי טֶאג ווִיפִיעל עֶס דַארְף גֶעדוֹיעֶרן דֶער בְּרִיעף גֶעהן קֵיין נ. (וואוּ דִי צַייטוּנְג גֶעהט אַרוֹים), ווִיפִיעל דָאס אָבְּדְרוּקֶען אוּנ ווִיפִיל טֶאג דַארְף גֶעדוֹיעֶרן פוּן נ. קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע דִי צַייטוּנְג זָאל אָנקוּמֶען מִיט זַיין גֶעדְרוּקְטֶער קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶע; וֶוען עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִינְט דֶער סְרָאק אוּנ זַיין קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶע אִיז נָאךְ נִיט גֶעוֶועזֶען גֶעדְרוּקְט, פְּלֶעגְט עֶר בַּאלְד לוֹיפֶען אוֹיף דֶער פָּאסְט מִיט דֶער קְוִויטַאנְצִיֶע אִין דֶער הַאנְד פְרֶעגֶען וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה דֶערפוּן. אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְוֶוערְט אַז זַיין בְּרִיעף אִיז שׁוֹין לַאנְג אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ בַּאטְרַאכְט טָאמֶער קֶען זַיין אַז דֶער בְּרִיעף אִיז גָאר פַארְפַאלֶען גֶעוָוארֶען, נָאר קֶען דָאס זַיין? עֶר הָאט דָאךְ אַ קְוִויטַאנְצִיֶע– עֶר וֶועט דֶען שְׁוַוייגֶען דֶער פָּאסְט מִיט אַלֶע טְשִׁינָאוְונִיקֶעס? נָאר דֶערוַוייל אֵיידֶער עֶר וֶועט אָנְלֶערְנֶען דִי טְשִׁינָאוְונִיקֶעס מִיט דֶער פָּאסְט, פְּלֶעגְט עֶר אַוֶועקשִׁיקֶען אַ צְוַוייטֶען זַאקַאזְנָאיֶע בְּרִיף אוֹיפֶען רֶעדַאקְטָארְס נָאמֶען אַלֵיין אוּנ פְרֶעגֶען אִיהם צוּ הָאט מֶען

בֶּעקוּמֶען זַיין קָארֶעספָּאנדֶענצְיֶע אִין וֶועלְכֶע עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען בַּאשְׁרִיבֶּען דָאס אוּנ דָאס אוּנ פַאר וָואס דְרוּקְט מֶען זִי נִיט; נוּר אַז עֶר הָאט דַארוּיף אוֹיךְ קֵיין עֶנְטפֶער נִיט בַּאקוּמֶען, פְלֶעגְט עֶר שׁוֹין אַיינגֶעבֶּען אוֹיף דֶער פָּאסְט אַ פְּרָאשֶׁענְיֶע צוּזַאמֶען מִיט דֶער קְוִויטַאנצְיֶע אוּנ אִין עֶטְלִיכֶע טֶאג אַרוּם הָאט עֶר ווירְקְלִיךְ בַּאקוּמֶען אַיין עֶנְטוֶוער אַז זַיין בְּרִיף הָאט בַּאקוּמֶען דֶער רֶעדַאקְטָאר.

– הֵייסְט עֶס, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אִיצְט טְרַאכְטֶען, אַז דֶער רֶעדַאקְטָאר הָאט **יוֹא** בֶּעקוּמֶען, הַיינְט פַאר וָואס דְרוּקְט מֶען נִיט? קֵיין סַךְ נִיט גֶעטְרַאכְט, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנ וַוייטֶער אָנגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיעף צוּם רֶעדַאקְטָר, נָאר שׁוֹין נִיט פְרִיהֶער „אַ גֶעבֶּעט בְּרִיוֶועלֶע" פַאר וָואס דְרוּקְט מֶען נִיט, נוּר אַגְרוֹיסֶען לַאנְגֶען בְּרִיעף פוּן עֶטְלִיכֶע בּוֹיגֶען פַּאפִּיר, בַּאשְׁרִיבֶּען פוּן אַללֶע זַייטֶען, גֶעבֵּייזֶערְט זִיךְ אִין דֶעם בְּרִיעף אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֶעהט, אוּנ צוּ עֶנְדֶע הָאט עֶר צוּ גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ כַּעַס טָאמֶער וִויל מֶען נִיט דְרוּקֶען זָאל מֶען אִיהם דִי קָארֶעספָּאנדֶענצְיֶע בַּאלְד זַאקַאזְנָאיֶע אָבְשִׁיקֶען. דָא פְלֶעגְט עֶר שׁוֹין פוּן דֶער רֶעדַאקְצְיֶע בַּאקוּמֶען אַ קְלֵיין בְּרִיוֶועלֶע, אַז קָארֶעספָּאנדֶענצְיֶעס שִׁיקְט זִי נִיט צוּרִיק. וֶועלְכֶע מֶען גֶעפִינְט נוּצְלֶעךְ דְרוּקְט מֶען פוּן יֶעדֶען שְׁרַייבֶּער מִיט פֶּערגְנִיגֶען. גַאנְצֶע אַכְט טָאג הָאט מֶען זִיךְ אַרוּמגֶעטְרָאגֶען מִיט דֶעם בְּרִיוֶועלֶע, גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אַלֶע זַייטֶען, גֶעמַאכְט דַארוּיף גַאנְצֶע פֵּרוּשִׁים אוּנ זִיךְ טַאקִי נָאךְ זַאמָאל גֶעפְרֶעגְט: פַאר וָואס־זְשֶׁע דְרוּקְט מֶען פָארְט נִיט? דִי צַייטוּנְג שְׁרַייבּ אִיךְ אוֹיס, זַאקַאזְנָאיֶע הָאבּ אִיךְ אַוֶועקגֶעשִׁיקְט הַיינְט וָואס קֶען דָאס זַיין? אֶפְשֶׁר דֶערפַאר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקְרִיעגְט מִיט דֶעם רֶעדַאקְטָאר אִין דֶעם פְרִיהֶערדִיגֶען לַאנְגֶען בְּרִיעף, אֶפְשֶׁר הָאבּ אִיךְ זִיךְ טַאקִי אַרוֹיסגֶעחַאפְּט מִיט אַ הַארְבּ וָוארְט, וָוארוּם אִין דֶער אֶמֶת׳ן אִיז עֶר זִיךְ פָּארְט אַ רֶעדַאקְטָאר אוּנ אִיךְ נָאר אַ קָארֶעספָּאנדֶענְט, הַיינְט וָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאדַארְפְט בֶּאזֶערֶען אוֹיף אִיהם?

וֶועגֶען דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּקְרִיגְט מִיט דֶעם רֶעדַאקְטָאר פְלֶעגְט עֶר פְרֶעגֶען אַיין עֵצָה בַּיי זַיין גוּטֶען פְרַיינְד דֶעם אֵייזֶעמֶעל.

-- וִוי מֵיינְסְט דוּ? דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעלֵייעֶנְט דֶעם גְרוֹיסֶען בְּרִיעף וָואס אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעשְׁרִיבֶּען, דַארְף עֶר זַיין בְּרוּגֶז דֶערפַאר?

– גֶעוִויס, אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ דֶעמֶעלְט גֶעזָאגְט, שִׁיק אִיהם נִיט אַזַא בְּרִיעף וָוארוּם עֶר וֶועט בְּרוּגֶז וֶוערֶען, הָאסְט דוּ מִיר גֶעעֶנְטפֶערְט: נִישְׁט קָשֶׁה לָאז עֶר ווִיסֶען, עֶר דְרוּקְט בְּלוֹיז נִיט מַיין קָארֶעספָּאנדֶענצְיֶע, לָאז עֶר חָאטְשׁ ווִיסֶען, אַז עֶר הָאט נִיט צוּ טְהוּן מִיט „וֶועמֶען", לָאז עֶר ווִיסֶען אַז מִיט אַ זְלִידנִיוֶוקֶער פַארשְׁטֶעקְט מֶען נִיט דִי קוֹימֶענֶעס, לָאז עֶר ווִיסֶען!"... אוּנ הָאסְט קֵיינֶעם נִיט גֶעפְרֶעגְט אוּנ אַוֶועקגֶעשִׁיקְט דֶעם בְּרִיעף... אִיצְטֶער אָט נַא דִיר! – אִיז עֶר בְּרוּגֶז אוֹיף דִיר אַז עֶר ווילל דִיר אֲפִילוּ נִיט עֶנְטוֶוערֶן. אִיךְ הָאבּ דֶען פְרִיהֶער נִיט גֶעוואוּסְט אַז עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי, וָוארוּם מֵיינְסְט דוּ אַז אַ רֶעדַאקְטָאר אִיז עֶפֶּעס אַזַא מֶענְשׁ וִוי אִיךְ מִיט דִיר, וִוי מֶען זָאגְט „מַיין פֶּערְדְס בַּייטְשֶׁעל" צוּ אִיךְ ווַייס גָאר נִיט וָואס, אוּנ אוֹיף מָארְגֶען ווֶערְד מֶען וַוייטֶער שָׁלוֹם, נַיין בְּרוּדֶער, דוּ בִּיזְט שׁוּלְדִיג אוּנ דֶער רֶעדַאקְטָאר אִיז

אַוודַאי גֶערֶעכְט וָואס עֶר דְרוּקְט נִיט דַיינֶע קָארֶעספָּאנדֶענצֶיעס, וֶוען אִיךְ זָאל זַיין רֶעדַאקְטָאר אוּנ דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַזוֹי זִידְלֶען וָואלְט אִיךְ זֵיי אוֹיךְ נִיט גֶעדְרוּקְט, חָאטְשֶׁע דוּ בִּיזְט מַיין פְרַיינְד.

– וָואס־זְשֶׁע הָאבּ אִיךְ אִיהם דָא אַזוֹינְס גֶעזָאגְט, צוּ גֶעזִידֶעלְט וִוי דוּ רוּפְסְט עֶס אָן? דוּ הָאסְט דָאךְ אַלֵיין גֶעלֵייעֶנְט דֶעם בְּרִיעף, אִיךְ הָאבּ אִיהם דֶעם „לִידִידִי" מִיט דֶעם גַאנְצֶען טִיטֶעל גֶעשְׁרִיבֶּען, וִוי עֶס קוּמְט צוּ אַ רֶעדַאקְטָאר, אִיךְ הָאבּ אִיהם נָאר געשְׁרִיבֶּען: סְטַייטְשׁ גֶעוַואלְד וָואס דְרוּקְט עֶר נִיט מַיין קָארֶעספָּאנדֶענצֶיע אוּנ טָאמֶער נִיט דַארְף מֶען נִיט זָאל עֶר מִיר בַּאלְד אָבּשִׁיקֶען מַיין קָארֶעספָּאנדֶענְצֶיע, דַאכְט זִיךְ מֶעהר נִיט, הַיינְט וָואס הָאט עֶר דָא צוּ זַיין בְּרוֹגֶז?

– דִיר דַאכְט זִיךְ אַזוֹי, דוּ מֵיינְסְט אַז מִיט אַ רֶעדַאקְטָאר קֶען מֶען אַזוֹי רֶעדֶען. מֶען דַארְף מֶעהר נִיט וִוי אַזוֹינֶע וֶוערְטֶער: אַז מֶען ווילל נִיט דְרוּקֶען דַארְף מֶען נִיט, זָאל מֶען דִיר אָבּשִׁיקֶען, וָואס־זְשֶׁע נָאךְ וָואלְסְט דוּ בַּאדַארְפְט שְׁרַייבֶּען עֶר זָאל בְּרוֹגֶז וֶוערֶען; עֶס אִיז גֶענוּג אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, וָואס דֶען וָואלְסְט דוּ גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט אִיהם שֶׁעלְטֶען אִין טַאטֶען אַרַיין? אָ בְּרוּדֶער! דֶעמֶעלְט וָואלְט אִיךְ דִיר שׁוֹין נִיט מְקַנֵא גֶעוֶועזֶען, דוּ וָואלְסְט שׁוֹין אָנגֶעשְׁפַּארְט וואוּ דֶער שְׁוַוארְצֶער פֶּעפֶּער וַואקְסְט...

נָאךְ דֶעם פְּלֶעגְט פִּינֶע טִינְטְלֶער גָאר אַראבּלָאזֶען דִי נָאז מִיט הֶאנְד אוּנ פִּים אוּנ זִיךְ טַאקִי גֶעפִינֶען אוּמגֶערֶעכְט אַקֶעגֶען דֶעם רֶעדַאקְטָאר. גַאנְצֶע צְוַויי טָאג פְּלֶעגְט עֶר נָאךְ דֶעם אַרוּמגֶעהן וִוי אַ צוּקָאכְטֶער, זַיין קְלֵיין סָאוֶועסט׳יל הָאט אִיהם גֶעמוּטְשֶׁעט אוּנ גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט עֶסֶען, נִיט טְרִינְקֶען אוּנ נִיט שְׁלָאפֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ בַּאשְׁלָאסֶען מִיט אַ נַייעֶם בְּרִיעף אִיהם אִיבֶּערְצוּבֶּעטֶען, אַבִּי עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיף וַוייטֶער דְרוּקֶען זַיינֶע קָארֶעסְפָּאנֶדענְצְיֶעס. דֶער נַייעֶר בְּרִיעף אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁרִיבֶּען:

יום ג׳ פרשה בהעלותך פה זלידניוזקע לפ״ק.

„צוּ דִי עֶהרֶע פוּן דֶעם רֶעדַאקְטָאר, מַיין גֶעלִיבְּטֶער טְהַייעֶרֶער, דֶעם רָב, דֶעם קְלוּגֶען, דֶעם גַאנְצֶען, אַ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְטֶער פוּן צֶעהְנְטוֹיזֶענְדֶער וָואס בֶּעלַייכְט דִי עֶרְד אוּנ אִיהרֶע אַיינְוָואהנֶער, וִוי דִי זוּנְן זָאל גֶעוֶועלְטִיגֶען זַיין נָאמֶען, דֶער אִיז בֶּעוואוּסְט אִין דִי טְהוֹיעֶרֶען צוּ אַ נָאמֶען אוּנ צוּ לוֹיבּ, דִי עֶהרֶע פוּן זַיין נָאמֶען, זַיין שֶׁאנְהַייט מוהר״ר . . . . וכו׳"

טְהַייעֶרֶער רֶעדַאקְטָאר! מִיט אַיין אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם אַיינְגֶעבְּרָאכֶענֶעם קָאפּ אִין דְרַייעֶן, מִיט אַ צוּבְּרָאכֶען הַארְץ קוּם אִיךְ אִיצְטֶער צוּ אַייךְ אִיהר זָאלְט מִיר פַארְגֶעבֶּען זוארוּם אַייעֶר כָּבוֹד וָואס שְׁוֶועבְּט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, הָאבּ אִיךְ אוּמְזִיסְט אָנְגֶערִיהרְט א. ז. וו.

נָאךְ דֶעם וִוי עֶר הָאט שׁוֹין אִין שֶׁאנֶע מְלִיצָה וֶוערְטֶער אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען קֶעהרְט עֶר זִיךְ צוּ דֶעם פַּאר וָואס מֶען דְרוּקְט נִיט זַיינֶע פְרִיהֶערִיגֶע מַאֲמָרִים, קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶעס אוּנ בֶּעט אוֹיךְ צוּ דְרוּקֶען דָאס בְּרִיוֶועלֶע וָואס עֶר לֶעגְט צוּ צוּ דֶעם גֶעבֶּעט בְּרִיעף.

„שׁוֹין צַייט אִיהר זָאלְט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבֶּען, טְהַייעֶרֶער רֶעדַאקְטָאר, –

שְׁרַייבְּט עֶר וַוייטֶער אִין זַיין גֶעבֶּעט בְּרִיעף – בִּיז וַואנֶען וֶועט אִיהר זִיךְ אִיבֶּער מִיר אַזוֹי נַארוֹיֶען, צַייט שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף מִיר, גֶעדֶענְקְט וִויפִיעל טְרֶערֶן אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעגָאסֶען פַאר אַייךְ, צַייט שׁוֹין אָנְהוֹיבֶּען צוּנֶעמֶען בַּיי מִיר חָאטְשׁ אֵיין מַאֲמָר, גְוַואלְד וָואס הָאט אִיהר אוֹיף מִיר גֶעוָוארְפֶען אַזא אוּם חֵן? פַאר וָואס בַּיי יֶעדֶען נֶעמְט אִיהר צוּ אֲפִילוּ דִי קְלֶענְסְטֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע אוּנ אִיךְ בִּין בַּיי אַייךְ גָאר אִיבְּרִיג! אַזוֹי פִיעל מַאֲמָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט אוּנ אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אוֹיךְ נִיט זוֹכֶה גֶעוֶועזֶען זֶעהן דָאס לִיכְט. גֶעוַואלְד! פַאר וָואס אִיז דָאס, גֶעדֶענְקְט דֶעם בְּרִיעף וָואס אִיהר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט מִיט אַ יָאהר צוּרִיק אוּנ אִיהר הָאט מִיךְ גֶע־טְרֵייסְט אוּנ גֶעזָאגְט אַז אִיהר וֶועט אָן נֶעמֶען מַאֲמָרִים מִיט קָארֶעסְפָּאנֶדֶענְצְיֶעס, פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעשִׁיקְט עֶטְלִיכֶע מַאֲמָרִים אוּנ גָאר נִישְׁט!... גֶעוַואלְד הָאט שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם לֶעצְטֶען מַאֲמָר וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט דִי צְוֵויי רו״כ פַאר נַאזֶעטֶען, טָאמֶער הָאט אִיהר פַארְגֶעסֶען וַוייל אִיהר הָאט אַ סַךְ מַאֲמָרִים, וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְמָאנֶען אַז מַיין מַאֲמָר הֵייסְט „חָתָן צוּלֵעַ עַל יְרֵיכוֹ" (אַ חָתָן וָואס הִינְקְט אוֹיפ׳ן דִיךְ) הָאט אוֹיף אִיהם רַחֲמָנוּת אוּנ גִיט אִיהם אֵיין אָרְט אִין אַייֶער טְהַייעֶרער נַאזֶעטֶע. אִיךְ וֶועל דָאס מִיט מַיין גֶעזוּנְד נִיט אִיבֶּערְלֶעבֶּען, אִיךְ דַארְף זִיךְ שֶׁעמֶען פַאר אַלֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער. הָאט רַחֲמָנוּת, גִיט אֵיין אָרְט מַיין מַאֲמָר אִין אַייֶער טְהַייעֶרֶע נַאזֶעט אוּנ דֶעם בְּרִיוֶועלֶע אוֹיכֶעט, אִיךְ וֶועל אַייךְ אֵייבִּיג נִיט פַארְגֶעסֶען. צַייט שׁוֹין אִיהר זָאלְט קֶערֶען זִיךְ צוּ מִיר, צוּ הֶערֶען מַיינֶע גֶעבֶּעטֶען, גֶעוֵויינֶען: אוֹי! וֶוער וֶועט צוּנוֹיפְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע טְרֶעהרֶען, זֵיי וֶועלֶען זַיין גְרֶעסֶער וִוי דֶער אוֹקְיָנוּס, צַייט שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף מִיר, גָאטְט וֶועט אוֹיף אַייךְ דֶערְפַאר אוֹיךְ רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּנ וֶועט אַייךְ דֶערְלֶענְגֶערֶען אַייעֶרֶע יָאהרֶען. זָאגְט אַלֵיין וִוי זָאל נִיט פַאר־דְרִיסֶען – מֶען הָארֶעוֶועט אַזוֹי פִיעל אוֹיף דֶעם שְׂפַת עֵבֶר אוּנ לָאזְט זִיךְ אוֹיסֶעט אַז וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט נֶעמְט מֶען צוּ אוּנ מַיינֶע נִיט. גֶעוַואלְד, בִּיז וַואנֶען וֶועט דָא אַזוֹי זַיין? בִּיז וַואנֶען! – אֵיין בְּרִיעף הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט אוּנ עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען מִיט דֶעם רָבּ׳ס אַ חֲתִימָה אוּנ מֶען הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעדְרוּקְט!...

אִיךְ גְלוֹיבּ אַז דֶער וָואס לֵייעֶנְט דִי בְּרִיעף פַאלְשֶׁעוֶועט, עֶר וַוייזְט פַאר אַייךְ נִיט אַ סַךְ בְּרִיעף, דָאס אִיז אַוַודַאי נִיט שֶׁאן, הָאט שׁוֹין אִיבֶּער מִיר רַחֲמָנוּת, דְרוּקְט אָבּ מַיין מַאֲמָר „חָתָן צוּלֵעַ עַל יְרֵיכוֹ" וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט מִיט דִי צְוֵויי רו״כ אוֹיף נַאזֶעטֶען, הָאט רַחֲמָנוּת אוּנ דֶעסְטְגְלַייכֶען אָט דָאס בְּרִיוֶועלֶע אוֹיכֶעט, אִיךְ וֶועל אַייךְ מִן הַסְתָּם אָבְּדַאנְקֶען אוּנ טָאמֶער נִיט חו״ש, נִיט טְהוּט מִיר אָן קַיין בִּזְיוֹנוֹת, זִידֶעלְט מִיךְ וִויפִיעל אִיהר ווִילְט, וִויפִיעל אַייעֶר הַארְץ גְלוּסְט, אָבֶּער זִידֶעלְט מִיךְ נָאר אַזוֹי. – „לה׳ סוף חבש לראשי", אִיהר וֵוייסְט זִיךְ שׁוֹין מַיין פַ א רְ שְׁ טֶ ע ל וּ נ ג *). הָאט רַחֲמָנוּת!

---

*) דערמיט מיינט ער, אז טאָמער וויל מען איהם ענטווערע; אין בריף־קאַסטען פֿון דער ציַיטונג זאָל מען איהם גיט ענטווערען אויף זיין אמת׳ן נאָמען, נאָר אויף זיין פֿארשטעלטען נאָמען (פסעוודאָנים): לה׳ „סוף חבש לראשי" אָדער ווי ער רופט עס אָן: „מיין פֿארשטעלונג".

הָאט רַחֲמָנוּת ! אוּנ הָאט רַחֲמָנוּת ! דֶער וָואס בֶּעט אַייךְ מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶעהְרֶען
פִינֶע טִינְטֶלֶער המכונה „סוף חבֿש לראשי" *).

זִינְט פִינֶע טִינְטְלֶער הָאט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט דִי בְּרִיעף פַּארְשְׁטֶעהט זִיךְ אוֹיךְ „וַאקַאזְ-נָאיֶע" אִין דֶער רֶעדַאקְצְיֶע הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארק בְּטָחוֹן הָאבֶּען אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוֹיף זַיין לֶעבֶּען אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט אִין דֶער רֶעדַאקְצְיֶע , אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט שְׁרַייבֶּען אוּנ „דָאס בְּרִיוֶועלֶע אוֹיבֶּעט" וֶועט זַיין גֶעדְרוּקְט ; אוּנ חָאטְשׁ פוּן דֶער צַייט אָן אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְץ יָאהר אוּנ עֶס אִיז נָאךְ נִיט גֶעדְרוּקְט אֲפִילוּ „דֶער חָתָן וָואס הִינְקְט אוֹיפ׳ן דִיךְ" וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעבֶּעטֶען רַחֲמִים אוּנ גֶעוֵויינְט מֶען זָאל אִיהם נִיט מְבַייֵשׁ זַיין , פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר נָאךְ זַיין בִּטָחוֹן נִיט אָנְגֶעוָוארֶען עַד הַיּוֹם אוּנ וֶוערְט וַוייטֶער נִיט מִיעד צוּ שְׁרַייבֶּען נַייֶע קָארֶעסְפָּאנְ-דֶענְצְיֶעס , נַייֶע מַאֲמָרִים נַייֶע בְּרִיעף , כְּדֵי אוֹיסְצוּגִיסֶען זִיךְ זַיין בִּיטֶער הַארְץ צוּם רֶעדַאקְטָאר אַלֵיין .

פִּינֶע אִיז שׁוֹין אַזוֹי גֶעוָואהְנְט גֶעוָוארֶען מִיט זַיין לַאגֶע אַז עֶר פְּלֶעגְט שׁוֹין נָאר נִיט זָארְגֶען „וֶועגֶען דְרוּקֶען" עֶר הָאט זִיךְ מֶעהר גֶעזָארְגְט וואו נֶעמְט מֶען אַיין עִנְיָן (טְהֶעמַא) אוֹיף נַייֶעס צוּ שְׁרַייבֶּען .

— נָא פוּן וָואס זָאל אִיךְ אִיצְטֶער שְׁרַייבֶּען ? פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּט פַּארְטְרַאכְטֶען, ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין קְלוֹיז בַּיים דַאוְונֶען, פוּן דֶעם גוּטֶען יוּדֶען וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת , פוּן דֶעם הֶקְדֵשׁ ? דָאס אַלְץ אוּנ נָאךְ אַ סַךְ זַאכֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַמָאל הוּנְדֶערְט בַּאשְׁרִיבֶּען אִין דִי גַאזֶעטֶען (ד. ה. גֶעשִׁיקְט אִין דִי גַאזֶעטֶען, וָוארוּם גֶעדְרוּקְט זֶענֶען זֵיי נִיט גֶעוֶועזֶען) ; אוּנ ווִידֶער וָואס פַאר אַ נַייֶעס וֶועט דָאס זַיין — דֶער רֶעדַאקְטָאר זָאל הָאבֶּען אַ תֵּירוּץ עֶס נִיט צוּ דְרוּקֶען אוּנ זָאל נָאךְ בְּלַייבֶּען גֶערֶעכְט אַקֶעגֶען מִיר ? — אָ נַיין, דָאס וֶועל אִיךְ נִיט דֶערְלָאזֶען !

אוּנ פִּינֶע טִינְטְלֶער הָאט אַלְץ גֶעזוּכְט אַ נַייֶעס עִנְיָן, נָאר אִיז עֶפֶּעס אַזוֹי גְרִינְג צוּגֶעפִּינֶען אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אַ נַייֶעס עִנְיָן ? פִּינֶע אִיז נֶעבֶּעךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין בִּיטֶערֶע צָרוֹת : אֶט, אֶט לָאזְט זִיךְ אוֹיס זַיין שְׁרַייבֶּען, חָאטְשׁ צוּרֵייס זִיךְ . . . נָאר אוֹיף זַיין גְרוֹיס גְלִיק אִיז דִי בָּאד אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת בַּאנַאכְט.

פִּינֶע טִינְטְלֶער אִיז אִיצְטֶער גְלִיקְלִיךְ גֶעוֶועזֶען, סְטַייטְשׁ, אַ קְלֵיינִיקַייט אַזאַ נַייֶעס ! אוּנ חוּץ וָואס עֶס אִיז אַ נַייֶעס, וֶועט שׁוֹין דָא דֶער רֶעדַאקְטָאר מוּזֶען דְרוּקֶען, וָוארוּם וֶועלְכֶער רֶעדַאקְטָאר דְרוּקְט דֶען נִיט פוּן אַ שְׂרֵיפָה, דָאס זֶעהט עֶר זִיךְ אַלֵיין אִין אַלֶע נוּמֶערן אַז ווִי עֶס בְּרֶענְט נָאר אַ שְׁטֶעטְטִיל דְרוּקְט מֶען .

— אָ אִיצְטֶער הָאבּ אִיךְ אִיהם שׁוֹין אַרַיינְגֶעחַאפְּט אִין דִי לַאפְּקֶעס, עֶר וֶועט שׁוֹין מוּזֶען דְרוּקֶען, עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין דָא בַּיי מִיר נִיט אַזוֹי אוֹיסְדְרֶעהֶען . אַךְ ווִי דֶערְלֶעב אִיךְ שׁוֹין דֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין פַּארְגֶעהן, עֶס זָאל שׁוֹין וֶוערֶען נַאכְט, אִיךְ זָאל שׁוֹין

*) דער בריעף פֿון אָנהויב ביז צום סוף איז ניט פֿון מיר אויסגעטראכֿט , דאס אָריגינאל געפֿינט זיך ביי מיר אונ יעדער קען איהם זעהן . דער פערפֿ.

דערזעהן דעם ערשטען שטערן וואָלט איך זיך שוין געזעצט אָנשרייבען די קאָרעספּאָנדענציע

דערמיט איז פּינע טינטלער געוועזען פאַרטראָגען אַ גאַנצען שבת.

ער איז געוועזען אַזוי פאַרטראָגען מיט דעם בעשרייבען פון דער שריפה, אַז עס האָט איהם אַלע מאָל אונטערגעטראָגען און זיינע געדאַנקען האָבען ניט געקענט איבערטראָגען דעם געפילדער פון דער גאַס וואו מען האָט איצט אומעטום געליארמט וועגען דער אַסיפה, אויף צומאַכען אַ נייע באָד, און פּינע טינטלער איז אומיסטנע אַוועקגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט אויף דעם פעלד און צווישען די בוימער איבערגעבען זיך זיינע געדאַנקען און פאַרברענגען די צייט אַז דער שבת זאָל שוין ווי צום גיכסטען אַוועקגעהן – ער זאָל שוין מעגען שרייבען.

* *

*

מיט פרייד האָט מען דערלעבט די נאַכט – נאָך הבדלה, דער גאַנצער עולם, די בעלי בתים, דער רב, טרייטיל, פּייוויש פּאָנפּאַטש, טריינע, דוואָשע די טוקערן, חייקיל קישקע, ווייסע חברה זענין געקומען צום שוחט אויף דער אַסיפה, ווי דער רב האָט דוואָשען און טריינען צוגעזאָגט נאָך דעם דאַווענען.–

בעריל פלאַסטער איז געגאַנגען זוכען אַ שותף צושיקען קויפען ביי יענטע דער מלמדקע אביסל בראָנפען.–

פּינע טינטלער האָט זיך ווי צוגעקאָוועט געזעצט שרייבען די קאָרעספּאָנדענציע און געשריבען מיט גרויס חשק.–

*

*

אויף מאָרגען, דאָס הייסט זונטאָג, האָט זיך אין זלידניוווקע געהערט אַ סך נייעס.

אויף דער אַסיפה ביים שוחט האָט מען בעשלאָסען: ערשטענס – אַז באַלד נאָך שבת זאָל מען זיך שטעלען סטרויען אַ נייע באָד, נאָר אַזוי ווי מאָרגען איז זונטאַג און קיין גוים אַרבייטען ניט, זאָל מען אָנהויבען מאָנטאַג – יודען קענען זיך אַ מינוט ניט באַגעהן אָהן קיין באָד האָבען אַלע געשריען און יעדער האָט טאַקי באַלד געגעבען וויפיעל מען האָט געקענט און עס איז געוואָרען שאַנע עטליכע רובל אויף דער נייער באָד. און צווייטענס האָט די אַסיפה געגרעשעט אַז טרייטלען זאָל מען קויפען אַ נייע פּאָר שקאַפּעס, ניט אַזוי צו ליעב דעם וואָס על פּי דין (ווערדליג זיין ווייב טריינע האָט געטענהט) קומט איהם אָבצוקויפען נייע שקאַפּעס, ווייל זיינע יעקילס זענין אומזיסט געבעך געגאַנגען יונג פון דער וועלט איבער דער שטאָדטבאָד, אָדער ווי דוואָשע האָט געזאָגט „איבער די שווערע זינד", נאָר מען האָט געגרעשעט איהם קויפען שקאַפּעס דערפאַר, ווייל אַזוי ווי איידער די נייע באָד וועט פאַרטיג ווערען וועט זיך עפּעס געדויערן, דערווייל וועלען זיך יודישע טאָכטער

דאַרְפֶען, מְחִילָה, גֶעהן אִין מִקְוָה און אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז זִיךְ דֶערוַוייל נִיט דָא קֵיין מִקְוָה, זָאלִין זֵיי הָאבֶּען אַ יוּדִישֶׁען בַּעַל עֲגָלָה מִיט וֶועמֶען צוּ פָאהרֶען קֵיין בוּלַא־נָאוְוקֶע, אִין גַאנְצֶען זִיבְּצֶען וְוִיאֶרְסְט ווייט, אִין דֶער דָארְטִיגֶער מִקְוָה און צוּרִיק אַהַיים, און דְרִיטֶענְס הָאט דִי אֲסִיפָה גֶערֶעשֶׁעט אַז דְוָאשֶׁע זָאל גֶעמֶען צְווֵיי „פְּיַאטַאקֶעס״ (דְרַיי קָאפּ.) פוּן יֶעדֶער וַוייבֶּעל און פוּן יֶעדֶער יוּדֶענֶע אַזוֹי ווִי פְרִיהֶער נוּר זִי זָאל זִיצֶען בַּיי זִיךְ אִין דֶער הַיים: צוּ אִיהר אִין שְׁטוּב זָאלֶען זִיךְ צוּנוֹיפְנֶעמֶען אַלֶע טָאג דִי וַוייבֶּער (דִי וָואס דַארְפֶען פָאהרֶען אִין מִקְוָה), בַּיי אִיהר שְׁטוּב זָאל זִיךְ אָבְּשְׁטֶעלֶען טְרַייטִיל׳ס פוּהר מִיט דִי נַייֶע שְׁקַאפֶּעס, און פוּן אִיהר שְׁטוּב זָאל טְרַייטִיל אַוֶועקְפִיהרֶען דִי וַוייבֶּער קֵיין בּוּלַאנָאוְוקֶע, און בִּיז צְוֶועלְף דֶעם זֵייגֶער בַּאנַאכְט זָאל עֶר מִיט זֵיי קוּמֶען צוּרִיק און אַלֶע וַוייבֶּער אָבְּלָאזֶען טַאקִי וַוייטֶער בַּיי דְוָאשֶׁעס שְׁטוּב. מִיט אֵיין וָוארְט, דְוָאשֶׁעס שְׁטוּב זָאל פוּן הַיינְט אָן זַיין דִי גְלַאוְונֶע סְטַאנְצְיֶע, דֶער גְלַאוְונֶער וָואקְזַאל און דְוָאשֶׁע דֶער נַאטְשַׁאלְנִיק סְטַאנְצְיֶע, טְרַייטִיל מִיט זַיינֶע נַייֶע שְׁקַאפֶּעס און מִיט דֶעם וָואגֶען—דֶער קוּרְיֶערְסְקִי פָּאיֶעזְד. פוּן זְלִידְנִיוְוקֶע קֵיין בּוּלְוַואנָאוְוקֶע און פוּן בּוּלְוַואנָאוְוקֶע קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע;

נָאךְ דֶער אֲסִיפָה הָאט אֲפִילוּ טְרַייטִיל נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טַעֲנָהן אַז אִיהם קוּמְט אָבְּצוּקוֹיפֶען פֶּ ע רְ ד, וָוארוּם זַיינֶע יֶ ע קִ י לְ ס זֶענִין גֶעוֶועזֶען פֶּ ע רְ ד און נָאר דִי וַוייסֶע חֶבְרָה – דִי שְׁקָצִים, הָאבֶּען אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענִין שְׁ קַ א פֶּ ע ס, נָאר זַיין טַעֲנָהן הָאט נִיט גֶעהָאלְפֶען, קֵיינֶער הָאט אִיהם נִיט גֶעגְלוֹיבְּט און מֶען הָאט טַאקִי בַּאשְׁלָאסֶען אַז פַאר שְׁקַאפֶּעס קוּמְט נָאר אָבּ צוּ קוֹיפֶען שְׁקַאפֶּעס. פַייוִויש פָּאנְפַּאטְשׁ, נֶעבֶּעךְ, אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אָהן אַ שְׁטֶעלֶע, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהָאפְּט אַז דְוָאשֶׁע וָואס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי דֶער שְׁטֶעלֶע וֶועט אִיהם נִיט לָאזֶען פַאלֶען.

אַז דִי אֲסִיפָה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אִיז בֶּערִיל פְּלַאסְטֶער נָאר וָואס אַרוֹיסְגֶע־גַאנְגֶען פוּן יֶ ע נְ טֶ ע דֶ ע ר מְ לַ מֶ דְ קֶ ע

פִּ י נֶ ע טִ י נְ טְ לֶ ע ר אִיז נָאר וָואס אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער פָּאסְט, זַיין קָאפּ הָאט זִיךְ גֶעדְרֶעהט, דֶער שְׁטֶערְן הָאט גֶעפַּייעֶרְט און גֶעהִיצְט און דִי אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעפִינְטֶעלְט, פוּן דֶעם גַאנְצֶען פָּנִים הָאט אַ גְרוֹיסֶער שְׂוֵויס גֶערוּנֶען, וָוארוּם עֶר טְרָאגְט אִיצְטֶער אִין דֶער הַאנְד אַ פָּאסְט קְווִיטַאנְצְיֶע פוּן אַ זַאקַאזְנָאיֶע בְּרִיעף וָואס וֶועגְט עֶטְלִיכֶע לוֹיט – עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע וֶועגֶען דֶער שְׂרֵיפָה וָואס עֶר הָאט נֶעכְטֶען אַ נַאנְצֶע נַאכְט גֶעשְׁרִיבֶּען. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער פָּאסְט אַ הַיים פַּארְטַארַאראַמֶעט, גֶעשָׁאקֶעלְט מִיט דֶעם קָאפּ, עֶפֶּעס גֶערֶעדְט אַלֵיין אוּנְטֶער דֶער נָאז, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען וִוי עֶר לֶערְנְט אֵיינֶעם אָן, עֶר סְטְרַאשֶׁעט אֵיימִיצֶען און גֶעטְרַאכְט׃

– אָ, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין גֶעדְרוּקְט, אַ בְּרֵירָה וֶועט עֶר הָאבֶּען, עֶר וֶועט מוּזֶען – אַ שְׂרֵיפָה! עֶר מֵיינְט עֶס אִיז אִיהם „דֶער חָתָן וָואס הִינְקְט אוֹיפ׳ן דִיךְ״ וֶועלְכֶען עֶר הָאלְט יָאהרֶען לַאנְג און וִויל אִיהם נִיט דְרוּקֶען! – דָאס אִיז נִיט קֵיין מַאֲמָר, דָאס

אִיז אַ שְׂרֵיפָה, פוּן וֶועלְכֶער פִּיעל פוּן אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער וָואס הָאבֶּען אַ סַךְ שׂוֹנְאִים זֶענִין אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארֶען ·

אַזוֹי וִוי פִּינֶע טִינְטְלֶער פֶּערְזִיכֶערְט אַז דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע פוּן דֶער שְׂרֵיפָה וֶועט זַיין גֶעדְרוּקְט, וֶועט אִיהר זִי קֶענֶען לֵייעֶנֶען אִין דִי גַאזֶעטֶען, נָאר וַוייל דִי זְלִידְנִיוֶוקֶער קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע אִיז זֶעהר אַ וִויכְטִיגֶע וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְוַוייל נָאר אִין קוּרְצֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּען דֶעם אִינְהַאלְט:

אִין דֶעם „וַאקַאזְנַאיֶע" בְּרִיעף זֶענִין גֶעלֶעגֶען צְוֵויי גְרוֹיסֶע בּוֹיגֶען פַּאפִּיר; דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע אַלֵיין, דֶערְנָאךְ אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיעף צוּם רֶעדַאקְטָאר אַלֵיין מִיט אַ סַךְ טַעֲנוֹת פַאר וָואס דְרוּקְט מֶען נִיט וָואס עֶר הָאט בִּיז אִיצְט גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ וַוייטֶער אִיז גֶעלֶעגֶען אַ קָאנְוֶוערְט מִיט אַ מַארְקֶע אַז טָאמֶער וִויל מֶען נִיט דְרוּקֶען זָאל מֶען אִיהם שְׁרַייבֶּען; פַאר וָואס וִויל מֶען נִיט דְרוּקֶען אוּנ וֶועלְכֶעס הָאט מֶען דָא גֶעפוּנֶען פַאר נִיט גוּט, פַאר וָואס דְרוּקְט מֶען אַנְדֶערֶע יָא אוּנ זַיינֶע נִיט, אַנְדֶערֶע קֶענֶען נִיט שְׁרַייבֶּען אַזוֹי וִוי עֶר אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען... אוּנ ווִידֶער וִויל עֶר מֶען זָאל דְרוּקֶען וַוייל עֶר קֶען שׁוֹין נִיט שְׁוַוייגֶען אוּנ צוּזֶעהן וִוי זַיינֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער פִיהְרֶען זִיךְ א. ז. וו. טַעֲנוֹת מִיט טַעֲנוֹת ·

נָאר לָאמִיר זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּם אִינְהַאלְט: פָאר אַלֶעם בַּאגְרַאבְּט עֶר דָארְט הַייקִיל קִישְׁקֶע מִיט אַלֶע בַּעֲלֵי־בַּתִּים פַאר וָואס אִיז אִין זְלִידְנִיוְוקֶע נִיט דָא אַ „פָּאזְשַׁארְנֶע קָאמַאנְדַא" וִוי אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁטֶעדְט וִוי צוּם בַּיישְׁפִּיעל אִין פֶּעטֶערְסְבּוּרְג צוּ חָאטְשׁ וִוי אִין אָדֶעסְסַא, אָדֶער וַוארְשָׁא וַוייל אֵיידֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶערִיהְרְט מִיט חַייקִילְס קִישְׁקֶע אִיז דִי בָּאד שׁוֹין אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, אוּנ דְרוּם טַאקִי הָאבֶּען יוּדֶען אוֹיף זִיךְ אַלֶע צָרוֹת וָואס זֵיי פִיהְרֶען זִיךְ פַּאנַאטִישׁ אוּנ ווִילֶען נִיט אַיינְפִיהְרֶען אַ „פָּאזְשַׁארְנֶע קָאמַאנְדֶע" וִוי אִין דֶעם צִיוִוילִיזִירְטֶען אֵיירָאפַּא ·

וַוייטֶער הָאט עֶר בַּאשְׁרִיבֶּען דֶעם פָּאזְשַׁאר אַלֵיין וִוי דָאס פַייעֶר הָאט זִיךְ גֶעצוּנְדֶען אִיבֶּערְן הִימֶעל אַז פוּנְקֶען זֶענִין גֶעפְלוֹיגֶען אוּנ עֶר, פִּינֶע טִינְטְלֶער, הָאט זִיךְ בַּאנַאכְט שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקֶען פוּן דֶער שְׂרֵיפָה ·

אוּנ דְרִיטֶענְס הָאט עֶר בַּאֲרִיכוּת בַּאשְׁרִיבֶּען וִוי אַ יוּד בֶּערִיל פְלַאסְטֶער הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזֶען אוּנ קָאמַאנְדֶעוֶועט מִיט דֶעם גַאנְצֶען פָּאזְשַׁאר, אוּנ נָאךְ דֶער שְׂרֵיפָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען גַאנְץ „נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא" מִיט דֶעם „פְּרִיסְטַאוו" אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעדַאנְקְט, דְרוּם פַארְדִיעֶנְט דִי נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא גֶעלוֹיבְּט צוּ וֶוערֶען אִין אַ יוּדִישֶׁע צַייטוּנְג, אוּנ הַיינְט לָאזֶען קוּמֶען דִי לַייט סוּבָארִין, פִּיחְנָא, אָזְמִידָאוו, שְׁטֶעגֶער, אוּנ וִוי זֵיי הֵייסֶען דָארְט אַנְטִיסֶעמִיטֶען אוּנ אַלֵיין זֶעהן!... א. ז. וו. אוּנ ז. וו."

פַאר נַאכְט אִיז פִּינֶע טִינְטְלֶער אוּמִיסְטֶנֶע צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער פַּאסְט קוּקֶען וִוי דִי פָּאסְט פָאהְרְט אַוֶועק, בַּאלְד הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי פוּן דֶעם הוֹיף פוּן פָּאסְט אִיז אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען מִיט אַ רַעשׁ אַ וָואגֶען מִיט צְוֵויי פֶערְד אָנְגֶעלֶעגְט מִיט לֶעדֶערְנֶע טְשֶׁעמָאדַאנֶעס אוּנ אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזֶעסֶען אַ פָּאטְשְׁטַאלְיָאן · דֶער גְלָאק פוּן וָואגֶען הָאט גֶעקְלוּנְגֶען אוּנ בַּיי פִּינֶע טִינְטְלֶער אִין הַארְצֶען הָאט זִיךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס גֶערִיהְרְט ·

-אָט דָא פִּיהרְט מֶען אויךְ אַוֶועק מַיין קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע!... הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט אוּנ דֶעם לֶעצְטֶען קוּק גֶעטְהוּן אויפְּ׳ן פָּאסְטְאוֶוע וָואגֶען וִוי עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאבּ גֶעפָּאהֶרֶען פוּן דֶער בְּרִיק, אוּנ דֶער גְלָאק הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט שְׁטִילֶער אוּנ שְׁוַואכֶער...

עֶס הָאט זִיךְ אִיהם אויךְ אַזוֹי גֶעוָואלְט נָאכְפָּאהרֶען... נָאכְפְּלִיהֶען...

אִין צְוֵויי שָׁעָה אַרוּם, בַּיי נַאכְט, אִיז פִּינֶע טִינְטְלֶער שׁוֹין וַוייטֶער גֶעזֶעסֶען וִוי אַ צוּגֶעקָאוֶועטֶער אוּנ גֶעשְׁרִיבֶּען אַ נַייֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע וֶועגֶען דֶער נֶעכְטִיגֶער אַסִיפָה, חוּץ דֶעם אויךְ אַ בְּרִיעף צוּם רֶעדַאקְטָאר אַלֵיין, פַאר וָואס אִיז נָאךְ בִּיז אִיצְט נִיט גֶעדְרוּקְט דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע פוּן דֶער שְׂרֵיפָה, דֶערְנָאךְ בֶּעט עֶר אוֹיבּ מֶען הָאט נָאךְ נִיט גֶעדְרוּקְט זָאל מֶען וָואס צוּם גִיכְסְטֶען דְרוּקֶען פוּן דֶער שְׂרֵיפָה אוּנ דָאס בְּרִיעוֶועל פוּן דֶער אֲסִיפָה אויךְ.

רֶב טְרַייטֶעל

עֶרְצֶעהְלוּנְג אִין צְוֵויא טְהֵייל

פון

מ. ספֶּעקְטָאר.

צווייטער טהייל

ווילנא

שנת תרנ״ו לפ״ק

РЕБЪ ТРАЙТЕЛЬ
Господинъ Трайтель.
Разсказъ М. Я. Спектера. Часть II.

ВИЛЬНА. Типографія Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328.
1896.

Дозволено цензурою Варшава, 16 Января 1896 г.

צְווייטֶער טְהֵייל.

I.

דִי וַוייבֶּערְשֶׁע אֲסִיפָה.

. . . דְרַיי יָאהר . . . דְרַיי יָאהר זֶענִין אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען זִינְט דִי בָּאד אִין זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען . . . דְרַיי יָאהר זֶענִין אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם שַׁבָּת זִינְט עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אֲסִיפָה וֶועגֶען דֶער בָּאד אוּנ מֶען הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעלְד אַז בַּאלְד אי״ה נָאךְ זוּנְטַאג — דֶעם עֶרְשְׁטֶען דִינֶסְטַאג, זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלֶען בּוֹיעֶן . . . שׁוֹין דְרַיי יָאהר זִינְט פֵּיגֶע טִינְטְלֶער הָאט אַוֶּועקְגֶעשִׁיקְט דִי עֶרְשְׁטֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶע וֶועגֶען דֶער שְׂרֵיפָה פוּן דֶער בָּאד . . . אוּנ שׁוֹין אוֹיךְ דְרַיי יָאהר זִינְט ר׳ טְרַייטִיל בַּעַל עֲגָלָה פִיהרְט אַלֶע אָבֶענְד אָדֶער וִוי טְרַייטִיל זָאגְט: שׁוֹין דְרַיי יָאהר אַז עֶר שְׁלֶעפְּט אַלֶע אָבֶענְד דִי זְלִידְנִיוְוקֶער וַוייבֶּער זִיבֶּענְצֶעהן וְויָארְסְט צוּ דֶער בּוּלְוַואנָאוְוקֶער בָּאד אַהִין אוּנ צוּרִיק אוֹיף זַיינֶע נַייֶע צְוַויי שְׁקַאפֶּעס דֶער „קַארֶע״ מִיט דֶעם „לִיסֶע״ . . .

— וָואס, נָאךְ אִיז אִין זְלִידְנִיוְוקֶע נִיט דָא קַיין נַייֶע בָּאד? קְטַייטְשׁ דְרַיי יָאהר! דְוָואשֶׁע מִיט דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען דָאךְ עֶפֶּעס נַאגֶעוַואלְדֶעוֶועט מֶען זָאל וִוי צוּם גִיכְסְטֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ דֶער בָּאד, עֶפֶּעס הָאט מֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעלְד?

יָא עֶס אִיז טַאקִי אֶמֶת, דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען טַאקִי גֶעגְוַואלְדֶעוֶועט אוּנ דִי מַאנְסְבִּילֶען הָאבֶּען צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעלְד, דִי גַאנְצֶע דְרַיי יָאהר הֶארְט מֶען נִיט אוֹיף צוּ גֶעוַואלְדֶעוֶוען אוּנ אַלֶע מָאל נַיי גֶעלְד צוּנוֹיפְנֶעמֶען. אוּנ פָארְט זֶענִין דְרַיי יָאהר אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען אוּנ עֶס אִיז נָאךְ נִיט דָא קַיין בָּאד. פֵּיגֶע טִינְטְלֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין פָּשׁוּט אָבְּגֶעשְׁרִיבֶּען דִי פִינְגֶער וֶועגֶען דֶער בָּאד אוּנ אַלְץ קֵיין בָּאד נִיט דָא, הָאטְשׁ עֶר הֶארְט נִיט אוֹיף בִּיז אִיצְטֶער צוּ סְטְרַאשֶׁען אַז אָט, אָט בַּאשְׁרַייבְּט עֶר זֵיי אַלֶע אִין דִי גַאזֶעטֶען; נָאר עֶס הֶעלְפְט פָּארְט נִיט . . .

גֶעוַואלְד דְרַיי יָאהר זָאלֶען זְלִידְנִיוְוקֶער וַוייבֶּער זַיין אָהן אַ בָּאד! עֶס אִיז טַאקִי נָאר גְרִינְג צוּ זָאגֶען אוּנ אֲפִילוּ אָנְצוּשְׁרַייבֶּען „דְרַיי יָאהר״, נָאר אִיהר וַוייסְט וִויפִיעל דְרַיי יָאהר אִיז? דָאס אִיז מֶעהֶרֶער פוּן טוֹיזֶענְד מֵעת לְעֵת — טוֹיזֶענְד מָאל הָאבֶּען זִיךְ דִי וַוייבֶּער בַּאדַארְפְט שְׁלֶעפֶּין מִיט טְרַייטְלִין בַּיי נַאכְט קַיין בּוּלְוַואנָאוְוקֶע אוּנ צוּרִיק, אוּנ וִוי הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אִין דִי טוֹיזֶענְד נֶאכְט נִיט גֶעמַאכְט אַ נַיין הוּנְדֶערְט נָאכְט פוּן דִי גוּטֶע פָּאגָאדֶעס, רֶעגֶענְס, נַאסֶע קֶעלְטֶען, שְׁנֶעעֶן, גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶעס, וִויפִיעל אִיבֶּער־

גֶעפְּרוּוֶרֶענֶע אויהְרֶען, הֶאנְד מִיט פִּיס, ווִיפִיעל צוּקִילֶעכְטֶסֶען הֶאבֶּען דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע וַוייבֶּער בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם פָּאהְרֶען לְשֵׁם מִצְוָה -- אויף קִידוּשׁ הַשֵּׁם? ווִיפִיעל נַייֶע יוּנְגֶע ווייבְּלֶעךְ זֶענִין צוּגֶעקוּמֶען אִין דִי דְרַיי יָאהר ווָאס זֶענִין גֶעווִיס נִיט גֶעוואהְנְט זִיךְ שְׁלֶעפֶּען אִין רֶעגֶען, אִין קֶאלְט בַּיי נַאכְט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל אויף דֶעם אוֹפֶן בַּאדַארְפְט בַּאקֶענֶען מִיט יוּדִישְׁקַייט . . .

כִּמְעַט אַלֶע ווָאךְ פְלֶעגֶען דִי ווַייבֶּער מַאכֶען אַ גֶעווַאלְד אוּנ מִיט אַ גֶעפִּילְדֶער אַריינְפַאלֶען צוּם רָב אִין שְׁטוּב מֶען זָאל מַאכֶען נָאךְ אַמָאל אַ נַייֶע אֲסִיפָה אוּנ דֶער רָב הָאט טַאקִי גֶעמַאכְט אוּנ מֶען הָאט טַאקִי נָאךְ אַמָאל צוּנויפְגֶענוּמֶען גֶעלְד, מֶען הָאט שׁוין אֲפִילוּ גֶעקוֹיפְט אַ סַאזְשֶׁען סְלוּפֶּעס, אַ וָואגֶען שְׁטֵיינֶער, אַ וֶואגֶעלֶע לַיים. גֶעדוּנְגֶען אַרְבֵּייטֶער אוּנ גֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אַרְבֵּייטֶען אויף עֶטְלִיכֶע טֶאג, נָאר ווִי בַּאלְד עֶס אִיז אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען אַ צְוֵויי דְרַיי טֶאג, הָאט זִיךְ אויסְגֶעלָאזְט אַז קֵיין גֶעלְד אִיז שׁוין מֶעהר נִיט גֶעווֶעזֶען צוּ צָאהלֶען דִי אַרְבֵּייטֶער אוּנ קֵיין מַאטֶערְיַאל אויך נִישְׁט.–

וואוּ זֶשֶׁע זֶענִין אַהִינְגֶעקוּמֶען דִי אַלֶע גֶעלְדֶער? וֶועט אִיהר פְרֶעגֶען. נָאר אִיךְ זָאל אַייךְ קֵיין סַךְ אוּנ קֵיין אִיבְּרִיגֶע זַאכֶען נִיט דַארְפֶען דֶערְצֶעהלֶען. ווֶעלֶען מִיר זִיךְ אַלֶע מַטְרִיחַ זַיין צוּ זֶעלִיג סְטִיסֶע דְרָוָאשֶׁעס אויף דֶעם בְּרִית פוּן זַיין נַייֶעם אֵיידֶעם, ווֶעלְכֶען עֶר הָאט אַריינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב צוּרִיק מִיט אַ יָאהר. אויף דֶעם בְּרִית ווֶעלֶען זַיין כִּמְעַט אַלֶע שֶׁאנְסְטֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים, אוּנ פַארְשְׁטֶעהט זִיךְ דֶער רָב מִיט דֶעם שׁוֹחֵט אויךְ, דַארוּם הָאבֶּען דִי וַוייבֶּער צְווִישֶׁען זִיךְ אָבְּגֶערֶעדְט אַז אויף דֶעם בְּרִית וֶועלֶען זֵיי אַרײנְפַאלֶען מִיט אַ גֶעווַאלְד וֶועגֶען דֶער בָּאד.–

אִין דִי גַאנְצֶע דְרַיי יָאהר וואוּ צְווֵיי זֶענִין זִיךְ צוּנויפְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן דֶער נַייֶער בָּאד, דֶער הָאט גֶעפְּלַאנֶעוֶועט אַזוֹי דִי נַייֶע בָּאד אוּנ דֶער אַזוֹי, דֶעסְטְגְלַייכֶען אויף אַ שִׂמְחָה הָאט מֶען אויךְ גֶעהֶערְט מֶעהר רֶעדֶען פוּן דֶער נַייֶער בָּאד.

אויפ'ן בְּרִית נָאךְ דֶעם „יוּדִישֶׁען", זֶענִין זִיךְ דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים גֶעזֶעסֶען בַּיים טִישׁ, הָאבֶּען גֶעטְרוּנְקֶען „לְחַיִּים" אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן אוּנ ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גֶע־שְׁמוּעסְט פוּן ווֶעלְטְזַאכֶען אוּנ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אויף דֶער בָּאד, דֶער הָאט אַרײנְגֶעווָארְפֶען אַזַא וָוארְט, דֶער אַזַא וָוארְט; אִין אֵיין אַנְדֶער רֶאדֶעל הָאט מֶען גָאר גֶעשְׁמוּעסְט פוּן דֶעם רֶבִּין זָאל לֶעבֶּען ווָאס אִיז הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת דוּרְכְגֶעפָאהרֶען, אויךְ פוּן דֶעם פַאר־אַכְטָאגֶעדִיגֶען נַייֶעם חַזָן ווָאס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אויף אַ שַׁבָּת אוּנ הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִין גְרוֹיסֶען בֵּית הַמִּדְרָשׁ פַאר גָאר אַ קְלֵיינִיקַייט. — דִי „גֶעבֶּעטֶענֶע" וַוייבֶּער אויף דֶעם בְּרִית זֶענִין גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטֶענְס מִיט אוּנְטֶערְגֶעשְׁפַּארְטֶע הֶאנְד אוּנְטֶער דִי קֶאפּ אוּנ הָאבֶּען אויפְמֶערְקְזַאם גֶעהֶערְט „ווִי דִי מַאנְסְבִּילֶען רֶעדֶען". ווִי זֵיי הָאבֶּען דֶערהֶערְט דָאס וָוארְט „בָּאד", „בּוֹיעֶן דִי בָּאד", „מִקְוָה", הָאבֶּען זֵיי אָהן וָוארְטֶער צוּגֶעשָׁאקֶעלְט מִיט דִי קֶאפּ אוּנ גֶעקְרֶעכְצְט אוּנ גֶעזִיפְצְט.

פְּלוּצִים הָאט זִיךְ אַרייְנְגֶעלָאזְט אַ הָאפְטֶע וַוייבֶּער, אֵיינֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פֶערְפְלַאמְט פָּנִים פְרִיהֶער פַאר אַלֶע אוּנ גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער הֶאנְד אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיס

נאָזטיכעל אַז טאָמער וועט זי דאַרפען ווייגען זאָל זי האָבען מיט וואָס אויס־צושנייצען די נאָז.—

דער רב מיט דעם שוחט האָבען אַ טרעפעל געטהון מיט די פאות קיין מזרח זייט אונ דערנאָך קיין מערב זייט אונ אַ באָזען קוק געטהון אויף זיי, וואָס זיי זענען געקומען פאַרשטערען אַ שמחה וועלכע איז די יודען געגעבען געוואָרען פון אברהם אבינו אָן, דער רב האָט שוין געוואָלט היסען דעם שמש ער זאָל זיי זאָגען אַז זיי זאָלען קומען צו איהם אויף דער נאַכט אַ היים נאָך מעריב, נאָר ער האָט דערזעהן ווי די בעל־בית׳טע (די מוטער פון דער קימפעטאָרען) האָט זיי זעהר פיין אַריינגעבעטען אין שטוב, האָט דער רב צוריק אָראַבגעלאָזט די אויגען.

— מיר זענען איצטער ניט געקומען צו דיר אויף דער שמחה, אי״ה אויף דעם בר־מצוה וועלען מיר זיין, מיר זענען איצטער געקומען צו די בעלי בתים — האָט די יודענע מיט דעם נאָזטיכעל זיך אָנגערופען צו דער בעל בית׳טע. דער רב, דער שוחט מיט אַלע בעלי בתים, האָבען אויסגעשטרעקט מויל אונ אויהרען.

— איך ווייס, איך ווייס, האָט די בעל בית׳טע געענטפערט, אונ אַז זי האָט געזעהן ווי יענע האַלט דאָס טיכעל אין דער האַנד, האָט זי אויך אַרויסגענומען דאָס טיכעל פון דער קעשענע, אַ קוק געטהון אויף די טירלעך פון דעם אַלקער וואו די קימפעטאָרען איז געלעגען אונ געזאָגט דער יודענע שטיל: אַט האָט איהר אַ יוגענד, בלוט אונ מילך וועלכע איז זינט זי לעבט פון דער מאַמעס פּאָ־דעלעק ניט אָבגעטרעטען, קיין צוויי שפּאַן ניט אַרויסגעטרעטען אַליין. פון דער שטוב, קיין מאָל קיין שפּאַן ניט אַרויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט, נאָר זינט איך האָב זיך אויסגעבראַכט אונ איהר חתונה געמאַכט אונ זי האָט אָנגעהויבען פאָהרען מיט טרייטל קיין בולוואַנאָווקע, האָט זי זיך פאַרקיהלט אונ הערט ניט אויף צו הוסטען. חלעבין, איך וואָלט גאָר קיין שמחה ניט געמאַכט וואָרום זי ליגט טויט קראַנק אין בעט, נאָר וואָס זאָל איך טהון, עס איז זיך אַ יודישע זאַך, אפשר וואָלט איך זי ניט געדאַרפט לאָזען פאָהרען, ווי זאָגט איהר, נאָר נאָך וואָס־זשע האָב איך זיך אויסגעבראַכט אונ איהר חתונה געמאַכט? איהר האָט טאַקי חלעבען זעהר גוט געטהון וואָס איהר זענט איצטער דאָ אַלע געקומען; איהר קענט רעדען ניט די מאַנסבילען, זיי וועט קיין מאָל ניט אַנגערען ווי אַזוי די יודענע זאָל ניט פאַרשוואַרצט ווערען, אומשטיינס געזאָגט, אַבי גיב זיי נאָר גרייטס: אַ גרייט פאַרריכט העמד, אַ גרייטען אָבגעקאָכטען מיטאָג; זיי זאָלען אָבער אַמאָל פּרובען אַליין אָבקאָכען איין מיטאָג, אײדער דאָס האַלץ צוברענט זיך, אַוועקשטעהן אַ גאַנצע שעה, אונ טאָמער איז אַביסעלע צוגע־ברענט די קאַשע איז אַ גוואַלד; אונ איך ווייס באמת ניט וואָס איז מיט זיי אַזוינס דער מעהר, אַז מיר זאָלען דאַרפען ביי זיי אַזוי פאַרשוואַרצט ווערען...

די יודענע מיט דעם טיכעל, האָט גענומען איהר אָנגעגרייטע טיכעל צו די אויגען...

אין דער זייט וואו די ווייבער זענען געשטאַנען, האָבען זיך פלוצים אין איין

אויגענבְּליק בַּאוויזֶען אַ שְׁטִיק פּופְּצֶעהן אָדֶער צְוַואנְצִיג טִיכְלֶעךְ בַּיי פּופְּצֶעהן אָדֶער צְוַואנְצִיג נֶאז.

— וואו וַוייבֶּער — דָארְטֶען וַויינְט מֶען. — נַיין מָאס רַייד אונ נַיין מָאס טְהרֶערֶען פַּארמָאגֶען זַיי, הָאבֶּען זיךְ אָנגֶערופֶען אֵיינִיגֶע פון דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים.

דָא אִיז גֶעוָוארֶען צְווִישֶׁען דִי וַוייבֶּער אַ גֶערודֶער, אַ דְרֶעהֶענִישׁ, עֶס הָאט זִיךְ אויסגֶעוויזֶען וִוי יֶעדֶע רִיהְרְט זִיךְ אונ ווִיל זִיךְ אַרויפוַוארְפֶען אויף דִי מַאנְסבִּילֶען, נָאר צום סוֹף אִיז קוּיִם אַרוים דִי יוּדֶענֶע מִיט דֶעם נָאז טִיכֶעל אונ נָאךְ אִיהר אַלֶע וַוייבֶּער.

— וַוייבֶּער אונ וַוייבֶּער, אִיהר וַוייסְט מֶעהר נִיט נָאר לַאכֶען פון וַוייבֶּער, קוּקְט נָאר אָן וִוי זַיי זִיצֶען זִיךְ אונ מֶען טְרִינְקְט לְחַיִים, וִוי גְלַייךְ עֶס גֶעהְט זַיי גָאר נִיט אָן, וִוי גְלַייךְ זַיי הָאבֶּען קֵיין וַוייבֶּער נִיט, וָואס דַארְפֶען גָאר קֵיין קִינְדֶער נִיט הָאבֶּען...

— וָואס ווִילְט אִיהר?— אִיז אַרוים אַ יוּנְגֶער מַאנן, וִוי אַ קָאץ וֶוען זִי פַּאלְט אַרָאבּ פון דֶעם אויוֶוען אִין דֶער דֵייזְשֶׁע בָּארְשְׁט, אַ בְּרֶענֶענְדִיג חָסִידִיל, וָואס הָאט עֶרְשְׁט פַאר צְוֵויי יָאהר חֲתוּנָה גֶעהַאט אונ זִיצְט שוֹין דְרַיי אונ צְוַואנְצִיג חֳדָשִׁים נִיט מִיט דֶעם ווייב וַוייל, וִוי עֶר זָאגְט, אִיז זִי אַ חֲ צ וּ פָ ה, — דָאס פַּאסְט צו אַ חֲצוּפָה — הָאט עֶר זִיךְ צוּשְׁרִיעֶן אַנִידֶער שְׁטֶעלֶענְדִיג זִיךְ אויף דֶעם טִישׁ — אַרייַנפַּאלֶען דָארְט וואו עֶס זִיצְט דֶער רָב מִיט דִי שֶׁאנְסְטֶע בַּעֲלֵי-בַּתִּים!..

— מִיר זֶענִין טַאקִי גֶעקוּמֶען צום רָב מִיט דִי בַּעֲלֵי-בַּתִּים, מִיר וֶועלֶען נִיט אַוֶועקגֶעהן, מִיר וֶועלֶען נִיט אויפהֶערֶען צו גֶעוַואלְדֶעוֶוען, מִיר וֶועלֶען נִיט אויפהֶערֶען רַייסֶען קְבָרִים בִּיז מֶען וֶועט אוּנְז נִיט בַּאלְד אויסבּויֶען אַ בָּאד; אִיהר זֶענְט מַאנְסבִּילֶען, וֶ ו ע גְ ס-לַ י י ט, מַאכְט בַּיי אַייךְ נִיט אויס, פָאהֶרֶען אויף אַלֶע שַׁבָּת קֵיין בּ וּ לְ וַ ו א נָ א וְ ו קֶ ע, מִיר קֶענֶען נִיט, מִיר הָאבֶּען קֵיין צַייט נִיט, מִיר וֶוערֶען קְרַאנְק, מִיר פַּארקִיהלֶען זִיךְ, מִיר וֶוערֶען פַּארשְׁוַוארְצְט, טְ רַ י י טִ י ל שִׁינְדְט פון אוּנְז לֶעבֶּעדִיג דִי הויט... אַזוינֶע קֶאלְטֶען, אַזוינֶע פִּינְסְטֶערֶע נֶאכְט... עֶר אִיז זִיךְ נוּקֵם אָן אוּנְז... מִיר קֶענֶען עֶס מֶעהר נִיט אויסהַאלְטֶען... מִיר וֶועלֶען פון דַאגֶען נִיט אַוֶועק... דְרַיי יָאהר זִיךְ מוּטְשֶׁען, אַ קְלַיינִיקַייט!.. מִיר וֶועלֶען פון אַייךְ נִיט אָבּטְרֶעטֶען...

עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אויף עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַ גְרויסֶע סוּמַאטָאכֶע, אַ גֶעוַויין, אַ גֶעשְׁרֵיי מִיט קוֹלוֹת... דֶער רָב, דֶער שׁוֹחֵט הָאבֶּען זִיךְ אִין אָנְהויבּ גָאר פַּארפְּלָאנְטֶעט, נוּר אַז אֵיינִיגֶע בַּעֲלֵי-בַּתִּים הָאבֶּען זִיךְ אָנגֶערוּפֶען:

— חְלֶעבֶּען אַז דִי וַוייבֶּער זֶענִין גֶערֶעכְט, לָאז זַיין שְׁטִילֶער, מִיר זֶענִין אִיצְט דָא אַלֶע אונ עֶס וָואלְט שוֹין טַאקִי אַ יוֹשֶׁר גֶעוֶועזֶען מִיר זָאלֶען הָאבֶּען אַ בָּאד; ווִיפִיעל יִסוּרִים הָאבֶּען מִיר שוֹין אִיבֶּערגֶעלִיטֶען אִין דִי דְרַיי יָאהר זִינְד דִי בָּאד אִיז אָבּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען.—

עֶרְשְׁט אִיצְט אִיז גֶעוָוארֶען אויף עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁטִילֶער צְווִישֶׁען דִי וַוייבֶּער.

— דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען טַאקִי רֶעכְט, אִיז אַרוים אֵיינֶער פון דֶעם טִישׁ, אונ עֶס וָואלְט גֶעוֶועזֶען אַ יוֹשֶׁר אַזוי וִוי מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ שוֹין דָא אַלֶע צוּזַאמֶען זָאל

מֶען מַאכֶען אַ כּוּף, אוּנ טָאמֶער פֶּעהְלְט צוּ דֶעם גֶעלְד וָואס מֶען הָאט שׁוֹין בִּיז אַהֶער צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען, זָאלֶען מִיר דֶערְלֶעגֶען צוּבִּיסְלֶעךְ.

– וֶועהְר גוּט, וֶועהְר רֶעכְט! הָאבֶּען אַלְלֶע מַאנְסְבִּילֶען גֶעעֶנְטְוֶוערְט אוּנ דִי וַוייבֶּער הָאבֶען צוּגֶעשָׁאקֶעלְט מִיט דִי קֶאפּ.

– מַיין שְׁנִירֶעל פֶּערֶעל וֶועל אִיךְ פַארְזֶעצֶען אוּנ אוֹיסְלַייהֶען אוֹיף דֶער בָּאד, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אֵיין יוֹדֶענֶע.

– אוּנְזֶערֶע חוּפָּה קְלֵיידֶער וֶועלֶען מִיר פַארְקוֹיפֶען, אַבִּי מִיר זָאלֶען הָאבֶּען אַ בָּאד, הָאבֶען גֶעעֶנְטְוֶוערְט כִּמְעַט אַלְלֶע וַוייבֶּער...

– וֶועהְר גוּט, וֶועהְר גוּט, מְהֵיכִי תֵּיתִי, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דֶער רָב, נָאר לָאז זַיין שְׁטִילֶער, וואו אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן? לָאמִיר זֶעהְן וִויפִיעל עֶס דֶערְגֶעהְט נָאךְ נִיט, וִויפִיעל הָאט מֶען שׁוֹין צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען; בַּיי וֶועמֶען אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן?

– בַּיי וֶועמֶען אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן? הָאט יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט אוּנ גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען, אוּנ עֶס הָאט אוֹיס גֶעוִויזֶען וִוי אֵיינֶער וַוייזְט אָהן אוֹיפ'ן צְווֵייטֶען, ד. ה. דֶער זָאגְט בַּיי דֶעם אוּנ דֶער בַּיי דֶעם. עֶנְדְלִיךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען חַיִיקִיל קִישְׁקֶע:

– וָואס הֵייסְט בַּיי וֶועמֶען אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן? וַוייסְט אִיהְר נִיט אַז עֶר אִיז בַּיי מִיר?

– וֶועהְר גוּט, נָא וַוייזְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, לָאמִיר זֶעהֶען וִויפִיעל מֶען דַארְף נָאךְ דֶערְלֶעגֶען. חַיִיקִיל קִישְׁקֶע הָאט מִיט אַ קְרוּמֶען שְׁמֵייכֶעל אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן דֶעם בּוּזֶעם אַ גַאנְץ פֶּאקִיל מִיט לַאנְגֶע פַארְשְׁמָאלְצֶעוֶועטֶע פַּאפִּירְלִיךְ, צֶעטְלֶעךְ; אֵיינִיגֶע זֶענִין גֶעוֶועזֶען אַרוּמְגֶעבּוּנְדֶען מִיט שְׁטְרִיקְלֶעךְ אוּנ אֵיינִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי שְׁטִיקְלֶעכְוַויים נָאךְ גֶעבָּאנְבֶּעלְט; עֶר הָאט גֶעקוּקְט, גֶעמִישְׁט, גֶעלֵייֶענְט, גֶעצֵייכֶענְט מִיט אַ קַארַאנְדַאשׁ, כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע שָׁעָה זִיךְ גֶעבָּאבֶּערְט מִיט זֵיי, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט לֵייעֶנֶען דֶעם חֶשְׁבּוֹן, אַלְלֶע הָאבֶּען אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט מוֹיל אוּנ אוֹיעֶרֶען אוּנ חַיִיקִיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ לֶעזֶען:

– פַאר דְרַיי יָאהֶרֶען בַּאלְד נָאךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער אֲסִיפָה, הָאבֶּען מִיר צוּזַאמֶענְגֶעמַאכְט הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלֶעךְ, שְׁפֶּעטֶער פוּן דִי פּוּשְׁקֶעס וָואס דִי שַׁמָשִׁים זֶענִין אַרוּמגֶעגַאנְגֶען אַלְלֶע פְרַייטָאג צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אוֹיף דֶער בָּאד אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלֶען צְוֵויי הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלֶעךְ, דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ שְׁטֶעלֶען בּוֹיעֶן דִי בָּאד אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין קֵיין גֶעלְד נִיט גֶעבְּלִיבֶּען... אוּנ דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען זֶעהְר דֶערְקוּטְשֶׁעט, הָאבֶּען מִיר גֶעמַאכְט אַ צְווֵייטֶע אֲסִיפָה אוּנ צוּזַאמֶענְגֶעמַאכְט אֵיין עֶרֶךְ פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלֶעךְ, שְׁפֶּעטֶער פוּן דִי פּוּשְׁקֶעס אִיז וַוייטֶער אַרַיינְגֶעפַאלֶען אַ צְוֵויי הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלֶעךְ, דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בּוֹיעֶן אוּנ מֶען הָאט אָרָאבְּגֶעבְּרַאכְט עֶטְלִיכֶע רַבָּנִים זֵיי זָאלֶען אוֹיסְמֶעסְטֶען דִי מִקְוֶה, אִיז אוֹיפ'ן דְרִיטֶען טָאג קֵיין גֶעלְד נִיט גֶעבְּלִיבֶּען... אוּנ דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען וַוייטֶער דֶערְקוּטְשֶׁען, הָאבֶּען מִיר גֶעמַאכְט אַ דְרִיטֶע אֲסִיפָה אוּנ צוּזַאמֶענְגֶעמַאכְט אֵיין עֶרֶךְ פוּן הוּנְדֶערְט מִיט פוּפְצִיג

קֶערְבְּלֶעךְ . . . פון דֶער פִּירְטֶער אֲסִיפָה אויךְ פּוּפְצִיג קֶערְבְּלֶעךְ , פון דֶער פִינְפְטֶער . . . זִיבֶּעטֶער . . . צֶעהְנְטֶער אֲסִיפָה אוּנ פון די פוּשְׁקֶעס אִיז אויךְ צוּגֶעפַאלֶען , בְּקִיצוּר בסה״כ מֶעהְר פון טוּזֶענְד רוּבל . מִיט דֶעם גֶעלְד פוּן פוּשְׁקֶעס אוּנ פוּן דֶעם גֶעלְד וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעמַאכְט צוּרִיק מִיט דְרַיי חֳדָשִׁים וֶוען בַּיים גַבַּאי׳ס טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוזֶען די חֲתוּנָה אַלְץ צוּזַאמֶען גֶערֶעכֶענְט פַאר די גַאנְצֶע דְרַיי יָאהְר הָאבֶּען מִיר צוּזַאמֶען גֶעמַאכְט בִּיז צְוַויי טוּזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ . . .

– זֶעהְר גוּט , זֶעהְר גוּט , הָאבֶּען אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען , עֶס קֶען מֶעהְר נִיט פֶעהְלֶען ווי אַ פִינְף הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלֶעךְ זָאל הַיינְט בַּאלְד בַּיי אוּנְז וֶוערִין אַ צְוַויי הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלֶעךְ אוּנ דָאס אִיבֶּערִיגֶע וֶועלִין שוֹין גֶעוִויס מַאכֶען די פְּרֵייטְאַגְדִיגֶע פוּשְׁקֶעס .

– פַאר די צְוַויי הוּנְדֶערְטֶער וָואס מִיר וֶועלִין אִיצְטֶער מַאכֶען וֶועלִין מִיר פְּרִיהֶער אויסְלֵייזֶען די לַייכְטֶער פוּן דֶער קְלוֹיז , וָואס לִיגֶען שוֹין אַ הַאלְב יָאהְר פַארְזֶעצְט . . . הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶערוּפֶען חַייקִיל , וֶועלְכֶען מֶען הָאט נָאר וָואס אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען די רֵייד אוּנ אִיהְם נִיט גֶעלָאזְט עֶנְדִיגֶען דֶעם חֶשְׁבּוֹן . . .

– וָואס הֵייסְט ? וָואס הָאט מֶען פוּן בָּאד גֶעלְד אויסְצוּלֵייזֶען די קְלוֹיזְנֶער לַייכְטֶער ? הָאבֶּען זִיךְ צוּשְׁרִיגֶען די וַוייבֶּער , אִיהְר קֶענְט דַאוֶועגֶען אָהְן זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער ווי מִיר אִין דֶער וַוייבֶּערְשֶׁר שוּל מִיט לֶעהְמֶענֶע לַייכְטֶער . –

– אויף וָואס דֶען הָאבֶּען מִיר פַארְזֶעצְט די לַייכְטֶער מִיט דֶער זִילְבֶּערְנֶער קְרוֹין ? הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אֵיינֶער – וֶוען נִיט אויף דֶער בָּאר ? אוּנ אִיצְטֶער מֶעג מֶען פוּן דֶעם בָּאד גֶעלְד אויסְלֵייזֶען די לַייכְטֶער .

– מִיר פַארְשְׁטֶעהֶען דָא גָאר נִיט , הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אֵיינִיגֶע , נָאךְ וָואס הָאט מֶען גָאר בֶּאדַארְפְט פַארְזֶעצֶען די לַייכְטֶער , ווי בַּאלְד מֶען הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען צְוַויי טוּזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ ?

– וָואס הֵייסְט אויף וָואס ? הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפֶען פַאר ר׳ חַייקְלִין – טַאקִי אִיבֶּער די וַוייבֶּער , וֶוען פוּן די צְוַויי טוּזֶענְד רוּבל אִיז שוֹין נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ מֶען אִיז נָאךְ גְעוָוארֶען בַּעֲלֵי חוֹבוֹת , אוּנ די וַוייבֶּער הָאבֶּען נִיט גֶעלָאזְט אָפְּהְעמֶען , הָאט מֶען גֶעמוּזְט פַארְזֶעצֶען די לַייכְטֶער מִיט דֶער קְרוֹין פוּן דֶער קְלוֹיז אויף אָנְהוֹיבֶּען בּוֹיעֶן די בָּאד .

– וָואס הֵייסְט ? וואוּ זֶענִין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען די צְוַויי טוּזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ ? הָאבֶּען זִיךְ גֶעהֶערְט קוֹלוֹת פוּן אַלֶע זַייטֶען , אַז קֵיין בָּאד הָאבֶּען מִיר נִיט ?

ר׳ חַייקִיל אִיז אִין אָנְהֵייבּ אַבִּיסֶעלֶע פַארְטוּמֶעלְט גֶעוָוארֶען נָאר דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט , זִיךְ בַּאטְרַאכְט אוּנ אָנְגֶעהוֹיבֶּען :

– וָואס הֵייסְט וואוּ אִיז דָאס גֶעלְד ? אָט אִיז עֶס וֶער הָאט אָבְּגֶעוִויזֶען אויף דֶעם פֶּעקֶעל צֶעטְלֶען) , אוּנ אַז נִיט וַוייסְט אִיהְר נִיט ? וָואס פְרֶעגְט אִיהְר מִיךְ ? אִיךְ פְרֶעג אַייךְ וואוּ עֶס אִיז דָאס גֶעלְד , אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶן גֶעלְד ? אִיךְ וַוייס פוּן גֶעלְד ? אִיךְ הָאבּ נָאר צֶעטְלֶען , מֶען הָאט מִיר גֶעהֵייסֶען פַארְשְׁרַייבֶּען (הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁרִיבֶּען , אָבֶּער פוּן גֶעלְד וַוייס אִיךְ גְלַייךְ מִיט אַייךְ , פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען פְרֶעג אִיךְ גָאר נִיט ,

דאַרום װעה װייסט פון אונז ניט וואו דאָס געלד איז אַהין געקומען, פאַר װאָס ברענגט איהר ניט װיפיעל אין די דריי יאָהר איז ביי אונז אין זלידניוװקע איבערגעװעזען קליינע און גרויסע גוטע יודען זאָלען לעבען; װיפיעל איינציקלעך, נבאים נאָך מעמדות געלד, װיפיעל חזנים יונגעלעך פעפערליך, װיפיעל יאָהרצייטען נאָך גוטע יודען, הײנט װיפיעל מעהל, פליש, פיש, װיפיעל עמער, פאַסער װיין, בראַנפען, האָט מען אויפגעגעסען און אויסגעטרונקען אין די דריי יאָהר און נאָך און נאָך, איך קען אייך דען אויסרעכענען אַלעס? אַ סך האָב איך פאַרשריבען און אַ סך געדענק איך גאָר נישט, דערנאָך װעט קומען פינע טינטלער און װעט מיך באַשרייבען; הײנט די רבנים װאָס מען האָט עטליכע מאָל אַראָבגעבראַכט מאַסטען די מקוה און דאָס װאָס מען האָט עטליכע טאָג שוין אָנגעהויבען בויען די באָד, קאָסט עפעס אויך ניט װייניג געלד, װאו זשע האָט זיך געזאָלט אַלעס נעמען, אַלץ פון די צװיי טויזענד רובל? האָט מען געזאָלט מעהר געבען און צונויפנעמען װאָלט מען מעהר געװעזען; איך האָב אָבער געזאָגט מען זאָל ניט נעמען װינציגער פון פינף קאָפ. פון יעדען בעל בית אַלע פרייטאָג אין דער פושקע, האָט מען מיך ניט געפאָלגט און מען האָט נאָר געגומען צו קאָפיקעס, הײנט װער איז שולדיג?...

פון דעם פריהערדיגען גרויסען געפילדער איז װייטער שטיל געװאָרען, מען האָט געקענט דערקענען אַז אַלע זענען מודה אַז ר׳ חייקיל איז גערעכט.

– װאָס זשע קומט אוים? אַז מיר האָבען ניט קיין געלד און ניט קיין באָד? האָט זיך איינער שטיל אָנגערופען.

– װאָס זשע קומט אוים? האָבען אַלע נאָכגעזאָגט.

– אַז מען דאַרף איצטער טאַקי באַלד צונויפנעמען צװיי הונדערט קערבלעך און אויסלייזען די לײכטער מיט דער קרוין, געגוג געדאַװענט אָהן זילבערנע לײכטער... האָט זיך חייקיל װייטער אָנגערופען.

– נאָ און אַ באָד? נאָ און אַמקוה?... האָט מען געפרעגט פון אַלע זייטען,

– נאָ און אַ באָד? נאָ און אַ מקוה? איך פרעג אייך? האָט געענטפערט און טאַקי אַליין געפרעגט ר׳ חייקיל.

איינינע מינוטען זענען אַלע שטיל געװאָרען און זיך אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע.

– שוין.. מזל טוב! אַט האָט איהר אַ באָד! האָט זיך אָנגערופען די יודענע מיט דעם טיכעל, און מען איז שוין ב״ה אַנטשװיגען געװאָרען, איך האָב אָבער געװאוסט אַז עס װעט זיך מיט דעם ענדיגען, געשמועסט אַביסעל פון דער נייער באָד און גאָר ניט. װעמען אַארט דאָס װאָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט? און אויסלאָזען לאָזט זיך טאַקי אויס גאָר צו אונזערע קעפ...

– װאָס זשע זענען מיר שולדיג? װאָס קענען מיר טהון אַז מיר האָבען קיין געלד ניט? אַז מיר זענען נאָך שולדיג אויף די לײכטער? האָבען איינינע מאַנסבילען געענטפערט.

– וָואס הֵייסְט וֶוער דֶען אִיז שוּלְדִיג אַז נִיט אִיהר ? אִיהְר זָאלְט נִיט גֶעוֶועזֶען אוֹיסְבְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְד, וָואלְטֶען מִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאט אַ בָּאד.

דָא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעחַאפְּט דֶער בְּרֶענֶענְדִיגֶער יוּנְגֶער מַאנְטְשִׁיקֶעל וָואס זִיצְט שׁוֹין נִיט מִיט׳ן וַוייבּ דְרַייא אוּנ צְוַואנְצִיג חֳדָשִׁים.

– וָואס הֵייסְט אוֹיסְבְּרֶענְגֶען ? וָואס זָאגְט אִיהְר עֶפִּים „אוֹיסְבְּרֶענְגֶען ?" וואוּ עֶפִינְט זִיךְ אַ מוֹיל בַּייא יוּדִישֶׁע טֶאכְטֶער, בַּייא חֲסִידִישֶׁע וַוייבֶּער צוּ זָאגֶען „אוֹיסְבְּרֶענְגֶען" ? וָואס אִיז, מִיר זֶענִין עֶפִּים מוּזְשִׁיקֶעס, דַייטְשֶׁען ? מִיר הָאבֶּען עֶפִּים אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט וִוי זֵייא, אוֹיף עוֹלָם הַזֶה ? עֶס אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הֵייסְט עֶס עֶס הָאט בַּאדַארְפְט אַוֶועקגֶעהְן ! וָואס וָואלְט אִיהְר גֶעוָואלְט אַז פוּן זְלִידְנִיוְוקֶע זָאל וֶוערִין דִי שְׁטָאדְט סְדוֹם, אַז אַ גוּטֶער יוּד זָאל בַּייא אוּנְז הָאבֶּען אַ בְּזָיוֹן אוּנ זָאל שׁוֹין מֶעהְר צוּ אוּנְז נִיט קוּמֶען ? אַ כַּפָּרָה אַכְצֶעהְן בָּארֶען פַאר אֵיין גוּטֶען יוּדֶען, שֶׁעמְט אַייךְ בִּיז אִין אַייעֶר וַוייטֶען הַאלְז, דָאס פַּאסְט צוּ חֲצוּפוֹת אָבֶּער נִיט פַאר יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער צוּ זָאגֶען אַזוֹינֶע זַאכֶען פַאר אֵיין עֵדָה יוּדֶען וֶוען דֶער רָב אִיז דָא, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט אִיז דָא . . .

– גָאט זָאל אוּנְז נִיט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד, הָאבֶּען דִי וַוייבֶּער גֶעעֶנְטְוֶוערְט ; דֶער רָב זָאל לֶעבֶּען וֶועט אוּנְז מוּזֶען מוֹחֵל זַיין, נָאר דַאכְט זִיךְ וֶוען מִיר זָאלֶען פְרֶעגֶען אַ גוּטֶען יוּדֶען וֶועט עֶר אוֹיךְ זָאגֶען אַז מִיר זֶענִין גֶערֶעכְט אוּנ גָאט וֶועט אוּנְז מוּזֶען מוֹחֵל זַיין פַאר אוּנְזֶערֶע רֵייד, מִיר זֶענִין מֶעהר נִיט וִוי זִינְדִיגֶע וַוייבֶּער אוּנ הָאבֶּען מֶעהר נִיט וִוי דְרַייא מִצְוֹת . . . וָואס עֶס אִיז בַּייא אוּנְז טְהַייעֶרֶער פוּן אַלֶעם אוּנ עֶס מֶעגֶען אֲפִילוּ קוּמֶען הוּנְדֶערְט גוּטֶע יוּדֶען וָואלְטֶען מִיר פוּן דֶעם בָּארגֶעלְד נִיט אַוֶועקגֶעגֶעבֶּען, נִיט נָאר אוֹיסבְּרֶענְגֶען אוֹיף פְרֶעסֶען אוּנ זוֹיפֶען, וִוי מֶען הָאט אִיצְטֶער אוֹיסגֶעבְּרַאכְט דָאס גַאנְצֶע בָּארגֶעלְד. אָט אִיז דֶער רָב, זָאל לֶעבֶּען, זָאל עֶר זָאגֶען צוּ זֶענִין מִיר גֶערֶעכְט

דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט וַוייטֶער גֶעוָואלְט אַרוֹיסשְׁפְּרִינְגֶען, נָאר דֶער רָב הָאט אִיהם גֶעזָאגְט : אַוֶועק שֵׁייגֶעץ, עַזּוּת מְחוּצָף פָּנִים, עֶס זִיצֶען עֶלְטֶערֶע יוּדֶען פוּן דִיר ! אוּנ עֶר אִיז שְׁטִיל גֶעבְּלִיבֶּען.

נָאךְ אַ סַךְ גְוַואלְדֶען אוּנ גֶעפִּילְדֶערִין פוּן דִי וַוייבֶּער, הָאט דֶער רָב מִיט דֶעם שׁוֹחֵט בַּאלְד טַאקִי דָא בַּיים בְּרִית גֶעמַאכְט אַ נַייעֶ אֲסִיפָה אוּנ מֶען הָאט וַוייטֶער גֶעמַאכְט אַ נַייעֶם צֶעטִיל פוּן שֶׁאנֶע עֶטְלִיכֶע רוּבּ׳ל. עֶס אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטִיל, אַלֶע זֶענִין גֶעוֶועזֶען זֶעהר צוּפְרִידֶען, אוּנ דִי וַוייבֶּער אַוַודַאי, דִי מַאנְסְבִּילֶען הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעטְרוּנְקֶען לְחַיִים אוּנ דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעווּאוּנְשֶׁען אַז מֶען וֶועט דֶערְלֶעבֶּען אִיבֶּער אַ יָאהר זָאל שׁוֹין מָשִׁיחַ קוּמֶען, אַז אַלֶע וַוייבֶּער זָאלִין שׁוֹין זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען זָאל שׁוֹין נִיט דַארְפֶען קֵיין בָּאד מִיט קֵיין מִקְוֶה, כְּדֵי מִיר יוּדֶען זָאלִין שׁוֹין נִיט הָאבֶּען אַזוֹי פִיעל צָרוֹת, אוּנ מִיט טְרַייטִיל בַּעַל עֲגָלָה זָאל מֶען אוֹיךְ נִיט דַארְפֶען זִיךְ שְׁלֶעפֶען קֵיין בּוּלְוַואנָאווְקֶע, מֶען זָאל בֶּעסֶער זוֹכֶה זַיין עוֹלֶה לְרֶגֶל זַיין קֵיין יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער בַּעַל שִׂמְחָה פוּן דֶעם בְּרִית אִיז גֶעוֶועזֶען אַוַודַאי צוּפְרִידֶען אַז אוֹיף זַיין

שִׂמְחָה אִיז גֶעוועֶזֶען אַזַא ווִיכְטִיגֶע אֲסִיפָה, אוּנ עֶס אִיז גֶעווָארֶען גֶעלְד אויף דֶער נַייֶער בָּאד, ׀אוּנ ווֶען עֶר הָאט אִיצְטֶער דֶערְזֶעהְן אַז אִין דִי פְלֶאשְׁלֶעךְ טָאגְט, הָאט עֶר בַּאלְד גֶעשִׁיקְט פַּייוִויש פָּאנְפַּאטְשׁ (דֶעם שַׁמָשׁ) צוּ יֶענְטֶע דִי מְלַמֵד׳קֶע מִיט צְווַיי גְרויסֶע פְלֶאשֶׁער.

*　*

*

אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם אִיז פַּייוִויש ווִי אַ נִיט גוּטֶער גֶעקוּמֶען צוּפְלִיהֶען פַאר־סָאפֶּעט אַז עֶר הָאט קוּים גֶעקֶענְט רֶעדֶען.

– אוֹי, אוֹי, אוֹי! הָאט מֶען נָאר גֶעהֶערְט פוּן אִיהם.

– ווָאס אִיז? הָאבֶען זִיךְ אַלֶע גֶעווָארְפֶען אויף אִיהם.

– אוֹי, אוֹי! אִיךְ הָאבּ שׁוֹין קֵיין כֹּחַ נִיט צוּ לויפֶען, אוֹי....

– ווָאס־זֶשֶׁע אִיז?

– אוֹי... אוֹי אִיךְ קֶען אַזְשׁ נִיט רֶעדֶען, אוֹי...

– נָא זָאג שׁוֹין ווָאס אִיז? זֶענִין אַלֶע צוּ אִיהם צוּ גֶעטְרֶעטֶען.

– אוֹי... אִיךְ גֶעה אַזוֹי אוּנ קוּם צוּ יֶענְטֶען... אוֹי... אוּנ זָאג אִיהר אוֹי, אַז אִיהר הָאט מִיר גֶעהֵייסֶען גֶעבֶּען, אוֹי, דֶעם אֵייגֶענֶעם וַויין ווָאס מֶען הָאט גֶענוּמֶען פַאר אַכְטָאגֶען שַׁבָּת צוּם רֶבִּינְס טִישׁ זָאל לֶעבֶּען, אוֹי... אוּנ גֶעה אַזוֹי מִיט דִי פְלֶאשֶׁער, אוֹי, זֶעה אִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס פָאהרְט אַ בַּיידֶעל, פוּן דֶער קֶעלְנֶע קְרִיכְט אַרָאבּ דֶער גַבַּאי, אוֹי, לָאם אִיךְ זִיךְ אָבְּרוּהֶען וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֶאהלֶען.

– נָא, ווֶער־זֶשֶׁע אִיז דֶער גַבַּאי?

– אוּנ זָאגְט מִיר, „פַּייוִויש, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם פַּייוִויש”, אוֹי, אוּנ טְהוּ אַזוֹי אַקוּק אִין בַּיידֶעל אוּנ זֶעה ווִי דֶער רֶבִּי זָאל לֶעבֶּען זִיצְט דָארְט אוּנ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקֶען גֶע־ווָארֶען אַז אִיךְ הָאבּ אַרָאבְּגֶעלָאזְט דִי פְלֶאשֶׁער וַויין, אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל שָׁלוֹם גֶעוועֶזֶען אוּנ גֶעפְרֶעגְט דֶעם גַבַּאי ווֶער אִיז דֶער אַנְדֶערֶער ווָאס אִיךְ קֶען אִיהם נִיט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער נַייֶער חַזָן בַּיים רֶבִּין אִין קְלויז.

אַלֶע זֶענִין ווִי פוּן אַ דוּנֶער אַרויסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אוּנְטֶער דֶעם טִישׁ, דֶער הָאט גֶעזוּכְט זַיין יַארְמָאלְקֶע, דֶער דִי טַאבַּאקֶערְקֶע, דֶער דִי נָאז פַּאטְשֵׁיילְקֶע, דֶער דֶעם שְׁטֶעקֶען אוּנ גֶעלָאזְט זִיךְ צוּ דֶער טְהִיר אוּנ דֶערְוַוייל זוּכֶענְדִיג הָאט יֶעדֶער פַאר־ווָארְפֶען מִיט אַ צֶעהנְדְלִיג שְׁאֵלוֹת פַּייוִוישֶׁען, אַז עֶר הָאט זִיךְ גָאר נִיט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ דְרֶעהֶען.

– וואוּ זֶשֶׁע אִיז דֶער רֶבִּי? פַּייוִויש.

– וואוּ אִיז פַאַרְפָאהרֶען דֶער רֶבִּי זָאל לֶעבֶּען, פַּייוִויש?

– אוֹי דֶער רֶבִּי זָאל לֶעבֶּען... ווָאס זֶשֶׁע בִּיזְט דוּ נִיט גֶעלָאפֶען ווָאס גִיכֶער אוּנְז זָאגֶען, פַּייוִויש!...

– אוֹי אַ נַייֶער חַזָן... דֶעם רֶבִּינְס חַזָן זָאל לֶעבֶּען... אַ פֶּעפֶּערִיל... ווָאס זֶשֶׁע הָאסְט דוּ זִיךְ גֶעזַאמְט אַזוֹי לַאנְג, פַּייוִויש?

– פאַר וואָס זשע האָסט דו ניט געזאָגט אַז מיר וועלין באַלד קומען מקבל שלום זיין, פּיוויש ?

– אוי פּיוויש, דער רבי זאָל לעבען. דער חזן, פּיוויש! לויפט גיך אויף דער יודישער סטאַנציע . . .

– וואָס שטעהסט דו פּיוויש ? . . .

– טעלעגע באַם, פּיוויש! אַ ביידעל מיט צוויי פערד .. דער רבי זאָל לעבען פּיוויש! איז ווי איין אָדלער אַרויסגעפלויגען דער יונגער מאַנן וואָס זיצט שוין ניט מיט דעם ווייב דריי און צוואַנציג חדשים אונ מיט אַ שפּרונג אונ אַ געוואַנג באַם באָם איז ער אַנטלאָפען באַגעגענען דעם רבין.

נאָך איהם זענין אַרוים אַלע מאַנסבילען.

– קומט גיכער, האָט געזאָגט איין יודענע צו די איבריגע ווייבער, לאָמיר געהן מקבל פּנים זיין דעם רבין זאָל לעבין . . .

– וואָס ? ? ? . . . האָט זיך איינע אַרויסגעהאַפּט אונ זיך באַלד צוריק געהאַפּט. אַלע ראַכט זיך האָבען פאַרשטאַנען איהר „וואָס" ? . . .

– דער רבי איז טאַקי באמת אַ גרויסער צדיק, האָט זיך אַ צווייטע יודענע אָנגערופען, עס איז טאַקי פּשוט אין זיין ליכטיגער צורה ניט אַריינצוקוקען, עס איז פּשוט אַ פאַרגעניגען צו געהן צו איהם, ער לאָזט זיך רעדען, אויסוויינען; ווען איך בין געוועזען פריהער ביי איהם מיט אַ קוויטעל (עס זאָל טאַקי נאָר זיין צום גוטען אָנגעשריבען, רבונו של עולם, אומגעוואַשען גערעדט) בין איך אפשר אָבגעשטאַנען אַ גאַנצע שעה, אונ ער האָט מיר צוגעזאָגט אויף אַלעם וואָס איך האָב איהם געבעטען, איך זעה טאַקי בעשיינפּערלעך אַז ער איז אַ גרויסער צדיק, וואָרום עס איז טאַקי אין גאַנצען מקוים געוואָרען.

– נאָ אונ ביי מיר איז דען ניט אזוי געוועזען ? האָבען זיך אָנגערופען נאָך צוויי ווייבער, ווען איך בין געוועזען ביי איהם . . .

– פריהער גאָטט אונ דער נאָך דער רבי בין איך געהיילט געוואָרען, האָט זיך אָנגערופען אַ יודענע, איך האָב טאַקי ליבע ריסלען געזאָגט אַז זי האָט ניט וואָס צו פאָהרען קיין בּ ו ל נ אַ נ אָ ו ו ק ע צום דאָקטאָר, זי זאָל בעסער וואַרטען ביז דער רבי זאָל לעבען וועט קומען.

אַזוי רעדענדיג אונ לויבענדיג דעם רבין, האָט יעדע אָנגעטהון אויף זיך דעם שאַל אונ מיט פאַרצוגענע, פרומע פּנימער, זענין זיי פּאַוואָליע אַוועקגעגאַנגען מקבל פּנים זיין – אָנקוקען די ליכטיגע צורה . . .

אין דער שטוב וואו עס איז נאָר וואָס געוועזען אַ מאַסע מיט מאַנסבילען אונ ווייבער, איז אין עטליכע מינוט געוואָרען פוסטע. אַלע פון קליין ביז גרוים, ווייבער, קינדער, מאַנסבילען, זענין זיך צולאָפען צום רבין, נאָר די קימפּעטאָרען, וואָס האָט ניט געקאָנט אויפשטעהען פון דעם בעט, איז געבליבען אונ אויך פּיוויש, וועלכען עס האָט זיך נאָך געדרעהט דער קאָפּ פון די אַלע פראַגען מיט וועלכע יעדער איז אַזם

בַאפַאלֶען; עֶר אִיז אִיצְטֶער גֶעשְׁטַאנֶען אַלֵיין וִוי אַ פַּארטוּמֶעלְטֶער, אוּנ הָאט גֶעוָוארְ־מְשִׁים אוּנְטֶער דֶער נָאז.

— אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעלָאפֶען אַז אִיךְ קֶען נָאךְ נִיט אָבְּסַאפֶען, אוּנ זַיי זָאגֶען אַז אִיךְ בִּין נִיט גֶעלָאפֶען...

אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם, וֶוען פַּייוִוישִׁים קָאפּ אִיז אַבִּיסֶעל גְרִינְגֶער גֶעוָוארֶען אוּנ אִין דִי אוֹיגֶען לִיכְטִיגֶער, הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן וִוי אוֹיף דִי טִישֶׁען שְׁטֶעהֶען פְּלֶאשְׁלֶעךְ בְּרָאנְפֶּען; עֶר הָאט אִין דֶער גִיךְ פַּארְטְרוּנְקֶען אוּנ פַארְבִּיסֶען. אָנְגֶעפַּאקְט פוּלֶע קֶעשֶׁענֶעס מִיט פְלֵייש, פִּישׁ, בּוּלְקִים, חַלֶּב׳נֶע לִיכְט. אָבְּגֶערֵייכֶערְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ צִיגַארֶען; מִיט אֵיין וָוארְט—וָואס עֶס הָאט זִיךְ נָאר פְרִיהֶער פָאפַּאדִיט פַאר זַיינֶע אוֹיגֶען אוּנ אִין דִי הֶאנְד הָאט עֶר אַלְץ גֶערוּקְט אוּנ גֶעפַּאקְט אִין דִי קֶעשֶׁענִים; אוּנ אִיז גִיךְ אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגֶען צוּם רֶבִּין צוּ שְׁטֶעהְן דָארְט בַּיי דֶער מְהִיר אוּנ אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אַז דִי וַוייבֶּער זָאלֶען זִיךְ נִיט שְׁטוּפֶּען אֵיינֶע פַאר דֶער אַנְדֶערֶער צוּם רֶבִּין...

II.

צַייטֶען בַּייטֶען זִיךְ.

אִין אַ צַייט פוּן דְרַיי יָאהר וֶוערֶען אַ סַךְ פֶּערְעֶנְדֶערוּנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ בַּיי יֶעדֶען מֶענְשֶׁען בַּאזוּנְדֶער, נָאר נָאךְ מֶעהר פֶּערְעֶנְדֶערוּנְגֶען וִוי בַּיי אַלֶע זֶענִין פָארְ־גֶעקוּמֶען אִין דִי דְרַיי יָאהר בַּיי טְ רַ י י טְ לִ י ן אוּנ דְ רָ ו א שֶׁ ע ן — עֶס אִיז גָאר נִיט דֶער פְרִיהֶערְדִיגֶער טְרַייטִיל אוּנ גָאר נִיט דִי פְרִיהֶערְדִיגֶע דְרָואשֶׁע!...

דֶער פְרִיהֶערְדִיגֶער אָרֶעמֶער טְ רַ י י טִ י ל וָואס הָאט מֶעהר נִיט פַארְמָאגְט וִוי אֵיין אַלְט שְׁטִיבֶּעל אוֹיף דְרַיי פִּיסְלֶעךְ, צְוַויי, כִּמְעַט גֶעפֶּגֶרְטֶע, שְׁקַאפִּים אוּנ הָאט קַיין מָאל נִיט גֶעהַאט מִיט וָואס זַיי צוּ הָאדֶעוֶוען אוּנ פַאר זִיךְ אַלֵיין זֶעלְטֶען גֶעהַאט אוֹיף בְּרוֹיט, זַיין וַוייבּ טְ רַ י י נֶ ע הָאט כִּמְעַט נִיט גֶעהַאט אַ גַאנְץ טִיכֶעל אוֹיפ׳ן קָאפּ, אִיז אִיצְטֶער, זִינְט דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִיהְרֶען דִי וַוייבֶּער קַיין בּוּלְוַואנָאוְקֶע, כִּמְעַט גָאר רַייךְ גֶעוָוארֶען, ד. ה. עֶר אִיז שוֹן שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען אִין אַ גַאנְצֶען פֶּעלְץ, טְרַיינֶע אִין אַגַאנְץ טִיכֶעל אוּנ זַיינֶע צְוַויי שְׁקַאפִּים דֶער „קָ א רֶ ע” מִיט דֶעם „לִ י סֶ ע” זֶענִין שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועזֶען אַזוֹי אָנְגֶעפַּאשֶׁעט — אָנְגֶעפְרֶעסֶען, אַז זַיי הָאבֶּען זִיךְ קוֹים גֶערִיהְרְט אוּנ וֶוער וֵוייסְט מִיט וָואס פַאר גְרִיוֶוען אוּנ פֶעטֶע גֶאנְז זַיין טְרַיינֶע הָאט אִיהְם גֶעהָאדֶעוֶועט. וֶוער וֵוייסְט וָואס פַאר אַ לַאנְגֶען טְרוּנְק בְּרָאנְפֶּען עֶר פְּלֶעגְט הַיינְט נֶעמֶען אִין דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס? —

דְ רָ ו א שֶׁ ע, וָואס פְּלֶעגְט אַמָאל, אִין גְרֶאסְטֶען רֶעגֶען, פְרֶעסְט מִיט קֶעלְטֶען, מוּזֶען אוֹיף דִי אַלְטֶע יָאהְרֶען גֶעהְן אִין בָּאד, פַאר עֶטְלִיכֶע פְּיַאטַאקֶעס זִיךְ גוּט אָנְ־הָארֶעוֶוען, זִיךְ אָנְרֶעדֶען, אָנְשְׁרַייֶען, אוֹיסֶעסֶען זִיךְ דָאס הַארְץ מִיט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ פַאר זַייעֶר יוּנְגֶע זִינְד, אַוֶועקְגֶעהְן אַהֵיים שְׁפֶּעט בַּיי נַאכְט, אַז זֵי פְּלֶעגְט וִוי אַ דֶער־

הַרְגִיטֶע, פַארְמוּטְשֶׁעטֶע אַנִידֶערְפַאלֶען אוֹיפ׳ן בֶּעט מִיט אַ טְרוּקֶען שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט וֶועטְשֶׁערֶע, אִיז אִיצְטֶער, זִינְט אִיהְר שְׁטוּב אִיז גֶעוָוארֶען דִי „גְלַאוְונֶע סְטַאנְצְיֶע״, אַ גַאנְצֶע פְּרִיצֶע; חוּץ וָואס זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען עֶסֶען דְרַיי מָאל אִין טָאג פֶעטֶע יוֹיכְלֶעךְ, הָאט מֶען נָאךְ אִין אַ סַךְ זַאכֶען גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען ווִי זִי אִיז רַייךְ גֶעוָוארֶען.

בַּיי אִיהְר אִין שְׁטוּב הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקָאנְט זֶעהן דְרַיי פָּאר גְרוֹיסֶע מֶעשִׁינֶע אוּן פִיער פָּאר קְלֵיינֶע לַייכְטֶער, אַחוּץ דֶעם אִיז גֶעהָאנְגֶען אַ דְרַיי רָאהְרֶענְדִיגֶער מֶעשִׁינֶער הֶענְגְלַייכְטֶער אוּן נָאךְ אַ סַךְ בַּעל־בַּתִּישְׁקֵייט. הַיינְט אִיהְר בְּרֵייט בֶּעטְט אָנְגֶעבֶּעט הוֹיךְ, כִּמְעַט בִּיז אִין דֶער סְטֶעלְיֶע, מִיט בֶּעטְגֶעוַואנְד פוּן פְּרִישֶׁע פֶּעדֶערְן אוּן נַייֶע צִיכֶען.

אַזַא גְרוֹיס בֶּעטְט מִיט בֶּעטְגֶעוַואנְד הָאט טַאקִי אֶפְשַׁר קֵיינֶער נִיט פַארְמָאגְט אִין זְלִידְנִיתְקֶע, אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע גְבִירְ׳טֶע. דְוָואשֶׁע הָאט דָאס גוּט גֶעוואוּסְט אוּן פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמִיט שְׁטַארְק אִיבֶּערְנֶעמֶען, זִיךְ שְׁפִּיגְלֶען קוּקֶענְדִיג דַארוֹיף. —

פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט דְוָואשֶׁע זִיךְ נִיט בֶּעגְנִיגְט מִיט אִיהְר רַייכְקֵייט אוּן הָאט בַּאקוּמֶען גְרוֹיסֶע אוֹיגֶען, עֶס הָאט אִיהְר אָנְגֶעהוֹיבֶּען וֶוערֶען קַארְג דִי וֶועלְט, ד. ה. וֶוען זִי פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֶעהְן אִין דֶער פְרִיה זִיךְ אָבְּוַואשֶׁען, אָבְּזָאגֶען בְּרָכָה מִיט דִי אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן דִי פְרִיהמָארְגֶענְדִיגֶע תְּפִלּוֹת, אוֹיסְשְׁלָאגֶען דָאס בֶּעטְגֶעוַואנְד אוּן זִיךְ אַזוֹי אָנְמִיהֶען אַז זִי פְלֶעגְט זִיךְ אַנִידֶערְזֶעצֶען אָבְּסַאפֶּען אוֹיף אַ שָׁעָה; דֶערְנָאךְ פַארְבֶּעט אַ בֶּעט פוּן דְרַיי אִיבֶּערְבֶּעטֶען, צְוֵויי קָאלְדְרֶעס, פִיער גְרוֹיסֶע גֶעפַּאשֶׁעטֶע קִישֶׁען, זִיבֶּען קְלֵיינֶע קִישֶׁעלֶעךְ, אֵיינְס קְלֶענֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן אוּן זֵיי אַזוֹי צוּשְׁלָאגֶען אַז זֵיי הָאבֶּען דֶערְלַאנְגְט דִי סְטֶעלְיֶע, דֶערְנָאךְ זִיךְ אָבְּגֶערוּהט, אָבְּגֶעסָאפֶּעט וַוייטֶער אַ שָׁעָה, פַארְבִּיסֶען אוּן פַארְטְרוּנְקֶען מִיט אַ אוֹיפְגֶעזָאטֶען קְרִיגֶעלֶע וַוארֶעמְס מִיט אַ שְׁטִיקֶעלֶע וַוייבֶּע בּוּלְקֶע, זִיךְ אָנְגֶעטְהוּן דִי גְרוֹיסֶע גְרָאבֶּע וָואלֶענֶע זָאקֶען אוּן דִי שִׁיךְ מִיט בֶּאנְדְלֶעךְ, אַרוֹיפְגֶעצוֹיגֶען אוֹיף זִיךְ דָאס וַואטָאוֶוע קְלֵייד, אַרוּמְגֶעבּוּנְדֶען מִיט אִיהְר גְרוֹיסֶען רִיפְּסֶענֶעם פַארְטוּךְ, זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלֵייעֶרְט אִין דֶער קוּפְּקֶע אוּן פַארְגְלֶעט דֶעם שְׁטֶערֶען מִיט שְׁפַּייעֶכְטְס אַז עֶר הָאט גֶעבְּלִישְׁטְשֶׁעט, גֶענוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע זִיפּ מִיט צְוֵויי גְרוֹיסֶע טָאפּ פֶּעדֶערְן, זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט אִין אֵיין עֶק בֶּעטְט מִיט אַ קְלֵיין פוּס־בֶּאנְקֶעלֶע, אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְלִיקֶען פֶּעדֶערְן פוּן טָאפּ אִין זִיפּ אוּן פוּן דֶער זִיפּ אִין פַארְטוּךְ, דֶעמָאלְט פְלֶעגְט זִי בַּיי זִיךְ טְרַאכְטֶען:

— אָךְ, וֶוען דֶער וָואס לֶעבְּט אִין הִימֶעל, וָואס טְהוּט חֶסֶד מִיט דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ מִיט דִי קְלֵיינֶע וֶוארִימְלֶעךְ אוּנְטֶער דִי גְרוֹיסֶע פֶעלְזֶענְשְׁטֵיינֶער אוּן מִיךְ, זַיין זִינְדִיגֶע, וָואס אוּמְגֶענַאשֶׁען גֶערֶעדְט, בִּין אִיךְ נִיט וֶוערְטְה זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען צוּ דֶערְמַאנֶען — וֶוען עֶר זָאל מִיר הֶעלְפֶען אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין בַּיי אִיהם צוּ דֶערְלֶעבֶּען אוֹיסְצוּפְלִיקֶען דִי פֶעדֶערְן פוּן דִי הַיינְט ווִינְטֶערְדִיגֶע גֶאנְז אוּן צוּשִׁיטֶען צוּ דֶעם זַאק פֶּעדֶערְן וָואס שְׁטֶעהְט אִין קַאמֶער, נָאךְ פוּן דִי פַאר אַיָאהְרֶעדִיגֶע גֶאנְז, וָואלְט שׁוֹין דַאכְט זִיךְ גֶעוֶועזֶען אַ שֶׁאן אִיבֶּערְבֶּעט וָואס מֶען וָואלְט זִיךְ נִיט גֶעמֶעגְט שֶׁעמֶען עֶס גֶעבֶּען אַ גְבִירִישֶׁער טָאכְטֶער צוּ דֶער חֲתוּנָה. —

גְרויסֶע אויגֶען הָאט דְרָואשֶׁע בֶּעקוּמֶען! עֶס אִיז אִיהר גֶעוֶועזֶען קַארְג דְרַיי אִיבֶּערְבֶּעטֶען מִיט פִיער גְרויסֶע אוּנ זִיבֶּען קְלֵיינֶע קִישֶׁעלֶעךְ חוּץ צְוַויי קָאלְדְרֶעס, הָאט זִי נָאךְ גֶעוָואלְט אַ פִּירְט גְרוֹיס אִיבֶּערְבֶּעט! אוּנ פְלֶעגְט נִיט זְשַׁאלֶעוֶען אִיהרֶע אַלְטֶע אויגֶען, זִיצֶען טָאג מִיט נַאכְט פְלִיקֶען פֶעדֶערן אוּנ נִיט אוֹיפְהֶערֶען צוּ טְרַאכְטֶען וֶועגֶען דֶעם. –

נָאר מִיר זֶענִין דֶען בֶּעסֶער פוּן אִיהר? וֶוען גָאט הֶעלְפְט אוּנְז אַ בִּיסֶעלֶע, בַּאקוּמֶען מִיר דֶען נִיט קֵיין גְרויסֶע אויגֶען? אַלֶעס וֶוערְד אוּנְז קַארְג אוּנ מִיר ווִילֶען אַיינְשְׁלִינְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?...

נָאר אוּנְזֶער דְרָואשֶׁע אִיז נָאךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען... ד. ה. אִיהרֶע אויגֶען זֶענִין אַלֶע מָאל נָאךְ גְרֶעסֶער אוּנ גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען אוּנ זִי הָאט אָנְגֶעהויבֶּען מֵיינֶען אַז זִי פַארְשְׁטֶעהט אַ סַךְ אוּנ אִיז קְלִיגֶער פוּן אַלֶע.

כִּיט אֵיין וָוארְט זִי הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אָנְגֶעהויבֶּען פַארְגֶעמֶען מִיט זִיךְ. אוּנ אַלֶע מָאל הָאט זִי צוּ אִיהר גְרויסֶער פְרֵייד, עֶפֶּעס נַייעֶס גֶעפוּנֶען אויף זִיךְ, דָא הָאט זִי פְלוּצִים דֶערְזֶעהן ווִי דִי קוּפֶּקֶע פַּאסְט אִיהר עֶפֶּעס אַזוֹי שֵׁאן, עֶס לִיגְט אויף אִיהר אַזוֹי גוּט אַז עֶס אִיז אַ פַארְגֶענִיגֶען צוּ קוּקֶען, דָא הָאט זִי דֶערְזֶעהן ווִי דֶער וַואטָאוֶוע אַרְמִידֶער מִיט דִי פְלַאנֶעלֶענֶע אַרְבֶּעל, אוּנ דָאס פַּארְטוּךְ הֶענְגֶען אַזוֹי שֵׁאן אַרָאבּ ווִי אוֹיסְגֶעגָאסֶען, אוּנ דִי צְוַויי שִׁיךְ מִיט דִי מֶעשִׁינֶע קוּלֶקֶעס, דִי גְרוּיֶע וָואלֶענֶע זָאקֶען מִיט דִי בְּלוֹיֶע וְקְרֵייקֶענֶע זָאקֶען-בֶּענְדְלֶעךְ, קוּקֶען עֶפֶּעס אַזוֹי שֵׁאן אַרוֹיס אַז עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ מְחַיֶה׳נִיש...

נָאר וָואס זָאל אִיךְ אַיךְ אַסַךְ בְּרֵייעֶן, בֶּעסֶער טַאקִי בַּאלְד אוֹיסְזָאגֶען דֶעם אֶמֶת: אָט דִי אַלְטֶע אַיינְגֶעהוֹיקֶערְטֶע, גֶעקְנֵייטְשְׁטֶע דְרָואשֶׁע דִי טוּקֶערְן וָואס פוּן אִיהר הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע יָאהרֶען גֶעשְׁמֶעקְט „פֶּעלְד", הָאט דֶערְזֶעהן אַז זִי אִיז שֵׁאן אוּנ אָנְגֶעהויבֶּען וֶועלֶען גֶעפֶעלֶען. פַּייוּויש פַאנְפַאטְשׁ, וָואס פְלֶעגְט אָפְט, כִּמְעַט עֶטְלִיכֶע מָאל אִין טָאג, אַרַיינְגֶעהן צוּ אִיהר אִין שְׁטוּב אוּנ וֶוער שְׁמוּעסְט אָבֶּענְד צַיְיט נָאךְ מַעֲרִיב, וֶוען פַּייוּויש הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעקֶעהרְט דִי קְלוֹיז אוּנ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דִי שְׁלִיסֶעל פוּן דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ דֶעם עֶלְטְסְטֶען בַּטְלָן וָואס גֶעכְטִינְט הָמִיד דָארְט, עֶס הָאט גֶעמֶעגְט אִין דְרויסֶען דוֹנֶערְן אוּנ בְּלִיצֶען, הָאט פַּייוּויש גֶעמוּזְט קוּמֶען צוּ דְרָואשֶׁען אוֹיסְטְרִינְקֶען אַ גְלֶאזֶעל „אָקְרוּפּ" (גַאנְץ הֵייסֶע טְהֶעע), פוּן דֶעם קְרִינֶעל וָואס דְרָואשֶׁע הָאט אַלֵיין אוֹיפְגֶעזָאטֶען אוּנ אָנְגֶעגָאסֶען אוּנ אִיהם דֶערְלַאנְגְט.

אִיהר גְלוֹיבְּט דָאס אַלֶעס נִיט אויף דְרָואשֶׁען? נָאר פַאר וָואס זָאלְט אִיהר נִיט גְלוֹיבֶּען? פַאר וָואס וֶוען אִיהר זֶעהט אַז דֶער גְרָאבֶּער יוּנְג אַ גֶעווִיסֶער בַּאקָאנְטֶער שׁוֹטֶה, ר׳ „אֶץ" וָואס הָאט קֵיין מָאהל קֵיין צְוַויי גְלַייכֶע וָוארְטֶער נִיט גֶעקָאנְט רֶעדֶען, קֵיין דְרַיי נִיט גֶעקָאנְט אִיבֶּערְצֶעהלֶען, אַז מֶען הָאט גֶעקָאנְט מִיט אִיהם פַארְשְׁטֶעקֶען דֶעם קוֹיטֶען, אוּנ אִיצְטֶער וֶוען עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ סַךְ גֶעלְד אוּנ עֶס אִיז אִיהם גֶעוָוארֶען נוּט, רוּפְט מֶען אִיהם שׁוֹין „הֶערר אֶץ", אוּנ עֶר אַלֵיין מֵיינְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז קְלִיגֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אוּנ וָואלְט שׁוֹין אַ בַּעלְן גֶעוֶועזֶען

אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט זָאל עֶס דִי וֶועלְט אוֹיסְחַאפֶּען וִוי אַ חָכְמָה, וִוי אַ תּוֹרָה א. ז. וו.

הַיינְט פַאר וָואס זָאלְט אִיהר נִיט גְלוֹיבֶּען אוֹיף דְרָואשֶׁען וָואס עֶס אִיז אִיהר אַזוֹי גֶעוָוארֶען גוּט אַז זִי זִיצְט זִיךְ אִין דֶער וַוארֶעם אִין שְׁטוּב וִוי אַ פְּרִיצֶע, פְּלֵיְקְט זִיךְ פֶּעדֶערן, פַארְמָאגְט אַ בֶּעט מִיט בֶּעטְגֶעוַואנְד וָואס דִי גְרֶעסְטֶע זְלִידְנִיוְקֶער גְבִירְטֶע וָואלְט זִיךְ נִיט גֶעהַאט וָואס צוּ שֶׁעמֶען?

פַאר וָואס גְלוֹיבְּט אִיהר וֶוען אִיהר זֶעהט וִוי לְמָשָׁל צִירְל פּוּדִי אַלְטֶע אָרִימֶע דֶעמְבֶּעגֶע מוֹיד וָואס עֶס אִיז מִיאוּס אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט פַאר אִיהר אוֹיפְצוּעֶסֶען, וָואס זִי הָאט קֵיין מָאל נִיט גֶעזֶעהן פַאר זִיךְ דִי לִיכְטִיגֶע שַׁיין אוּנ אַלֶע אִיהרֶע קִינְדֶערְיָאהרֶען פַארְבְּרַאכְט טָאג מִיט נַאכְט אוּנְטֶערן אוֹיוֶוען מִיט דֶער קָאטְשֶׁערֶע, אוּנ מֶעהר פוּן דֶער קָאטְשֶׁערֶע מִיט דֶער לָאפֶּעטֶע הָאט זִי נִיט גֶעוואוּסְט צוּ זָאגֶען, אוּנ וֶוען זִי הָאט דֶערְזֶעהן אַ מֶענְשׁ הָאט זִי זִיךְ בַּאהַאלְטֶען פַאר אִיהם אוּנְטֶער זִיבֶּען עֶרְדֶען, קֵיין מָאל הָאט זִי זִיךְ מִיט קֵיין שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט זַאט נִיט אָנְגֶעגֶעסֶען אוּנ דִי מוּטֶער אוּנ וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעהַאט גָאט אִין הַאַרְץ, הָאט זִי גֶערִיסֶען בַּיי דִי צָאפּ, פַאר וָואס זִי הָאט מִיט דֶער קָאטְשֶׁערֶע פַארְחְלִיפֶּעט אַבִּיסֶעל וַואסֶער, צוּ אַבִּיסֶעל מִיסְט נִיט פַארְקֶעהרְט, צוּ דָאס קִינְד נִיט אַרוּמְגֶערֵיינִיגְט אוּנ אִיצְטֶער... אִיצְטֶער אַז אִיהר פָאטֶער הָאט פְלוּצִים גֶעבְּרַאכְט פוּן דֶעם וֶועג פוּפְצִיג טוֹיזֶענְד רוּבּל פַארְדִינְסְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט דִי שַׁדְכָנִים אַז עֶר וִויל זַיין טָאכְטֶערל צִירֶעלֶען גֶעבֶּען נְדַן צֶעהְן טוֹיזֶענְד רוּבּל, הָאט צִירל, אָדֶער וִוי מֶען פַאר צִיהְט זִי שׁוֹין הַיינְט: „צִירֶעלֶע", אוּנ רוּפֶען רוּפְט מֶען זִי שׁוֹין קְלַארֶע, הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיפְשְׁלֶעפֶּען אוֹיף זִיךְ אַ וֶועלְט שְׁמַאטֶעס נָאךְ דֶער פַארִיזֶער מָאדֶע, גִיסֶען אוֹיף זִיךְ פְלֶעשֶׁער אָדֶעקָאלָאן אוּנ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבֶּען דְרֶעהֶען אִין גַאס, אַז מֶען זֶעהט זִי אַ מִינוּט אִין שְׁטוּב נִיט אוּנ נָאךְ מֶעהר זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מֵיינֶען אַז זִי אִיז אַזוֹי שֶׁאן אַז קֵיין שֶׁאנֶערְס אִיז שׁוֹין פוּן אִיהר גָאר נִיט דָא, אוּנ דִי אַ סַךְ חֲתָנִים „חֲסִידִים מְיוּחָסִים" „גְבִירִישֶׁע קִינְדֶער", אָרִימֶע גֶעעֶנְדִיגְטֶע „דָאקְטוֹרִים" אוּנ „אִינְזְשֶׁענֶערֶען" אוּנ נָאךְ אַלֶערְלֵיי יוּנְגֶע לַייט, זֶענִין אִין אִיהר פַארְלִיעבְּט בִּיז אִיבֶּערן הַאלְז אוּנ קְלַארֶע וַוארְפְט זִיךְ מִיט זֵיי אוּנ קְלוֹיבְּט, בְּרַאקְעוֶועט, פוּנְקְט וִוי זִי הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט מִיט שְׁפֶּאנְדְלִיךְ, זִי קֶען שׁוֹין נָאר מַאכֶען תְּנָאִים אוּנ הָאט פְלוּצִים אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעדֶען פוּן אַזוֹינֶע גֶעלֶערְנְטֶע זַאכֶען אַז אַ פְּרָאסְט יוּדִישׁ מֵיידֶעל וֶועט גָאר נִיט פַארְשְׁטֶעהן.

הַיינְט וֶוען אִיהר זֶעהט וִוי עֶס קֶען זִיךְ אוֹיסְלָאזֶען מִיט אַזַא יוּדֶען וִוי ר׳ אָץ, מִיט אַזַא דֶעמְבֶּעגֶער מוֹיד וִוי צִירל וֶוען זַייעֶר לַאגֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען, פַאר וָואסְזְשֶׁע זָאלְט אִיהר נִיט גְלוֹיבֶּען אוֹיף דֶער זְלִידְנִיוְקֶער יוּדֶענֶע דְרָואשֶׁע דִי טוּקֶערן, וָואס אִיהר לַאגֶע הָאט זִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען צוּ גוּטֶען? אַי וִוי אַזוֹי קֶען דְרָואשֶׁע גָאר מֵיינֶען אַז זִי אִיז שֶׁאן אוּנ נָאךְ וֶועלֶען גֶעפֶעלֶען וֶוען זִי אִיז גָאר אַזוֹי אַלְט, אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט, גֶעקְנַיימְשְׁט? נָאר אַלְמַאי ר׳ אָץ אַ ווִילְדֶער שׁוֹטֶה, אַ גְרָאבֶּער יוּנְגַאטְשׁ וָואס קֶען קֵיין צְוֵויי וֶוערְטֶער נִיט אִיבֶּערְצֶעהלֶען, מֵיינְט אִיצְטֶער אַז עֶר אִיז אַיין חָכָם,

אַ בַּעל עֵצָה, דֶער שֶׁאנְסְטֶער בַּעל בַּיִת אִין שְׁטָאדְט אוּנ הֵייסְט שׁוֹין גָאר בַּיי יֶעדֶען אֵיין אֵיידְלֶער יוּד; אַלְמַאי מֵיינְט דִי אַלְטֶע מִיאוּסֶע מוֹיד צִירל אַז זִי הֵייסְט „קְלַארֶע״ אוּנ אִיז אַזוֹי שֶׁאן אַז אַלֶע יוּנְגֶע לַייט שְׁלָאגֶען זִיךְ אִיבֶּער אִיהר שֶׁאנְקֵייט ?

אִיךְ שְׁוֶוער אַייךְ, וֶוען אִיהר זָאלְט וֶועלֶען זַיין אַ בַּעֲלָן אוּנ פְרֶעגֶען ה׳ אֶצֶען צוּ אִיז עֶר בֶּאֱמֶת טַאקִי אַזוֹי קְלוּג, פְרֶעגֶען קְלַארֶען צוּ אִיז זִי בֶּאֱמֶת טַאקִי אַזוֹי שֶׁאן, וֶועלִין זַיי אַייךְ בַּאלְד עֶנְטְוֶוערֶען גַאנְץ פַארזִיכֶערְט אַז זַיי זֶענִין טַאקִי בֶּאֱמֶת קְלוּג אוּנ שֶׁאן. אַזוֹי אִיז שׁוֹין יֶעדֶער מֶענְשׁ, וֶוען עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין עֶפֶּעס; פְרִיהֶער פַאלְט עֶר נָאךְ אָפְּט אַריין אִין אַ סְבָרָא, עֶר קְלֶערְט טָאמֶער יוֹא אוּנ טָאמֶער נִיט, נָאר שְׁפֶּעטֶער קוּמְט עֶר דֶערצוּ בִּיז עֶר מֵיינְט טַאקִי בֶּאֱמֶת, גַאנְץ עֶרנְסְט אַז דִי זַאךְ אִיז אַזוֹי אוּנ עֶס קֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ נִיט זַיין.

דָאס אֵייגֶענֶע אִיז פָארגֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער דְוָואשֶׁען: פְרִיהֶער ד. ה. אֵיידֶער דִי בָּאד אִיז אָבגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, וֶוען יֶעדֶער גְרָאשֶׁען אִיז אִיהר אָנְגֶעקוּמֶען בִּיטֶער, שְׁוֶוער פַארהָארֶעוֶועט, אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהר אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען דֶער טָאג מִיט אַ הַאלְבֶּע נַאכְט אַז זִי הָאט אַלֵיין נִיט גֶעווּאוּסְט וואוּ דִי צַייט אִיז אַהִינגֶעקוּמֶען אוּנ דִי אַנְדֶערֶע הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז זִי אָבגֶעשְׁלָאפֶען וִוי אַ פַארמוּטְשֶׁעטֶע, דֶערהַרְגֶעטֶע, הָאט בַּיי אִיר גֶעקֶענְט אַוֶועקגֶעהן אַזוֹי צֶעהנְדְלִיגֶען יָאהרֶען זִי זָאל אֲפִילוּ נִיט זֶעהן וָואס פַאר אַ פָּנִים זִי הָאט, אָדֶער וָואס פַאר אַ קְלֵיידֶעל זִי טְרָאגְט, וּבִפְרַט נָאךְ צוּ עֶס פַּאסְט אִיהר, זִי הָאט גֶעדַאנְקְט גָאטט וֶוען זִי הָאט אָבגֶעפַּטֶרט דִי וַוייבֶּער, אַבִּי זִי זָאל הָאבֶּען דִי עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען אִין דֶער וָואכֶען אוֹיף בְּרוֹיט אוּנ שַׁבָּת אוֹיף קוֹילִיטְשׁ, נָאר אָבֶער זִינְט דִי בָּאד אִיז אָבגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ אִיהר שְׁטוּב אִיז גֶעוָוארֶען דִי „גְלַאוְונֶע סְטַאנְצִיֶע״ וואוּ דִי וַוייבֶּער פְלֶעגֶען זִיךְ צוּנוֹיפקוּמֶען פָאהרֶען מִיט טְרַייטְלִין קֵיין בּוּלְוַואנָאווקֶע, פְלֶעגְט זִי זִיצֶענְדִיג אִין דֶער הֵיים אִין דֶער וַוארֶעם נִיט טְהוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, פַארדִיעֶנֶען צֶעהן מָאל מֶעהר וִוי פְרִיהֶער וֶוען זִי פְלֶעגְט הָארֶעוֶוען; וָואס זְשֶׁע הָאט זִי גֶעהַאט צוּ טְהוּן אַ גַאנְצֶען טָאג נָאכְדֶעם וֶוען זִי הָאט שׁוֹין אָבגֶעזָאגְט אַלֶע בְּרָכוֹת מִיט דִי תְּחִנוֹת, אָבגֶעגֶעסֶען, פַארבֶּעט דָאס בֶּעט אוּנ זִיךְ אָנְגֶעפְלִיקְט מִיט פֶּעדֶער׳ן אוּנ עֶס אִיז אִיהר נָאךְ אַלְץ גֶעבְלִיבֶּען צַייט? הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוּם־קוּקֶען אַרוּם זִיךְ אוּנ הָאט דֶערזֶעהן אַז אִיהר קְלֵיידֶעל, דִי קוּפְקֶע, דִי שִׁיךְ זֶענִין שׁוֹין אַלְט אוּנ נִיט שֶׁאן, גֶעלְד פַארדִיעֶנְט זִיךְ ב״ה, הָאט זִי זִיךְ גֶעמַאכְט שֶׁאנֶערֶע קְלֵיידֶער, דֶערנָאךְ וֶוען זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג אָנְגֶעקוּקְט אוֹיף אִיהר נַייֶע קְלֵיידֶעל מִיט דֶער קוּפְקֶע אוּנ גֶעזֶעהְן וִוי עֶס פַּאסְט אִיהר, — וָואס זְשֶׁע הָאט זִי גֶעזָאלְט נָאךְ טְהוּן אִין דֶער לֵיידִיגֶער צַייט? הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרַיינְקוּקֶען אִין דֶעם שְׁטִיקֶעל צוּבְרָאכֶענֶעם שְׁפִּיגֶעל וָואס אִיז פוּן תָּמִיד אָן אַרַיינְגֶעקְלֶעבְּט אִין דֶער וַואנְד אוּנ הָאט דֶערְזֶעהן וִוי דָאס פְּנִים אִיז נִיט גוּט אָבְגֶעוַואשֶׁען אוּנ וִוי עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעשְׁמִיערְט, הָאט זִי זִיךְ גוּט אָבְגֶעוַואשֶׁען אוּנ אָבְגֶעווִישְׁט אוּנ שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע טָאג הָאט זִי דֶערְזֶעהן - וִוי דָאס פְּנִים אִיז טַאקִי שֶׁאנֶער וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ אָב; אַז דֶער שְׁטֶערֶען אִיז פוּל מִיט קְנֵייטְשֶׁען, דִי

בייזין, דָאס מוֹיל אַייִנגֶעקָארְמְשֶׁעט, וָואס עֶס הֶעלְפְט נִיט קֵיין וַואשֶׁען, נָאר וְואס זְשֶׁע אִיז? עֶס אִיז אָבֶער פָארְט שֶׁאנֶער!

אַזוֹי לַאנְג אַזוֹי בְּרֵייט, הָאט זִי אַלֶע טָאג, פוּן גָאר נִיט הָאבֶּען וָואס צוּ טְהוּן, זִיךְ מֶעהר אוּנ מֶעהר אַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי קְלֵיידֶער אוּנ אִין דֶעם פָּנִים בִּיז זִי הָאט זִיךְ אַייְנְגֶערֶעדְט אַז זִי אִיז גָאר נִיט מִיאוּס אוּנ הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען בַּיי זִיךְ טְרַאכְטֶען:

-- נָא מֵילָא וָואס? אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעטְהוּן, אָבְּגֶעוַואשֶׁען, וָואס זְשֶׁע קוּמְט מִיר אַרוֹיס? קֵיינֶער זֶעהְט אֲפִילוּ נִיט, דַארוּם הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען זַיין הֶעכְסְט צוּפְרִידֶען וֶוען פַייוֹוישׁ פָאנְפַאטְשׁ פְלֶעגְט קוּמֶען אִין דֶער „גְלַאווְנֶע סְטַאנְצִיֶע" זֶעהְן צוּ אַלֶע וַוייבֶּער זֶענִין דָא אוּנ טָאמֶער הָאט אֵיינֶע פַארְשְׁפֶּעטִיגְט אוּנ דִי פוּהְר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען פְלֶעגְט עֶר לוֹיפֶען זִי רוּפֶען.

חָאטְשׁ פַייוֹוישׁ פְלֶעגְט אִיצְטֶער גָאר קֵיין צַייט הָאבֶּען אֲפִילוּ אַ קוּק טְהוּן אוֹיף דְוָואשֶׁען, נָאר וֶוען טְרַייטִיל מִיט דִי וַוייבֶּער פְלֶעגֶען שׁוֹין אַוֶועקְפָאהְרֶען, פְלֶעגְט אִיהם דְוָואשֶׁע זָאגֶען:

-- זַיין אַבִּיסל פַייוֹוישׁ, הָאסְט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג אָנְגֶעהָארִיוֶועט מִיט דִי וַוייבֶּער, גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאטט וָואס זֵיי זֶענִין שׁוֹין אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַבִּיסל שְׁטִילֶער.

-- אִיךְ הָאבּ קֵיין צַייט נִיט, דְוָואשֶׁע! פְלֶעגְט עֶר דַארוֹיף עֶנְטְוֶוערֶען, מֶען דַארְף שׁוֹין מִנְחָה דַאוְונֶען, דַארְף מֶען גֶעהְן אָנְצִינְדֶען דִי לִיכְט אִין קְלוֹיז.

-- נָא בִּיזְט טַאקִי גֶערֶעכְט, אַ מַאנְסְבִּיל אִיז נִיט קֵיין יוּדֶענֶע, וָואס הָאט צַייט וֶוען זִי ווִיל, גֶעה זְשֶׁע טַאקִי גִיכֶער אוּנ בַּאלְד נָאךְ מַעֲרִיב זָאלְסְט דוּ קוּמֶען וֶועלִין מִיר טְרִינְקֶען אַ גְלֶאזִיל אָקְרוֹפּ.

אוּנ פַייוֹוישׁ אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ מַעֲרִיב צוּ דְוָואשֶׁען, אוּנ וָואס שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָפְּטֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּנ פַאר וָואס זָאל פַייוֹוישׁ נִיט גֶעהְן? בַּיי דְוָואשֶׁען אִין שְׁטוּבּ בְּרֶענְט שְׁטֶענְדִיג דִי הְרוּבֶּע וִוי אַ קַאלךְ-אוֹיוֶוען אוּנ עֶס אִיז וַוארֶעם וִוי אִין אַ גַן עֵדֶן, דָאס גְלֶאזֶעל טְהֶעע מִיט אַ שְׁטִיקֶעל צוּקֶער צוּגֶעהְט זִיךְ פָּשׁוּט אִין אַלֶע פַייוֹוישֶׁעס אֵבָרִים אוּנ וֶוער שְׁמוּעסְט אַז דְוָואשֶׁע פְלֶעגְט נָאךְ דֶערְלַאנְגֶען אַ שִׁיסֶעל גֶעקָאכְטֶע קַארְטָאפְלֶעס, אָדֶער טֵייגְלַאךְ מִיט פַאסָאלֶיעס, אִיז זִיךְ טַאקִי פָּשׁוּט אַ דֶערְקְוִויקוּנְג.

לָאמִיר זִיךְ נִיט נַארֶען, וָוארוּם וִוי פַייוֹוישׁ אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין פְרוּמֶער יוּד (וִוי דְוָואשֶׁע פְלֶעגְט זָאגֶען) אוּנ הָאט נָאר גֶעלֶעבְּט מִיט עוֹלָם הַבָּא, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶר פָארְט מֶעהְר נִיט גֶעוֶועזֶען וִוי אַ זִינְדִיגֶער בָּשָׂר וָדָם אוּנ הָאט לִיעבּ גֶעהַאט אַ בִּיסֶעלֶע עוֹלָם הַזֶה אוֹיךְ, חָאטְשׁ וִוי בַּאלְד מֶען הָאט הַנָאָה פוּן עוֹלָם הַבָּא מֶעג מֶען שׁוֹין אוֹיךְ זִינְדִיגֶען, נָאר וָואס פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם אִיז נִיט זִינְדִיג? הַיינְט פַאר וָואס זָאל פַייוֹוישׁ אוֹיךְ נִיט הָאבֶּען קֵיין בִּיסֶעלֶע עוֹלָם הַזֶה אַז עֶר קֶען יָא הָאבֶּען?

אוּנ וָואס נָאךְ פַאר אַ בֶּעסֶערֶע עוֹלָם הַזֶה הָאט גֶעקָאנְט זַיין בַּיי פַייוֹוישֶׁען וִוי וִוינְטֶער בַּאנַאכְט וֶוען אִין דְרוֹיסֶען אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶער פְרָאסְט, אַ קֶאלְט מִיט אַ

גְרויסֶען ווִינְד, אִין קְלויז אִיז קֵיין הָאלְץ נִיט גֶעוֶועזֶען צוּ הֵייצֶען דִי הְרוּבֶּע, דֶער פֶּעלְץ מִיט דִי שְׁטִיוֶועל צוּרִיסֶען אוּנ אויךְ קֵיין וֶועטְשֶׁערֶע אִיז אויךְ נִיט גֶעוֶועזֶען, אוּנ עֶר פַייוִויש אִיז זִיךְ אִיצְטֶער גֶעזֶעסֶען מִיט דְוָואשֶׁען גֶעבֶּען דֶער הְרוּבֶּע וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען וַוארֶעם ווִי אִין אַ אויעֶר, הָאט גֶעטְרוּנְקֶען עֶטְלִיכֶע גְלֶאזְלֶעךְ טְהֶעע פוּן דֶעם אָבְּגֶעזָאטֶענֶעם קְרִינֶעל, פַארְבִּיסָען מִיט קַארְטָאפְלֶעס צוּ מִיט טֵייגְלֶאךְ אוּנ פַּאסָאלֶיעס, דְוָואשֶׁע הָאט אַזוֹי פַּאוָואלֶיע מִיט דִי פִינְגֶער גֶעפְלִיקט פֶּעדֶערן, אוּנ עֶר הָאט דֶערְצֶעהלְט מַעֲשׂוֹת פוּן דִי אַלְטֶע צַדִיקִים, ל״ו-נִיקֶעס, שֵׁדִים, רוּחוֹת, אַלְטֶע כִּישוּפְמַאכֶערִינְס, אַמַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט נָאר וָואס גֶעהֶערְט נָאךְ דֶערְצֶעהלֶען אִין קְלויז אוּנְטֶער דֶער הְרוּבֶּע פוּן „סִפְרֵי צַדִיקִים”, אוּנ דְוואשֶׁע פְלֶעגְט אויךְ דֶערְצֶעהלֶען אַ שֶׁאנֶע אַלְטֶע אֶמֶתְדִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיהר בָּאבֶּע הָאט אִיהר אַלֵיין דֶערְצֶעהלְט, אַז אַמָאלֶעדִיגֶע וַוייבֶּער זֶענִין טַאקִי גֶעוֶועזֶען צִדְקָנִיוֹת אוּנ וֶוען אַ אִשָׁה אִיז גֶעזֶעסֶען אִין אַ דָארְף וואוּ עֶס אִיז נִיט גֶעוֶועזֶען קֵיין בָּאד אוּנ עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוינֶע שְׁנֶעעֶן אַז מֶען הָאט קֵיין פוּהְר נִיט גֶעקָאנְט קְרִיגֶען אוּנ דָא אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט, פְלֶעגְט מֶען גֶעהְן בַּאנַאכְט אִין אַ פַּאלָאנְקֶע, אַז קֵיין שׁוּם בֶּן אָדָם, אֲפִילוּ דֶער מַאנְן, הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וואוּ זִי אִיז גֶעוֶועזֶען. אוּנ הַיינְטִיגֶע וַוייבֶּר זִינְדִיגֶען- אוּנ שְׁרַייעֶן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער אֲפִילוּ דוּרְכְצוּפָאהרֶען מִיט טְרַייטְלֶען אִין גַאנְצֶען זִיבְּצֶעהְן וֶוערְסְט.

אוּנ נָאךְ אַזוינֶע מַעֲשׂוֹת פְלֶעגֶען זֵיי זִיךְ אִין דִי ווִינְטֶערְדִיגֶע נֶאכְט דֶערְצֶעהלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערן, אוּנ פְלֶעגֶען זִיךְ פִיהלֶען אַזוֹי גוּט, אַז זֵיי הָאבֶּען גָאר נִיט בַּאמֶערְקְט זֵייעֶרֶע אַלְטֶע יָאהרֶען, נָאר פוּנְקְט ווִי יוּנְגֶע לַייט עֶרְשְׁט אַיָאהר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, עֶס אִיז זֵיי גָאר קֵיין מָאל אויפְן מוֹחַ נִיט אויפְגֶעקוּמֶען דִי פְרַאגֶע: צוּ זֵיי זֶענִין יוּנְג צוּ אַלְט, זֵייעֶרֶע אַלְטֶע הֶארְצֶער הָאבֶּען פֶערְגֶענִיגֶען גֶעהַאט אִין דִי ווִינְטֶערְנֶאכְט פוּנְקְט ווִי יוּנְגֶע לַייט.

III.

אִין דִי בֶּעסְטֶע יָאהרֶען.

אִין אֵיינֶעם פוּן אַזוינֶע ווִינְטֶערְדִיגֶע נֶאכְט וֶוען דִי לְבָנָה הָאט מִיט אִיהרֶע זִילְבֶּערְנֶע שְׁטְרַאהלֶען גֶעשַׁיינְט אִיבֶּער זְלִידְנִיוְוקֶע, גֶעשְׁפַּאצִירְט אִיבֶּער זְלִידְנִיוְוקֶער הִימֶעל, פַאר- זִילְבֶּערְט אַלֶע זְלִידְנִיוְוקֶער שְׁטְרויעֶנֶע אוּנ טְשֶׁערֶעפֶּענֶע דֶאכֶער אוּנ דְוָואשֶׁעס שְׁטִיבְּל אויךְ, אִין דְרויסֶען הָאט זִיךְ אויסְגֶעבֶּעט דֶער שְׁנֶעע ווִי אַ פַארְבֶּעט בֶּעט בַּיי אַ גְבִירִישׁ יוּדִישׁ פָּאר פָּאלְק, דִי נַאכְט אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁטִיל, לִיכְטִיג אוּנ שֶׁאן חָאטְשׁ פֶּערִיל צוּ קְלוֹיבֶּען, דָאס שְׁטִילְקַייט פוּן דֶער נַאכְט הָאבֶּען נָאר אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען דִי זְלִידְנִיוְוקֶער בְּהֵמוֹת, צִיגֶען אוּנ צַאפֶּעס וָואס הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע מָאל אויפְגֶעחַאפְּט פוּן- שְׁלָאף, אויפ- גֶעשְׁטַאנֶען, זִיךְ אָבְּגֶעטְרֶעסֶעלְט, אַרוּמְגֶעשְׁפַּאצִירְט מִיט אַ גְרויס נֶעסְקְרִיפֶערַיי פוּן דֶעם שְׁנֶעע אוּנ וַוייטֶער מִיט אַסְקְרִיפּ זִיךְ גֶעלֶעגְט אוּנ גֶעסַאפֶּעט.

אַלֶע אִין זְלִידְנִיוְוקֶע הָאבֶּען שׁוֹין גֶעשְׁלָאפֶען, אוּמֶעטוּם אִין אַלֶע פֶענְסְטֶער אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזֶען פִינְסְטֶער, נָאר אִין אֵיין פֶענְסְטֶער הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעלַייכְט אוּנ אוֹיךְ דִי לְבָנָה מִיט אִיהרֶע לַאנְגֶע בְּרִילַיאנְטֶענֶע שְׁטְרַאהלֶען אוּנ שְׁפִּיצֶען הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דֶעם פֶענְסְטֶער וואו צְווֵיי מֶענְשֶׁען זֶענֶען גֶעזֶעסֶען נֶעבֶּען דֶער הְרוּבֶּע.

דִי צְווֵיי מֶענְשֶׁען זֶענֶען גֶעוֶועזֶען ד ְו א שֶׁ ע. דִי ט וּ קֶ ע ר ן. אוּנ פַּ י י וְ ו י ש פ אַ נְ פַ א טְ ש!... זֵיי הָאבֶּען שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט זֵייעֶרֶע מַעֲשׂוֹת, שׁוֹין אָבְּגֶעגֶעסֶען דִי קַארְטָאפְלִיס, דָאס קְרִיגֶעל אָקְרוּפּ שְׁטֶעהְט נָאךְ אוֹיפֶן טִישׁ, דְוָואשֶׁע הָאט פְּלוּצִים אַוֶועקגֶעלֶעגְט דִי פֶעדֶערן אוּנ הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דִי הְרוּבֶּע אִיז אַזוֹי וַוארֶעם אַ מְחַיֶה׳נִישׁ, פַּייְוִוישֶׁעס שְׁטֶערִין מִיט דֶער פָאנְפֶאוַואטֶע נָאז הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי דֶערְהִיצְט אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעפְלַאמְט וִוי צְווֵיי בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֶענְגְלַייכְטֶער פוּן דֶער שׁוּל, פַּייְוִוישׁ הָאט אוֹיךְ אַ קוּק גֶעטְהוּן אוּנ גֶעזֶעהְן וִוי זַיין פְּלֵייצֶע הָאט זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעוַוארִימְט בַּיי דֶער הְרוּבֶּע אַז עֶס אִיז אַ דֶערְקְוִויקֶענִישׁ, אִין זַיינֶע אַללֶע אֵבָרִים אִיז אַזוֹי אַנְגֶענֶעהם, וָוארוּם דְוָואשֶׁעס פָּנִים אַקֶעגֶען דֶער גִילְדֶענֶער שַׁיין פוּן דֶעם חֵלֶב׳נֶעם לִיכְט אוּנ אַקֶעגֶען דֶער שַׁיין פוּן דֶער זִילְבֶּענֶער לְבָנָה צְווִישֶׁען דֶער פַּארֶע וָואס זֶעצְט פוּן דֶער הְרוּבֶּע מִיט דֶעם קְרִיגֶעל „אָקְרוּפּ" וָואס שְׁטֶעהט אוֹיפֶן טִישׁ. דָאס אַללֶעס הָאט אַזוֹי פַארְפְלַאמְט אוּנ שֶׁאן גֶעמַאכְט אִיהר פָּנִים אַז אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע בְּרָאדִיוְוקֶע וָואס זִי הָאט פַארְמָאגְט פוּן לַאנְגֶע יָאהרֶען נֶעבֶּען דֶער נָאז, הָאט זִיךְ אוֹיךְ צוּשְׁפִּיעלְט וִוי אַשֶׁאנֶע רוֹיטֶהֶע רוֹיז זוּמֶער צְווִישֶׁען אַ טְהַייעֶרן וַויינְגָארְטֶען וואו עֶס וַואקְסֶען דֶארְנֶער אוּנ בָּאדֶעקִים. —

פַּייְוִוישׁ הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטֶען, עֶר זָאל נִיט אַ קוּק טְהוּן אוֹיף אִיהר.

— וָואס קוּקְסְט דוּ פַּייְוִוישׁ? הָאט דְוָואשֶׁע אִיהם גֶעפְרֶעגְט וֶוען זִי הָאט דֶערזֶעהְן אַז עֶר הָאט פְּלוּצִים אַ קוּק גֶעטְהוּן אוֹיף אִיהר.

— גָאר נִיט, אִיךְ קוּק אוֹיף דֶעם טָאפּ מִיט פֶעדֶערן וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעפְּלִיקְט.

— אִיךְ קוּק אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג אָנְגֶעפְּלִיקְט הַיינְטִיגֶען אָבֶענְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶועזֶען אוּנ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פְּלִיקֶען אוּנ קוּק וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער גָאטְט וָואס אִיךְ בִּין זַיין נָאמֶען נִיט וֶוערְט צוּ דֶערמַאנֶען. זֶעה נָאר וִוי דָא אִיז אַזוֹי וַוארֶעם, אַזוֹי גוּט אַז עֶס אִיז אַ מְחַיֶה׳נִישׁ, דִי לְבָנָה שַׁיינְט אַזוֹי שֶׁאן! הָאסְט שׁוֹין מְקַדֵשׁ גֶעוֶועזֶען דִי לְבָנָה? אַלְץ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועקגֶעגֶעבֶּען דִי מַאנְסְבִּילֶען אֲפִילוּ דִי לְבָנָה אוֹיךְ אוּנ דִי זִינְדִיגֶע אִשָׁה טָאר זִיא נִיט מְקַדֵשׁ זַיין.

— יָא נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ מְחַדֵשׁ גֶעוֶועזֶען...

עֶס הָאבֶּען זִיךְ בַּיי זֵיי בֵּיידֶע פְּלוּצִים אוֹיסגֶעלָאזְט דִי וֶוארְטֶער. זֵיי זֶענִין גֶעזֶעסֶען הָאבֶּען זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶעקוּקְט.

— וָואס קוּקְסְט דוּ, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען פַּייְוִוישׁ.

— אִיךְ קוּק גְלַאט אַזוֹ, וִוי גֶעלוֹיבְּט אִיז זַיין גְרוֹיסֶער נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ אַוֶועקגֶעלֶעגְט דִי פֶעדֶערן, וָואס דֶען זָאל אִיךְ טְהוּן? לָאמִיר אַבִּיסֶעל זִיצֶען אַזוֹ.

אוּנ זֵיי זֶענִין גֶעזֶעסֶען שְׁוַוייגֶענְדִיג בֵּיידֶע „אַזוֹי". דִי הְרוּבֶּע הָאט זִיךְ נָאךְ מֶעהְר

צוּהִיצְט אוּנ זֵייעֶרֶע פְּלֵייצֶעס הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ מֶעהְר דֶערוַוארְעמְט, פַּיְוֹוישֶׁעס נָאז אוּנ דְוָואשֶׁעס בְּרָאדֶעווְקֶע מִיט זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע פֶּנִימֶער הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ מֶעהְר פַארְפְלַאמְט, דִי לְבָנָה הָאט זֵיי וַוייטֶער בַּאדֶעקְט מִיט אִיהְרֶע זִילְבֶּערְנֶע שְׁפִּיצֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן ד. ה. גֶעזֶעסֶען אַבִּיסֶעל „אַזוֹי".

פְּלוּצִים אִין דֶעם לַאנְגֶען שְׁוַוייגֶענִיש, הָאט זִיךְ אוֹיף פַּיְוֹוישֶׁעס נָאז גֶעוַויאָוֶועט אַ שְׁמֵייכֶעל אוּנ אוֹיף דְוָואשֶׁעס בְּרָאדֶעווְקֶע אוֹיךְ אַ קְלֵיין שְׁמֵייכֶעלֶע.

– וָואס לַאכְסְט דוּ? הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט דְוָואשֶׁע אוֹיךְ מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל.

– חֶעע... הָאט פַּיְוֹויש גֶעעֶנְטְוֶוערְט מִיט אַ שְׁטִיל גֶעלֶכְטֶערל אוּנ אָנְגֶערִירְט מִיט דֶעם פִינְגֶער דְוָואשֶׁעס בְּרָאדֶעווְקֶע.

– חִיְע, חִיְע... הָאט דְוָואשֶׁע אוֹיךְ אַרוֹיסגֶעלָאזְט אוּנ אָנְגֶעחַאפְּט פַּיְוֹוישֶׁען בַּיי זַיין שְׁטַארְק פַארְפְלַאמְטֶער נָאז...

– חֶע, חֶע... הָאט פַּיְוֹויש שׁוֹין צְוֵויי מָאל גֶעזָאגְט „חֶע" אוּנ אוֹיךְ אָנְגֶעחַאפְּט דְוָואשֶׁען בַּיי דֶער נָאז.

– חִיְע, חִיְע... הָאט דְוָואשֶׁע ווִידֶער אָנְגֶעחַאפְּט דִי פָּאנְפֶּעוַואטֶע נָאז.

אָהְן וֶוארְטֶער נָאר צְווִישֶׁען גְרוֹיס פְלַאמֶענֶעשׁ פוּן דֶער הְרוּבֶּע, צְווִישֶׁען דֶעם רֵיחַ פוּן דֶעם „אָקְרוּפּ" אוּנ דֶעם שָׁאלֶעכְטְס פוּן דִי קַארְטָאפְלִים וָואס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיפְן טִישׁ, נָאר מִיט דִי שְׁטִילֶע לוּפְטְוֶוארְטֶער „חֶע" אוּנ „חִיְע" הָאבֶּען זִיךְ פַּיְוֹויש אוּנ דְוָואשֶׁע אוּנְטֶערהַאלְטֶען בִּיז דִי הֶעהְנֶער הָאבֶּען פַארְטָאג דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְרֶאה גֶעטְהוּן אוּנ פַּיְוֹויש הָאט שׁוֹין בַּאדַארְפְט אַוֶועקגֶעהְן וֶועקֶען דֶעם עוֹלָם צוּם תְּהִלִּים זָאגֶען.

גְרִינְג ווִי אַ פֵייגֶעלֶע אִין וַואלְד אוֹיף דֶעם גְרִינֶעם בּוֹימֶעלֶע, מִיט אַ זִיסֶען שְׁמֵייכֶעל אִיז דְוָואשֶׁע דִי נַאכְט זִיס אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען צְווִישֶׁען אִיהְרֶע דְרַיי אִיבֶּערבֶּעטֶען, צְוֵויי קָאלְדְרֶעס, פִּיעֶר גְרוֹיסֶע אוּנ זִיבֶּען קְלֵיינֶע קִישֶׁעלֶעךְ אוּנ אִיהר נָאז מִיט דֶער בְּרָאדֶעווְקֶע הָאט נָאךְ מֶעהר גֶעפְלַאקֶערְט, גֶעפְלַאמְט, רוֹיטְהֶער אוּנ רוֹיטְהֶער גֶעוָוארֶען...

וֶוען פַּיְוֹויש אִיז אַרוֹיסגֶעגַאנְגֶען פוּן דְוָואשֶׁעס שְׁטוּבּ, הָאט זִיךְ שׁוֹין דִי לְבָנָה גֶעזֶעגֶענְט מִיט פַּיְוֹוישֶׁען אוּנ זִיךְ אוֹיךְ גֶעלָאזְט אִיהר וַוייטֶען וֶועג אַרָאבּ... אַרָאבּ... אַלֶע בְּהֵמוֹת צִיגֶען אוּנ צַאפֶּעס הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג אַרוּמְגֶעשְׁפַּאצִיעֶרְט מִיט אַ גְרוֹיס גֶעסְקְרִיפֶּעְרַיי אִין דֶעם שְׁנֶעע; דֶער פַארְטָאגֶעדִיגֶער פְרָאסְט הָאט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען אַ חַאפּ גֶעטְהוּן צוּ זַיין פַארְפְלַאמְטֶער רוֹיטְהֶער נָאז אוּנ הָאט זִי פַארְקָאוֶועט; פַּיְוֹויש הָאט זִיךְ מִיט בֵּיידֶע הֶענְד אַ חַאפּ גֶעטְהוּן בַּיי דֶער נָאז אוּנ אַזוֹי שְׁפַּאנֶענְדִיג מִיט אַ סְקְרִיפּ אִיבֶּערְן שְׁנֶעע הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען מִיט זַיין פָּאנְפֶּעוַואטֶע קוֹל: „שְׁטֶעהְט אוֹיף!... שְׁטֶעהְט אוֹיף אַתֶּם יוֹדְעֶן צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא! שְׁטֶעהְט אוֹיף!"... א. ז. וו.

פַּיְוֹויש הָאט זִיךְ אִיצְט גֶעפִיהְלְט אַזוֹי גוּט אוֹיפְן הַארְצֶען אַז עֶס וָואט זִיךְ אִיהם אוֹיסגֶעווִיזֶען, אַז זַיין אִיצְטִיג קוֹל שִׁיטְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן אִיהם אַזוֹי שָׁאן ווִי פֶּערֶעל....

מִיט גְרוֹיס גַדְלוּת אוּנ מִיט אַ גְרוֹיסֶען סְקְרִיפּ הָאט זִיךְ אַזוֹי פַּיְוֹויש וַוייטֶער גֶעשְׁפַּאנְט אִיבֶּער דִי זְלִידְנִיוְוקֶער גַאסֶען אוּנ גֶעשְׂרִיגֶען, אִין הַארְצֶען הָאט זִיךְ נָאךְ עֶפֶּעס גֶעדְרֶעהְט, אוּנ אִין דִי אוֹיגֶען נָאךְ גֶעפִּינְטֶעלְט פוּן דֶער נַאכְט וָואס עֶר הָאט פַּארְבְּרַאכְט בַּיי דְוָואשֶׁען. --

וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין קְלוֹיז הָאט זִיךְ מִיט אִיהם דִי לְבָנָה צוּם לֶעצְטֶען מָאל גֶעזֶעגֶענְט: מָארְגֶען, מָארְגֶען וֶועלֶען מִיר זִיךְ וַוייטֶער זֶעהְן דוּרְךְ דְוָואשֶׁעס פֶּענְסְטֶער...

גָאר אַנְדֶערְשׁ הָאט זִיךְ פַּיְוֹוישֶׁען הַיינְט פַּארְטָאג גֶעזוּנְגֶען דָאס קוֹל פוּן דָעם עוֹלָם׳ס תְּהִלִים זָאגֶען...

.IV

פַאר דֶעם „פָּאיֶעזְד״ קַיין בּוֹלְוַואנָאוְוקֶע.

דְוָואשֶׁע הָאט אוֹיךְ גֶעוָואהְנְט אוֹיף דֶער מְלַמְדִישֶׁער גַאס, אוּנ וִוי עֶס אִיז אַייךְ שׁוֹין בַּאקָאנְט אִיז דִי גַאנְצֶע גַאס גֶעוֶועזֶען גְרוֹיס וִוי אַ גֶענִיץ, הַיינְט קֶענְט אִיהר שׁוֹין פַּארְשְׁטֶעהן וִוי וַוייט עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן טְרַייטְלִין בִּיז דְוָואשֶׁעס שְׁטוּב.

אַרוּם אֵיינְס בַּיי טָאג פְּלֶעגְט טְרַייטִיל אַרַיינְלוֹיפֶען צוּ דְוָואשֶׁען פְרֶעגֶען וִויפִיעל פַּארְשׁוֹינֶען עֶס זֶענִין הַיינְט דָא קַיין בּוֹלְוַואנָאוְוקֶע, נָאר פְרִיהֶער, אַזוֹי אַרוּם צֶעהְן אַ זֵייגֶער וֶוען עֶר הָאט אָפְּגֶעדַאוִינְט אוּנ אָפְּגֶעגֶעסֶען פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען צוּ דֶער עֲגָלָה, ד. ה. אוֹיסְקֶערֶעוֶוען דֶעם דִישֶׁעל צוּ דֶער זַייט וואוּ בּוֹלְוַואנָאוְוקֶע שְׁטֶעהְט, דִי גַאנְצֶע עֲגָלָה אַנִידֶערְשְׁטֶעלֶען פַאר דֶער שְׁטוּב, אַרוֹיספִיהְרֶען דֶעם לִיסֶע מִיט דֶעם קַארֶע, צוּ בִּינְדֶען זֵיי צוּם וָואגֶען, אַרַיינְוַוארְפֶען פַאר זֵיי אַבִּיסֶעל הֵיי, אָנְשְׁמִירֶען דֶעם וָואגֶען, קוּקֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט דִי פֶערְד אִין דִי אוֹיגֶען, א. ז. וו.– דִי אַרְבַּייט הָאט בַּיי אִיהם גֶעדוֹיעֶרְט בִּיז אַרוּם אֵיינְס, דֶערְנָאךְ פְּלֶעגְט עֶר גֶעהְן צוּ דְוָואשֶׁען גֶעוָואהר וֶוערֶען.

וֶוען דִי וַוייבֶּער וָואס הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט פָאהְרֶען הָאבֶּען דֶערזֶעהְן דוּרְךְ דֶעם פֶּענְסְטֶער אַז טְרַייטִילְס עֲגָלָה מִיט דֶער לִיסֶע אוּנ דֶעם קַארֶע שְׁטֶעהֶען שׁוֹן פַאר דֶער שְׁטוּב, פְּלֶעגֶען זֵיי אָנְהֵייבֶּען זִיךְ צוּ אַיילֶען.

– אַ דוּנֶער הָאט מִיךְ דֶערשְׁלָאגֶען, טְרַייטִילְס עֲגָלָה שְׁטֶעהְט שׁוֹין אוּנ אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר נִישְׁט פַארְטִיג, מֶען דַארְף לוֹיפֶען צוּ דְוָואשֶׁען זִיךְ בַּאדִינְגֶען עֶר זָאל מִיךְ נִיט אִיבֶּערְלָאזֶען,

דִי וַוייבֶּער וָואס הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט אַ בִּיסֶעל וַוייטֶלֶעךְ פוּן דֶער מְלַמְדִישֶׁער גַאס אוּנ הָאבֶּען נִישְׁט גֶעקָאנְט דוּרְךְ דֶעם פֶּענְסְטֶער זֶעהן אוֹיב דִי עֲגָלָה שְׁטֶעהט, פְּלֶעגֶען אַרוֹיס־שִׁיקֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

גֶעה זוהְנוניו, גֶעה, טַאטֶעניו, זֶעהן צו די עֲגָלָה שְׁטֶעהט שוין, וֶועל אִיךְ בַּאלְד גֶעהן צו דְוָואשֶׁען טְרַייטֶעל זָאל מִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזֶען.

ווִי אִיךְ הָאב אַייךְ שוין דֶערְצֶעהלְט, הָאט טְרַייטִיל אַלֶע טָאג אַיינְס אַזֵייגֶער גֶעמוּזְט אַבִּיסל אַרַיינְגֶעהן צו דְוָואשֶׁען גֶעוָואהר וֶוערֶען, עֶר הָאט אויךְ אִיצְטֶער ווִי תָּמִיד, גֶענוּמֶען דִי בַּייטְשׁ אִין דֶער הַאנְד, מִיט דֶער אַנְדֶערֶער הַאנְד אויסגֶעגְלַייכְט דִי פֵּאוֹת מִיט דִי וָואנְטְשִׂים, אַשָׁאקִיל גֶעטְהוּן מִיט דֶער בָּארְד אוּנ אִיז אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען.

טְרַייטִיל פְּלֶעגְט זִיךְ פְרִיהֶער קֵיין מָאל נִישְׁט אוּמְקוּקֶען ווִי אַזוֹי זַיין בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת זֶענִין אִיהם גֶעלֶעגֶען, צוּ גְלַייךְ, צוּ קְרוּם, אָדֶער צוּבָּארְשְׁטֶען, אֲפִילוּ וֶוען דֶער שְׁטֶערִין אִיז גֶעוֶוען אויסגֶעשְׁמִיערְט מִיט סְמָאלֶע, הָאט אִיהם אויךְ נִיט גֶעאַרְט; נָאר זַייט עֶר הָאט אָנְגֶעהויבֶּען פִיהְרֶען דִי זְלִידְנִיוְוקֶער וַוייבֶּער קֵיין בּוֹלְוַואנָאוְוקֶע אוּנ זַיין לִיסֶע מִיט דֶעם קַארֶע הָאבֶּען בַּאקוּמֶען גְבִירִישֶׁע בַּייכְלֶעךְ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהויבֶּען אַבִּיסל צוּפּוּצֶען, נִישְׁט אַזוֹ צוּ לִיעבּ זִיךְ אָדֶער צוּ לִיעבּ דֶער וֶועלְט, נָאר מֶעהר צוּ לִיעבּ דְוָואשֶׁען, וַוייל עֶר פְּלֶעגְט אִיהר וֶואלֶען בֶּעוַוייזֶען, אַז טְרַייטִיל אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאסְטֶער בַּעל עֲגָלָה, נָאר נָאךְ עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ אויךְ, חָאטְשׁ זִי פְּלֶעגְט אִיהם אָבְּדְרִינְגֶען, נָאר עֶר פְּלֶעגְט נִיט אויפְהֶערֶען זִיךְ צוּ בַּארִיהמֶען פַאר אִיהר אוּנ דְרִינְגֶען פַארְקֶעהרְט.

– אַגוּט הֶעלְף דִיר, דְוָואשֶׁע. הָאסְט עֶפִּיס הַיינְט אַסַךְ פֶּעטֶע וַוייבֶּער? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַרַיינְקוּמֶענְדִיג.

– אַגוּט יָאהר דִיר, טְרַייטִיל, נָאר ווִי אַזוֹי, דַאנְקֶען גָאטט, וָואס אִיךְ בִּין זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען נִישְׁט וֶוערְטה צוּ דֶערְמַאנֶען, הָאט זִי אִיהם גֶעעֶנְטְוֶוערְט, אוּנ אַרַיינְגֶעלֶעגְט דִי אָבְּגֶעפְּלִיקְטֶע פֶעדֶער אִין דֶער זִיפּ אוּנ דִי וְשְׁמֶענִיע פֶעדֶערן צוּרִיק אִין טָאפּ אַרַיין.

– אָבֶּער טַאקִי פֶּעטֶע וָואס פֶּעטֶע הֵייסְט, מֵיין אִיךְ?

– צְווֵיי גֶעבֶּען צוּ קֶערְבְּלֶעךְ, אֵיינֶע...

– נָא צוּ קֶערְבְּלִיךְ, הֵייסְט בַּיי מִיר נִישְׁט קֵיין פֶּעטֶע, הָאט עֶר אִיהר אִיבֶּער-גֶעשְׁלָאגֶען דִי רֵייד.

– וָואס זִינְדִיגְסְט דוּ, טְרַייטִיל, דַאנְקֶען גָאט, מִיר דֶערְלֶעגֶען צוּ זֵיי נִישְׁט, אָט אִיז דָא אֵיינֶע וָואס גִיט צְוֵויי קֶערְבְּלֶעךְ.

– גוּט, אַזוֹי אִיז גוּט, אַזוֹי הָאב אִיךְ דִיךְ לִיעבּ, דְחָאשֶׁע הֶערְסְט דוּ דְוָואשֶׁע, טַאקִי נָאר אֵיין גָאט הָאט פַאר דְרַיי יָאהרֶען גֶעלָאזְט פַארְבְּרֶענֶען דִי בָּאד, אַזוֹי וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטְהוּן? אִיךְ וָואלְט גֶעשְׁטָארְבֶּען פַאר הוּנְגֶער ווִי פְרִיהֶער אוּנ מַיינֶע פֶערְד וָואלְטֶען קֵיין מָאל קֵיין הָאבֶּער פַאר זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהן. אָבֶּער הַיינְט, דְוָואשֶׁע, זָאלְסְט דוּ אָנְקוּקֶען וָואס פַאר אֵיין אָנְבַּייסֶען אִיךְ עֶס, דוּ זָאלְסְט זֶעהן ווִי מַיין קַארֶע מִיט דֶעם לִיסֶע זֶענִין גֶעוָוארֶען פְּרִיצִים, זֵיי שְׁטֶעהֶען בַּיים הָאבֶּער אוּנ קוּקֶען אִיהם אָן, וָוארוּם, וָוארוּם עֶס אִיז שוין בַּיי זֵיי קֵיין נָאוִוינֶע נִישְׁט צוּ עֶסֶען הָאבֶּער, זֵיי וָואלְטֶען שוין בַּעְלָנִים גֶעוֶוען אִיךְ זָאל זֵיי קוֹיפֶען בֶּארְשְׁטְלֶעךְ אוּנ זֵיי פוּצֶען.

דְוָואשֶׁע הָאט אָנְגֶעהויבֶּען צוּ שָׁאקְלֶען מִיט דֶעם קָאפּ, ווִי אֵיינֶער זָאגְט: אוי טְרַייטִיל, זָאגְסְט דוּ אַ לִיגֶענְד. טְרַייטִיל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אִיהר שָׁאקְלֶען.

– נֵיין, דְוָואשֶׁע, דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַיינְט מִיט מַיינֶע פֶערְדְלֶעךְ נִישְׁט שְׁפִּיעלֶען, זֵיי הָאבֶען שֶׁאנֶערֶע בֵּייכְלֶעךְ פוּן אוּנְזֶערֶע גְבִירִים.

– דָאס אַלְץ, טְרַייטֶעל הָאסְט דוּ צוּ פֶערְדַאנְקֶען מִיר, וֶוער הָאט דִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַזַא פְּרִיץ וֶוען נִישְׁט אִיךְ? דוּ וָואלְסְט אויסגֶעלֶעבְּט דַיינֶע יָאהרֶען אוּנ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶע יוֹרְעֶנֶע דַארְף פְּאהרֶען אוּנ וֶועלְכֶע נִישְׁט, אוּנ אַז אִיךְ זָאל וֶועלֶען וָואלְט אִיךְ גֶעקָאנְט קְרִיגֶען אַיין אַנְדֶערן גוֹי אויף דַיין אָרְט.

– אוי נֵיין, דְוָואשֶׁע, דוּ הָאסְט אַ גְרויסֶען טָעוּת, גָאר נָאךְ וָואס זָאלֶען מִיר זִיךְ קְרִיעגֶען? לָאז זַיין דַיין גָאטְט מַיין גָאטְט, אָדֶער דֶעם בּוּלְוַואנָאוְוקֶער בֶּאדֶערְם גָאטְט, אַלְץ אֵיינְס, אַבִּי דִי בָּאד אִיז אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען; לָאמִיר בֶּעסֶער בֶּעטֶען אַז גָאטְט זָאל צוּ אוּנְז ־קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע בַּאשֶׁערֶען אַלֶע מָאל נַייֶע גוּטֶע יוֹרֶעלֶעךְ, שֶׁאנֶע חֲזָנִים אוּנ אַ סַךְ אֵיינִיקְלֶעךְ, דֶעמָאלְט וֶועלֶען אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּלֶעךְ מִיט מִיר פָּאהרֶען ־קֵיין בּוּלְוַואנָאוְוקֶע בִּיז מָשִׁיחַ׳ס צַייטֶען אוּנ מִיר וֶועט זַיין גוּט אוּנ דוּ, דְוָואשֶׁע, וֶועסְט אָבְּלֶעקֶען אַ בֵּיינְדִיל.

– בְּרָאשׁ מֵיינְסְט דוּ אִין אֶמֶת אַז דוּ בִּיזְט דֶער עִיקָר, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דְוָואשֶׁע ווִי בַּאלֵיידִיגְט דֶערפוּן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט אָבְּלֶעקֶען אַ בֵּיינְדִיל.

– נָא, נָא, בֵּייזֶער דִיךְ נִישְׁט, דְוָואשִׁינִיוּ, לָאז זַיין אִיךְ אָדֶער דוּ לֶעקִין בֵּיינְדְלֶעךְ, עֶס אִיז אַלְץ אֵיינְס, אַבִּי בֵּיינְדְלֶעךְ, אָט גֶעהט בֶּעסֶער אַ יוֹרֶענֶע...

עֶס עֶפֶענְט זִיךְ פְלוּצִים דִי טְהִיר אוּנ עֶס גֶעהט אַרַיין אַ וַוייבִּיל, פַארְשֶׁעמְט, מִיט אַ וַוייס ־קְלוֹמֶעקִיל אוּנְטֶער דֶעם אָרֶעם:

– דָא זִיצְט דְוָואשֶׁע דִי טוּקֶערן?

– אִיהר מֵיינְט דְוָואשֶׁע דִי מֶעקְלֶערן? הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דְוָואשֶׁע.

– חַא, חַא, חַא, הָאט זִיךְ צוּלַאכְט טְרַייטִיל אוּנ הָאט אַזְשׁ אויפְגֶעהויבֶּען דִי בֵּייטְשׁ, דָא, דָא וָואהנְט דְוָואשֶׁע דִי טוּקֶערן, וֶוער וַוייסְט נִישְׁט וואוּ דְוָואשֶׁע דִי טוּקֶערן זִיצְט?

– אִיךְ בִּין אַ פְרֶעמְדֶע, אִיךְ וָואהן דָא נִישְׁט לַאנְג, מַיין מַאנן אִיז שׁוֹין אַ יָאהר נִישְׁט גֶעוֶועזְען צוּ הויז, עֶר אִיז עֶרְשְׁט הַיינְט גֶעקוּמֶען.

– אַ פֶּעט בֵּיינְדִיל, הָאט טְרַייטִיל גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אִין דֶער שְׁטִיל.

– דְרַיי קֶערְבְּלֶעךְ, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דְוָואשִׁי אִין אֵיינֶעם מִיט טְרֵייטְלִין.

– צוּ טְהַייֶער, מַיין שְׁכֵנָה צָאהלְט פִינְף אוּנ זִיבְּצִיג קָאפּ׳ אָדֶער אַ קֶערְבֶּעל.

– אַייֶער שְׁכֵנָה פָּאהרְט אַלֶע מָאנְטַאג אוּנ דָאנֶערְשְׁטַאג, אוּנ אַז גָאטְט הָאט אַיךְ יָא גֶעהָאלְפֶען, מֶעג טְרַייטִיל בַּעַל עֲגָלָה בַּיי אַייךְ עֶפִּיס פַארְדִיעֶנֶען.

– נָא נֶעמְט אַנְדֶערְטְהַאלְבֶּען קֶערְבְּלֶעךְ.

– צוּ ־לִיעבּ אַייךְ ־צְוֵויי קֶערְבְּלֶעךְ, ־נִישְׁט וֶוענִיגֶער.

– ווען וְשֶׁע פָּאהרְט אִיהר?

– אָט בַּאלְד, אִיהר הָאט דֶען נִישְׁט גֶעזֶעהן אַז די פּוּהְר שְׁטֶעהט שוין, זֶעצְט אַייך אַנִידֶער, זַייט מוחל אונ וַוארְט צו אַ בִּיסֶעלֶע.

די פְּרֶעמְדֶע יוּדֶענֶע שְׁפַּארְט זִיךְ צו אָן אַ זַייט אַבִּיסֶל צו וַוארְטֶען. עֶס עֶפֶענְט זִיךְ די טְהִיר, מֶען שְׁטֶעקְט אַרַיין אַ קָאפּ אונ שְׁרַייט:

– ר' טְרַייטִיל, דְוָואשֶׁע, אִיהר זָאלְט מִיךְ לְמַעַן הַשֵּׁם הַיינְט נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפֶען, אִיךְ דַארְף פָּאהרֶען, אִיךְ לויף נָאר אָנְזַיינֶען דָאס קִינְד, גֶעדֶענְקְט וְשֶׁע לְמַעַן הַשֵּׁם, אִיךְ לָאז אַייךְ דָא אִיבֶּער מַיין קְלוּמֶעקִיל. זִי טְהוּט אַ וָוארְף אַ וַויים בִּינְטֶעל, גִיט אַ קְלַאפּ מִיט דֶער טְהִיר אונ אַנְטְלוֹיפְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען חַיִים גֶעצֶעס טָאכְטֶער – יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס וַוייבּ.

– נָא, נָא, גֶעה, גֶעה, אַזַא נָאלְד ווֶעל אִיךְ אַוֶועקְוַוארְפֶען? מִיר דַאכְט זִיךְ זִי זָאל מִיר גָאר קֵיין פוּהרְגֶעלְד נִישְׁט צָאהלֶען, ווָאלְט אִיךְ זִי אויךְ מִיטְגֶענוּמֶען..

– חֲלֶעבִּין, טְרַייטִיל, עֶס אִיז אַ בְּזָיון, אַזַא אַלְטֶער הוּנְד וִוי דוּ בִּיזְט, זָאלְסְט דוּ נָאךְ אִין זִינֶען הָאבֶּען אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייטֶען, שֶׁעם זִיךְ חָאטְשׁ פַאר אַ פְּרֶעמְד וַוייבֶּעל.

– וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ שֶׁעמֶען? עֶס אִיז אַ יוּדִישֶׁע זַאךְ, דָאס וַוייסֶען אַלֶע זְלִידְנִיזְוֶוקֶער אַז טְרַייטִיל הָאט לִיעבּ זַיינֶע פַּארְשׁוינֶען. וִוי זָאגְט אִיהר, וַוייבֶּעל? אָט זֶענִין זַיי אַ פְּרֶעמְדֶע, לָאזֶען זַיי זָאגֶען צו הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִיט וָואס צו שֶׁעמֶען?

– וָואס קוּמְט דִיר אַרוֹיס? דוּ שְׁמֶעקְסְט אָבֶּער פָּארְט אִין פֶעלְד אַרַיין נָאךְ גְרִינֶע אוּגֶערְקִים.

– וֶוער אִיךְ? אִיךְ שְׁמֶעק נָאךְ פֶעלְד, זָאגְסְט דוּ? הָאט זִיךְ טְרַייטִיל אַנִידֶער-גֶעשְׁטֶעלְט אויף דִי פִּיס, גֶעגֶעבֶּען אַ פָּאךְ מִיט דֶער בַּייטְשׁ אונ אַ פַּייף מִיט'ן מויל, אַיין אַלְטֶער בִּין אִיךְ? אִיךְ קֶען בַּאשְׁטֶעהן אַקֶעגֶען צֶעהְן יוּנְגֶע לַייט. וָואס זֶענֶען הַיינְטִינֶע יוּנֶגֶע לַייט? פוּן קוּגֶעל פֶּנִימֶער אונ פוּן פִּיטְשֶׁע בֵּיינֶער – אִין גַאנְצֶען אַ בְּלָאז, וֶער טְהוּט אַ בְּלָאז מִיט דֶעם מויל אונ עֶטְלִיכֶע פֶּעדֶערְן פוּן דְוָואשִׁים זִיפּ פְּלִיהֶען אַוֶועק) – אָט דָאס זֶענִין זַיי, (וֶער הָאט אָנְגֶעוִויזֶען אויף דֶער זַייט וואו דִי פֶּעדֶערְן זֶענִין אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגֶען), אוּנ טַאקִי דַארִיבֶּער הָאבֶּען מִיךְ מַיינֶע פַּאר-שׁוינֶען לִיעבּ.

– מֶען זָאל דִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוי לִיעבּ הָאבֶּען אִין קֶבֶר, וִוי זַיי הָאבֶּען דִיךְ לִיעבּ.

– גְלוֹיבְּסְט נִישְׁט? נָא גְלוֹיבּ נִישְׁט, מִיךְ אַארְט דָאס נִישְׁט, וָואס וָואלְסְט דוּ אָבֶּער גֶעזָאגְט וֶוען דוּ זָאלְסְט זֶעהֶן וִוי אִיךְ פָּאהר אַזוי מִיט זַיי אִין וֶועג, דְרוֹיסֶען אִיז קַאלְט, פוּן דֶעם הִימֶעל בְּלָאזְט, אונ חָאטְשׁ וֶוער צוֶועצְט קוּקֶענְדִיג וֶועהט מֶען נִישְׁט קֵיין קְרֶעטְשְׁמֶע וואו מֶען זָאל קֶענֶען נֶעמֶען אַבִּיסֶל בְּרָאנְפֶּין, – זָאלְסְט דוּ אַ שְׁטֵיינֶער זֶעהן וִוי אִיךְ וַוארְף מִיךְ אַרַיין אִין וָואגֶען, דָא וֶוערְד צְווִישֶׁען זַיי אַ גֶעלֶעכְטֶער, דִי שְׁרַייט: „אַ פּוּס", דִי – „אַ הַאנְד", דִי לַאכְט אונ שְׁרַייט: – צוּקְוֶועטְשְׁט נִישְׁט מַיין קִינְד, אונ אַלֶע לַאכֶען מִיט טְרַייטְלֶען אַז עֶס אִיז אַ מְחַיֶה. –

— גֶעה שׁוין אִין דֶער עֶרְד, אַרַיין, אָט גֶעהט בֶּעסֶער אֵיימִיצֶער.

עֶס עֶפֶענְט זִיךְ פַּאוָואלֶיע דִי טְהִיר אוּנ עֶס רוּקְט זִיךְ אַרַיין אַ יוּדֶענֶע פוּן אַ יָאהר פֶּערְצִיג, אַ בִּיסֶעלֶע סוּטִילֶעוַואטֶע, מִיט אַ סַךְ וַוייסֶע קְלוּמֶעקְלֶעךְ אִין דִי הֶאנְד, דָאס אִיז גֶעוֶועזֶן חַ י י טְ שֶׁ ע ד י גְ ר י נֶ ע, דִי גֶעוִויסֶע אֵשֶׁת חַיִל, וֶועלְכֶע אִיהר גֶעדֶענְקְט גֶעוִויס פוּן אָנְהוֹיב פוּן אוּנְזֶער עֶרְצֶעהלוּנְג.

— חַא, חַא, חַא, הָאט זִיךְ טְרַייטִיל צוּלַאכְט, חַ י י טְ שֶׁ ע פָּאהרְט אוּיךְ, ווִי לַאנְג אִיז אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶועזֶען? אַלֶע מָאנְטָאג אוּנ דָאנֶערְשְׁטָאג פְלִיהט זִי אִין מִקְוָה.

— זָאלְסְט אַזוֹי אִין זִינְגֶען הָאבֶּען צוּ לֶעבֶּען ווִי אִיךְ הָאבּ אִין זִינֶען דִי מִקְוָה, ווִי אִיךְ קֶען נָאר פָּאהרֶען, ווִי אִיךְ קֶען אַוֶועקְוַוארְפֶען דִי קְרַאם, נָאר אַ קְרֶענְק אוּיךְ אִיהם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זָאל אִיהם פַּטֶר׳ן פוּן דֶער וֶועלְט, ווָאלְט אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ לֶעבּ, אַזוֹי דֶערְגֶעהְט עֶר מִיר נָאר דָאס בִּיסֶל יָאהרֶען. אַלְצְדִינְג הָאט עֶר אַרוּיפְגֶעלֶעגְט אוּיף מַיין קָאפּ, דִי קְלֵייט אִיךְ, דִי שְׁטוּבּ אִיךְ, דִי קִינְדֶער אִיךְ, אוּנ אַז מֶען דַארְף פָּאהרֶען — אִיז אוּיךְ אִיךְ... אִיךְ זָאל אַזוֹי מִיט דִיר, טְרַייטִיל, אוּנ מִיט דִיר, דְוָואשֶׁע, — בִּיזְט דָאךְ אַוַדַאי אַיין עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶענֶע — בַּאהִיט זַיין פַאר אַלְדֶעם בֶּעז, אָט זִיצְט אַ פְרֶעמְד ווַייבֶּעל, זִי אִיז מַיין עֵדוּת — אַז אִיךְ דַארְף הָאבֶּען דִי מִקְוָה ווִי מִיר דַארְפֶען הָאבֶּען שְׁלֶעכְטֶס אוּנ יוּדֶען דֶעם גָלוּת, נָאר וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן? אַ קְרֶענְק אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אַז אִיךְ וֶועל אי״ה מִיט אַייךְ אַלֶע צוּרִיקְקוּמֶען פוּן דֶעם וֶועג. זָאל אִיךְ אִיהם נָאר טְרֶעפֶען מִיט דִי פִּיס צוּ דֶער טְהִיר, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין אוּיךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט. אִיבֶּער אִיהם, אִיבֶּער אִיהם הָאבּ אִיךְ אַלֶע צָרוֹת.

— וֶוער זְשֶׁע נֵייטְהַא אַייךְ? זִיצְט מֶען אִין דֶער הֵיים, פָּאלְגְט מֶען אִיהם נִישְׁט, אִיהר זֶענְט דָאךְ חַ י י טְ שֶׁ ע, עֶפִּים נִישְׁט אַזַא יוּדֶענֶע וָואס אִיהר דַארְפְט אַלְץ יֶענֶעם פָאלְגֶען, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דְוָואשֶׁע מִיט אַ רַחֲמָנוּת פָּנִים.

— פָּאלְגֶען? חָאלֶערֶע זָאל אַרַיין אִין זַיין בּוּיךְ, אִין אַלֶע זַיינֶע אֵבָרִים, עֶר זָאל זִיךְ רַאטֶשְׁקִיוֶוען אוּיף אַלֶע פִיער, אַז קֵיין שׁוּם דָאקְטָאר זָאל אִיהם נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפֶען! אָט הָאט אִיהר אַייךְ פָאלְגֶען!

— אָבֶּער פָּארְט ווִי אַזוֹי לָאזְט זִיךְ אַ יוּדֶענֶע אַזוֹי טְרֶעטֶען פוּן אַ מַאנְן אוּיף דֶעם קָאפּ? אִיהר זֶענְט דָאךְ אַ מוּטֶער פוּן קִינְדֶער, אִיהר דַארְפְט דָאךְ אוּיף אַייךְ אַלֵיין רַחֲמָנוּת הָאבֶּען, עֶר קֶען דָאךְ אַייךְ אַזוֹי חַס וְשָׁלוֹם טַאקִי אַזוֹי דֶערְגֶעהְן אַיין עֶק. וֶוען אִיהר לָאזְט זִיךְ אַזוֹי טְרֶעטֶען.

— טְרֶעטֶען זָאלֶען אִיהם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַלֶע בֵּייזֶע יָאהר, אַלֶע שֵׁדִים אוּנ רוּחוֹת! דִי גְדֶערִים אוּנ דִי קִישְׁקֶעס זָאלֶען אִיהם אַרוּיסְקְרִיכֶען, הִינְד זָאלֶען זֵיי שְׁלֶעפֶּען אוּנ נִישְׁט ווָאלֶען עֶסֶען, אָט הָאט אִיהר אַייךְ טְרֶעטֶען!

— מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער אַנִידֶער אֵיינְמָאל אִיבֶּער אַלֶע מָאל „נֵיין" וֶועט מוּזֶען בְּלַייבֶּען נֵיין, ווָאס אִיז? אִיהר זֶענְט עֶפִּים אַ פִּיצֶעלֶע מַיידֶעלֶע, ווָאס מֶען דַארְף אַייךְ

פִּיקְען אוּנְטֶער דֶער צוּנְג ? מֶען שֶׁעמְט זִיךְ גָאר נִישְׁט אוּנ מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַנִידֶער .

– שְׁטֶעלֶען זָאל מֶען אִיהם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר פִּיאַווְקִים אוֹיף אַלֶע אָדֶערְן אֲפִילוּ אוֹיף דִי אוֹיגֶען ! אָט הָאט אִיהר אַייךְ שְׁטֶעלֶען ! וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן צוּ מַיינֶע פִינְסְטֶערֶע יָאהרֶען ? לִיעבֶּע דְוָואשֶׁע ! אַז עֶר – מַיין דָאלִיע, טְרַייבְּט מִיךְ מִיט שְׁטֶעקֶענְס, טְרַייבֶּען זָאל עֶס אִיהם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן קַדַחַת, פוּן חָאלֶערֶע, פוּן אַלֶע בֵּייזֶע קְרֶאנְק ! עֶר זָאגְט אַז עֶר דַארף אָוֶעק פָאהרֶען אוֹיף הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת צוּם רֶבִּין, זָאגֶען זָאל עֶר שׁוֹין צוּם לֶעצְטֶען מָאל וִוידוּי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם !

– נָא פָאלְגְט מֶען אִיהם נִישְׁט.

– אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַייךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט – פָאלְגְט נִישְׁט, פָאהרְט נִישְׁט, וֶועל אִיךְ זִיךְ פַארְזִינְדִיגֶען דִי וֶועלְט אוּנ יֶענֶע וֶועלְט אוּנ אַלֶע זִיבֶּען וֶועלְטֶען אוּנ וֶועל מִיר שׁוֹין קַיין אָרְט נִישְׁט קֶענֶען גֶעפִינֶען, מֶען אִיז דָאךְ אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער ! קֶען אִיךְ דֶען נִישְׁט וֶואלֶלֶען אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט. אָבֶּער וִוי לַאנְג קְרֶענְקְט עֶר וִוי אִיךְ וֶועל מִיךְ אִיבֶּער אִיהם, אִיבֶּער אַזָא ווִיסְטֶער דָאלִיע מִיךְ פַארְזִינְדִיגֶען אוֹיף אַייבִּיגֶע יָאהרֶען אוּנ . . .

ז.

וַוייבֶּערְשֶׁע רֵייד.

אַ קְלֵיינֶער לַיארם גֶעבֶּען דֶער טְהִיר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען חַייטְשִׁים רֵייד.

דִי טְהִיר הָאט זִיךְ עֶפִּיס אַלֶע מָאל גֶעעֶפֶענְט אוּנ פַארְמַאכְט, אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָוארְפֶען צוּ דֶער טְהִיר.

– גֶעה שׁוֹין אַרַיין, נָא וָואס שֶׁעמְסְט דוּ זִיךְ דָא ? הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ קוֹל פוּן הִינְטֶער דֶער טְהִיר צְווִאַמֶען מִיט דֶעם סְקְרִיפּ פוּן דֶער טְהִיר, וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ בַּאלְד ווִידֶער פַארְמַאכְט.

וֶוער וֵוייסְט בִּיז וַואנֶען אוּנ ווִיפִיעל מָאל דִי טְהִיר וָואלְט זִיךְ גֶעוֶועזֶען גֶעעֶפֶענְט אוּנ פַארְמַאכְט, וֶוען טְרַייטִיל זָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעהן אוּנ שְׁטַארְק אוֹיפְעֶפִינֶען דִי טְהִיר ; דֶערֶעמְלְט הָאט זִיךְ פַּאוָואלִיע אַרַיינְגֶעקְוְקְט שְׁפְּרִינְצֶע - זַלְמָן - מָאטֶעל - גֶעלֶעס דִי יְרִידְנִיטְשֶׁקֶע, אוּנ הָאט פַאר זִיךְ מִיט בֵּיידֶע הָאנְד גֶעשְׁטוּפְּט אִיהר טָאכְטֶער, חַנָּה, וֶועלְכֶע הָאט נִישְׁט לַאנְג חַתוּנָה גֶעהַאט. נָאךְ זֵיי הָאט זִיךְ אוֹיךְ פַּאוָואלְיֶע אַרַיינְגֶערוּקְט אִיהר מַאנְן, בֶּערִיל פְלַאסְטֶער, עֶר הָאט נָאכְגֶעטְרָאגֶען עֶטְלִיכֶע קְלוּמֶעקְלֶעךְ.

דָאס אִיז דִי אֵייגֶענֶע חַנָּה, וֶועלְכֶע וִוי דִי לֶעזֶער גֶעדֶענְקֶען, הָאט מֵיידִיל־ווייז, וֶוען זִי הָאט גֶעהַאפְּט „אַ גֶעזָאגֶעכְטְס" מִיט דָוִד׳ן, בְּשַׁעַת דֶער שְׂרֵפָה פוּן דֶער בָּאד, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט קַיין מָאל נִישְׁט חַתוּנָה הָאבֶּען. נָאר וִוי אִיהר זֶעהט, אִין דְרַיי יָאהר הָאט זִי זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט אַז מֶען מוּז חַתוּנָה הָאבֶּען.

פאַר וועמען האָט זי חתונה געהאַט? עס פאַרשטעהט זיך אַז נישט פאַר דעם וואָס זי האָט ליעב געהאַט — פאַר איהר דודין. חנה האָט אפילו דערפון אביסל יסורים געהאַט, נאָר דאָס איז אויך קיין גרויס אומגליק נישט, ווי זאָגט מען עפּיס: פון אַלע ליעבעס לאָזט זיך אויס אַ טייך, אפילו אין די גרעסטע שטאָדט, היינט קענט איהר שוין פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ טייך עס ווערט פון אַ ליעבע אין אַזאַ מין שטאָדט ווי זלידניוונקע.

אומגליקליכע חנה! אַז די מוטער האָט איהר געזאָגט: ווי דערלעב איך שוין צו שטעהן אונטער דיין חופּה! האָט זי גאָר נישט געענטפערט — זי האָט זיך נאָר געטראַכט: איך וועל זאָגען דער מאַמען, אַז אפילו פאַר דודין וועל איך אויך נישט חתונה האָבען...

אונ זי האָט דאָס טאַקי געזאָגט דער מוטער... זי האָט באַלד באַקומען אַ תּשובה:

— קוק זי נאָר אָן, וואָס איז אפילו פאַר דודין? קיין קאַטאָוועס נישט! ווער איז זיין מאַמע אונ ווער איז איהר טאַטע? פון וועמען קומט אַרויס איהר מאַמע? זי דאַרף זיך, דאַכט מיר, נאָך וואַשען אין צעהן וואַסערן איידער עס זאָל מיר אָנשטעהן מיך משדך צו זיין מיט איהר. ווען עס זאָל קומען אַ שדכן מיר אָנשלאָגען אַזאַ שידוך, וואָלט ער געעפּענט ביי מיר מיט דעם קאָפּ די טהיר, אונ דו — מיין אייגען קינד, מיין בלוט אונ פליישׁ, האָסט נאָך אַזאַ פּיסקאַטש מיר פאָרצולעגען אַזאַ שידוך. אונ וואָס איז גאָר דיין געשעפט צו זאָגען דעות אויף אַ שידוך? האָסט ב״ה אַ מאַמע ביז הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר, וואָס מען דאַרף איהר, ב״ה נישט פּיקען די צונג, אונ ווייסט וואָס עס שטעהט אָן אונ וואָס נישט.

— מאַמע, איך זאָג דען אַז איך וויל חתונה האָבען פאַר איהם?

— וואָס האָסט דו גאָר צו זאָגען אונ ווער הערט דיך? האָט איהר די מוטער געענטפערט.

פון דעמאָלט אָן האָט זי שוין מיט איהר וועגען דעם נישט גערעדט אונ נישט געפרעגט.

שטיל אָהן ווערטער פלעגט חנה אויסהערען דעם שדכן ווי ער פלעגט רעדען שידוכים, שטיל אָהן ווערטער איז זי אַ כלה געוואָרען, אונ אָהן ווערטער האָט זי חתונה געהאַט.

יאָ, אָהן ווערטער!... חנה האָט אַזוי חתונה געהאַט ווי דער גרעסטער טהייל יודישע טאָכטער האָבען חתונה: מען פרעגט גאָר נישט ביי זיי, זיי ווייסען כמעט נישט ווי מען שפּיעלט מיט זייער לעבען אַזוי גרינג, אַזוי וואָלוועל, פונקט ווי מען פאַרקויפט עטליכע אַרשין ציץ אויף אַ קלייד, מען פיהרט זיי אונ זיי געהען נאָך ווי שאָף, וועלכע געהען אפילו אין פייער אַריין ווען מען פיהרט זיי אַהין.

צו דער חתונה האָט שפּרינצע די מחותנת׳טע נישט געשׁאַלעוועט אונ געדונגען אַ באַזונדערע פוהר אונ איז מיט דער כלה מיטגעפאָהרען קיין בולוואַנאָווקע, נאָר אַזאַ

לוּקסוּס ווִי אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פוּהְר , קען מֶען נָאר אוֹיסְפִּיהְרֶען אֵיין מָאל , ווֶען מֶען אִיז אַ כַּלָה , אָבֶער נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג . ווִי אִיז דָאס גֶעווֶעזֶען פַאר שְׁפְּרִינְצֶעס בַּייטֶעל ?

שְׁפְּרִינְצֶע הָאט זִי גֶעלֶערְנְט טְהוּן ווָאס זִי טְהוּט , ד. ה. ווָאס אַלֶע זְלִידְנִיווְקֶער ווַייבֶּער אוּנ ווַייבְּלֶעךְ טְהוּן : גֶעהֶען צוּ דְרָוואשֶׁען , פָאהְרֶען מִיט טְרַייטְלֶען . נָאר חָאטְשׁ הַאקְט אוּנ בְּרָאקְט זִי , הָאט זִי נָאר גֶעווֵיינְט אוּנ גֶעווֵיינְט , אוּנ נִישְׁט גֶעווָאללְט פָאהְרֶען. דִי מוּטֶער הָאט זִי גֶעזִידֶעלְט , גֶעשָׁאלְטֶען ווִיפִיעל זִי הָאט נָאר גֶעקֶענְט אוּנ אַלֵיין אוֹיךְ גֶעווֵיינְט :

– סְטַייטְשׁ , בַּיי לַייטֶען זֶענִין דִי קִינְדֶער גָאר אַנְדֶערְשׁ , אַ מֵיידֶעל הָאט חַתוּנָה אוּנ ווֵייסְט דֶערְנָאךְ אַלֵיין ווִי זִיךְ צוּ פִיהְרֶען , מֶען דַארְף זִי גָאר נִישְׁט לֶערְנֶען , נָאר בַּיי מִיר , אוּמְשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט , דַארְף זַיין נִיט ווִי בַּיי יוּדֶען . ווָאס אִיז זִי עֶפִּיס אַזַא פִּיצֶעלֶע קִינְד אִיךְ זָאל הָאבֶּען מִיט אִיהר צוּ טְהוּן מִיט אַזוֹינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען ?

נָאר אַז זִי הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין שְׁרַייעֶן אוּנ קֵיין זִידְלֶען , הָאט זִי זִיךְ אוֹיךְ מְיַשֵׁב גֶעווֶעזֶען – ווָארוּם ווִי זָאגְט מֶען : ווָאס טְהוּט דֶען נִישְׁט אַ מַאמֶע פַאר אַ קִינְד ? -- אוּנ הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶערֶעכְנְט , אַז עֶס זָאל אִיהר אוֹיסקוּמֶען צוּ פָאהְרֶען אִין אֵיינֶעם מִיט אִיהר טָאכְטֶער . בֶּערִיל , ווֶעלְכֶער אִיז אִין דֶעם טָאג גֶעבִּיךְ גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין אָהן זַיין שְׁפְּרִינְצֶען אוּנ אָהן זַיין טָאכְטֶער , אִיז זַיי גֶעגַאנְגֶען בֶּעגְלַייטֶען , אוּנ ווִידֶער ווֶער זָאל טַאקִי שְׁפְּרִינְצֶען נָאכְטְרָאגֶען דִי אַלֶע קְלוּמִיקֶעס ווֶען נִיט בֶּערִיל ? ווֶאס אִיז , זִי הָאט דֶען דָאס נִישְׁט פַארְדִיעְנְט בַּיי אִיהר מַאנן ?

– אַ גוּט הֶעלְף אַייךְ ! הָאט זִי גֶעזָאגְט חַייטְשֶׁען , ווֶען עֶס הֶאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט דְרָוואשֶׁעס טְהִיר אוּנ זִי הָאט זִי דֶערְזֶעהן , – אַגוּט הֶעלְף אַייךְ , דְרָוואשֶׁע ! -- טְרַייטִיל פָאהְרְט שׁוֹין בַּאלְד ? אָט אַזוֹי , לִיעבֶּע חַייטְשֶׁע , הָאט כֶען , אַז מֶען ווֶערְט אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער אוּנ מֶען הָאט אַ מַאנן מִיט קִינֶדער ! בֶּערִיל , הָאט זִי זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ אִיהר מַאנן , ווָאס שְׁטֶעהְסְט דוּ ? לֶעג אַנִידֶער דִי קְלוּמִיקְלִיךְ אוּנ גֶעה אַהֵיים , ווֶער ווַייסְט ווָאס עֶס טְהוּט זִיךְ שׁוֹין אִין דֶער הֵיים אָהן מִיר ? . . .

בֶּערִיל הָאט אָהן ווָארְטֶער אַוֶועקְגֶעלֶעגְט דִי קְלוּמִיקְלֶעךְ אוּנ אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען .

– אַזוֹי. אִיז אַז מֶען ווֶערְט, הָאט שְׁפְּרִינְצֶע ווַייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען – אִימְשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט, גָאטְט זָאל מִיךְ נִישְׁט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד , אַז מֶען ווֶערְט אַ בַּעַל בַּיִת־טֶע , אֵיידֶער מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּב ! דָאס דַארְף מֶען אָנְזָאגֶען , יֶענְץ דַארְף מֶען טְהוּן . אוֹי , אַ דוּנֶער הָאט מִיךְ , אוֹיף מַיינֶע שׂוֹנְאִים גֶעזָאגְט , דֶערשְׁלָאגֶען , אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר פַארְגֶעסֶען ! אִיךְ מִיט אַייךְ , לִיעבֶּע חַייטְשֶׁע , מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע גוּטֶע פְרַיינְד אוּנ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאלִין אַזוֹי פַארְגֶעסֶען אָן בֶּאז ווִי אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסֶען . . . בֶּערִיל ! בֶּערִיל ! הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן אוּנ אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפֶען אִיהם צוּרִיקְרוּפֶען , נָאר בֶּערְלִין הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהן , אוּנ זִי הָאט זִיךְ צוּרִיק אוּמְגֶעקֶעהְרְט :

– אָט , אִימְשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט , דֶער קָאפּ אִיז מִיר אַזוֹי פַארְשְׁלָאגֶען אַז אִיךְ הָאבּ גָאר פַארְגֶעסֶען אוּנ אִיהם הָאט עֶס שׁוֹין אַוֶועקְגֶעטְרָאגֶען , טָאמֶער ווֵייסְט אִיהר ווָאס עֶר

הָאט קיין צייט נִישְׁט ? זײַנֶע גֶעשֶׁעפְטֶען זֶענֶען קיין קַאטָאוֶועס נִישְׁט, אִיהר ווייסְט דָאךְ, לִיעבֶּע חַייטְשֶׁע – אִיהר זָאלְט מִיר גֶעזוּנְד זַיין – וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן אִיהם ? חָלֶעבֶּען, עוֹלָם הַבָּא וֶועל אִיךְ אַזוֹי אוֹיךְ הָאבֶּען, ווייל וָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹינְס גֶעזִינְדִיגְט פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג ? . . . אוֹי, אַ דוּנֶער הָאט מִיךְ דֶערְשְׁלָאגֶען! אִיךְ וָואלְט נָאךְ פָּארְט גֶעלָאפֶּען אַהֵיים, אָדֶער גֶעשִׁיקְט מַיין חַנָה־לֶע, אִיךְ זָאל וִויסֶען אַז ר׳ טְרֵייטִיל וֶועט נָאךְ אַזוֹי גִיךְ נִישְׁט פָאהרֶען.

– וָואס הָאט אִיהר דֶען אַזוֹינְס פַארְגֶעסֶען אִין דֶער הֵיים ? הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט חַייטְשֶׁע.

– וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסֶען ? אִיהר גֶעדֶענְקְט דָאךְ דֶעם הָאן וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם פַאר פִּיערְוָואכֶענְדִיגֶען יְרִיד גֶעקוֹיפְט בַּיי דֶער עֲרֵלִית, אִיהר הָאט אִיהם דַאכְט זִיךְ אוֹיךְ גֶעדוּנְגֶען, חָלֶעבֶּען עֶס וואוּנְדֶערְט מִיךְ וָואס אִיהר הָאט נִישְׁט פְּרִיבַּאווִיט צְוֵויי גְרָאשֶׁען, וָואלְט אִיהר אִיהם גֶעוֶועזֶען גֶעקוֹיפְט, אִיהר זָאלְט אִיהם הַיינְט אָנְקוּקֶען וָואלְט אִיהר אִיהם גָאר נִישְׁט דֶערְקֶענְט; עֶר וֶועט אִין דֶער טְהִיר נִישְׁט אַרַיין, אוּנ אִיךְ הָאבּ גָאר פַארְגֶעסֶען אַז אִיךְ דַארְף אִיהם הַיינְט שֶׁחְטֶען, עֶר הָאדֶעוֶועט זִיךְ שׁוֹין בַּיי מִיר זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג טָאג, אוּנ דָא הָאבּ אִיךְ נָאךְ פַארְגֶעסֶען צוּ פַארְבִּינְדֶען דֶעם זַאק פְּרָאסֶע, וֶוער ווייסְט צוּ אִיךְ וֶועל אִיהם גָאר נָאךְ טְרֶעפֶען, אַז מִיר וֶועלֶען בְּשָׁלוֹם קוּמֶען צוּרִיק, חָלֶעבֶּען אַ שָׁאד, דָאס הַארְץ ווייְנְט מִיר אַז אִיךְ דֶערְמַאן מִיךְ . . . עֶר קָאסְט מִיךְ שׁוֹין בְּוַודַאי – אִיךְ ווייס גָאר נִיט ווִיפִיעל. אוּנ ווִידֶער דִי שַׁבָּת־דִיגֶע שִׁיסֶעל, וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ בִּירוּשָׁה פוּן מַיין מַאמֶען, זִי זָאל הָאבֶּען דֶעם לִיכְטִיגֶען גַן עֵדֶן, וָואס זִי הָאט מִיר דֶערְצֶעהלְט אַז וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז גֶעפָאהרֶען קיין בְּרָאד, הָאט עֶר פַאר אִיהר בַּאצָאהלְט אַ זִילְבֶּערְן קֶערְבִּיל, הַיינְט אִיז זִי גֶעווֹים וֶוערְטְה . . .

דָאס פְרֶעמְדֶע ווייבֶּעל, וֶועלְכֶע אִיז דִי גַאנְצֶע צייט גֶעזֶעסֶען אָן אַ זַייט אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אַלְץ וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶערֶעדְט, הָאט זִיךְ פַּאוָאלִי צוּגֶערוּקְט גֶעהֶנְטֶער אוּנ זִיךְ פְּלִיצִים אָנְגֶערוּפֶען:

– אִיךְ בִּין אַ פְרֶעמְדֶע, אִיךְ הֶער אַלְץ וָואס אִיהר רֶעדְט. אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן קיין גַאנְץ גְרוֹיסֶער שְׁטָאדט, נָאר פָּארְט נִישְׁט אַזַא קְלֵיינְשְׁטֶעטֶעלְדִיגֶע ווִי אַ זְלִיךְ־נִיוֶוקֶער, אִיהר זָאלְט מִיר מוֹחֵל זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער, אִיךְ הֶער אַלְץ ווִי אִיהר רֶעדְט פוּן דֶעם הָאן אַז אִיהר הָאט אִיהם גֶעהַאנְדֶעלְט אַ מְצִיאָה . . .

– מֶען זָאל אִיהם נָאר הַיינְט בַּיי מִיר נִישְׁט פַארְגֶעסֶען צוּ שֶׁחְטֶען. וָואלְט עֶר טַאקִי גֶעוֶועזֶען אַ מְצִיאָה וָואס קֶען זַיין וָועלְוֶועלֶער פוּן צְוֵויי אוּנ פֶערְצִיג גְרָאשֶׁען אַ הָאן ?

– אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי יוּדִישֶׁע כָּשֵׁרָה מְצִיאוֹת וָואס קָאסְטֶען שְׁטֶענְדִיג אַ כַּךְ טְהַייעֶרֶער אוּנ מֶען הָאט קיין מָאל פוּן זֵיי קיין הֲנָאָה נִישְׁט. אִיךְ בִּין אוֹיךְ ב״ה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְזִינְדִיגֶען, אַ בַּעַל בַּיִת־טֶע בִּיז הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר, אִיךְ פְּלֶעג אוֹיךְ אַזוֹי מֵיינֶען, נָאר אִיךְ הָאבּ מִיט מַיין מַאנן זָאל לֶעבֶּען אַ צַייט גֶעלֶעבְּט אִין אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאדט, הָאבּ אִיךְ מִיר אִיבֶּערְצֵייגְט. אַז דִי אַלֶע יוּדִישֶׁע מְצִיאוֹת קָאסְטֶען אוּנְז אַ סַך טְהַייעֶרֶער. אָט וֶועל אִיךְ אַייךְ ווייזֶען וָואס אוּנְז,

יודישע ווייבער, קאסט א האן, ווייל אין דער אֱמֶת צוויי און פערציג גראשען א האן. וואס קען נאך זיין וועלוועלער? נאר לאמיר זעהען וואס קאסט אונז אזא האן: ווען קויפט אַ יודישע טאכטער אַ האן? נאר אז עס איז אַ יריד, אדער אַ מארקטאג, ווייל אין אַ פּשוטען טאג, ווי וועט זי קענען קויפען אַ מציאה? אין אזא טאג געהט אַ יודישע בעל־בית־טע ארוים, דינגט ביי דעם ביי יענעם גוי, איינע זוכט אויסצודינגען ביי דער אנדערער, עס קומט צו מחלוקת, מען זידעלט זיך, ביז מען האנדעלט אויס די מציאה און מיט גרוים בהלות ברענגט מען זי אהיים. — איצט הייבט זיך אן די דאגה מיט האדאווען, עס טהוט זיך חושך אז די דיעזסט פארגעסט צו דער צייט דעם האן צו געבען פראסע. און וועניגסטען מוז מען דעם האן האדאווען חאטש דריי וואכען, אט אין דער צייט וואס טהוט ער נישט איבער! ווי צוברעכט ער נישט עטליכע גלאזער, טעלער, אַ פּאר שיסלען, אַ צוויי שויבען און נאך אנדערע שטוב זאכען; היינט ווי צו סקאליטשעט ער נישט עטליכע קינדער! אויסער דעם פארגעסט נישט אז איבער איהם קען קיין מאל נישט זיין אין שטוב אויפגערוימט, חוץ וואס ער טהוט אן אנדערע צרות דער בעל־בית׳טע, ווי למשל, אז ער פארשמירט אַ בלאט לאקשען, אדער ער לאזט ביי נאכט נישט שלאפען. בארעכענט נאך דעם וואס די מציאה קאסט אייך. פאר וועלכער איהר האט טאקי נישט מעהר געצאהלט ווי צוויי און פערציג גראשען!

שפרינצע און די איבריגע ווייבער וועלכע האבען אין דער צייט וואס דאס פרעמדע ווייבעל האט גערעדט, זיך געהנטער צוזאמען גערוקט, האבען איצט פארצויגען די מיילער, אונמעגעשפארט זיך מיט דער רעכטער האנד, געמאכט רחמנות פנימער. שפרינצע האט מיט אַ פארוויינט פרום פנים זיך אנגערופען:

— איז עס דען נישט אזוי? יודען געפינען זיך אין גלות און יודישע טאכטער וועלען פארשווארצט, אז אפילו פון אַ האן וואס זיי קויפען אין שטוב אריין, האבען זיי אויך צרות. ביי קריסטען וואס האבען אפשר פערציג האהנער, הונדערט היהנער און פיעל אנדערע עופות, איז גאר נישט, ביי זיי דרעהען זיך די עופות שטענדיג ארום אויף דער גאס, ארום דער שטוב, און וועלען נישט פערפאלען, זייער עסען קאסט זיי קיין געלד נישט, זיי געפינען זיך דאס עסען אויף דער גאס, נאר ביי יודען — מען זאל נישט זינדיגען מיט די רייד — אז מען דארף האבען אַ האן אויף שבת, טהוט זיך אויף טיש און אויף באנק, עס קאסט געלד, מען לויפט זיך אן אַ גאנצען טאג, מען עסט נישט, מען טרינקט נישט, מען קויפט איהם אויף צו האדאווען, קאסט ווייטער געלד, מען מוטשעט זיך נאר אן און מען האט קיין מאל קיין הנאה נישט, נאר וואס האבען מיר זיך צו קלאגען פאר דעם וואס לעבט אייביג? יודען זענען שוין אין גלות פון אזוי פיעל יאהרען. נאך ווען דער בעל שם — ער זאל פאר יודען זיין אַ גוטער מליץ, זיין זכות זאל אויף אונז מגין זיין — האט געלעבט, זענען שוין יודען געוועזען אין גלות און יודישע טאכטער זענען שוין פארשווארצט געווארען. היינט וואס האבען מיר, זינדיגע ווייבער, איצטער צו רעדען. מסתמא הייסט גאט אזוי, מוזען מיר אננעמען פאר ליעב פון זיין ליעבען נאמען, ווארום מסתמא זענען מיר אזוי ווערט . . .

שְׁפְּרִינְגְּצְע הָאט נָאךְ זִי וָוארְטֶער גֶענוּמֶען דָאס טִיכֶעל צוּ דִי אוֹיגֶען אוּנ גֶעטְהוּן אַ גְרוֹיסֶען זִיפְץ, אַלֶע ווייבֶּער הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ גֶעווִישְׁט דִי אוֹיגֶען, דִי הָאט אַ קְרֶעכְץ גֶעטְהוּן, דִי אַ זִיפְץ אוּנ אַ חְלִיפּ. נָאר דָאס פְרֶעמְדֶע ווייבֶּעל הָאט זִיךְ קֵיין אָרְט נִישְׁט גֶעפוּנֶען אוּנ אַלֵיין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְהוּן, עֶטְלִיכֶע מָאל הָאט זִי זִיךְ גֶעפְּרִיוְוט עֶפִּיס זָאגֶען אוּנ פָּארְט נָאר נִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶפִּיס הָאט עֶס אִיהר נִישְׁט גֶעפַּאסְט, זִי הָאט זִיךְ ווִי גֶעשֶׁעמְט, נָאר עֶנְדְלִיךְ הָאט זִי אוֹיךְ אַ קְרֶעכְץ גֶעטְהוּן.

וָואס זִי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם קְרֶעכְץ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֶעהְן, נָאר גֶעווִיס אִיז אִיהר קְרֶעכְץ נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער אֵייגֶענֶער וָואס בַּיי שְׁפְּרִינְצֶען אוּנ בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע ווייבֶּער.

VI.

טְרַייטִיל גֶעוֶועלְטִיגְט.

– אַלֶע ווייבֶּער זֶענִין שׁוֹין דַאכְט זִיךְ דָא אוּנ מֶען פָּאהְרְט נִישְׁט, אִיז אַרַיין ווִי אַ שְׁטוּרֶם חַיִים גֶעצִים טָאכְטֶער, יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס ווייב, דִי אֵיינֶעגֶע וָואס אִיז שׁוֹין פְרִיהֶער גֶעוֶוען, הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָאס קְלוּמֶעקִיל, גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען פָּאהְרְט בַּאלְד, אוּנ דֶערְוַויִיל עֶרְגִיץ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, דָאסְזֶעלְבֶּע ווייבֶּעל אוֹיף וֶועלְכֶער טְרַייטִיל הָאט גֶעזָאגְט דְוָואשֶׁען, אַז אַזַא גָאלְד וֶועט עֶר גֶעמֶען אוּמְזִיסְט נָאר אָהְן פוּהְרְגֶעלְד.

– וואוּ אִיז טְרַייטִיל אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט גֶעוָוארֶען? הָאט זִי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט.

– עֶר אִיז מִסְתָּמָא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּם וָואגֶען, עֶר וֶועט מִסְתָּמָא בַּאלְד קוּמֶען, אָט נֶעהְט עֶר טַאקִי שׁוֹין...

– אַ, הַא! אִיז אַרַיין טְרַייטִיל מִיט דֶער בַּייטְשׁ, זֶענִין שׁוֹין דָא אַלֶע ווייבֶּער?

– שׁוֹין דָא, שׁוֹין דָא, אוּנ אִיהר קְלוֹיבְּט זִיךְ נָאךְ, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס ווייב.

– אוֹי נֵיין, אִיךְ זֶעה נָאךְ נִישְׁט אַלֶע.

– עֶס אִיז אַייךְ קַארְג דִי וֶועלְט, אָט וַוארְף אִיךְ אַייךְ גָאר אַוֶועק,

– חֶע, חֶע, חֶע, הָאט טְרַייטִיל זִיךְ צוּלַאכְט, אַזַא גָאלְד ווִי דוּ וֶועט מִיךְ אַוֶועקְוַוארְפֶען? מִיט וֶועמֶען וֶועסְט דוּ פָאהְרֶען? סַיידֶען דוּ בִּיזְט שׁוֹין גֶעוָוארֶען אַזַא פְרוּם ווייבֶּעל אַז צוּ לִיעבּ אַ מִצְוָה ווִילְסְט דוּ גֶעהְן צוּ פוּס – ווִי מַיין בָּאבֶּע צִירְל דִי צַדֶקֶת פְלֶעגְט טְהוּן. –

– זָארְגְט זִיךְ נִישְׁט פַאר מִיר. צוּ אִיךְ וֶועל גֶעהְן אָדֶער פָאהְרֶען, דָאס אִיז שׁוֹין מַיין זַאךְ. לָאמִיר בֶּעסֶער גִיכֶער פָאהְרֶען, אַלֶע ווייבֶּער זֶענִין שׁוֹין דָא אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט פְרִיה.

– חֶע, חֶע, חֶע! וֶוער דֶען זָאל פַאר דִיר זָארְגֶען, נְשָׁמָה מַיינֶע, וֶוען נִישְׁט אִיךְ? נָאר אִיךְ ווִילל זִיךְ מִיט דִיר נִישְׁט קְרִיגֶען, בַּאלְד וֶועלֶען מִיר אִיבֶּערְצֶאהְלֶען, נָא אֵיךְ

וָעל אָנְהֵייבֶּען פון דיר — גַיין נִישְׁט פון דיר, דיך רָעכְען איך נִישְׁט פַאר־קיין פַארְשׁוין, דו בִּיזְט דָאךְ גָאר אַ גָאלְד, אַ נְשָׁמָה.

טְרַייטִיל הֵייבְּט אָן צו צֶאהלֶען פון אֵיין אַנְדֶערֶער:

— נִיט אֵיינְס, נִיט צְווֵיי... נִיט פִינְף... נִיט זִיבֶּען... נִיט נַיין, רָנָא אונ דִיךְ, דְוָואשְׁקֶעלֶע, אויךְ רֶעכֶענֶען, וָוארום עֶס אִיז קַארְג פַארְשׁוינֶען; וואו אִיז פַּייוִויש, עֶר אִיז נָאךְ נִיט דָא, אַ פָּנִים, עֶס אִיז נָאךְ פְרִיה אונ דו, גָאלְד, בֵּייזֶערְסְט זִיךְ נָאךְ!

— גֶעה שׁוין, גֶעה, אַלְטֶער לֵץ, הָאט זִיךְ אָנְגֶערופֶען דְוָאשֶׁע, פַּייוִויש וֶועט שׁוין מִסְתָּמָא בַּאלְד קוּמֶען.

— אַ! צֶאהלֶען זָאל מֶען שׁוין אַייךְ דִי יָאהרֶען, אַלְטֶער הונְד, הָאט זִיךְ אָנְגֶערופֶען יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס ווייב, נָא, אונ אִיךְ דִי צֶעהנְטֶע — אִיז אַייךְ קַארְג?

— חֶע, חֶע, חֶע! מִיט צֶעהן ווַייבֶּער וֶועל אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט הָאבֶּען וואו זִיךְ אָנְצוּשְׁפַּארֶען אַז אִיךְ וֶועל וֶואלֶען דְרוּמְלֶען אִין וֶועג.

— אוי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! עֶס זָאל זִיךְ נָאר פון אַייךְ אַזוֹי אַלֶע טָאג צַאפֶּען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט דָאס בְּלוּט, וִוי אִיהר צַאפְּט עֶס פון אונְז, הָאט ווַייטֶער גֶעזָאגְט יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס ווַייב.

— נָא, נָא, בֵּייזֶער זִיךְ נִישְׁט, מַיין טְהַייעֶר גִינְגָאלְד, אָט הָאסְט דו שׁוין גֶעוָואלְט אַוֶועקפָּאהרֶען אונ צו אונְז גֶעהט מֶען נָאךְ, אָט זֶעה דורְכ׳ן פֶענְסְטֶער וִוי מֶען גֶעהט צו אונְז.

טְרַייטִיל קוּקְט עֶטְלִיכֶע מִינוּט דורְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער אונ צולַאכְט זִיךְ פְּלוּצִים שְׁטַארְק:

— יָא, יָא, חְלֶעבֶּען צו אונְז... טְרֶעפְּט וֶוער? חֶע, חֶע, חֶע! קוים זִיךְ דֶערְלֶעבְּט... אַלֶע ווַייבֶּער ווַארְפֶען זִיךְ צום פֶענְסְטֶער אונ דְוָואשֶׁע אויךְ.

— אַ מַאנְסְבִּיל...; הָאבֶּען זֵיי גֶעזָאגְט.

— יָא, חְלֶעבֶּען, עֶר... חֶע, חֶע, חֶע, הָאט זִיךְ טְרַייטִיל אונ דֶערְנָאךְ דְוָואשֶׁע צולַאכְט.

— עֶר, וִוי אִיךְ בִּין אַ יוּד, גָאדֶעל גָאנְטֶע, גָאדֶעל מוּזְשִׁיק, וִוי אַזוֹי רוּפְּט מֶען אִיהם דָארְט נָאךְ?...

אֵיינִיגֶע ווַייבֶּער הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁמֵייכְלֶען אונ גֶעפְרֶעגְט:

— וֶוער עֶר? דֶער קַמְצָן, דֶער סְקְרַיאַגֶע.

— וֶוער עֶר? דֶער מוּזְשִׁיק, וָואס פַאר אַ גְרָאשֶׁען וָואלְט עֶר זִיךְ מִיט ווַייב אונ קִינְדֶער אויפְגֶעהָאנְגֶען?

— וָואס עֶר? וָואס פַאר פִינְף יָאהרֶען אַז דָאס ווַייב אִיז בַּיי אִיהם גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאךְ אַמָאל חַתוּנָה הָאבֶּען, עֶר זָאל נִישְׁט מֶעהר זַיין קֵיין בַּעַל הוֹצָאָה?

— אָט דֶער סְקְנָיאר וָואס עֶסְט פַארְשִׁימֶעלְט בְּרוֹיט אונ דִי קֶערְבְּלֶעךְ שִׁימְלֶען בַּיי אִיהם!

– אִיךְ וֵייס נָאךְ וָואס עֶר גֶעהט, הָאט זִיךְ טְרַייטִיל אָנְגֶערוּפֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאבְּגֶעבְּרַאכְט דָאס נַייֶע וַוייבּ! דְוָואשֶׁע! דוּ זָאלְסְט זִיךְ אִיצְט נִישְׁט מִישֶׁען, דָא וֶועט זַיין אַ פֶּעט בֵּיינְדֶעל. אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז הַיינְט מָארְגֶען וֶועט עֶר מוּזֶען אָנְקוּמֶען צוּ מִיר...

בַּיי דִי רֵייד הָאט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר אוּנ גַאנְץ פַּאוָואלֶיע מִיט גֶעצֶאהלְטֶע טְרִיט הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶערוּקְט אַ קְלַיין יוּדֶעל, נָאר בֶּאֱמֶת אַ פֶּעטס, מִיט אַ גְרוֹיס פַּארְשְׁמַאלְצֶעוִויט הִיטֶעל מִיט אֵיין אַלְטֶען דַאשִׁיק, אַ קַאפָּאטֶע, אָבְּגֶעבְּלַיאקִיוִויט פוּן דֶעם רֶעגֶען אוּנ אָבְּגֶעריבֶּען פוּן דִי טַאפְּשַׁאנִים אִין דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס, פַּארְשְׁפִּילִיט אוֹיף גְרוֹיסֶע זֶעקְס בֵּיינֶערְנֶע קְנֶאפּ פוּן אַלֶערְלֵיי קָאלִירֶען, דֶעם הַאלְז פַּארְבּוּנְדֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶער פַּאטְשֵׁיילֶע מִיט צְוֵויי קְנִיפֶּען, אִין דֶער הַאנְד הָאט עֶר גֶעהַאלְטֶען אַ גְרָאבֶּען סָאסְנָאוֶוע אָבְּגֶעפַּארְבְּטֶען שְׁטֶעקֶען מִיט אַ אָבְּגֶעהִיבְּלִיוִויטֶען וַוייסֶען הִילְצֶערְנֶעם קְנָאפּ; פוּן דִי הִינְטֶערְשְׁטֶע צְוֵויי קֶעשִׁינִים הָאבֶּען אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעקְט צְוֵויי גְרוֹיסֶע צִיצֶענֶע נָאז־טִיכְלֶעךְ, אַלְטֶע אוּנ שְׁטַארְק פַּארְשְׁמָאלְצִיוִויטֶע. זַיין פָּנִים הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן פַּארְזָארְגְט אוּנ אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט, אַזוֹי אַז טְרַייטִיל אוּנ דִי וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעקָאנְט, הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר פַּארְוואוּנְדֶערְט אוֹיף זַיין פַּארְזָארְגְט רַחֲמָנוֹת פָּנִים, דֶען זֵיי הָאבֶּען אִיהם גָאר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַאר אַזַא טְרוֹירִיגֶען אוּנ פַּארְשְׁוִויגֶענֶעם.

– אַ גָאטט הֶעלְף דִיר, טְרַייטִיל, וָואס מַאכְסְט דוּ עֶפִּים דְוָואשֶׁע? הָאט עֶר גֶע־זָאגְט אַוֶועק שְׁטֶעלֶענְדִיג דֶעם שְׁטֶעקֶען אִין דֶער זַייט אוּנ הָאט זִיךְ פַּאוָואלִי אַרָאבּ גֶעלָאזְט אוֹיף דֶעם בַּאנְקְבֶּעטֶעל, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבֶּען דֶעם אַיינְצִיגֶען טִישֶׁעל. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶס גֶעהט אַייךְ נִישְׁט קָשֶׁה, נָא, אַ דַאנְק גָאט, עֶס פְרֵייט מִיךְ חְלֶעבֶּען זֶעהר, פַאר וָואס נִישְׁט? אַ מֶענְשֶׁען דַארְף טַאקִי אֵייבִּיג נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט. וָואס זֶעהט מֶען דִיךְ עֶפִּים נִישְׁט, טְרַייטִיל? אַז דוּ פָּאהֶרְסְט אַמָאל פַאר מַיין גָארֶעלְנֶיע, פַאר וָואס זָאלְסְט דוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעהֶען? חְלֶעבֶּען דוּ וָואלְסְט דִיךְ נִישְׁט גֶענַארְט, צְוֵויי פְלֶאשְׁלֶעךְ סְפִּירְט וָואלְסְט דוּ שׁוֹין גֶעהַאט.

אַלֶע צִיהֶען מִיט דִי פְלֵייצִים אוּנ וואוּנְדֶערְן זִיךְ וָואס גָאדֶעל גָאנְטְט אִיז אַזַא מִילְדֶער גֶעוָוארֶען. טְרַייטִיל קֶען אִיהם אָבֶּער גוּט אוּנ מַאכְט זִיךְ וִוי נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעהֶענְדִיג.

– עֶט, וִוי קוּם אִיךְ צוּ אַייךְ? הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען. אִיהר זֶענְט אַ גְבִיר, פוּן אַייגֶענֶע פָּאדְוַואלֶען פוּן בְּרָאנְפֶען אוּנ הַייזֶער, אַ סַךְ גֶעלְד, אוּנ אִיךְ בִּין נִיט מֶעהר חַיי אַ בַּעל עֲגָלָה.

– חְלֶעבֶּען, הָאט גָאדֶעל גֶעעֶנְטְוֶוערְט מִיט אַ רַחֲמָנוֹת פָּנִים, דוּ הָאסְט אַ טָעוּת, טְרַייטִיל, דִי צַייט אִיז זֶעהר שְׁלֶעכְט, אַוֶועקְגֶעהן גֶעהט אַ סַךְ, אוּנ אִיךְ בִּין גָאר נִישְׁט אַזַא גְבִיר וִוי דוּ מֵיינְסְט, מֶען קֶען זֶעהן דֶערְפוּן וָואס פַאר אַ מַלְבּוּשִׁים אִיךְ טְרָאג. גְלֵייבּ מִיר אִיךְ זָאל זַיין אוּם שְׁטַאנְד, וָואלְט אִיךְ שָׁאנֶער גֶעגַאנְגֶען, וֶוער וִוילל רֶען נִישְׁט גֶעהן שֶׁאן אוּנ לֶעבֶּען שֶׁאן? נָאר וָואס זָאל אִיךְ פָּארְט טְהוּן אַז דִי צַייט אִיז, אוֹיף מַיינֶע שׂוֹנְאִים גֶעזָאגְט, אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אַז אֵיין גָאטט וֵוייסְט נָאר אוּנ עֶר זָאל זִיךְ טַאקִי מְרַחֵם זַיין?

גָאדֶעל הָאט בַּיי דִי וֶוערְטֶער גֶעמַאכְט אַ זוֹיֶער פָּנִים. אַז אַלֶע הָאט זִיךְ אוֹיס־

גֶעוויזֶען אַז ער ווייזט פַאר נויט. אייניגע ווייבער הָאבֶּען אֲפִילוּ אַ קְרֶעכְץ גֶעטְהוּן, נָאר אַנְדֶערֶע הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר גֶעווּאוּנְדֶערְט וָואס גָאדְלֶען אִיז פְּלוּצִים גֶעוָוארֶען אַזוֹי שְׁלֶעכְט, דֶען וֶוער ווייסְט נִישְׁט — דַאכְט זִיךְ אַז אֲפִילוּ אַ קִינְד ווייסְט — אַז גָאדֶעל גָאנְטָא אִיז פוּל אָנְגֶעשְׁטָאפְּט מִיט קֶערְבְּלֶעךְ. נָאךְ מֶעהר הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט וָואס ער אִיז פְּלוּצִים גֶעקוּמֶען זִיךְ אויסרֶעדֶען זַיין בִּיטֶער הַארְץ פַאר טְרַייטְלִין.

נָאר טְרַייטִיל הָאט גָאדֶעל גָאנְטָא גוּט גֶעקֶענְט, אוּנ פַארְשְׁטַאנֶען נָאךְ וָואס ער אִיז אִיצְט גֶעקוּמֶען אוּנ מַאכְט אַ קְרוּם פָּנִים — אַז ער מֵיינְט נָאר עֶס זָאל אִיהם קָאסְטֶען וָועלְוָועלֶער.

אַ צַייט הָאבֶּען אַלֶע גֶעשְׁווִיגֶען, עֶנְדְלִיךְ הָאט טְרַייטִיל גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט פְּרִיה, הָאט ער זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען:

— וִוי קוּמְט צוּ אוּנְז אַזַא גַאסְט, ר׳ גָאדֶעל?

— עֶט, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז מַיין ווייבּ, מְחִילָה, דַארְף פָאהרֶען קֵיין בּוּלְוַואנָאווְקֶע.

— נָא, מְהֵיכִי תֵּיתִי, ר׳ גָאדֶעל, פַאר וָואס נִישְׁט? אוֹיף מַיין פוּהְר אִיז ב״ה שְׁטֶענְדִיג דָא פְּלַאץ.

— דוּ זָאגְסְט אַז עֶס אִיז בַּיי דִיר דָא אִיבֶּערִיג פְּלַאץ, וֶועל אִיךְ זִי בַּאלְד שִׁיקֶען, אוּנ דוּ וֶועסְט שׁוֹין הָאבֶּען אַ גוּטֶע פְּלַאשׁ סְפִּירְט שַׁבָּת אוֹיף קִידוּשׁ.

— וָואס טוֹיג מִיר אַייעֶר קִידוּשׁ! אִיהר גִיט מִיר נָאר אֵיין פִּינְפֶערִיל, אוּנ אַז אִיךְ וֶועל דַארְפֶען קִידוּשׁ וֶועל אִיךְ בַּיי אַייךְ קוֹיפֶען.

— אִי טְרַייטִיל, הָאט גָאנְטָא מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶערִיל אִיהם אַ קְלַאפּ גֶעטְהוּן אִיבֶּער דִי פְּלֵייצֶעס, דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָאר אַ סוֹחֵר גֶעוָוארֶען! נָאר פָאלְג מִיךְ טַעֲנָה נִישְׁט אַ סַךְ מִיט מִיר, מִיר וֶועלֶען זִיךְ מִסְתָּמָא נִישְׁט קְרִיגֶען אוּנ זִיךְ אויסגְלַייכֶען, מִיר זֶענֶען תָּמִיד גֶעוֶועזֶען גוּטֶע בְּרִידֶער.

— אֱמֶת, נָאר הַאנְדֶעלְשַׁאפְט מִיט בְּרִידֶערְשַׁאפְט קֶעהר זִיךְ גָאר נִישְׁט אָן...

— עֶ, טְרַייטִיל, דוּ בִּיזְט דָאךְ טַאקִי אֵיין עַקְשָׁן?

— גָאר נִישְׁט קֵיין עַקְשָׁן, אַז אִיהר וֶועט גֶעבֶּען פִינְף קֶערְבְּלֶעךְ אִיז גוּט, אַז נִיט מֶעג זִי זִיצֶען אִין דֶער הֵיים, אָדֶער דִינְגְט אִיהר אַ „נַארָאטְשְׁנִי" פוּהְר.

— אַ „נַארָאטְשְׁנִי" פוּהְר קָאסְט אַ סַךְ גֶעלְד אוּנ ווידֶער אַ יוּדֶענֶע אַלֵיין — וָואס, וֶוער אוּנ וֶוען? אוּנ ווייטֶער דִי שְׁטָאדְט טְרַאכְט אוֹיס אוֹיף מִיר אִיךְ ווייס אַלֵיין נִישְׁט וָואס. וָואס וֶועט מֶען נָאךְ זָאגֶען אַז זִי וֶועט נִישְׁט פָאהרֶען מִיט דִיר, גְלַייךְ מִיט אַלֶע ווייבֶּער? אִיךְ בִּין פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אַריינְגֶעגַאנְגֶען, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ קֶערְבֶּעל מְהֵיכִי תֵּיתִי, אַז נִיט — דַארְף מֶען נִיט.

— מִיר אַארְט בְּוַודַאי נִישְׁט, אַז ווִיבַּאלְד אִיהר דַארְפְט נִישְׁט, נָאר אִיךְ — ווִינְצִיגֶער פוּן פִינְף קֶערְבְּלֶעךְ וֶועל נִיט נֶעמֶען, אֱמֶת עֶס אִיז טַאקִי אַבִּיסֶעל טְהַייעֶר, נָאר וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט פוּן אַייךְ אִין דִי פִינְף יָאהר זַייט אַייעֶר ווייבּ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען?

— אַ גוּטֶען טָאנ, טְרַייטִיל, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מִיר וֶועלֶען זִיךְ אויסגְלַייכֶען, נָאר

אַז דוּ ווילְלְסְט נִישְׁט דאַרְף מֶען נִישְׁט. אִיבְּרִיגֶענְס צְוֵויי קֶערְבְּלֶעךְ גִיבּ אִיךְ דִיר, כְּדֵי מִיר זָאלֶען זִיךְ נִישְׁט מֶעהר דִינְגֶען. אַגוּטֶען טָאג, טְרַייטִיל!

אוּנ גָאדֶעל גָאנְטָא אִיז זִיךְ אַװעקְגֶעגַאנְגֶען.

– עֶר וֶועט ווערֶען בֶּעסֶער – הָאט טְרַייטִיל גֶעזָאגְט, הָאט אִיהר גֶעזֶעהן אַזַא קַמְצָן, אַזַא סְקְנָיאר!

עֶס אִיז טַאקִי אַזוי גֶעוֶוען, גָאדֶעל הָאט זִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאל אוּמְגֶעקֶעהרְט, זִיךְ וַוייטֶער גֶעדוּנְגֶען, גֶעוויינְט אַז עֶר אִיז אַיין אָרִימְמַאנן, עֶר קֶען מֶעהר נִישְׁט גֶעבֶּען, צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶעמוּזְט גֶעבֶּען פִיער קֶערְבְּלֶעךְ, נָאר שוֹין מִיט טְרַייטִילְס אַלֶע הוֹצָאוֹת.

– עֶס אִיז נִיט מַיין עֵסֶק, הָאט גָאדֶעל גֶעזָאגְט בַּיים עֶנְדִיגֶען, אִיךְ גִיבּ אַייךְ שוֹין פִּיער קֶערְבְּלֶעך, נָאר מֶעהר זָאל מִיךְ נִישְׁט קָאסְטֶען אַ קָאפִּיקֶע.

*

דֶער וַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פַּייוִויש

– נָא, עֶס אִיז נָאךְ עֶפִּיס דָא פַּארְשׁוּינֶען? הָאט אִיהם טְרַייטִיל גֶעפְרֶעגְט.

– אִיךְ וַויים? מֶען דַארְף גֶעהן גֶעוָואר ווערֶען.

– נָא, גֶעה זְשֶׁע גִיכֶער אוּנ זוּךְ, וַוייל עֶס אִיז שוֹין נִישְׁט פְּרִיה אוּנ נִישְׁט אַלֶע פַּארְשׁוּינֶען זֶענִין דָא.

פַּייוִויש אִיז בַּאלְד אַװעקְגֶעגַאנְגֶען.

יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס וַוייבּ אִיז אוּנְטֶערגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פַאר כַּעַס, טְרַייטִיל הָאט דָאס בֶּעמֶערְקְט אוּנ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען:

– אָט גֶעה אִיךְ נָאר אַהֵיים עֶפִּיס נֶעמֶען אִין מוֹיל אַרַיין, מֶען אִיז דָאךְ מֶעהר נִישְׁט וִוי אַ מֶענְשׁ. וִוי זָאגְסְט דוּ, מַיין טְהַייעֶרְס? וִוי זָאגְסְט דוּ, דְוָואשֶׁע? מֶעג אִיךְ עֶפִּיס נֶעמֶען אִין מוֹיל אַרַיין? נָא אוּנ מַיין „קארֶע" מִיט דֶעם „לִיסֶע" דַארְף מֶען אוֹיךְ עֶפֶּעס גֶעבֶּען, זַיי זֶענֶען דָאךְ פָּארְט גָאטְס בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען. אֵיידֶער אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּרִיק, אֵיידֶער זַיי ווֶעלֶען הָאבֶּען-אָבְּגֶעגֶעסֶען, וֶועט שוֹין פַּייוִויש גֶעוִויס קוּמֶען מִיט אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע פַּארְשׁוּינֶען אוּנ דוּ, דְוָואשֶׁע, זַיי זִיךְ מַטְרִיחַ אַלֵיין צוּ זַיי, וָואס קְלוֹיבֶּען זַיי זִיךְ דָארְט אַזוי לַאנְג? אוּנ אַז אִיךְ וֶועל צוּפָאהרֶען צוּ זֶעלִיג דֶעם קְרֶעמֶער נֶעמֶען עֶטְלִיכֶע קָאסְטְלֶעךְ מִיט שְׁטְרִיק אוּנ רָאגָאזְשֶׁעס, וֶועל אִיךְ דִיךְ נֶעמֶען אַהֵיים. אִיךְ וֶועל נָאךְ צוּפָאהרֶען צוּם מוּטְשְׁנִיק נֶעמֶען אַ צְוֵויי זֶאקְלֶעךְ מֶעהל, וֶועלְכֶע אַ בּוּלְחַאנָאוְוקֶער יוּד הָאט בַּיי אִיהם גֶעקוֹיפְט, וֶועלֶען מִיר פָאהרֶען אַהֵיים, אוּנ דוּ וֶועסְט פַּארְשְׁפָּארֶען גֶעהן צוּ פוּס. דוּ בִּיזְט דָאךְ אַיין אַלְט מֶענְשׁ, אוּנ וֶוער דֶען זָאל אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת הָאבֶּען וֶוען נִישְׁט אִיךְ?

טְרַייטִיל מִיט דְוָואשֶׁען זֶענִין אַװעקְגֶעגַאנְגֶען, אוּנ דִי וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין.

– עֶס אִיז מֶעהר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסצוּהַאלְטֶען פוּן אִיהם, אִיז פְּלוּצִים אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס וַוייבּ, שוֹין דְרַיי יָאהר אַז עֶר מוּטְשֶׁעט אוּנְז, בִּיז וַואנֶען וֶועלֶען מִיר נָאךְ אַזוי פַּארְשְׁוַוארְצְט ווערֶען? בִּיז וַואנֶען וֶועט עֶר זַיין אוּנְזֶער

נַאטְשַׁאלְנִיק ? גְלַייךְ וִוי עֶר הָאט אָבְּגֶענוּמֶען דַארוּיף אַ טַאקסי ! נָאר מִיר וַוייבֶּער הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי אַיינְגֶעוָואהנְט צוּפָאהרֶען נָאר מִיט טְרַייטְלִין , אַז עֶס וַוייזְט זִיךְ אוּנְז אוֹיס , אָהן אִיהם קֶען מֶען שׁוֹין גָאר נִישְׁט טְרֶעפֶען קֵיין בּוּלְוַואנָאוְוקֶע . מִיר שְׁלֶעפֶּען נָאר אַלֵיין אוֹיף אוּנְז צָרוֹת מִיט שְׁלֶעק אוּמְזִיסְט אוּנ אוּם נִישְׁט , יֶעדֶע פוּן אוּנְז וַוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס מֶען לַיידֶעט זִיךְ אָן פוּן זַיין פָאהרֶען , נָאר וִוי אַזוֹי אִיז אַ יוּדֶענֶע ? יֶעדֶע טְרַאכְט זִיךְ וָואס וֶועל אִיךְ אַרוֹיסשְׁפְּרִינְגֶען אוּנ שְׁרַייֶען אַז מִיט טְרַייטְלִין אִיז אֵיין אוּמְגְלִיק צוּ פָּאהרֶען , וָואס וֶועט מִיר אַרוֹיסקוּמֶען דֶערפוּן ? אַ „נַארָאטְשְׁנִי" פוּהְר אִיז קֵיינֶער פוּן אוּנְז נִישְׁט אִים שְׁטַאנְד צוּ דִינְגֶען , גֶעהן זִיךְ צוּנוֹיף גֶעמֶען עֶטְלִיכֶע – וואו זְשֶׁע זָאל מֶען זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען אַז נִיט בַּיי דְוָואשֶׁען ? וֶוער קֶען עֶס וִויסֶען וֶוען יֶעדֶע יוּדֶענֶע דַארְף פָאהרֶען , אַז נִיט דְוָואשֶׁע ? נָא אוּנ דָאס וַוייסְט אִיהר דָאךְ אַז דְוָואשֶׁע אוּנ טְרַייטִיל אִיז אַלְץ אֵיינְס אַזוֹי טְרַאכְט זִיךְ יֶעדֶע אוּנ מֶען פָאהרְט טַאקִי וַוייטֶער מִיט טְרַייטְלִין , אַז מֶען וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט אוּנ פַארְפִינְסְטֶערְט – דַארוּיף אִיז מֶען דָאךְ אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער . אוּנ ווִידֶער אֵייבִּיג וֶועט מֶען דָאךְ נִישְׁט פָאהרֶען מִיט טְרַייטְלִין , עֶס וֶועט דָאךְ אַמָאל בַּיי אוּנְז אוֹיךְ זַיין אַ בָּאד , דִי מֶאנְנֶער טְהוּעֶן דָאךְ עֶפִּים , מֶען מַאכְט אֲסִיפוֹת , מֶען נֶעמְט צוּנוֹיף גֶעלְד , מֶען גֶעהט אַרוּם מִיט פּוּשְׁקֶעס . . . נָאר וֶוען דָאס וֶועט אַמָאל זַיין , דֶערוַוייל וֶוערֶען מִיר פַארְשְׁוַוארְצְט , אוּנ אִיבֶּער וֶועמֶען ? אִיבֶּער אַ בַּעַל עֲגָלָה ? גֶעוַואלְד פַאר וָואס דַארְפֶען מִיר זַיין בַּיי אִיהם אִין אַרֶענְדֶע ? אָט זֶענִין אִיהם קַארְג צֶעהן וַוייבֶּער אוֹיף דֶער פוּהְר , עֶר דַארְף נָאךְ אַחוּץ , קֶאסְטְלִיךְ מִיט קְלוּמֶעקְלֶעךְ , וָואס עֶר נֶעמְט אָן בַּיי דִי קְרֶעמֶערְס . קֶענֶען מִיר דֶען נִיט דִינְגֶען פַאר דֶעם אֵייגֶענֶעם גֶעלְד צְוַויי גוֹיִשֶׁע פוּהרֶען אוּנ פָאהרֶען דִי זִיבְּצֶעהן וֶוערְסְט וִוי מֶענְשֶׁען ? פְרִיהְ אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען אוּנ צוּ דֶער צַייט אַהֵיים קוּמֶען ? אָט שְׁטֶעהֶען אוֹיפְן מַארְק גוֹיִשֶׁע פוּהרֶען , צֶעהן פַאר אֵיינֶער , זָלֶעבֶּען , לָאמִיר אִיהם אָנְלֶערְנֶען , לָאז עֶר דֶערוַוייל וֶוערֶען אוֹיס מְיוּחָס , טָאמֶער וֶועט עֶר וֶוערֶען בֶּעסֶער , וֶועלֶען מִיר דֶערנָאךְ וַוייטֶער מִיט אִיהם פָאהרֶען .

– אַזַא יָאהר זָאלֶען מִיר הָאבֶּען וִוי אִיהר זֶענְט גֶערֶעכְט , וִוי יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט , הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע וַוייבֶּער אִין אֵיין קוֹל אָנְגֶערוּפֶען , מִיר וֶוערֶען טַאקִי גָאר פֶערְשְׁוַוארְצְט אוּנ מִיר קוּקֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוּם , מִיר פַארְלָאזֶען זִיךְ אוֹיף דִי מַאנְסְבִּילֶען , מִיר זֶעהֶען שׁוֹין וָואס עֶס וֶוערְט פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע אֲסִיפוֹת אוּנ פוּן אַלֶע גֶעלְדֶער וָואס מֶען נֶעמְט צוּנוֹיף . חְלֶעבֶּען אִיהר זֶענְט טַאקִי גֶערֶעכְט , לָאמִיר גֶעהן דִינְגֶען אַ פוּהר לָאז טְרַייטִיל וִויסֶען אַז מִיר זֶענֶען בַּיי אִיהם נִישְׁט פַארְקוֹיפְט .

– פָאלְגְט מִיךְ , וָואס טוֹיג אַייךְ מַאכֶען נַייֶעס ? הָאבֶּען זִיךְ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אָנְגֶערוּפֶען עֶטְלִיכֶע וַוייבֶּער , לָאז זַיין וִוי פְרִיהר , אִיז אוּנְז יוּדִישֶׁע טֶאכְטֶער דֶער קָאפּ דֶערבַּיי מִיר זָאלֶען מַאכֶען נַייֶעס ? עֶס גֶעהט אוּנְז שׁוֹין מֶעהר טַאקִי נִישְׁט אָב , צוּ מִיר הָאבֶּען טַאקִי אַזוֹינֶע וָואהלְטָאגֶען אַז מִיר זָאלֶען נָאר פָאהרֶען מִיט פַאיֶעטָאנִים ? מִיר הָאבֶּען טְרַייטִיל בַּעַל עֲגָלָה – לָאז זַיין טְרַייטִיל ! אַ דַאנְק גָאטְט דֶערפַאר אוֹיךְ , נָאךְ וָואס זָאלֶען מִיר זִיךְ אוּמְזִיסְט פַארְזִינְדִיגֶען דִי יָאהרֶען פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג אוּנ מִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט וֶואלֶען זַיין צוּפְרִידֶען ?

– אָ נֵיין, הָאט נִישְׁט אויפְגֶעהֶערְט יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס וַוייב, לָאז זַיין וָואס עֶס ווילל זִיךְ, נָאר אַבִּי אוים טְרַייטִיל, גֶעשְׁטָארְבֶּען טְרַייטִיל, לָאמִיר בֶּעסֶער ווי צום גִיכְסְטֶען דִינְגֶען אַ צְוַויי גוֹיִשֶׁע פוּהרֶען, עֶס אִיז שׁוֹין אִיצְט נִישְׁט פְרִיה אונ וֶועט אוּנְז דֶערְפַאר קָאסְטֶען ווָאלְוֶועלֶער אונ מִיר וֶועלֶען גִיכֶער אונ בֶּעסֶער פָאהרֶען ווי מִיט טְרַייטְלִין.

דֶער גְרֶעסְטֶער טְהֵייל ווַייבֶּער הָאט גֶעהַאלְטֶען מִיט יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס וַוייב, דֶערנָאךְ זֶענִין אַלֶע אַנְדֶערֶע אויךְ צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ אִיהר. אַלֶע הָאבֶּען בַּאלְד פַּארְנוּמֶען דִי קְלוּמֶעקְלֶעךְ אונ זֶענֶען אַרויסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער שְׁטוּב. אִין מַארְק אִיז שׁוֹין אָבֶּער מֶעהר נִישְׁט גֶעוֶוען ווי אֵיין גוֹיִשֶׁע פוּהר, נָאר דֶערְפַאר אַ גְרויסֶע; אוּמְקֶעהרֶען זִיךְ צוּרִיק הָאט שׁוֹין יֶעדֶע גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף דָאס נִישְׁט צוּ לִיעבּ טְהוּן טְרַייטְלִין, עֶר וֶועט זִיךְ עֶרְשְׁט אִיצְטֶער אִיבֶּערְנֶעמֶען אונ וֶועט זַיי אָבְּדְרֶעהֶען דִי קֶאפּ, אונ ווִידֶער אִיז טַאקִי דִי פוּהר פָארְט גֶעוֶוען גְרֶאסֶער פוּן טְרַייטִילְס אונ פִיעל ווָאלְוֶועלֶער.

דֶערוַוייל אִיז אָנְגֶעלָאפֶען טְרַייטִיל מִיט דְרָואשֶׁען, נָאר וֶוער הָאט זַיי אִיצְטֶער גֶעהֶערְט? טְרַייטִיל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהן ווי אָבְּגֶעבְּרֶעדֶען, עֶר הָאט גֶעמוּזְט אויס־הֶערֶען ווי אַלֶע הָאבֶּען אִיהם גֶעזִידֶעלְט אונ אִיהם אויסְגֶערֶעכִינְט ווִי עֶר הָאט זַיי דָאס בְּלוּט גֶעצַאפְּט; עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אָהן אִיהם קֶענֶען זִיךְ דִי זְלִידְנִיוְקֶער ווַייבֶּער גָאר נִישְׁט בַּאנֶעהן.

גָ א דֶ ע ל גָ א נְ טֶ ע מִיט זַיין ווַייבּ זֶענִין גְרָאד אויךְ אָנְגֶעקוּמֶען, זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען דִי ווַייבֶּער ווילְלֶען נִישְׁט פָאהרֶען מִיט טְרַייטְלִין, ווִיל זִי אויךְ נִישְׁט. וֶוען נָאדֶעל הָאט דֶערהֶערְט אַז עֶס וֶועט אִיהם קָאסְטֶען ווָאלְוֶועלֶער, הָאט עֶר זִיךְ בַּאלְד אָן דֶעם אָנְגֶעהַאפְּט.

דֶער מוּזְשִׁיק הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעלֶעגְט דֶעם לֵיידִיגֶען זַאק אִין ווָאגֶען, שׁוֹין צוּגוּיפְגֶענוּמֶען פוּן דֶער עֶרְד מִיט דֶער בַּייטְשׁ דִי בִּיסְלֶעךְ שְׁטְרוֹי וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען, אָנְגֶערוּקְט דִי קוּטְשְׁמֶע, דִי ווַייבֶּער הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע אויסְגֶעזֶעצְט, דֶער גוֹי אִיז אַרוּיף אויף דֶער קֶעלְנֶע אונ הָאט אָנְגֶעהויבֶּען פָאהרֶען...

פְּלוּצִים הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ ווַיינֶענְדִיג קוֹל פוּן אַקִינְד פוּן אַ יָאהר צְוֶועלְף – דְרַייצֶעהן וָואס אִיז גֶעלָאפֶען פוּן מַארְק נָאךְ דֶער פוּהר מִיט דִי ווַייבֶּער אונ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען: מַאמֶע! מַאמֶע! ... וָואס דָאס קִינְד הָאט ווַייטֶער גֶעשְׁרִיגֶען, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהֶערְט.

שְׁפְּרִינְצֶע הָאט דֶערקֶאנְט אָן דֶעם קוֹל אַז דָאס לויפְט אִיהר טֶאכְטֶערִיל, מִיט אַ גְרויס הַארְצְקְלַאפֶּעניש הָאט זִי אַיינְגֶעהַאלְטֶען דֶעם גוֹי: „אוֹי, אוֹי, טְשְׁיקַאיטֶע"! דֶער גוֹי הָאט אַיינְגֶעהַאלְטֶען דִי פֶערְד, עֶרְשְׁט דֶעמֶעלְט הָאט מֶען גֶעהֶערְט: ווִי דָאס קִינְד הָאט גֶעשְׁרִיגֶען:

– מַאמֶע! מַאמֶע! דֶער הָאן הָאט אויסְגֶעשִׁיט דִי גַאנְצֶע פְּרָאסֶע, צוּבְּרָאכֶען דִי גְלֶאזֶער מִיט דִי טַאפְּלִים פוּן דֶער שַׁאפֶע. דֶער טַאטֶע שִׁילְט אונ שְׁלָאגְט דֶעם הָאן, עֶר זָאגְט אַז אִיצְטֶער מוּז עֶר אִיהם הַרְגֶענֶען, עֶר דַארְף נִישְׁט קֵיין הָאן...

ווִי אֵיין אָבְּגֶעבְּרִיהֶטֶע אִיז שְׁפְּרִינְצֶע אַרָאב פוּן דֶעם וָואגֶען מִיט אַ גֶעוואַלְד, אַז מֶען הָאט שוֹין נִישְׁט גֶעקֶאנְט הֶערֶען וָואס דָאס קִינְד הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁרִיגֶען. דֶער גוֹי הָאט אַ טְרַייבּ גֶעטְהוּן דִי פֶערְד אוּנ אִיז אַוֶועקגֶעפָאהרֶען מִיט דִי וַוייבֶּער, שְׁפְּרִינְצֶע הָאט נָאר פַארְגֶעסֶען אִין דֶער מִקְוָה אוּנ אִיז מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי-גֶעלָאפֶען אִיבֶּער דֶער גַאס אַהֵיים:

– אוֹי, אַ קְרֶענְק אוֹיף אִיהם! אוֹי, אַ צָרָה אִין זַיין פָּנִים אַרַיין!... אַ שְׁלַאק הָאט מִיךְ גֶעטְרָאפֶען, אוֹיף אַ מִינוּט אַוֶועקגֶעפָאהרֶען פוּן דֶער הֵיים אוּנ דֶעם מַח-שְׁמוֹנִיק (יִמַח-שְׁמוֹ-נִיק) אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, עֶר וֶועט בְּוַודַאי דֶערְהַרְגֶענֶען דֶעם הָאן! אוֹי, אַ דוּנֶער הָאט מִיךְ דֶערְשְׁלָאגֶען! ווִי דָאס הַארְץ הָאט מִיר אָבֶּער גֶעזָאגְט, אִיךְ זָאל אִיהם נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזֶען דֶעם הָאן! אוֹי, אַ צָרָה אִין זַיין פָּנִים! דָאס אֵייגֶענֶע וַוייבּ וָואלְט עֶר דֶען נִישְׁט דֶערְהַרְגֶ׳ט עֶר זָאל נָאר קֶענֶען? עֶס אִיז דֶען אַ יוּד? עֶר אִיז דָאךְ אַ רָאזְבּוֹינִיק! אִיהם קוֹמְט אַלְץ גְרִינְג אָן... אַ הָאן! צְוֵויי פוּנְט שְׁמַאלְץ וֶועט דָאךְ זַיין פוּן אִיהם... אַ וֶועטְהִיג אִין מַיין הַארְצֶען...

מִיט דֶעם גֶעפִּילְדֶער אִיז זִי גֶעלָאפֶען אַלֶע מָאל גִיכֶער אוּנ גִיכֶער אַהֵיים. אוֹיף דֶער גַאס אִין דִי קְלֵייטֶען, קְלֵייטְלֶעךְ, אוּנ צְווִישֶׁען דִי מַארְק זִיצֶערִינְס אִיז גֶעוָוארֶען דֶערוַוייל אַ גֶערוּדֶער, יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעפְּרִיוְוט שְׁפְּרִינְצֶען אַנִידֶערְשְׁטֶעלֶען אוּנ זִי אוֹיסְ-פְרֶעגֶען וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶועןְ, זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן יֶעדֶענְס הַאנְד אוּנ אִיז וַוייטֶער גֶעלָאפֶען מִיט דִי וֶוארְטֶער: פְרֶעגְט מִיךְ נָאר נִישְׁט, מַיינֶע לִיעבֶּע, אִיךְ בִּין גֶענוּג אוּמְגְלִיקְלִיךְ...

וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעזֶעהְן שְׁפְּרִינְצֶען לוֹיפֶען מִיט אַזַא אִימְפֶּעט, אִיז אִיהר נָאכְ-גֶעלָאפֶען, דֶער הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אַז עֶס אִיז בַּיי אִיהר אַ שְׂרֵפָה, דֶער – אַז דִי סְטֶעלְיֶע פוּן שְׁטוּב אִיז אַיינְגֶעפַאלֶען אוּנ הָאט דֶערְהַרְגֶ׳ט צְוֵויי קִינְדֶער, אֵיינְס שְׁפְּרִינְצֶעס אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע אַ שְׁכֵנְס; אַנְדֶערֶע ווִידֶער הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ קְלַאנְג אַז אִיהר מַאנְן, בֶּערִיל פְלַאסְטֶער, אִיז פְּלוּצִים חַלָשׁוֹת גֶעבְּלִיבֶּען, אַז עֶס אִיז אִיהם נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ דֶער-מִינְטֶערן. דֶער עוֹלָם אִיז אַלֶע מָאל גְרֶאסֶער אוּנ גְרֶאסֶער גֶעוָוארֶען אוּנ נָאכְגֶעלָאפֶען שְׁפְּרִינְצֶען צוּ אִיהר הֵיים.

דִי בַּאקָאנְטֶע זְלִידְנִיוְוקֶער הֶעלְדֶען, וֶועלְכֶע הֶערֶען קֵיין מָאל נִיט אוֹיף צוּ שְׁפִּיעלֶען לִיעבֶּעס, זֶענִין גֶעוִויס נָאכְגֶעלָאפֶען אוֹיף דֶעם נֵס, טָאמֶער וֶועט עֶס זֵיי גֶעלִינְגֶען דֶערְוַוייל צוּ חַאפֶּען אַ „גֶעזָאגֶעכְטְס".

*

וֶוען טְרַייטִיל הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי וַוייבֶּער זֶענֶען טַאקִי בִּמְחִילָה אַוֶועקגֶעפָאהרֶען מִיט דֶעם גוֹי, הָאט עֶר זִיךְ מִיט אֵיין אַרָאבְּגֶעלָאזְטֶער נָאז אוּנ מִיט אֵיין אַרָאבְגֶעלָאזְטֶער בַּייטְשׁ גֶעלָאזְט גֶעהְן אַהֵיים, נָאךְ אִיהם אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען דְוָואשְׁע.

פְּלוּצִים אִיז מִיט אַ גְרוֹיס אֵיילֶענִישׁ אוּנ שְׁטַארְק פַארְסַאפְּט צוּגֶעלָאפֶען צוּ זֵיי פֵּייוִויש:

– איך לויף .. באלד וועלען קומען נאך צוויי ווייבער... איהר מעגט שוין שפּאנען... און איך אנטלויף... אין מארק ב נ ע נ ט...

– וואו ? וואס ? פּייוויש ? זענין איהם באפאלען טרייטיל מיט דוואשען .

– לאזט מיך אב... לאזט-מיך לויפען... איך האב אליין געהערט אין מארק אז עס ב נ ע נ ט, טרייטיל עס בגענט !...

און פּייוויש האט זיך אויסגעריסען-פון זייערע האנד און איז ווייטער געלאפען .

– דוואשע , האט טרייטיל געזאגט מיט א גרוים ציטערניש – ווען די ווייסע חברה יונגלעך וועלען קומען נאך מיינע שקאפעס אויף צו שלעפען וואסער צו דער שרפה זאלסט דו זאגען אז איך בין מיט די ווייבער אוועק געפאהרען... און איך וועל מיך געהן באהאלטען...

VII.

א מעשה איבער א האן .

שפּרינצעס שטוב איז איצט באלאגערט פון אלע זייטען מיט מענשען , אז מען קען זיך גאר נישט דערשטופען מען זאל קענען אריין . שפּרינצע אליין שטעהט איינגעגראבען צווישען א גרויסען עולם ווי פאר איין אייזענער וואנד און זי הערט נישט אויף זיך צו שטופען און צו שרייען : לאזט מיך , לאזט מיך ! נאר גוטע מענשען , גוטע פריינד , און גלאט אזוי יודען מיט ווייבער האבען רחמנות אויף דער אומגליקליכער שפּרינצען , וועלכע עס האט געטראפען אזא אומגליק , און לאזען זי באין אופן נישט .

איינער א בעל תורה מיט א נייך הארץ , וועלכער ווייסט פון יודישע ספרים אז איין אשה איז מעהר ניט ווי א שלאפע גאנז , נעמט אן שפּרינצען ביי דער האנד און פיהרט זי מיט שוועערע מיה דורך דעם עולם אין א פרעמד הויז אריין :

– אין דער דריטער שטוב , אין דער דריטער שטוב , שרייט ער, לאז זי זיך דארט אברוהען, זי קען חו״ש אזוי חלשות בלייבען פאר ענגשאפט און שרעק .

דריי ווייבער האבען זי אנגענומען ביי די האנד און ווי א קראנקע ווייטער געפיהרט:

– שרעק זיך נישט שפּרינצע, מען וועט באלד אבלעשען , עס וועט באלד איבער־געהן, מען וועט דיך נישט לאזען פאלען, דו ביזט דאך צווישען יודען...

– גאטט איז מיט איך, שפּרינצע, איז צוגעלאפען איין אנדערע יודענע. די קינדער האט מען ארויסגעשלעפט , געלויבט איז גאטט , זיי לעבען . אוי , א דונער האט מיך דערשלאגען ! קוקט נאר אן וואס פאר א פּנים זי האט, אז עס איז זי גאר נישט צו דערקענען...

– א ווייטהיג איז מיר ! איז צוגעלאפען א דריטע יודענע מיט אזא רחמנות פּנים , אז עס האט אנדערע אנגעהאפט א ווייגען – דיין מאנן האט מען שוין דערמינטערט , איך האב איהם אליין געהערט רעדען... שרעקט זיך נישט, שפּרינצע לעבען ,

שְׁטאַרְקְט זִיךְ! מִיט אַ מֶענְשֶׁען טְרֶעפְט זִיךְ, עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפֶען בַּיי־קֵיין שום יוּדֶען, רבונו שֶׁל עולם!

בִּיז מֶען הָאט שְׁפְּרִינְצֶען גֶעבְּרַאכְט אִין דֶער דְרִיטֶער שְׁטוּבּ זֶענִין גֶעוִוים צוּ אִיהר צוּגֶעגַאנְגֶען אַ דְרַייסִיג וַוייבֶּער אוּנ הָאבֶּען זִי גֶעטְרֵייסְט, אוּנ יֶעדֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אוּמְגְלִיק אִיז שׁוין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען.

חָאטְשׁ דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען אֵיין אֱמֶת וָוארְט נִישְׁט גֶעזָאגְט, וַוייל זֵיי הָאבֶּען פָּשׁוּט אַלֵיין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהְן, זֵיי הָאבֶּען נָאר גֶעהֶערְט אַז דָא הָאט זִיךְ אֵיין אוּמְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען, יֶעדֶע הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָא הָאט גֶעמוּזְט אֵיין אוּמְגְלִיק גֶעשֶׁעהְן, וַוייל וָואס דֶען אִיז זִיךְ דָא דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶאדְטֶיל צוּזַאמֶענְגֶעלָאפֶען? וָואס דֶען אִיז שְׁפְּרִינְצֶע פְּלוּצִים גֶעלָאפֶען אִיבֶּער דֶער גַאס מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי? נָאר אַ מֶענְשֶׁען צוּ טְרֵייסְטֶען אִין זַיין אוּמְגְלִיק, אִיז בַּיי יוּדֶען אַ מִצְוָה אֲפִילוּ אַ לִיגֶען צוּ זָאגֶען, דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער גֶעטְרֵייסְט שְׁפְּרִינְצֶען וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעקָאנְט.

שְׁפְּרִינְצֶע, וָועלְכֶע אִיז גֶעלֶעגֶען אִין אַ פְרֶעמְדֶער שְׁטוּבּ אוֹיף אַ פְרֶעמְד בֶּעט, מִיט אַ חָאפְּטֶע וַוייבֶּער אַרוּמְגֶעשְׁטֶעלְט, דִי מִיט אַ גְלָאז קַאלְט וַואסֶער, דִי הָאט אִיהר גֶעשְׁפְּרִיצְט אִין פָּנִים אַרַיין, דִי הָאט גֶערִיבֶּען דֶעם שְׁטֶערֶען, אֵיין אַנְדֶערֶע דֶעם דוֹפֶק — אִיז זִי אִיצְט בֶּאֱמֶת שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, זִי אִיז גֶעלֶעגֶען דָאס פָּנִים טוֹיט וִוי דִי וַואנְד, דֶער קָאפּ וִוי פַארְטְשַׁאדִיט, פַאר דִי אוֹיגֶען הָאט אִיהר גֶעשְׁווינְדֶעלְט, אַז זִי הָאט טַאקִי נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיף וָואס פַאר אַ וֶועלְט זִי גֶעפִינְט זִיךְ, אוּנ וָואס עֶס גֶעהְט מִיט אִיהר פָּאר.

אִין דְרוֹיסֶען הָאט זִיךְ אַלֶץ נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רוּדֶערן: אוֹיפֶן דַאךְ פוּן שְׁפְּרִינְצֶעס שְׁטוּבּ זֶענִין שׁוין גֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען, אוּנ עֶס פַארְשְׁטֶעהט זִיךְ בֶּ ע ר י ל פְּ לַ א סְ טֶ ע ר, דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַוַודַאי; נִישְׁט דֶערְפַאר וָואס עֶר אִיז בַּעַל בַּיִת, נָאר גְלַאט אַזוֹי, וַוייל וואוּ הָאט אִיהר גֶעזֶעהן אִין זְלִידְנִיוְקֶע אַ פָּאזְשַׁאר אַז בֶּערִיל פְלַאסְטֶער זָאל נִישְׁט זַיין דֶער גְלַאוְנִי „קָאמַאנְדִיוּשְׁטְשִׁי“.

דֶער גַאנְצֶער גֶעפִּילְדֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְפוּן: בֶּערִיל אִיז גֶעזֶעסֶען אִין שְׁטוּבּ גַאנְץ רוּהִיג בַּיי אַ סֵפֶר אוּנ הָאט גֶעדַאנְקְט אוּנ גֶעלוֹיבְּט גָאטְט וָואס עֶס אִיז אַבִּיסֶל שְׁטִיל גֶעוָוארֶען, ד. ה. וָואס דָאס וַוייבּ אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהֶרֶען. פְּלוּצִים אִיז גֶעוָוארֶען צְוִוישֶׁען דִי קִינְדֶער אַ גֶעשְׁרֵיי אַז דֶער הָאן הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט דֶעם זַאק פְּרַאסֶע, פוּן דֶעם גֶעשְׁרֵיי הָאט זִיךְ דֶער הָאן דֶערשְׁרָאקֶען אוּנ אִיז אַרַיין אִין דֶער שַׁאפֶּע וואוּ דִי גְלֶעזֶער שְׁטֶעהֶען, אוּנ׳ חוּץ וָואס עֶר הָאט דָארְט אַלֶץ צוּבְּרָאכֶען, הָאט עֶר נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען גְרִילְצֶען אִין דִי אוֹיהֶרֶען מִיט זַיין שְׁרַייעֶן אוּנ קְרֵייעֶן, בֶּערִיל אִיז דֶערְפוּן אִין צְוֵוייעֶן אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען. עֶרְשְׁטֶענְס פַארְוָואס אִיז עֶר אַזוֹי אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַז אֲפִילוּ אִין דִי גְלִיקְלִיכֶע מִינוּט וָואס דָאס וַוייבּ אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהֶרֶען, וֶוען עֶר וָואלְט שׁוין יָא גֶעקָאנְט זִיצֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט רוּהִיג בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, זָאל דֶער הָאן פְּלוּצִים אִיהם דִי מְנוּחָה פֶערְשְׁטֶערֶען; אוּנ צְוֵוייטֶענְס — טַאקִי וִוידֶער אִיבֶּער דֶעם הָאן, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיבֶּער אִיהם הָאט עֶר אַ הַאלְבֶּע פֶערְשְׁטֶערְטֶע וֶועלְט בַּיי זַיין שְׁפְּרִינְצֶען. דֶערְפַאר הָאט

ער זיך גענומען שלאָגען דעם האָן און עס פאַרשטעהט זיך אַז דער האָן האָט מסתּמא אויך ניט געשוויגען, זיין שרייען, קרייען און גרילצען האָט נאָך מעהר פאַרלישעט דעם קאָפּ, בעריל איז נאָך מעהר אין כּעס געוואָרען, דער האָן איז נאָך ווילדער געוואָרען, ער איז געפלויגען אין אַלע זייטען, האָט געבראָכען טאָפּלים; דאָס שרעקליכע געפּילדער האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען שרעק צווישען די קינדער, ביז איין קינד איז אַנ־מלאָפען צו דער מאַמען. בעריל האָט אַלץ ניט אויפגעהערט זיך צו באַרען מיט דעם האָן, נאָר אַז ער האָט פלוצים דערזעהן דורך דעם פענסטער ווי די גאַנצע שטאָדט לויפט צו זיין שטוב און מען שרייט „עס ברענט", האָט ער אַוועקגעוואָרפען דעם האָן, און איז דער ערשטער אַרויף אויף דעם דאַך און נאָך איהם נאָך עטליכע יונגע לייט.

זיי האָבען זיך געדרעהט אויפן דאַך ווי פאַרטומעלט, דער האָט געשריגען וואו ברענט? דער וועלכעס שטיקל דאַך מען זאָל אויפרייסען, דער עולם פון אונטען האָט געשריגען אַז אין דעם ווינקעל־דאַך כמאַליט זיך, דאַ האָבען זיך געהערט קולות: „וואו איז חייקיל מיט דער קישקע"? „וואו זענען טרייטילס שקאַפּים", די האָבען דערלאַנגט אויפן דאַך קאַטשערעס מיט לאַפּאַטים, טעפּלעך מיט קרינלעך וואַסער, מיט איין וואָרט – עס האָט געקאָכט פון אַלע זייטען. –

אויף אַלע עקען זענען געשטאַנען ראַדלעך מיט ווייבער און ווייבלעך, חוץ ראַדלעך מיט יונגע לייט וואָס האָבען דערוויל „געחאַפּט אַ שמועסיל". לאָמיר אויף אַ פּאָר מינוט זיך צו הערען צו די ראַדלעך:

– איז עפּיס אַ וואונדער וואָס איהר מאַנן איז געבליבען פלוצים חלשות, אַז עס איז איהם נישט מעגליך צו דערמינטערן? מסתּמא האָט ער ביי איהר אַזא דאַליע, זי קעהר איהם, איך בעט איבער אייער כּבוד – ושאַלעווען דאָס שטיקל ברויט! אַזא תּלמיד חכם אַ יוד און האָט אַזא מרשעת אַנייב, דו ווייסט וואָס פאַר אַ ברייטען פּיסק זי האָט? מען דאַרף נישט זינדיגען מיט די רייד, נאָר אַזא צרה זאָל האָבען אַזא מאַנן!

פון איין אַנדער ראַדל האָט מען געהערט:

– נישט אַלע מאַמעס זענען גלייך, חאָטש אַלע מאַמעס טראָגען און פאַרגיעסען בלוט איבער די קינדער, אָט הייסט דאָס אַ שטיינער אַ מאַמע? איבערגעלאָזט קינדער אין שטוב אַליין, און איז זיך אַוועקגעפּאָהרען, איצט האָט זיך געביך אַזא אומגליק געטראָפען.

– אַ רחמנות, חלעבען, האָט מען געהערט אַ קול פון אַ דריטען ראַדל. פּאַרט אַ מאַנן מיט קינדער, ווער ווייסט וואָס עס וועט בלייבען פון דעם שטיבל, אומשטיינס געזאָגט וואָס עס בלייבט שוין איבער פאַר אַ יודען פון אַ שׂרפה!

– משה. האָט מען געהערט פון די ראַמאַ ווּר אַ דלעך, – האָבט דו דאָרט מיך געזעהן ווען איך בין געוועזען ביי גאָלדע געלע לאָה׳ס איינ׳יקיל אויפן חתן מאָל?

– יאָ, איך האָב דיך געזעהן, איך האָב מיך אַרויף געדראַפּיט אויפן שאַלאָש (פּאַלאַטקע), נאָ – און מיך האָסט דו געזעהן, וועלדע?

– יָא, וָואס דֶען? אִיךְ הָאבּ דִיךְ טַאקִי גֶעזֶעהן אַרָאבּ קוּקֶען אוּנ הָאבּ גֶעזָאגְט דֶער מַאמֶען: זֶעה נָאר מַאמֶע וִוי ר׳ שְׁלמה דֶעם זֵיידֶענְס גְמָרָא בָּחוּר שְׁטֶעהט אוּנ קוּקְט אוֹיף מֵיידְלֶעךְ, זִי הָאט נִיט גֶעוָואלְט גְלוֹיבֶּען אוּנ גֶעזָאגְט, אַז עֶס וַוייזְט זִיךְ נָאר אוֹיס אוּנ זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט אוֹף מִיר פַאר וָואס אִיךְ קוּק נָאר אַהִין, טָאמֶער שְׁטֶעהט דָארְט אַ בָּחוּר.

משֶׁה הָאט גֶעוָואלְט עֶפִּיס גֶעטְהִיגְס זָאגֶען, נָאר זִי הָאט אִיהם אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דֶער הַאנְד אוּנ מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען דִי רֵייד:

– אוֹי משֶׁה! הָאסְט דוּ גֶעזֶעהן וִוי יוֹסִיל כְּלֵי־זֶמֶר, וָואס הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט אוֹיף דֶער חֲתוּנָה, הָאט גֶעטְרָאגֶען אַ שֶׁאן גֶעפְּרֶעסְט הֶעמְד, אַ שֶׁאן הַאלְזְטִיכֶעל מִיט אַ פָּאוֶוער, דוּ זָאלְסְט גֶעוֶוען אָנְקוּקֶען וִוי עֶר הָאט גֶעלַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ אִיהם בַּאצָאהלְט פַאר דֶעם טַאנְץ?

– וָואס הָאסְט דוּ גָאר בֶּעדַארפְט דֶערצֶעהלֶען דַיין מַאמֶען אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט? זִי וֶועט דָאךְ דֶערצֶעהלֶען מַיין מַאמֶען דֶערפוּן.

– נַארר וָואס הָאסְט דוּ מוֹרָא? מֶען הָאט דָאךְ דִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט, וֶועסְטוּ דוּ זָאגֶען אַז דוּ בִּיזְט נִישְׁט גֶעוֶוען.

– אוּנ דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זָאגֶען אַז דוּ הָאסְט מִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהן, עֶס הָאט זִיךְ דִיר נָאר אוֹיסגֶעוויזֶען.

צְווישֶׁען אֵיין אַנְדֶער פָּארִיל:

– הַיינְטִיגֶען יוֹם כִּפּוּר וֶוען דִי מַאמֶע מִיט דֶעם טַאטֶען זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אַרַיין אוּנ אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין, הָאבּ אִיךְ אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט, אוֹי חַיִּים, אַזַא שְׁרֶעק!

– דוּ הָאסְט דֶען מוֹרָא אַלֵיין צוּ זִיצֶען אִין אַ שְׁטוּבּ?

– נֵיין, קֵיין מָאל נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ גֶעהן אַלֵיין בַּיי נַאכְט אִיבֶּער דֶער גַאס, נָאר יוֹם כִּפּוּר בַּיי נַאכְט שְׁרֶעק אִיךְ מִיךְ, פַאר וָואס אִיז דָאס אַזוֹי, חַיִּים? זָאג מִיר אִיךְ בֶּעט דִיךְ.

– אִיךְ ווייס? אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִישְׁט פַאר וָואס, אִיךְ הָאבּ יוֹם כִּפּוּר אוֹיךְ מוֹרָא מֶעהר פוּן אַלֶע טָאג.

– וֶועהסְטדוּ, חַיִּים, דוּ ווייסְט נִישְׁט פַאר וָואס, אִיךְ וֵוייס יָא, נָאר אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעשֶׁעמְט דִיר צוּ זָאגֶען. נָאר ווייסְט דוּ פַאר וָואס מִיר הָאבֶּען מוֹרָא יוֹם כִּפּוּר? דָאס אִיז ווייל מִיר הָאבֶּען אַ סַךְ עֲבֵירוֹת...

– וֶוער הָאט דֶען נִישְׁט קֵיין עֲבֵירוֹת?

– בֵּיילֶע, אוּנְזֶער שְׁכֵנָה׳ס מֵיידִיל.

– מִיט וָואס אִיז זִי פְּרִימֶער פוּן דִיר?

– זִי אִיז טַאקִי אָהן עֲבֵירוֹת, זִי שְׁפִּיעלְט נִישְׁט קֵיין לִיעבֶּע, זִי זָאגְט אַז זִי הָאט אֲפִילוּ מוֹרָא צוּ קוּקֶען אוֹיף אַ יוּנְגֶעל, אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ אִיהר אַמָאל דֶערצֶעהלְט בְּסוֹד סוֹדוֹת, זִי אִיז מַיין בֶּעסְטֶע חַבֶר׳טֶע, אַז אִיךְ שְׁפִּיעל אַ לִיעבֶּע אוּנ הָאבּ שׁוֹין אַמָאל

אַפּילוּ גֶעקוּשְׁט אַ יוּנְגֶעל , אִיז זִי אַזוֹי פֶערְשֶׁעמְט גֶעוָוארֶען אוּנ אַזוֹי דֶערשְׁרָאקֶען , אַז זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען דִי נַאכְט צוּ מִיר נֶאכְטִיגֶען .

– הָאסְט דוּ אִיהר גֶעזָאגְט וֶועמֶען דוּ הָאסְט גֶעקוּשְׁט ? הָאט עֶר זִיךְ אַ חַאפּ גֶעטָהוֹן בַּיי אַיין אָבְגֶעבְּרִיהטֶער .

– נֵיין ,

– נָא , גֶעדֶענְק זְשֶׁע , דוּ זָאלְסְט דִיךְ פַּאר אִיהר נִיט אַרוֹיסחַאפֶּען .

– דוּ זָאלְסְט אָבֶער אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט אוֹיסזָאגֶען , וָוארוּם וֶוען דוּ וֶועסְט אוֹיסזָאגֶען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ אוֹיסזָאגֶען , גֶעדֶענְק זְשֶׁע !

אוּנ אָט שְׁטֶעהט דָא אוֹיךְ אוּנזֶער אַלְטֶער בֶּעקַאנְטֶער יוּנְגֶער מַאנן , וֶועלְכֶער שְׁטֶעהט גֶעבִּיךְ אֵיינֶער אַלֵיין , וִוי גְלַייךְ עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיין בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט .

עֶר שְׁטֶעהט אִיצְט מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעדַאנְקֶען , עֶר בַּאטְרַאכְט דֶעם גַאנְצֶען גֶעפִילְדֶער מִיט דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם , אוּנ דוּרְךְ זֵיי אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט , זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען טְרָאגֶען אִיהם הוֹיךְ גַאנְץ הוֹיךְ אוּנ עֶר , פּ י נֶ ע ט י נְ ט לֶ ע ר , קוּקְט פוּן דֶער הוֹיךְ , עֶר קוּקְט אַרְאבּ וִוי אַרוּם אִיהם דְרֶעהט זִיךְ עֶפִּיס אַ וֶועלְט מִיט אַ סַךְ קְלֵיינֶע מֶענְשֶׁעלֶעךְ , אַזוֹי פִיעל וִוי מֶעריִשְׁקֶעס אוּנְטֶער אַ שְׁטֵיין : – אָט דִי קְלֵיינֶע מֶענְשֶׁעלֶעךְ , טְרַאכְט עֶר זִיךְ , פְלִיעהֶען , דְרֶעהֶען זִיךְ עֶפִּיס ; וָואס , לְמָשָׁל , הָאבֶּען זֵיי זִיךְ צוּ דְרֶעהֶען ? עֶס אִיז דֶען נִיט אַ נַארִישְׁקֵייט ? נָאר וָואס זָאל עֶר גָאר מִיט זֵיי טַעֲנָהן אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע נַארְרָאנִים , עֶר שְׁרַייט דָאס לַאנְג אוּנ מֶען הֶערְט אִיהם נִישְׁט , עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ אַמָאל גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִי גַאזֶעטֶען אַ טִיעפֶען מַאֲמַר פוּן גַאנְץ הוֹיכֶע זַאכֶען אוּנ בַּאקְלֶערְט דָארְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דִי מֶענְשֶׁעלֶעךְ , נָאר וָואס ? גֶעה שְׁרַיי חַי וְקַיָם , אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט . עֶר קוּמְט נָאךְ גֶעבֶּעךְ אָב אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ וַוייטֶער גָאר נִישְׁט . . . . אָט שְׁטֶעהט עֶר לֶעבֶען דֶער שְׂרֵפָה פַארְטְרַאכְט אוּנ דֶענְקְט בַּיי זִיךְ : – בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט ? הָאבּ אִיךְ שׁוֹין וֶועגֶען דֶעם דֶען נִישְׁט גֶעשְׁרִיבֶּען ? אָט אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיפְן דַאךְ , אוּנ חַייקִיל קִישְׁקֶע אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא .

פוּנְקְט דִי מִינוּט אִיז אִיהם וִוי אַ בְּלִיץ אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער גֶעדַאנְקֶען צוּ שְׁרַייבֶּען אַ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע אוֹיף אַ בֵּייגֶעלֶע פַּאפִּיר פוּן אַלֶע פִיער זַייטֶען ; עֶר הָאט שׁוֹין גָאר נִישְׁט גֶעפִּיהלְט צוּ עֶר שְׁטֶעהט אוֹיף דֶער עֶרְד , אִין גַאס צְוִוישֶׁען מֶענְשֶׁען , עֶס הָאט זִיךְ אִיהם נָאר אוֹיסגֶעוִויזֶען אַז פַאר זַיינֶע אוֹיגֶען שְׁוֶועבְּט אַ גְרוֹיסֶער בּוֹיגֶען פַּאפִּיר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען מִיט זַיין הַאנְד פוּן אַלֶע זַייטֶען . אוּנ עֶר לֵייעֶנְט אַזוֹי אַז עֶס אִיז אַ פֶערְגְנִיגֶען ; זַיין בֶּעסְטֶער חָבֵר , דָ א ס אֵ י י דִ י מֶ ע ל , הֶערְט אוּנ קְוֶועלְט גָאר אָן פוּן זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ עֶר אַלֵיין בְּוַדַאי . נָאר זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען פְלִיעהֶען אִיהם אִיצְט נָאךְ וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער : אָט שִׁיקְט עֶר אַוֶועק דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע , אָט וַוארְט עֶר אוּנ פְּלוּצִים אִין דֶער פְרִיה , וֶוען עֶר וִויל גֶעהן אִין קְלוֹיז דַאוְונֶען , עֶפֶענְט זִיךְ דִי טְהִיר אוּנ עֶס גֶעהט אַרַיין דֶער בְּרִיעפְטְרֶעגֶער אוּנ בְּרֶענְגְט אִיהם אַ גֶעדְרוּקְט בְּלַאט . עֶר , פּ י נֶ ע ט י נְ ט לֶ ע ר , לֵייעֶנְט אִיבֶּער דֶעם גֶעדְרוּקְטֶען אַדְרֶעס אוּנ אֲפִילוּ דֶעם בַּאנְדֶעראָל אוּנ אֶפֶענְט אַזוֹי דָאס בְּלַאט

אוּנ ווִי דֶערפְרֵייעט אִיז עֶר גֶעוָוארֶען, וָואס פַאר אַ הַארְצְקְלַאפֶּענִיש הָאט עֶר בַּאקוּמֶען, אַז עֶר הָאט פְּלוּצִים דֶערְזֶעהן אַ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע פוּן זְלִידְנִיזוּקֶע אוּנ „פִּ י נֶ ע טִ י נְ טְ לֶ ע ר" אִיז מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת אָבְּגֶעדְרוּקְט אוּנְטֶען . . .

זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זֶענִין גֶעפְלוֹיגֶען נָאךְ וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער . . .

VIII.

„אִיךְ" אָדֶער „עֶר".

אִין דֶער צַייט הָאט מֶען שׁוֹין דֶעם דַאךְ פוּן שְׁפְּרִינְצֶעס שְׁטוּבּ לַאנְג אָבְּגֶערִיסֶען אוּנ דֶעם קוֹימֶען צוּבְּרָאכֶען, אוּנ מֶען הָאט דֶערְזֶעהן אַז עֶס בְּרֶענְט שׁ וֹ י ן נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, מֶען הָאט שׁוֹין אָבְּגֶעלָאשֶׁען, חַ י יִ קִ י ל אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַנְגֶעלָאפֶען מִיט זַיין קִישְׁקֶע, נָאר אַלֶע הָאבֶּען אִיהם פוּן דֶעם דַאךְ גֶעשְׁרִיגֶען אַז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט, פִּ י נֶ ע הָאט דֶערפוּן גָאר אָנְגֶעקְוָאלֶען, חַ י יִ קִ י ל הָאט אָבֶּער פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלוֹיבֶּען אוּנ אִיז אַלֵיין אַרוֹיף אוֹיפ'ן דַאךְ, הָאט אָבְּגֶעריסֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע שְׁטֵיינְדְלִיךְ פוּן דֶעם קוֹימֶען אוּנ הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶועזֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין אוּמֶעטוּם אָבְּגֶעלָאשֶׁען.

דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ בִּיסְלֶעכְוַוייז אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ צוּגֶעהן, דִי פָּ א רְ לֶ ע ךְ זֶענֶען נָאךְ פְרִיהֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אִין אַקְלֵיינֶער צַייט נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין נֶעבֶּען דֶער שְׁטוּבּ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוֶועזֶען, נָאר פִּ י נֶ ע טִ י נְ טְ לֶ ע ר אִיז נָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען, עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט בַּאטְרַאכְט אַלְץ, צוּגֶעשָׁאקֶעלְט אַלֶע מָאל מִיט דֶעם קָאפּ, וְוִי אֵיינֶער זָאגְט:

– אִיךְ הָאבּ דֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט פְרִיהֶער, אִיךְ הָאבּ דֶען נִישְׁט גֶעשְׁרִיבֶּען? נָאר גֶעה שְׁרַייבּ חַי וְקַיָם ... אוּנ אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אַהֵיים שְׁרַייבֶּען אַ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע.

שְׁפְּרִינְצֶע הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעפִיהרְט פוּן דֶער דְ רִ י טֶ ע ר שְׁ ט וּ ב צוּ זִיךְ אַהֵיים, מִיט אֵיין וָוארְט – עֶס אִיז אַלְץ גֶעוָוארֶען רוּהִיג וְוִי פַאר דֶעם גֶעפִילְדֶער.

עֶרְשְׁט אִיצְט הָאט שְׁפְּרִינְצֶע גֶעהַאט צַייט זִיךְ אַרוּמְצוּקוּקֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן אוּנ וָואס טְהוּט זִיךְ דָא מִיט אִיהר, צוּ בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט זִי זִיךְ פַאוָואלְיֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ דֶערמַאנֶען וָואס עֶס אִיז מִיט אִיהר פָארְגֶעקוּמֶען הַיינְטִיגֶען טָאג, ד. ה. וְוִי זִי הָאט גָאר בַּאדַארְפְט הַיינְט זַיין מִיט אִיהר טָאכְטֶער אִין בּוּלְוַואנָאוְקֶע, וְוִי זִי אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ טְרַייטְלִין אוּנ הָאט פַארְגֶעסֶען אָנְצוּזָאגֶען אַז מֶען זָאל פַארְבִּינְדֶען דֶעם זַאק פְרָאסֶע, וְוִי זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּמְקֶעהרֶען אַהֵיים. זִי זָאל נִישְׁט אָנְוֶוערֶען דִי עֲגָלָה, דֶערנָאךְ וְוִי זִי הָאט זִיךְ נָאר גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער פוּהְר אִיז אָנְגֶעלָאפֶען אִיהר קִינְד מִיט אַ גֶעוַויין אַז דֶער הָאהן הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶעהרְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אוּנ בֶּערִיל שְׁלָאגְט אִיהם, אִיז זִי גֶעלָאפֶען אַהֵיים, עֶס אִיז עֶפִּים גֶעוָוארֶען אַ גֶעוַואלְד, אַ גֶעלוֹיפֶעַריי, נָאר וָואס דֶערְנָאךְ אִיז גֶעשֶׁעהן – גֶעדֶענְקְט זִי נִישְׁט.

שְׁפְּרִינְצֶע הָאט זִיךְ אַלֵיין אַרוּמְגֶעקוּקְט אִין שְׁטוּבּ, בִּיז זִי הָאט דֶערְזֶעהן בֶּ ע רְ לֶ ע ן זִיצֶען אִין אַ ווִינְקֶעל אָראבְּגֶעלָאזְט דֶעם קָאפּ, זִי הָאט אִיהם עֶפִּים גֶעוָואלְט זָאגֶען אוּנ

זִי הָאט נִישְׁט גֶעקָאנְט, בֶּערִיל הָאט אִיהר אוֹיךְ עֶפִּיס גֶעוָואלְלְט זָאגֶען, נָאר עֶר הָאט דֶעם קָאפּ נִישְׁט גֶעקָאנְט אוֹיפְהֵייבֶּען.

בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹ לַאנְג אָנְגֶעקוּקְט אוּנ גֶעפְּרִיוְוט צוּ רֶעדֶען, בִּיז שְׁפְּרִינְצֶע הָאט עֶנְדְלִיךְ גַאנְץ שְׁטִיל גֶעפְרֶעגְט:

– וָואס אִיז דָא גֶעוֶועזֶען?

בֶּ ע ר י ל הָאט זִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט בַּאטְרַאכְט אוּנ אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט:

– וָואס אִיז טַאקִי בֶּאֱמֶת דָא גֶעוֶועזֶען?

– וָואס הֵייסְט וָואס? הָאט שְׁפְּרִינְצֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ בִּיסל הוֹיכֶער, אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיךְ אִיבֶּערגֶעלָאזְט אִין שְׁטוּבּ!

– נָא וָואס־זְשֶׁע אִיז? בִּין אִיךְ גֶעוֶועזֶען אִין שְׁטוּבּ...

– אַז דוּ בִּיזְט גֶעוֶועזֶען, וָואס־זְשֶׁע פְרֶעגְסְט דוּ מִיךְ? אוֹי, אַז אִיךְ פָּאהר אַוֶועק אוֹיף אַ מִינוּט פוּן שְׁטוּבּ... הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען נָאךְ הוֹיכֶער.

– וֶוער־זְשֶׁע אִיז דָא שׁוּלְדִיג? אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג... וָואס אִיז דֶען דָא אַזוֹינְס גֶעוֶועזֶען? הָאט בֶּערִיל אָנְגֶעהוֹיבֶּען ווִי זִיךְ אַבִּיסל צוּ דֶערמַאנֶען.

אוֹיף דֶער תְּשׁוּבָה הָאט שׁוֹין שְׁפְּרִינְצֶע נִישְׁט גֶעקָאנְט זִיצֶען אַזוֹי קַאלְטְבְּלִיטִיג ווִי בִּיז אַהֶער, זִי הָאט אַ בִּיסֶעלֶע צוּשְׁנוּרֶעוֶועט אִיהר גֶעקְנֵייטְשְׁט שְׁמָאל פִּיסֶקעלֶע:

– וֶוער דֶען זָאל וִויסֶען? – אֶפְשַׁר אִיךְ? – אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיךְ אִיבֶּערגֶעלָאזְט אִין שְׁטוּבּ?

– דַיין הָאן, דַיינֶע מְצִיאוֹת זֶענִין שׁוּלְדִיג, וְוִיפִיעל אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעבֶּעטֶען אַז מֶען דַארְף נִישְׁט הַאלְטֶען קֵיין הָאן אִין שְׁטוּבּ, הָאבֶּען מִיט אִיהם גֶעשֶׁעפְּטֶען, הָארֶעוֶוען אוּנ מֶען זָאל אֲפִילוּ דוֹדְךְ אִיהם נִישְׁט קֶענֶען רוּהֶען בַּיי נַאכְט, ווִיפִיעל אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעבֶּעטֶען אוּנ דִיר בַּאווִיזֶען אַז דִי אֵיינֶענֶע מְצִיאָה קָאנְסְט דוּ קוֹיפֶען פְרַייטָאג גָאר אַ גְרַייטֶען, אוֹיסגֶעהָארֶעוֶועטֶען, אוּנ קֶאנְסְט אִיהם טַאקֶע שֶׁחְטֶען אוֹיף שַׁבָּת...

דָא הָאט שְׁפְּרִינְצֶע נָאךְ מֶעהר צוּשְׁפְּרֵייט דָאס פִּיסֶקעלֶע אוּנ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּים:

– קוּק אִיהם נָאר אָן ווִי עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ גַאנְצֶער פָּרִיץ, עֶר דַארְף גָאר רוּהֶען בַּיי נַאכְט! אַ גַאנְצֶער גְרַאף גֶעוָוארֶען בַּיי מִיר! וָואס עֶס הָאט גֶעזָאלְט זַיין מִיר אוּנ אַלֶע מַיינֶע פְרַיינְד זָאל זִיךְ אוֹיסלָאזֶען צוּ דַיינֶע הֶאנְד, צוּ דַיינֶע פִּים, אַז עֶס זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט שַׁאטֶען נָאר דִיר אַלֵיין, נָאר דַיין נְשָׁמָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מִיר דַאכְט זִיךְ אַז דוּ מֶעגְסְט אַ כַּפָּרָה וֶוערֶען פַאר דֶעם הָאנ׳ס מִינְדְסְטֶען נָאגֶעל, עֶס אִיז פָּארְט אֵיין עוֹף וָואס פְּלֶעגְט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען פַאר אַ קָרְבָּן אִין דֶעם הֵיילִיגֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ, וֶועלְכֶעס אִיז פַאר אוּנְזֶערֶע זִינְד חָרוּב גֶעוָוארֶען, אוּנ דוּ וָואס בִּיזְט? אֲפִילוּ קֵיין יוּד נִישְׁט! ווּא הָאט עֶס זִיךְ גֶעהֶערְט אַז אַזַא יוּדֶען זָאל מֶען נִישְׁט קֶענֶען אִיבֶּער לָאזֶען אוֹיף אַ מִינוּט אִין שְׁטוּבּ?

דֶער שְׁטֶענְדִיג שְׁוַוייגֶענְדֶער שְׁטִילֶער בֶּערִיל, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט אוֹיף שְׁפְּרִינְצֶעס

ייֶען תָּמִיד נָאר אַיינְבֵּייגֶען דֶעם קָאפּ , אִיז אִיצְט פְּלוּצִים גֶעוָוארֶען רֵיידֶענְדִיג אוּנ הָאט ין אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט אָבְּשְׁוַוייגֶען ·

– אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין הָאן אִין שְׁטוּב ! הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגֶען אִין אֵיין קוֹל ·

– וָואס הֵייסְט דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט , אַז אִיךְ דַארְף אָבֶּער ? וֶוער פְרֶעגְט דִיךְ גָאר ? נ אִיךְ זָאג דִיר אַז דֶער הָאן וֶועט יָא זַיין , דִיר אוֹיף לְהַכְעִים !

– אוּנ אִיךְ זָאג דִיר : נֵיין ! – אָדֶער אִיךְ וֶועל זַיין אִין שְׁטוּב אָדֶער דֶער הָאן . ער מַיין טוֹיט אָדֶער זַיין טוֹיט – הָאט קוֹים אַרוֹיסגֶעזָאגְט בֶּערִיל זַיין צְטֶע רֶעשֶׁענְיֶע ·

– חַא , חַא , חַא ! הָאט זִי זִיךְ צוּלַאכְט , אָט הָאסְט דוּ דִיר אֵיין אוּמְגְלִיק ! מֶעגְסְט ילוּ אַ כַּפָּרָה וֶוערֶען פַאר זַיין מִינְדְסְטֶען נָאגֶעל , וֶועט מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַארֶען ·

– נָא אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיר דֶערוַוייזֶען וֶוער עֶס וֶועט אוֹיספִיהרֶען , מָארְגֶענְדֶען ג וֶועט דֶעם הָאנְס פוּס נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב ; אִיךְ בִּין בַּעַל בַּיִת , עֶס אִיז יין שְׁטוּב , אִיךְ בִּין דֶער מַאנְן אוּנ דוּ בִּיזְט דָאס וַוייבּ אוּנ עֶר אִיז דֶער הָאן ! הָאט בֶּערִיל גֶעשְׁטַארְקְט אוּנ גֶעוָואלְט בֶּעוַוייזֶען אַז עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער מַאנְן ·

שְׁפְּרִינְצֶעס פְּסַק הָאט זִיךְ דֶער וַוייל צוּצוֹיגֶען וִוי וַוייט עֶר הָאט נָאר גֶעקָאנְט , אוּנ ז אִיז גֶעוֶועזֶען פַאר וָואס , אַ קְלֵיינִיקֵייט ! וואוּ אִיז דָאס גָאר גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען אַז פְּרִינְצֶע זָאל הֶערֶען פוּן שְׁטִילֶען בֶּערְלֶען אַזוֹינֶע וֶוארְטֶער ; זִי הָאט זִיךְ צוּלָאזְט אוֹיף הר קוֹל , בֶּערִיל אוֹיךְ , אוּנ זִי נָאךְ הֶעכֶער , בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַזַא גֶעפִילְדֶער , אַז ר אוּמְגְלִיקְלִיכֶער הָאן , וֶועלְכֶער אִיז בִּיז אַהֶער גֶעשְׁטַאנֶען שְׁטִיל אִין אַ וִוינְקֶעלֶע נ זִיךְ אָבְּגֶערוּהט פוּן דֶעם שְׁלִים־מַזָלְדִיגֶען טָאג , אִיז אִיצְטֶער פְּלוּצִים אַרוֹיס פוּן דֶער טוּבּ אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַּאטְשֶׁען מִיט דִי פְלִיגֶעל , גְרִילְצֶען , קְבִייֶען , שְׁרַייֶען יף אַלֶע קוֹלוֹת ·

אִיךְ וֵויס נִישְׁט צוּ דֶער הָאן הָאט דֶערהֶערְט וִוי זַיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים קְרִיגֶען זִיךְ , אוּנ דערפַאר גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפֶען זִיךְ אַרַיין מִישֶׁען צוּ מַאכֶען שָׁלוֹם , אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ אט אַזוֹי דֶערשְׁרָאקֶען פוּן זַייעֶרֶע קוֹלוֹת , אָדֶער אֶפְשַׁר הָאט עֶר פָּשׁוּט גֶעשְׁרִיגֶען ל עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶועזֶען פְּרִיה – וֶוער וֵויסְט ? נָאר דָאס קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגֶען , מִיט זַיין קוּמֶען אוּנ זִיךְ אַרַיינְמִישֶׁען , הָאט עֶר נִישְׁט נָאר קֵיין שָׁלוֹם נִישְׁט גֶע־ כְט , נָאר פוּנְקְט פַארְקֶעהרְט – עֶר הָאט דוּרְךְ זַיין קְרֶאהֶען אוּנ שְׁרַייעֶן אָנְגֶעמַאכְט ישֶׁען זַיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים נָאךְ אַ גְרֶאסֶערֶע קְרִיג · בֶּערִיל אִיז נָאךְ מֶעהר אִין כַּעַס גֶע־ רֶען אִיבֶּער דֶעם הָאנְס גְרִילְצֶען , עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפֶען אוֹיף אִיהם , אִיהם אַרוֹיסצוּ־ יבֶּען , אָדֶער עֶפִּים אַנְדֶערְשׁ אִיהם צוּ טְהוּן , שְׁפְּרִינְצֶע הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט , דֶער הָאן ט זִיךְ נָאךְ מֶעהר צוּקְרֶאהט אוּנ בֶּערִיל מִיט שְׁפְּרִינְצֶען הָאבֶּען נָאךְ הֶעכֶער גֶעשְׁרִיגֶען...

מִיר מוּזֶען , זֵיי אִיבֶּערלָאזֶען דָא אוֹיף עֶטְלִיכֶע מִינוּט זִיךְ קְרִיגֶען , וָוארוּם וֶוער סְט וֶוען בַּיי זֵיי דֶער קְרִיג קֶען גֶעשְׁטִילְט וֶוערֶען , אוּנ דָא אִיז שׁוֹין נִישְׁט פְּרִיה , – אִין זְלִידְנִיוְוקֶע הוֹיבְּט מֶען אָן אוּמְרוּהִיג צוּ וֶוערֶען וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה וָואס אַזוֹי עט זֶענֶען דִי וַוייבֶּער , וֶועלְכֶע זֶענֶען הַיינְט בַּיי טָאג אַוֶועקגֶעפָאהרֶען מִיט דֶער גוֹיִשֶׁער

פוהר, וֶוענֶען נָאךְ נִישְׁט צוּריק גֶעקוּמֶען, עֶס אִיז שׁוֹין אִיצְטֶער זֵייגֶער עֶלְף בַּיי נַאכְט — וואו זֶענִין אִיצְט אוּנְזֶערֶע אָבְּגֶעוַואשֶׁענֶע, אָבְּגֶעטוּבֶּלְטֶע, אוֹיסְגֶעצְוָואגֶענֶע אוּנ גֶעכַּשֶׁרְטֶע זְלִידְנִיוְוקֶער וַוייבֶּער ... מִיר מוּזֶען אִיבֶּערְלָאזֶען אוּנְזֶער פָאר פָאלְק וָואס הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ קְרִיגֶען. אִיבְּרִיגֶענְס וָואס אַארְט עֶס אוּנְז? לָאז זִיךְ אַ יוּדִישׁ פָאר פָאלְק קְרִיעגֶען בִּיז הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר, וָואס דֶען זָאלֶען זֵיי טְהוּן אַז זֵיי הָאבֶּען צֵייט? עֶס אִיז ב"ה פְרֶעהלִיךְ אִין שְׁטוּב... ווִי מֶען זִינְגְט בַּיי יוּדֶען:

פַאר דֶער חֲתוּנָה אִיז מֶען מָרָה שְׁחוֹרָה־דִיג,
נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אִיז גְרוֹיס פֶערְגְנִיגֶען,
עֶס וֶוערְד אִין שְׁטוּב פְרֶעהלִיךְ מוֹרָא־דִיג,
עֶס אִיז זִיךְ דָא מִיט וֶועמֶען צוּ קְרִיעגֶען.

IX.

אִין דֶער שְׁוַוייגֶענְדִיגֶער נַאכְט.

אוּנ אַזוֹי — וואו זֶענִין אִיצְט דִי וַוייבֶּער? זֵיי זֶענֶען נָאךְ אִין וֶועג. אָט קוּקְט אִיצְט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן בּוֹלְוַואנָאוְוקֶע קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע. נָאר אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ אָנְצוּקוּקֶען בַּיי נַאכְט אַ וֶועג, וֶוען דֶערצוּ אִיז נָאךְ דָער הִימֶעל אוֹיף אֵיינִיגֶע אֶרְטֶער בַּאדֶעקְט מִיט שְׁטִיקֶער שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶען? נָאר זַייט נִישְׁט קֵיין פַארשְׁלָאפֶענֶע פַארְשׁוֵינֶען, וֶועלְכֶע וֶוען זֵיי זֶענֶען אִין וֶועג, כָּל זְמַן עֶס אִיז לִיכְטִיג, קוּקֶען זֵיי אוּנ וואוּנְדֶערֶען זִיךְ אוּנ קֶענֶנֶען זִיךְ נִישְׁט זַאט אָנְקוּקֶען אוֹיף דֶער שֶׁאנֶער נַאטוּר, וָואס שְׁמֵייכֶעלְט צוּ זֵיי פוּן דִי וֶועלְדֶער אוּנ דִי פֶעלְדֶער; נוּר בַּאלְד ווִי עֶס רוּקְט זִיךְ אָן דִי נַאכְט, פַּארְרוּקְט מֶען זִיךְ אִין וָואגֶען אָדֶער אִין דִי בּוֹיד אִין אַ ווִינְקֶעל אַרַיין אוּנ מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ דְרֶעמְלֶען, אָדֶער מֶען פֶערְמַאכְט אַזוֹי דִי אוֹיגֶען, וָוארוּם וָואס קֶען מֶען דֶען זֶעהן בַּיי נַאכְט? נָאר גְלוֹיבְּט אַז בַּיי נַאכְט הָאט מֶען אוֹיךְ עֶפִּים צוּ זֶעהן, אֲפִילוּ אִין וֶועג. דִי לִיעבֶּע נַאטוּר אוֹיף גָאטְטֶס וֶועלְטֶעלֶע אִיז אַזוֹי רַייךְ, אַז אֲפִילוּ דִי פִינְסְטֶערֶע, פַארחַמַארִיטֶע נַאכְט הָאט אוֹיךְ אִיהר שֶׁאנְקֵייט, אוּנ דֶער וָואס אִיז נָאר נִישְׁט קֵיין פֶערְשְׁלָאפֶענֶער, דֶער דְרֶעמֶעלְט נִישְׁט וֶוען עֶר פָאהרְט אִין וֶועג אוּנ זֶעהט דֶאס שֶׁאנְקֵייט פוּן דֶער גָאטוּר אֲפִילוּ אִין דֶער פִינְסְטֶערֶער נַאכְט. אָט קוּקְט אִיצְט אוֹיף דֶעם וֶועג, דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אֵיינֶע פוּן דִי שֶׁאנְסְטֶע לַאנְד־שַׁאפְטֶען וָואס מֶען בַּאגֶעגֶענְט וֶוען מֶען פָאהרְט אִין דֶעם רַייכֶען זִיד רוּסְלַאנְד, וואו אוּנְזֶער שְׁטֶאדְטִיל זְלִידְנִיוְוקֶע גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ.

וֶוען אִיךְ פָאהר אַמָאל אִין דֶער גֶעגֶענְד קוּמְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גֶעדַאנְקֶען: גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען נָאךְ אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער וָואס דִי „טְשֶׁערְטַא" — אִיז גְרָאד עַל פִּי מַזָּל דֶער רַייכֶער שֶׁאנֶער יוּג (דָרוֹם). וָואס וָואלְטֶען זֵיי גֶעטְהוּן אַז אוֹיף זֵייעֶר פִינְסְטֶער מַזָּל זָאל דִי יוּדִישֶׁע טְשֶׁערְטַא גֶעווֶען אוֹיסְפַאלֶען אִין דֶעם פִינְסְטֶערן, טְרוֹירִיגֶען צָפוֹן פוּן רוּסְלַאנְד, ווִי אַזוֹי וָואלְטֶען דָארְטֶען דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע יוּדֶען גֶעקָאנְט לֶעבֶּען אִין אַזַא עֶנְגִ־

שַׁאפְּט, קֶען אִיךְ מִיר נִישְׁט פָֿארְשְׁטֶעלֶען; נָאר זֶעהט זְשֶׁע וִוי דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער הָאט אוֹיךְ מַזָל, – דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיט דֶעם מִיטְוָואךְ פַֿאר דֶעם דָאנֶנֶערְשְׁטָאג – דַארְף דִי יוּדִישֶׁע: „טְשֶׁערְטַא” זַיין אוֹיף אֵיינֶעם פוּן דֶעם בֶּעסְטֶען, פֶּעטְסְטֶען, אוּנ שֶׁאנְסְטֶען שְׁטִיקֶל לַאנְד.

מֶערְקְווִירְדִיג אִיז וִוי דִי נַאטוּר אִיז אַזוֹי פְּרָאסְט, אַזוֹי אָהן חָכְמוֹת, אַז בַּיי אִיהר אִיז קֵיין שׁוּם חִילוּק נִישְׁט דָא צְוִוישֶׁען פַּארִיז אוּנ זְלִידְנִיוְוקֶע! אָט אִיז אִיהר גֶע־פֶעלֶען אוֹיסצוּפּוּצֶען אַרוּם זְלִידְנִיוְוקֶע דִי גַאנְצֶע גֶעגֶענְד מִיט אַזוֹינֶע שֶׁאנֶע גֶעדִיכְטֶע פֶעלְדֶער אוּנ וָואלְדֶער, בֶּערְג, טְהָאלֶען, טַייכֶען א. ז. וו. טַאקִי פּוּנְקְט וִוי אִין אִיטַאלְיֶען אָדֶער אִין דֶער שְׁוַוייץ, וואוּ דִי גְרֶעסְטֶע קִינְסְטְלֶער פָּאהרֶען אַהִין זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי דָארְטִיגֶע שֶׁאנֶע לַאנְדְשַׁאפְטֶען. מֵילָא קֵיין אִיטַאלְיֶען אָדֶער דֶער שְׁוַוייץ פָּאהרֶען דִי גְרֶעסְטֶע לַייט פוּן דֶער וֶועלְט דָארְט צוּ וָואהנֶען אוּנ צוּ הָאבֶּען פֶערְגְנִיגֶען, אִיז רֶעכְט וָואס דִי נַאטוּר הָאט זִיךְ דָארְט אַזוֹי שֶׁאן אוֹיסגֶעפּוּצְט אוּנ אוֹיסגֶעשְׁלַייעֶרְט, אָבֶּער אַרוּם זְלִידְנִיוְוקֶע אוּנ אַרוּם בּוּלְוַאנָאוְוקֶע וָואס הָאט דִי נַאטוּר גֶעהַאט זִיךְ אַזוֹי שֶׁאן אוֹיסצוּפּוּצֶען? קֵיין גְרוֹיסֶע לַייט קוּמֶען נִישְׁט אַהִין; פַֿאר וֶועמֶען זְשֶׁע? טַאקִי פַֿאר דִי אָרִימֶע זְלִידְנִיוְוקֶער יוּדֶען אוּנ וַוייבֶּער? – יָא פַֿאר זֵיי, וָוארוּם דִי עֶהרְלִיכֶע נַאטוּר מַאכְט נִישְׁט קֵיין חִילוּק צְוִוישֶׁען דִי מֶענְשֶׁען וָואס קֶעהרֶען אִין זֵייעֶר לֶעבֶּען אִיבֶּער וֶועלְטֶען, אוּנ צְוִוישֶׁען דִי מֶענְשֶׁען וָואס פִיהרֶען אַזַא פּוּסְטֶע־פְּרָאסְט לֶעבֶּען וִוי דִי זְלִידְנִיוְוקֶער יוּדֶען אוּנ וַוייבֶּער. נָאר זֵיי הָאבֶּען זִיךְ זֵייעֶר לֶעבֶּען, זֵייעֶר בַּאזוּנְדֶער וֶועלְטֶעלֶע, זֵיי פַֿארְשְׁטֶעהֶען גָאר קֵיין אַנְדֶער־לֶעבֶּען נִיט, זֵיי שְׁטֶעלֶען זִיךְ גָאר קֵיין אַנְדֶער לֶעבֶּען נִישְׁט פָֿאר! אִין זֵייעֶר פּוּסְטֶען לֶעבֶּען גֶעפִינֶען זֵיי פַֿאר זִיךְ גֶענוּג אִינְטֶערֶעס, מֶען לַאכְט, מֶען אִיז פְרֶעהלִיךְ, מֶען וַוייְנְט, מֶען לֶעבְּט אוֹיף, מֶען פַאלְט אַרָאבּ א. ד. ג. אוּנ דִי עֶהרְלִיכֶע נַאטוּר דִיעֶנְט זֵיי, שְׁמֵייכֶעלְט צוּ זֵיי אוּנ שֶׁענְקְט זֵיי פוּן אִיהרֶע אַלֶע טְהַייעֶרֶע מַתָּנוֹת, עֶס זֶענֶען דָא מִינוּטֶען אִין זֵייעֶר פִינְסְטֶער לֶעבֶּען, וֶועלְכֶע זֶענֶען פַֿארְצוּקֶערְט, אַז זֵייעֶרֶע פַארְוִויאַלִיטֶע, פַארְלָאגֶערְטֶע הֶערְצֶער צוּגִיעֶסֶען זִיךְ וִוי הָאנִיג!

אָט הָאט אִיהר אַשְׁטֵייגֶער עֶטְלִיכֶע זִיסֶע מִינוּטֶען...

וָואס דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען אִיבֶּערגֶעלִיטֶען אַ גַאנְצֶען טָאג אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען אַוֶועק עְפָּאהרֶען קֵיין בּוּלְוַאנָאוְוקֶע, אִיז אַייךְ שׁוֹין פוּן פְרִיהֶער גוּט בֶּעקַאנְט. נָאר אִיצְטֶער אהרֶען זֵיי שׁוֹין ב״ה צוּרִיק פוּן בּוּלְוַאנָאוְוקֶע אַהֵיים!

דִי נַאכְט, חָאטְשׁ זִי אִיז פִינְסְטֶער, אִיז זֶעהר שֶׁאן. אוֹיף דֶעם זִילְבֶּערְנֶעם הִימֶעל ווימֶען אַרוּם גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע שְׁטִיקֶער חְמַארֶעס, וִוי שְׁוַוארְצֶער סַאמֶעט בַּאפּוּצְט אַ בְּלוֹי ידֶען קְלֵייד; דִי לְבָנָה, חָאטְשׁ מֶען זֶעהט זִי אִיצְט נִישְׁט, בַּאוַוייזְט זִיךְ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען ינוּטֶען וַויים אוּנ טְהוּט אַ קוּק אוֹיף דֶעם וֶועג, אוֹיף וֶועלְכֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען צִיהֶען ךְ צְוֵויי לַאנְגֶע שׁוּרוֹת בּוֹימֶער, אוּנ צְוִוישֶׁען זֵיי אַלַאנְגֶער וָואגֶען מִיט עֶפִּים פוּל אָנְגֶעפִילְט, נ בַּאהַאלְט זִיךְ וַוייטֶער...

צוּ דֶער שְׁטִילֶער שֶׁאנֶער נַאכְט שְׁפִּיעלְט דֶער וָואגֶען צוּ, מֶען הֶערְט וִוי רֶאדֶער לֶעפֶּען זִיךְ אוּנ סְקְרִיפֶּען, דֶער מוּזְשִׁיק שְׁמֵייסְט אוּנ פָּאכְט מִיט דֶעם בַּייטְשִׁיל אוּנ אַלֶע

מִינוּט לָאזְט עֶר אַרוֹיס גַאנְץ קַאלְטְבְּלִיטִיג זַיין „וְ וֹ יָ א", וִוי גְלַייךְ עֶר אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז זַיינֶע פֶערְדְלֶעךְ וֶועלֶען זַיין פוּהר אַזוֹי דֶערשְׁלֶעפֶּען ךְיין זְלִידְנִיוְוקֶע ·

וֶוען אַ רַייזֶענְדֶער זָאל גְרָאד אִיצְט דוּרְכְפָאהְרֶען, וָואלְט עֶר זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף דֶער פוּהר, וָוארוּם עֶס וָואלְט אִיהם גָאר נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלֶען אַז דָא פָאהְרֶען לְמָשָׁל פַּארְשׁוֹינֶען, אוּנ וֶוען עֶר זָאל יָא זַיין נַייגִיעֶרִיג אַ קוּק צוּ טְהוּן אוֹיף דֶער פוּהר, וָואלְט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דָא פִיהרְט מֶען זָאקְלֶעךְ מֶעהל. אָדֶער פֶּעקְלֶעךְ וַואטֶע, צוּ גָאר לֶעהֶמֶענֶע טָאפְּלֶעךְ. נָאר בֶּאֱמֶת הָאט דִי פוּהר גֶעפִיהרְט אוּנְזֶערֶע אַלֶע בֶּעקָאנְטֶע זְלִידְנִיוְוקֶער וַוייבֶּער וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעבּוּנְטֶעוֶועט אַקעגֶען טְרַייטְלִין אוּנ גֶעדוּנְגֶען אַ קְרִיסְטְלִיכֶע פוּהר; זַיי זֶענִין אִיצְט גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים זֶעהר צוּפְרִידֶען, הָאטְשׁ זַיי זֶענֶען אֵייגֶענְטְלִיךְ גָאר נִישְׁט גֶעזֶעסֶען, נָאר עֶפֶּעס וִוי גֶעלֶעגֶען אֵיינֶע אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע, קָאפּ אוֹיף קָאפּ אוּנ מִיט פֶערְפְּלָאנְטֶעטֶע פִּיס, אָבֶּער פָארְט אַ סַךְ גְרוֹימֶער וִוי בַּיי טְרַייטְלִין אִין וָואגֶען. דֶעם מוּזְשִׁיקְס קְלֵיינֶע פֶערְדְלֶעךְ שְׁלֶעפֶּען פָארְט גִיכֶער וִוי טְרַייטִילְס, דֶער מוּזְשִׁיק זִיצְט אוֹיף דֶער קֶעלְנֶע וִוי אַ בַּעל עֲגָלָה דַאֹרְף זִיצֶען אוּנ וַוארְפְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צְווִישֶׁען דִי וַוייבֶּער, וִוי גְלַייךְ עֶר אִיז אַ פַּארְשׁוֹין, אוּנ הֵייבְּט נִישְׁט אָן צוּ דַרְשֶׁענֶען אוּנ זָאגֶען זַיינֶע פוֹילֶע וֶוארְטְלֶעךְ, וָואס זֶענֶען אֲפִילוּ זְלִידְנִיוְוקֶער וַוייבֶּער אוֹיךְ נִמְאָס צוּ הֶערֶען, חוּץ דֶעם קָאסְט עֶס טַאקֶע וֶואלְוֶועלֶער ·

מִיט אֵיין וָוארְט זַיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען זֶעהר צוּפְרִיעדֶען, אוּנ דָא זֶענֶען נָאךְ אַלֶע אָבְּגֶעוַואשֶׁען, אָבְּגֶעטוּבֶלְט, אוֹיסגֶעצְוָואגֶען, אָבְּגֶעכָּשֵׁרְט, אוּנ דִי לְבָנָה קוּקְט אַלֶע מָאל אוֹיף זַיי אַזוֹי שֵׁאן, פוּן דִי פֶעלְדֶער אוּנ בּוֹימֶער שְׁמֶעקְט אַזוֹ׳ גוּט, עֶרְגֶעץ וַוייט פוּן דֶעם וַואלְד אִין דֶער שְׁטִילְקֵייט פוּן דֶער נַאכְט, זִינְגְט אַ פֵייגֶעלֶע אַזוֹי לִיעבּ. דֶער וָואגֶען סְקְרִיפֶּעט, דִי פֶערְדְלֶעךְ קְלַאפֶּען מִיט דִי קָאפִּיטֶעס, דֶער מוּזְשִׁיק זִינְגְט זִיךְ אַלֶע מָאל מִיט אַ נִיגוּן: „וְוָיא", „עֶטַיא" ·

דָאס אַלְץ אִיז גֶעוֶוען אַזַא פַארְגְנִיגֶען אַז זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער הָאבֶּען זִיךְ צוּנָאסֶען וִוי הָאנִיג, אַז עֶס הָאט זִיךְ זַיי זֶעהר גֶעגְלוּסְט צוּ זָאגֶען אֵיינֶע דֶער אַנְדֶערֶע:

– אַךְ, וִוי שֶׁאן אוּנ גוּט אִיז אִיצְט, נָאר, נָאר... זַיי זֶענֶן פָארְט גֶעוֶוען שְׁוַוייגֶענְדִיג, וַוייל זַיי הָאבֶּען זִיךְ אִין דֶער בָּאד אַבִּיסל פֶערְשְׁפֶּעטִיגְט, אַז וֶוען זַיי זֶענֶען אַרוֹיסגֶענַאנְגֶען, אִיז שׁוֹין דֶער דָארְטִיגֶער פָאנְפַּאטְשׁ, בַּיי וֶועלְכֶען דִי וַוייבֶּער מוּזֶען זִיךְ אָנְרִיהְרֶען אַרוֹיסגֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער טְהִיר, שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוֶועזֶען, דִי דָארְטִיגֶע טוּקֶערן הָאט זַיי נָאכְגֶעשְׁרִיגֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, לְמַעַן הַשֵּׁם זַיי זָאלֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערוֶועגֶען אַרוֹיס צוּחַאפֶּען מִיט אַ וָוארְט, וָוארוּם וֶוען חו״ש יָא, אִיז חוּץ דֶער עֲבֵרָה, וֶועלֶען זַיי מוּזֶע׳ מָארְגֶען נָאךְ אַמָאל פָאהְרֶען ךְיין בּוּלְוַואנָאוְוקֶע ·

דֶערפַאר הָאבֶּען גֶעבֶּעךְ דִי גְלִיקְלִיכֶע וַוייבֶּער נִישְׁט גֶעקָאנְט אֵיינֶע דֶער אַנְדֶערֶע אַרוֹיסזָאגֶען זֵייעֶרֶע גֶעפִיהלֶע וֶועגֶען דֶער רַייכֶער שֶׁאנֶער נַאטוּר ·

פְּלוּצִים אִין דֶער שְׁטִילְקֵייט פוּן דֶער נַאכְט הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט פוּן וַוייטֶענְס אַ קוֹל, וִוי אֵיינֶער זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער דֶער נָאז אַ גוֹיִשׁ לִיעדֶעל, דָאס קוֹל אִיז אַלֶע מָאל צוּגֶעקוּמֶען נָא־נְטֶער ·

– „טְפְּרְרוּ, סְטָאפּ“, הָאט פְּלוּצִים דֶער וַוייבֶּערִישֶׁער בּוּזְשִׁיק אָנְגֶעשְׁטֶעלְט דִי פֶּערְד; וָוזוֹס מַאכְסְט דוּ אִינַואן? אִיךְ הָאבּ דִיךְ דֶערְקֶענְט אָן קוֹל, וָואס גֶעהַסְט דוּ אַזוֹי שְׁפֶּעט פוּן דֶער שְׁטָאדט?

– נָא אַז שְׁפֶּעט, טָא וָואס זְשֶׁע אִיז, סְטֶעפַּאן? וֶועל אִיךְ דֶען נִישְׁט טְרֶעפֶען אַהֵיים? אָט בַּאלְד אָן דֶער זַייט נָאךְ אֵיין וְויָארְסְט אִיז שׁוֹין דִי שְׁטָאדְט.

– וָואס לֶערְנְסְט דוּ מִיךְ דֶעם וֶועג? אִיךְ וֵויים דֶען נִישְׁט וואוּ אוּנְזֶער דָארְף שְׁטֶעהט? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינֶע צָאהְן אוֹיפְגֶעגֶעסֶען אוֹיף דֶעם וֶועג.

– נָא אִיז גוּט אַז דוּ וֵוייסְט, וֶואס-זְשֶׁע דֶען פְּרֶעגְסְט דוּ מִיךְ?

– אִיךְ פְּרֶעג דִיךְ וָואס גֶעהַסְט דוּ פוּן דֶער שְׁטָאדט אַזוֹי שְׁפֶּעט? מִיר זֶענֶען בַּיי טָאג גְלַייךְ גֶעקוּמֶען, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אִין בּוּלְוַואנָאוְקֶע אוּנ פָּאהר שׁוֹין צוּרִיק אוּנ דוּ שְׁלֶעפְּסְט זִיךְ נָאךְ...

-- אַךְ, בְּרוּדֶער, וָואס דֶערְצֶעהלְסְט דוּ מִיר אַז דוּ בִּיזְט גֶעוֶועזֶען אִין בּוּלְוַואנָאוְקֶע? וואוּ בִּיזְט דוּ נָאךְ דֶעמֶעלְט גֶעוֶועזֶען וֶוען אִיךְ בִּין מִיט פֶּערְשׁוּינֶען גֶעפָאהרֶען, אוּנ דֶערְנָאךְ אַ „טְשׁוּמַאק“ גֶעוָוארֶען, גֶעפִיהרְט יוּדִישֶׁע סְחוֹרָה אַזְשׁ קֵיין אַדֶעס, גַאנְצֶע נֶאכְט גֶעפָאהרֶען אוּנ פַאר קֵיינֶעם קֵיין מוֹרָא נִישְׁט גֶעהַאט, שֵׁדִים מִיט רוּחוֹת וָואס זֶענֶען פוּן דִי אַדֶעסֶער וֶועלְדֶער נָאכְגֶעלָאפֶען נָאךְ מַיין וָואגֶען, הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין בַּייטְשׁ אוּנ מִיט אַ פַייף פַארְטְרִיבֶען. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי הַיינְט אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַמָאל פַאר אַדֶעס גֶעבֶען אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט, אִיךְ טְהוּ אַ טְרוּנְק בְּרָאנְפֶען אוּנ גֶעה אַזוֹי אַרוֹיס אוּנ טְהוּ אַ טְרַייבּ דִי פֶּערְד, אוּנ גֶעה נָאךְ צוּפוּס נֶעבֶּ׳ן דֶעם וָואגֶען סְחוֹרָה אַ וְויָארְסְט נָאךְ דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע, הֶער אִיךְ פְּלוּצִים פוּן מַיין וָואגֶען אַ קוֹל, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס הָאט זִיךְ אִין מַיין וָואגֶען, בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קְרֶעטְשְׁמֶע, אַרַיינְגֶעחַאפְּט אַ רוּחַ, אוּנ טְרַאכְט מִיר אַזוֹי, עֶר וֶועט שׁוֹין לִיגֶען בַּיי מִיר אִין דֶער עֶרְד, אִיךְ חַאפּ מִיךְ אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואגֶען, גִיבּ אַ טְרַייבּ מַיינֶע פֶּערְד אוּנ הֵייבּ אָן צוּ פַייפֶען; דִי פֶּערְד פְּלִיהֶען אוּנ אִיךְ פַייף, פְּלוּצִים הֶער אִיךְ פוּן מַיין פוּהר עֶטְלִיכֶע קוֹלוֹת, אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט אוּמְקוּקֶען אוּנ פְּלִיה וַוייטֶער אוּנ פַייף וַוייטֶער, אוּנ דָא הֶער אִיךְ נָאךְ מֶעהר קוֹלוֹת. דֶער וָואגֶען וֶוערְד שְׁוֶוערֶער אוּנ שְׁוֶוערֶער, דִי פֶּערְדְלֶעךְ סַאפֶען, אִיךְ קוּק מִיךְ אוּם.. נָאר וִוי דֶערְשְׁרָאקֶען בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אַז פוּן מַיינֶע אַכְט פֶּעקְלֶעךְ סְחוֹרוֹת זֶענֶען גֶעוָוארֶען אַכְט רוּחוֹת, אוּנ מִיט מַיין לֶעצְטֶען כֹּחַ הָאבּ אִיךְ נָאךְ שְׁטַארְקֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְּלִיהֶען, אַזוֹי! לִיעבֶער סְטֶעפַּאן, בִּין אִיךְ גֶעפְלוֹיגֶען בִּיז טָאג אוּנ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קֵיין אַדֶעס אוּנ הָאבּ אַרָאבּ גֶעוָוארְפֶען דִי סְחוֹרָה, זֶענֶען מַיינֶע פֶּערְד גֶעפַאלֶען טוֹיט; פוּן דֶעמָאלְט אָן בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אִיךְ לֶעבּ נָאר דֶערפוּן וָואס אִיךְ טְרָאג אוֹיף מַיינֶע פְּלֵייצֶעס אִין שְׁטָאדט צוּ פַארְקוֹיפֶען. אָט הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרַאכְט פִיער בִּינְטְלֶעךְ אָבּגֶעקָאסֶעט הֵיי, בִּיז נַאכְט הָאבּ אִיךְ פַארְקוֹיפְט דְרַיי אוּנ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ „חַארְטְשֶׁעוְונֶיע“, וואוּ אִיךְ הָאבּ מִיךְ פֶערְזַאמְט. אִיצְט טְרָאג אִיךְ דָאס פֶערְטֶע בִּינְטֶעל אַ הֵיים אוּנ זִינְג מִיר אַזוֹי דֶערוַוייל הָאבּ אִיךְ דִיךְ בַּאגֶעגֶענְט. אִיצְט פַארְשְׁטֶעהְסְט דוּ שׁוֹין וָואס אִיךְ גֶעה אַזוֹי שְׁפֶּעט פוּן דֶער שְׁטָאדט?

סְטֶעפַּאן אִיז שְׁטַארק דֶערשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען פוּן אִיוַואנְס מַעֲשֶׂה, וַוייל אִיוַואן אִיז אִין שְׁטָאדט בַּאקַאנְט גֶעוֶועזֶען פַאר אַ מַעֲשֶׂה דֶערצֶעהלֶער, אַז עֶר פְּלֶעגְט אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע דֶערצֶעהלֶען מַעֲשׂוֹת, פְלֶעגֶען אַלֶע אויפְשְׁטֶעלֶען מויל און אויעֶרֶען, און דַאנְק אִיהם הָאט דָאס גַאנְצֶע דָארְף גֶעגְלוֹיבְּט אִין שֵׁדִים מִיט רוּחוֹת.

אִין דֶער צַייט וָואס דִי צְוַויי מוּזְשִׁיקֶעס הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶערֶעדְט, הָאבֶּען סְטֶעפַּאנְס פֶערְדְלֶעךְ אוֹסְפֶּעיֶעט אָבְצוּפְלִיקֶען אַ הַאלְב בִּינְטֶעל הֵיי פוּן אִיוַואנְס פְלֵייצֶע, עֶר הָאט פְּלוּצִים דֶערפִיהלְט וִוי עֶס אִיז אִיהם גְרִינְגֶער גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט און דֶערְזֶעהן.

– דַיינֶע פֶערְדְלֶעךְ זֶענֶען הוּנְגֶעריג און דוּ זְשַאלֶעוֶועסְט זֵיי, זֶעהסְט דוּ, זֵיי הָאבֶּען בַּיי מִיר אָבְגֶעריסֶען בַּאלְד אַ הַאלְב בִּינְטֶעל.

– נָא לֶעג אַנִידֶער דָאס גַאנְצֶע בִּינְטֶעל, וִויפִיעל קוּמְט דִיר?

– צֶעהן קָאפִּיקֶעס.

סְטֶעפַּאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען בַּיי זִיךְ אִין אַלֶע קֶעשֶׁענֶעס, און הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז דָאס לֶעצְטֶע גֶעלְד הָאט עֶר פַארְטְרוּנְקֶען פַאר דֶעם אַוֶועקְפָאהרֶען.

– נֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען בַּיי זֵיי.

– בַּיי וֶועמֶען? הָאט פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעפְרֶעגְט אִיוַואן, וֶועלְכֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען לֶעבֶּען דִי פֶערְד.

– בַּיי מַיינֶע פַּארְשׁוֹינֶען.

דוּ פִיהרְסְט דֶען אִיצְט פֶּערְשׁוֹינֶען? אִיךְ זֶעה גָאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ פִיהרְסְט פוּן דֶער בּוּלְוַואנָאוּקֶער מִיהל זָאקְלֶעךְ מֶעהל קַיין זְלִידְנִיוְקֶע.

– דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעזֶעהן וִוי אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָאהרֶען פוּן זְלִידְנִיוְקֶע מִיט פַּארְשׁוֹינֶען?

– נָא, און צוּרִיק דֶען אוֹיךְ? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז צוּרִיק פִיהרְסְט דוּ סְחוֹרָה. וָואס־זְשֶׁע שְׁוַויינֶען זֵיי אַזוֹי? אִיךְ הָאבּ דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן זֵיי קַיין הַאלְבּ וָוארְט נִישְׁט גֶעהֶערְט.

סְטֶעפַּאן הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט צוּגֶעהן צוּ דִי ווַייבֶּער בֶּעטֶען צֶעהן קָאפּ׳, אוֹיף דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דֶעם פוּהְרְגֶעלְד, נָאר וִוי דֶערשְׁרָאקֶען אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אַז אָנְשְׁטָאט צֶעהן קָאפּ׳ הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען וַוארְפֶען פַאר אִיהם צְוַואנְצִיג הֶאנְד מִיט הוּנְדֶערְט פִינְגֶער דִי פַּארְשׁוֹינֶען הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי גֶעוָוארְפֶען מִיט דִי הֶאנְד אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען זֵיי ווִוילֶען נִישְׁט עֶר זָאל צוּ זֵיי צוּגֶעהן, דֶערצוּ הָאבֶּען זֵיי נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ בְּרוּמֶען, מַאכֶען אַלֶערְלַיי מְשׁוּנֶה׳נֶע מִינֶעס.

סְטֶעפַּאן הָאט מִיט אַ גְרוֹיס צִיטֶערְנִישׁ גֶעגֶעבֶּען אַ גֶעשְׁרֵיי נִישְׁט מִיט זַיין קוֹל:

– אִיוַואן! אִיוַואן!

אִיוַואן אִיז אִין דֶער מִינוּט צוּגֶעלָאפֶען און הָאט גֶעזֶעהן דִי אֵייגֶענֶע סְצֶענֶע וֶועלְכֶע הָאט סְטֶעפַּאנִין אִיבֶּערגֶעשְׁרָאקֶען, און דֶערצוּ הָאט עֶר נָאךְ גֶעהֶערְט אַ גֶעלֶעכְטֶער וִוי פוּן אַ סַךְ מֶענְשֶׁען.

סְטֶעפַּאן אִיז פַּאר גְרוֹיס שְׁרֶעק פָּשׁוּט גֶעפַּאלֶען פוּן דִי פִּיס, נָאר אִיוַואן, וֶועלְכֶער הֶאט זִיךְ גֶערֶעכִינְט פַּאר אַ גֶע נִי טֶ ען אִין אַזוינֶע זַאכֶען, הָאט אִיהם אוּנְטֶערגֶעהַאלְטֶען אוּנ אַוֶועקגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶער זַייט, דָארְט זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעפַּאלֶען אוֹיף דִי קְנִיע אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ צֵלָמ׳ען . . .

דָאס גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער פוּן דֶעם וָואגֶען אַרוֹיס אִיז נָאךְ גְרֶאסֶער גֶעוָוארֶען, נָאר קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט הָאט זִיךְ פוּן דָארְט נִישְׁט גֶעהֶערְט.

סְטֶעפַּאן מִיט אִיוַואנֶען זֶענִין מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק צוּגֶעקְרָאכֶען צוּ דִי פֶערְד, הָאבֶּען זִיךְ עֶפִּיס גֶעפָּארֶעט אִין דִי „פָּאסְטְרְיָאנְקִים“ אוּנ פְּלוּצִים זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גִיךְ אַוֶועק רַייטֶענְדִיג אוֹיף דִי צְוֵויי פֶערְד אוּנ הָאבֶּען דֶעם וָואגֶען מִיט דֶעם דִישֶׁעל אִיבֶּערגֶעלָאזְט . . .

אִין דֶעם אוֹיגֶענְבְּלִיק הָאבֶּען זִיךְ פוּן דֶעם וָואגֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסשִׁיטֶען פֶער־שִׁיעדֶענֶע קְלֵיידְלֶעךְ אוּנ אוֹיף זֵיי קְלוּמֶעקְלֶעךְ, קֶאסְטְלֶעךְ אוּנ מִיט אַ גְרוֹיס גֶעשְׁרַיי הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעלָאזְט נָאכְלוֹיפֶען נָאךְ דִי רַייטֶערְס, אָבֶּער אוּמְזִיסְט! עֶרְשְׁטֶענְס זֶענֶען דִי רַייטֶערְס שׁוֹין וַוייט פוּן זֵיי גֶעוֶוען, צְוֵייטֶענְס – אַז זֵיי הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶן ווִי עֶפִּיס אַ סַךְ וַוייסֶע לוֹיפֶען זֵיי נָאךְ מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶעהר דֶער־שְׁרָאקֶען אוּנ הָאבֶּען מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען כֹּחַ גֶעיָאגְט זֵייעֶרֶע פֶערְד׳ אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס פִיהרְט קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע . . .

דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶן פּוּנְקְט הַאלְבּ עֶלְף דֶעם זֵייגֶער בַּיי נַאכְט אוּנ פוּן דֶעם אָרְט וואוּ דֶער וָואגֶען אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶן בִּיז קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען אַכְט וֶוערְסְט . . .

דִי שְׁוַוארְצֶע חֲמַארִים הָאבֶּען נָאךְ אַרוּמְגֶעשְׁפַּאצִירְט אִיבֶּערְן הִימֶעל, דִי לְבָנָה הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אַלֶע מָאל אַ קוּק צוּ טְהוּן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן בּוּלְוַואנָאוְוקֶע קֵיין זְלִידְנִיוְוקֶע, פוּן דֶעם וַוייטֶען וָואלְדֶעל הָאבֶּען דִי פֶאגֶעל וַוייטֶער גֶעזוּנְגֶען, נָאר דֶער וָואגֶען הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ סְקְרִיפֶּען, אַרוּם אִיהם הָאט מֶען נָאר גֶעזֶעהֶן אִין דֶער שְׁוַוארְצֶער נַאכְט זִיךְ פִינְטְלֶען קָאפֶּענְטִיכְלֶעךְ, וַוייסֶע קָאסִינְקֶעס, פַּאטְשֵׁיילִים, בִּינְטְלִיךְ, קְלוּמֶעקְלֶעךְ אוּנ קְלֵיידְלֶעךְ . . .

X.

טְרַייטִילְס נְקָמָה.

אִין זְלִידְנִיוְוקֶע הָאט שׁוֹין דֶער הָאן גֶעקְרֶאהט דָאס צְוֵוייטֶע מָאל, דִי צִיגֶען אוּנ בְּהֵמוֹת וָואס דְרֶעהֶען זִיךְ אַרוּם דֶעם גַאנְצֶען טָאג אִין גַאס, זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג גֶעלֶעגֶען לֶעבֶּען זֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּנ גֶערוּהט; אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶועזֶען פִינְסְטֶער, דִי זְלִידְנִיוְוקֶער אַיינְוָואהנֶער הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵייעֶרֶע בֶּעטִין אַוַודַאי אוּמְגֶעקֶערְט דָאס צְוֵוייטֶע מָאל; נָאר אִין דִי פֶענְסְטֶער פוּן דִי הַייזֶער וואוּ דִי מֶאנְנֶער הָאבֶּען גֶע־וַוארְט אוֹיף זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, הָאט זִיךְ נָאךְ טוּנְקֶעל גֶעלַייכְט. בַּיי בֶּערִיל פְּלַאסְטֶער הָאט

נָאךְ אויךְ גֶעבְּרֶענְט אַ לִיכְט, נִיט צוּ לִיעבּ דֶעם אֵיידֶעם וֶועלְכֶער הָאט גֶעוַוארְט אויף זַיין וַוייבּ, נָאר וַוייל זַיין וַוייבּ שְׁפְּרִינְצֶע הָאט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט אויפְגֶעהֶערְט צוּ קְרִיגֶען מִיט אִיהם אִיבֶּער דֶעם הָאהן. אויף דֶער גַאס הָאט מֶען שׁוין נִישְׁט גֶעזֶעהן קֵיין לֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְשֶׁען, מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט רַעשֶׁען אַ קְלֵיין ווינְטֶעלֶע, וֶועלְכֶעס הָאט דִי בִּיסְלֶעךְ שְׁטְרוֹי אִיבֶּערגֶעטְרָאגֶען פוּן אֵיין אָרְט אויף ׳עס אַנְדֶערן ׳אוּנ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע אוּנ קְלֵיינֶע קוּפְּקֶעלֶעךְ. קֵיינֶער הָאט דָאס ווינְטֶעל נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט זִיךְ דְרֶעהֶען אִיבֶּער דִי זְלִידְנִיוְוקֶער גַאסֶען, ווִי עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט. נָאר פְּלוּצִים הָאט מֶען פוּן וַוייטֶענְס גֶעהֶערְט טוּפְּקֶען פִים פוּן פֶערְד.

דָאס זֶענֶען גֶעלָאפֶען צְווֵיי רַייטֶער!

– נָא, דוּ וַוייסְט וואוּ עֶס וָואהנְט דָער זְלִידְנִיוְוקֶער „רֶעזְנִיק״? הָאט גֶעפְרֶעגְט אויף גוֹיִשׁ אֵיין רַייטֶער דֶעם אַנְדֶערן.

– נָאךְ וִויא אַזוֹי! וֶוען אִיךְ פָאהר נָאר אִין שְׁטָאדְט גִיט מִיר מִיט דִי הֶענְדַארְקֶע אִיךְ זָאל לָאזֶען שֶׁחְטֶען אַ הָאהן; אִיךְ קֶען אֲפִילוּ דִי שׁוֹחֵט׳קֶע, זִי אִיז דָאךְ אויךְ מִיט מִיר מִיטגֶעפָאהרֶען קֵיין בּוֹלְוַואנָאווְקֶע... אָט דָאס פָאהרֶען מִיר דָאךְ אִיהם דֶער־צֶעהלֶען... קֶען אִיךְ דֶען אִיבֶּערלָאזֶען מַיין וָואגֶען אויף הֶפְקֵר? אִיךְ הָאבּ נָאר וָואס גֶעמַאכְט צְווֵיי נַייעֶ רָאדֶער.

אוּנ דִי צְווֵיי רַייטֶער הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹ רֵיידֶענְדִיג גֶעלָאזְט אַרַיין פָאהרֶען אִין דֶעם גֶאסִיל וואוּ דֶעם שׁוֹחֵט׳ס שְׁטוּבּ אִיז.

*

* *

אֵיידֶער דִי צְווֵיי רַייטֶערְס וֶועלֶען אָנְקְלַאפֶּען בַּיים שׁוֹחֵט אִין דֶער טְהִיר, מוּזֶען מִיר זִיךְ אוּמְקֶעהרֶען אוּנ אַקוּק טְהוּן וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ בַּיים שׁוֹחֵט מִיט אַ הַאלְבֶּער שָׁעָה צוּרִיק, וַוייל דָארְט לַייכְט זִיךְ אויךְ, הָאטְשׁ עֶס אִיז שׁוֹין הַאלְבּ עֶלְף אוּנ בַּיים שׁוֹחֵט אִיז שׁוֹין שְׁטֶענְדִיג פִינְסְטֶער אוּם הַאלְבּ צֶעהן.

בַּאטְרַאכְט גוּט, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ, דֶעם שׁוֹחֵטס שְׁטִיבֶּעל וִוי עֶס גֶעפִינְט זִיךְ. אִין גַאנְצֶען אִיז עֶס גְרוֹיס פִיער שְׁפַאן אויף פִיער שְׁפַאן, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֶועט אִיהר גֶעפִינֶען אִין דֶעם שְׁטִיבֶּעל אַלְץ וָואס אִיהר וֶועט בַּיי אַ גְרַאף אִין דִי פַּאלַאצֶען נִישְׁט גֶעפִינֶען. אָט גֶעבֶּען אַ וַואנְד שְׁטֶעהט אַ גְרוֹיס הִימֶעלבֶּעט, אוּנ עֶס אִיז טַאקִי נָאר גָאטְס וואוּנְדֶער ווִי אַזוֹי דָאס גְרוֹיסֶע בֶּעט הָאט גֶעקֶענְט אַרַיין אִין דֶעם שְׁטִיבֶּעל. אַי וִוי אַזוֹי אִיז עֶס פָּארְט אַרַיין? נָאר וֶוער קֶען זַיין אַזַא חָכָם אוּנ אִיבֶּערקְלֶערֶען דוּרךְ וָואס פַאר נִסִים דֶער שׁוֹחֵט־קִים בֶּעט אִיז אַרַיין גֶעטְרָאגֶען גֶעוָוארֶען, עֶס שְׁטֶעהט – לָאז שְׁטֶעהן, אֶפְשַׁר שְׁטֶעהט עֶס גָאר פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אָן, אוּנ אֶפְשַׁר הָאט מֶען פְרִיהר אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט דָאס בֶּעט אוּנ דֶערנָאךְ אַרוּם גֶעבּוֹיעט דִי וֶואנְד מִיט דֶעם דַאךְ, וֶוער קֶען עֶס וִויסֶען?

אויף דֶעם בֶּעט לִיגְט אַזוֹי פִיעל בֶּעטְגֶעוַואנְד, גֶעווִיס נִישְׁט וֶועניגֶער וִוי בַּיי דְוָואשִׁין אויפְן בֶּעט, וָוארוּם וֶוער קֶען נָאךְ פַארמָאגֶען אַזוֹי פִיעל פֶעדֶערן וִוי אַ שׁוֹחֵט! אויף דֶעם

הִימֶעל פוּן דֶעם בֶּעט בִּיז אִין דֶער סְטֶעלְיֶע לִיגְען חוּץ דֶעם, זָאךְ מִיט נִישְׁט גֶעפְּלִיקְטֶע הִינֶערִישֶׁע, גֶאנְזֶענֶע, קַאטְשְׁקִינֶע אוּנ אֲפִילוּ אִינְדִיטְשְׁנִי פֶּעדֶערְן ׃

נֶעבֶּען בֶּעט אוּנ טַאקִי אַזוֹי לַאנְג ווִי דָאס בֶּעט אִיז, שְׁטֶעהט אַ הִילְצֶערְנֶער טִישׁ, אוֹיף אֵיין הֶעלְפְט טִישׁ, וֶועלְכֶער קוּמְט אוֹיס צוּ פוּסְעֶנְס פוּן דֶעם בֶּעט, לִיגֶען זִיפֶּען, טֶאפּ מִיט אַלֶערְלֵיי פֶּעדֶערְן; דָא זִיצְט אַלֶע אָבֶענְד דִי שׁוֹחֵט׳קֶע בַּיי אִיהר אַרְבֵּייט. אוֹיפְן צְווֵייטֶען הַאלְבֶּען טִישׁ לִיגֶען סְפָרִים אוּנ דֶעם שׁוֹחֵטס גֶעצַייג צוּם שֶׁחְטֶען — דִי חֲלָפִים, דִי שַׁארְפְשְׁטֵיינְדְלֶעךְ א. ד. ג. דָא אִיז דֶער אוֹיבֶען אָן אוּנ דָא זִיצְט שְׁטֶענְדִיג דֶער שׁוֹחֵט. אִין מִיטֶען טִישׁ אִיז פַארְשְׁפְּרֵייט אַ שְׁמָאל שְׁטִיקֶעל טִישְׁטוּךְ, וואוּ דֶער שׁוֹחֵט הָאט שׁוֹין לַאנְג אָבְּגֶעגֶעסֶן וֶועטְשֶׁערֶע, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶען וֶוער עֶס זָאל אַרָאבְּנֶעמֶען פוּן דֶעם טִישׁ.

נֶעבֶּען טִישׁ שְׁטֶעהט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער לֶאנְג אַ לַאנְגֶע בַּאנְק; אוֹיף דֶער בַּאנְק אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁטֶעללְט וָואס אִיהר ווִילְט, אַזוֹי פִיעל אַז עֶס אִיז גָאר נִישְׁט אוּנְטֶער אַייךְ אַרְץ אוֹיסצוּרֶעכְנֶען; מֶען דַארְף טַאקִי הָאבֶּען אֵיין אַייזֶערְנֶעם קָאפּ אַלְץ צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ גֶעלֶעגֶען, צ. ב. אִין אֵיין ווִינְקֶעל דָאס פַּאס מִיט בֵּיידֶע צִיבֶּערְס, אִין דֶעם אַנְדֶערְן — מוּלְטֶערְס מִיט לָאפֶּעטֶעס, קָאטְשֶׁערֶעס מִיט גְלַאט אַזוֹי אָבְּגֶעבְּרֶענְטֶע שְׁטֶעקֶענְס א. ד. ג. שְׁטֶעקְלִיךְ, בַּיים שׁוֹחֵט אִין שְׁטוּב וֶועט אִיהר נִישְׁט גֶע־פִינֶען קֵיין אֵיינְצִיג לֵיידִיג שְׁטִיקֶעל אָרְט. נָאר לָאמִיר זִיךְ בֶּעסֶער צוּקוּקֶען צוּם שׁוֹחֵט.

עֶר זִיצְט אִיצְטֶער אוֹיבֶען אָן, אָנְגֶעטְהוּן אִין אַ וַואטָאוֶוע חַאלַאט מִיט וַוייסֶע אָבְּגֶערִיבֶּענֶע שְׁמוּיסְלֶעךְ, חָאטְשׁ עֶס אִיז זוּמֶער אִין דְרוֹיסֶען אוּנ אִין שְׁטוּבּ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אַזוֹי קִיהל; נָאר וואוּנְדֶערְט זִיךְ נִישְׁט, וואוּ הָאט אִיהר גֶעזֶעהן אַ שׁוֹחֵט אָהן אַ וַואטָאוֶוע חַאלַאט מִיט מִיט אָבְּגֶערִיבֶּענֶע וַוייסֶע שְׁמוּיסְלֶעךְ?

אוּנְזֶער שׁוֹחֵט טְרָאגְט שׁוֹין דִי שְׁטֶעק שִׁיךְ, נֶאגֶעל וַואסֶער הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין לַאנְג אַלֵיין אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, זִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעלֶעגְט אוֹיף זַיין בַּאנְקְבֶּעטֶעל, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַקֶעגֶען הִימֶעלבֶּעט. דִי פַארְשְׁמָאלְצִיוֶועטֶע יַארְמֶעלְקֶע — פוּל אָנְגֶעקְלֶעפְּט מִיט פֶּעדֶערְן, הָאט עֶר שׁוֹין אַ מָאל צֶעהן אָנְגֶערוּקְט אִיבֶּער דִי אוֹיגֶען. נָאר עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפֶען, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוּנ פַארְטְרַאכְט.

— וָואס קֶען דָאס זַיין? מַיין טְשַׁארְנֶע אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא... אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶעלֶעגְט אוּנ בִּין וַוייטֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען ... נִיט שְׁלָאפֶען אוּנ נִיט זִיצֶען...

נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט לֶעגְט עֶר זִיךְ ווִידֶער אַנִידֶער, גֶעהנִיצְט שְׁטַארְק אוּנ זֶעצְט זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף.

— וָואס קֶען עֶס פָארְט זַיין? (עֶר גֶעהנִיצְט), אִיךְ ווֵייס שׁוֹין גָאר נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטֶען... אִיךְ וֶוער שִׁיער פַארְנִידֶעט...

עֶר גֶעהנִיצְט וַוייטֶער אוּנ שְׁפַּייט אוֹיס עֶטְלִיכֶע מָאל:

— טְפוּ... זָאל עֶס מִיךְ אָנְהוֹיבֶּען צוּ אַארֶען, זָאל זִיךְ מִיר אוֹיסדַאכְטֶען אַז זִי אִיז שׁוֹין דָא... לָאז זִיךְ מִיר אוֹיסדַאכְטֶען אַז עֶס אִיז גֶעכְטֶען; נוּ גֶעכְטֶען אִיז דָאךְ

טְשַׁארְנֶע גֶעלֶעגֶען דָארְט אונ איךְ דָא (עֶר הָאט אָנגֶעוויזֶען מִיט דֶער הַאנְד אויף דֶעם הִימֶעלבֶּעט אונ דֶערנָאךְ אויף דֶעם בַּאנְקְבֶּעטֶעל)! נָא הָאב איךְ דֶען גִישְׁט גֶע שְׁלָאפֶען? ... נָאר אוי מַחְשָׁבוֹת, מַחְשָׁבוֹת, זַיי דֶערלֶענְגֶערֶן אוּנְז דֶעם גָלוּת ... וואוּ אִיז מַיין טַאבַּאק-פּוּשְׁקֶעלֶע?

עֶר גֶענֻמְט פוּן דֶעם טִישׁ דָאס פּוּשְׁקֶעלֶע טַאבַּאק, טְהוּט פְרִיהֶער אַ קְלַאפּ מִיט דִי פִינְגֶער אִיבֶּערן דֶעקֶעל, עֶפֶענְט עֶס אויף אונ שְׁמֶעקְט?

— טַא, טַא, טַא, חָלֶעבֶּען, טַאקִי זֶעהר גוּט אִיצְט אַ שְׁמֶעק טַאבַּאק, אונ אִיךְ וֶועל טַאקִי גֶעמֶען אַ בִּיסל בְּרָאנְפֶען, טָאמֶער וֶועל אִיךְ אַנְטְשְׁלָאפֶען וֶוערֶען. עֶר בֵּייגְט זִיךְ אַן אונ גֶענֻמְט פוּן אוּנְטֶער דֶעם בַּאנְקְבֶּעטֶעל דָאס פְלֶאשֶׁעל אונ פוּן טִישׁ דָאס קֶעלֶעשִׁיקֶעל:

— בַּא, לָאז זַיין גֶעבֶּעטֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט נָאכְדֶעם ווי עֶר הָאט צְווייא מָאל אויס־גֶעטְרוּנְקֶען, לָאז זַיין גֶעבֶּעטֶען, דוּ „טְשַׁארְנֶע" שְׁלָאפְסְט דִיר דָארְט אונ אִיךְ דָא.

עֶר הָאט שְׁטַארְק אָנגֶערוּקְט דִי יַארְמֶעלְקֶע אונ גֶעמַאכְט זִיךְ ווי עֶר שְׁלָאפְט, נָאר אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם הָאט עֶר מִיט פַארמַאכְטֶע אויגֶען אויסגֶעשְׁטְרֶעקְט דִי הַאנְד, אָנ־גֶעטָאפְּט נָאךְ אַ קֶעלֶעשִׁיקֶעל אונ זִיךְ ווייטֶער אַנִידֶערגֶעזֶעצְט.

— נָא וַוייטֶער אַ קֶעלֶעשִׁיקֶעל, גְלַייךְ ווי אַ מַלְאָךְ הָאט דָאס אָנגֶעגָאסֶען, נָא מְהֵיכִי תֵּיתִי, אַז דִיר, גָאטֶטִינְיָא אִיז נִיחָא אִיז מִיר בְּוַודַּאי נִיחָא.— לְחַיִּים דִיר גָאטֶטִינְיָא! (עֶר טְרִינְקְט) — נָא אִיךְ וֶועל פַארלֶעשֶׁען דָאס לִיכְט אונ שְׁלָאפֶען, וָואס וֶועט זַיין לָאז זַיין. (עֶר פַארלֶעשְׁט דָאס לִיכְט אונ טְהוּט דֶעם לֶעצְטֶען קוּק דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער) — דַאכְט זִיךְ נִישְׁט קַאלְט, נִישְׁט וַוארֶעם וָואס זְשֶׁע קֶען דָאס זַיין? עֶר הָאט זִיךְ מִסְתָּמָא גֶעקֶערְט אָבְּשְׁטֶעלֶען אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, לָאז נָאר זַיין וַוייבּ קוּמֶען מָארְגֶען ... (עֶר פִּיהלְט ווי דֶער קָאפּ הָאט זִיךְ אִיהם אָנגֶעהויבֶּען אַבִּיסל צוּ דְרֶעהֶען אונ דָאס קֶעלֶעשִׁיקֶעל וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אַרויסגֶעלָאזְט פוּן דֶער הַאנְד אִיז וַוייטֶער גֶעוָוארֶען פוּל) — נָא גָאטֶטִינְיָא, הָאסְט דוּ מִיר אָבְּגֶעטְהוּן אויף טֶערְקִישׁ, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן? אִיךְ מוּז טְהוּן דַיין רָצוֹן.

עֶר טְרִינְקְט אוים אונ זִיצְט אַ בִּיסל עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁטִיל, פְּלוּצִים הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט קְלַאפֶּען אִין דֶער טְהִיר.

— גוּט, זֶעהר גוּט, טְשַׁארְנִי דוּ בִּיזְט עֶס? פַאר וָואס אַזוֹי שְׁפֶּעט?

עֶר אִיז גֶעלָאפֶען צוּ דֶער טְהִיר עֶפֶענֶען. פוּן יֶענֶער זַייט טְהִיר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט עֶפֶּעס אַ קוֹל, אונ אִיהם הָאט זִיךְ אויסגֶעוויזֶען ווי טְשַׁארְנִי שֶׁעלְט טְרַייטְלֶען פַאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַלֶע קְרֶעטְשְׁמֶעס אונ דִי וַוייבֶּער גֶעשְׁלֶעפְּט אַזוֹי שְׁפֶּעט.

ווי עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר אִיז אַרַיין אַ וַוייסֶע סְווִיטֶע. דֶער שׁוֹחֵט חַאפְּט אַרוּם דִי סְווִיטֶע אונ הֵייבְּט זִי אָן צוּ קוּשֶׁען: „טְשַׁארְנִי, אַזוֹי שְׁפֶּעט הָאט אַייךְ טְרַייטִיל גֶעשְׁלֶעפְּט? עֶר וֶועט הָאבֶּען פוּן מִיר הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת אִין קְלוֹיז"... דֶער מוּזְשִׁיק טְהוּט אִיהם אַ שְׁטוּפּ פוּן זִיךְ אונ זָאגְט אִיהם אַז עֶר „סְטֶעפַּאן" וֶועלְכֶער קוּמְט אַלֶע מָאל פוּן דָארְף קוילֶען דֶער אַרֶענְדַארְקֶעס עוֹפוֹת, אונ ווִיל אִיהם דֶערצֶעהלֶען וָואס פַאר אַיי־

אומְגְלִיק עֶס הָאט זִיךְ אִין וֶועג גֶעטְרָאפֶען . נָאר דֶער שׁוֹחֵט הֶערְט נִישְׁט אַ הַאלְבּ וָוארְט אונ שְׁרַייט הֶעכֶער :

– טְשַׁארְנִי, וָואס בִּיזְט דוּ אַזוֹי בֶּאז ? דִי „רָאשְׁטְשֶׁענֶע" הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעדֶעקְט, אַלְץ גֶעטְהוּן וְוִי דוּ הָאסְט גֶעהֵייסֶען . מִיט דִי וֶוארְטֶער ווִיל עֶר זִיךְ וַייטֶער וַוארְפֶען אוּיף׳ן הַאלְז, נָאר סְטֶעפַּאן שְׁטוּיסְט אִיהם וַוייטֶער פוּן זִיךְ אוּנ וִויל מִיט אִיהם טַעֲנֶען, אָבֶּער דֶער שׁוֹחֵט הֶערְט אִיהם נִישְׁט אוּנ בֶּעט זִיךְ וַוייטֶער :

– דוּ מַיינְסְט אִיךְ וֶועל טְרַייטְלֶען שְׁוַוייגֶען פַאר דִיר ? אִיךְ וֶועל אִיהם עוֹקֵר מִן הַשּׁוֹרֶשׁ זַיין .

נָאר דָא אִיז שׁוֹין סְטֶעפַּאן אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען שֶׁעלְטֶען אוּיף אַקוֹל, אַז דֶער שׁוֹחֵט הָאט מִיט אַ גְרוֹיס צִיטֶערְנֶעשׁ אוּנ פְלַאטֶערְנֶעשׁ דֶערהֶערְט אַ גוֹיִשׁ קוֹל בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיי נַאכְט אוּנ דֶערזֶעהן פַאר זִיךְ אַ מוּזְשִׁיק מִיט אַ שְׁטֶעקֶען , הָאט עֶר נִישְׁט מִיט זַיין קוֹל אָנְגֶעהוֹיבֶּען־שְׁרַייעֶן : „גֶעוַואלְד !" „גֶעוַואלְד !" . . .

– גֶעוַואלְד , יוּדֶען , רַאטֶעוֶועט ! – אַ גַנָב ! הָאט עֶר נִישְׁט אוּיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייעֶן . וָואס סְטֶעפַּאן הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעטְהוּן, צוּגֶעהַאלְטֶען דִי הֶאנְד פַאר דֶעם מוֹיל , אוּנ גֶעוָואלְט אִיהם דֶערצֶעהלֶען, הָאט זִיךְ אִיהם אַלְץ אוֹיסְגֶעוִויזֶען ־אַז דֶער גַנָב ווִיל אִיהם בִּינְדֶען אָדֶער קוֹילֶען , אוּנ עֶר הָאט נָאךְ מֶעהר גֶעשְׁרִיגֶען אוּנ גֶעגְוַואלְדֶעוֶועט .

אוּיף זַיין גֶעשְׁרַיי הָאבֶּען זִיךְ אוּיפְגֶעחַאפְּט אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטוּבּ מִיט אַ גְרוֹיס גֶעוַויין אוּנ גֶעקְווִיטְשֶׁעְרַיי .

אִיוַואן, וֶועלְכֶער אִיז בִּיז אַהֶער גֶעשְׁטַאנֶען אִין דְרוֹיסֶען בַּיי דִי פֶערְד, אַז עֶר הָאט דֶערהֶערְט אַזַא גֶעפִּילְדֶער, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דִי „זְשִׁידִי" קוֹילֶען זַיין סְטֶעפַּאנֶען, דֶען וֶוער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַזַא דֶערשְׁרָאקֶענֶער אוּנ ווִיער הָאט נָאךְ גֶעגְלוֹיבְּט אִין אַלֶערְלַיי מַעֲשׂוֹת ווִי אִיוַואן ; עֶר הָאט גֶעחַאפְּט אַ שְׁטִיק הָאלְץ אוּיף דֶער גַאס אוּנ אִיז אַרַיין צוּם רֶעזְנִיק רַאטֶעוֶוען סְטֶעפַּאנֶען .

עֶרְשְׁט דֶעמֶעלְט הָאט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַיין אֶמֶ׳תר קָאנְצֶערְט פוּן דֶעם שׁוֹחֵט מִיט דִי קִינְדֶער .

פְּלוּצִים אִין דֶער גְרוֹיסֶער סוּמַאטָאכֶע אִיז דוּרְךְ דֶער אָפֶענֶער טְהִיר פוּן דעם שׁוֹחֵט׳ס שְׁטוּבּ אַרַיינְגֶעפְלוֹיגֶען אַ גְרוֹיסֶער הָאן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעפִּילְדֶער אוּנ בַּאלְד נָאךְ דֶעם הָאן זֶענֶען אוּיךְ אַרַיינְגֶעלָאפֶען צוּם שׁוֹחֵט אִין שְׁטוּבּ ווִי צְוֵויי פַארסַמְטֶע בֶּעֶרִיל פְלַאסְטֶער, זַיין וַוייבּ שְׁפְּרִינְצֶע , מִיט אַלֶע זַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ .

– מַיין טוֹיט זָאל זַיין מוּז אִיךְ דֶעם הָאן הַיינְטִיגֶע נַאכְט דֶערהַרְגֶענֶען, אִיךְ אָדֶער עֶר... הָאט בֶּעֶרִיל נִישְׁט אוּיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייעֶן .

– דִי כַּפָּרָה זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען , רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם , פַאר זַיין מִינְדְסְטֶען נָאגֶעל ! הָאט שְׁפְּרִינְצֶע גֶעפִּילְדֶערְט ; צְוֵויי וָואכֶען גֶעהָאדֶעוֶועט אוּנ אִיצְטֶער ווִיל עֶר אִיהם דֶעם עֶק דֶערגֶעהן . אֶ נֵיין , גִיכֶער אַ פְּגִירָה אִין דַיין טְרֵיפָה׳נֶעם פָּנִים אֵיידֶער עֶס זָאל גֶערִיהרְט

װערֶען אֵיין אָדֶער פוּן דֶעם הָאן, נָאר אִין שְׁטוּב זָאל עֶר זַיין! אִיךְ דַארְף דִיךְ אוֹיף כַּפָּרוֹת! הָאסְט מִיר אֶפְשַׁר פַארדִיעֶנְט אוֹיף אַ הָאן, צוּ אוֹיף טַאפְּלִים, װָאס עֶר הָאט אִיצְטֶער צוּ בְּרָאכֶען? אַ גְלִיק נָאךְ װָאס דֶעם שׁוֹחֵט׳ס מְהִיר אִיז אָפֶען אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפְלוֹיגֶען אוּנ מֶען װֶעט אִיהם נָאךְ קֶענֶען חַאפֶּען, — קִינְדֶערְלֶעךְ! שְׁטֶעלְט זִיךְ בַּיי דֶער מְהִיר אוּנ לָאזְט אִיהם נִישְׁט אַרוֹיס, אִיךְ װֶעל אִיהם חַאפֶּען, — אוּנ װֶען נִישְׁט — אַ קְרֶענְק אִין דַיין פָּנִים, װאוּ װָאלְט עֶר פַארפְלוֹיגֶען בַּיי נַאכְט?

— מַאמֶע — הָאט אֵיין קִינְד גֶעשְׁרִיגֶען, אָט װֶעל אִיךְ אִיהם חַאפֶּען, שְׁטֶעל זִיךְ אִין דֶער זַייט.

— מַאמֶע! הָאט דָאס צְװֵייטֶע קִינְד גֶעשְׁרִיגֶען ... אָט ... אָט הָאבּ אִיךְ אִיהם שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסגֶערִיסֶען... אוֹי, מַאמֶע... דֶער טַאטֶע לוֹיפְט נָאךְ דֶעם הָאן...

— גֶעװַאלְד! ר׳ בֶּערִיל! רַאטֶעװֶעט מִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער פוּן גַזְלָנִים, הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייֶען דֶער שׁוֹחֵט.

— אוֹי גֶעװַאלְד טַאטֶע! גֶעװַאלְד מַאמֶע! — גַנָבִים! — רָאזְבּוֹינִיקֶעס װִילֶען אוּנְז קוֹילֶען, הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען דֶעם שׁוֹחֵט׳ס קִינְדֶער.

— „זְשִׁידִי!“ הָאבֶּען גֶעבְּרוּמְט אוּנ עֶטְלִיכֶע „מִי שֶׁבֵּרַךְ׳ס“ גֶעמַאכְט אִיװַאן מִיט סְטֶעפַּאנֶען...

* *

פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען גֶעפִילְדֶער אִיז זִיךְ אָנְגֶעלָאפֶען דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶאדְטֶעל, אֵיינִיגֶע אִין דִי הוֹילֶע הֶעמְדֶער אוּנ אֵיינִיגֶע הַאלְבּ אָנְגֶעטְהוּן. עֶס פַארשְׁטֶעהט זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם נֵס זֶענֶען דִי זְלִידְנִיוֶוקֶער פָּארְלֶעךְ װָאס חַאפֶּען אַ „גֶעזָאנֶעכְטֶס“ מִיט אַ „שְׁמוּעסֶעל“, אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּלוֹיפֶען אוּנ „פִּינֶע טִינְטְלֶער“ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהן פוּן װַייטֶענְס, דֶער גְרוֹיסֶער עוֹלָם הָאט דִי צְװֵיי רָאזְבּוֹינִיקֶעס גֶעחַאפְּט אוּנ גֶעבּוּנְדֶען, אוּנ שְׁפְּרִינְצֶעס הָאן הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעחַאפְּט אוּנ גֶעבּוּנְדֶען.

צוּ דִי מוּזְשִׁיקֶעס גְרוֹיס גְלִיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען טְרַייטִיל אוּנ הָאט אִין סְטֶעפַּאנֶען דֶערקֶאנְט אַז עֶר אִיז גֶעװֶען זַיין קָאנְקוּרֶענְט װֶעלְכֶער אִיז אַװֶעקְגֶעפָאהרֶען מִיט דִי װַייבֶּער, אוּנ אִין אִיװַאנֶען הָאט עֶר דֶערקֶענְט זַיינֶעם אַ בַּאקָאנְטֶען מוּזְשִׁיק, בַּיי װֶעלְכֶען עֶר קוֹיפְט הֵיי. טְרַייטֶעל הָאט גֶעװָאלְט זֵיי הֵייסֶען אָפְבִּינְדֶען אוּנ פְרֶעגֶען װאוּ זֶענֶען דִי װַייבֶּער אוּנ װָאס דָא אִיז גֶעשֶׁעהן, נָאר װִי דִי מָאנֶער פוּן דִי אַװֶעקְגֶעפָאהרֶענֶע װַייבֶּער הָאבֶּען דֶערזֶעהן טְרַייטְלֶען, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַלֶע אַרוֹיפְגֶעװָארְפֶען אוֹיף אִיהם:

— אִיהר זֶענְט שׁוֹין גֶעקוּמֶען, טְרַייטִיל? װאוּ זְשֶׁע אִיז מַיין חַנָה?

— װאוּ אִיז מַיין בַּאסְיֶע?

— װאוּ אִיז יוֹסִיל דֶעם אֵיידֶעמְס װַייבּ?

– וואו איז אונזער טאָכטער? האָבען געשריגען בעריל פּלאַסטער מיט שפּרינצען.

– וואו איז מיין טשאַרני? האט געשריגען דער שוחט א. ז. וו.

– לאָזט מיר אָב, האט געשריגען טרייטיל, טשעפּעט זיך אָב פון מיר, איך בין מיט זיי נישט געפאָהרען...

– לאָזט געבעך אָב טרייטלען, האָט זיך אָנגערופען דוואָשע מיט אַ פאַרפרומט פּנים, ער איז מיט זיי נישט געפאָהרען, פאַר אונזערע גרויסע זינד; וואָס מיינט איהר עס, אומזיסט האָבען מיר זיך פאַרזינדיגט ביי דעם וואָס לעבט אייביג? אַז צווישען אונז זענען אויסגעוואַקסען אויף צו פאַרלענגערן דעם גלות אַזוינע יודישע טאָכטער וואָס פרעגען נישט ביי קיין עלטערע און טהוען זיך נאָך זייער שכל.

– מיט וועמען דען זענען זיי געפאָהרען? האָבען אַלע געפרעגט.

– אָט מיט דעם סטעפאַנען, וועלכען איהר האט געבונדען;

– וואַ־אַ־אַ־אַ־אַם?... האָבען אַלע געפרעגט און פאַרוואונדערט געעפענט מויל און אויערען און געבליבען שטיל אָהן ווערטער עטליכע מינוט.

אַללע זענען ווי פאַרשטומט געוואָרען און אַ גרויס שטילקייט האט געהערשט.

– דאַרף מען דאָך איהם אָפּבינדען און פרעגען וואו איז טשאַרני?... האט זיך ענדליך אָנגערופען דער שוחט מיט אַ גמרא נגון און געדרייט אין דער לופט מיט דעם גראָבען פינגער כדי מען זאָל איהם בעסער פאַרשטעהן אַז נאָכ׳ן שכל נאָך דאַרף מען די מוזשיקעס אויפבינדען, וועט מען אַללעס וויסען.

מען האט די מוזשיקעס אָפּגעבונדען און סטעפאַן האט דערצעהלט די מעשה פון אָנהויב ביז אין סוף. אַלע האָבען צום צווייטען מאָל געעפענט מויל און אויערען, טרייטיל מיט דוואָשען האָבען שטיל אונטערגעזיפצט...

– וואו־זשע זענען די ווייבער? האָבען אַלע געפרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט ווי גלייך זיי האָרען אַ מעשה פון דעם שלאָף.

– וואָס הייסט וואו? האָבען אייניגע געענטפערט – איהר האָרט דאָך וואו – אַבט ווייערסט פון דער שטאָדט!... גאָטט ווייסט וואָס מיט זיי איז דאָרט פאַרגעקומען. מען קען זיך ביי די מוזשיקעס גאָר נישט דערפרעגען.

– רוחות זענען אויף אונז אָנגעפאַלען, האָט געענטפערט סטעפאַן און נאָך איהם איוואַן, האָב איך איבערגעלאָזט דעם וואָגען און בין געקומען אַהער זאָגען, זיי זענען שטום געוואָרען און קענען נישט רעדען אַ וואָרט...

עס איז געוואָרען אַ ליארם מיט אַ געוויין צווישען דעם עולם און נאָך מעהר צווישען די ווייבער; יעדער האָט געשריגען: „געוואַלד מען דאַרף ראַטעווען". יעדער האָט עפּיס אַנדערש געטראָפען וואָס עס האט געקענט דאָרט פאַרקומען.

ענדליך האָבען צוויי יונגע לייט – דוד מיט יוסלין (יוסל דעם איידעמס חייבם מאַנן) פאַרשטאַנען די גאַנצע מעשה און זי ערקלערט בערלען.

בעריל פּלאַסטער, וועלכער איז בכלל געוועזען אַפּייער צו ראַטעווען מענשען פון אומגליקען, האט אַהעקגעוואָרפען שפּרינצען מיט דעם געבונדענעם האָן און האט

אָנגֶעהויבּען שרייען מען זאָל בּרענגען טרייטילס „קאַרי" מיט דעם „ליסע". אין דער מינוט האָבּען די ווייסע חברה געבּראַכט די צוויי שקאַפּעס, נאָר פאַר איילעניש האָט מען פאַרגעסען איינצושפּאַנען דעם וואָגען. בּעריל איז גלייך אַוועק אויף דעם ליסע רייטענדיג איף דעם בּילוואָנאָוקער וועג און נאָך איהם אויף דעם „קאַרי" טרייטיל אַליין.

דער גאַנצער עולם מיט לאַמטערנס, ליכט, סטאַטשקעס אין די האַנד זענען אַרויסגעלאָפען אונטער דער שטאָדט אַקעגען די ווייבּער, פּייוויש האָט מיטגענומען אַלע קליוה סטאַטשקעס אויף זאַפּאַס.

די צוויי יודישע רייטערס האָבּען בּאַגעגענט די ווייבּער אַ ווערסט אונטער דער שטאָדט, האַלבּ טויט און קוים זיך שלעפּענדיג אויף די פיס. ווי די ווייבּער האָבּען דערזעהן טרייטלין מיט בּערלען האָבּען זיי בּיידען אַראָבּגעשלעפּט פון די פערד און די ווייבּער האָבּען זיך אָן זיי אָנגעריהרט און אָנגעהויבּען רעדען...

מיט גרויס פאַראַד. צווישען אַ גרויסער אילוּמינאַציע האָט מען די ווייבּער אַריינגעפיהרט אין שטאָדט, ווייסע חברה זענען געלאָפען פריהער מיט גרויס געזאַנג נאָך זיי טרייטיל מיט בּערלען רייטענדיג מיט גרויס גדלות ווי צוויי געגעראַלען וועלכע קעהרען זיך צוריק פון אַ מלחמה ווי העלדען, דערנאָך די ווייבּער און נאָך זיי אַ גאַנצער עולם מיט ליכט, לאַמטערנעס און סטאַטשקעס,

דוואָשע מיט פּייווישען זענען אויך נאָכגעגאַנגען און האָבּען שטיל געחאַפּט אַ טאַנציל — נישט מיט די פיס נאָר מיט די הערצלעך... טרייטיל האָט זיי געוואונקען...

*

מיט אַ שעה שפּעטער איז אין זלידניוקע געוואָרען שטיל. אַלע האָבּען שוין געשלאָפען רוהיג אויף זייערע געלעגערס, אפילו שפּרינצעס האָן איז אויך געלעגען רוהיג געבּונדען אונטער דעם בּעט.

נאָר בּעריל פלאַסטער האָט זיך געבּעך די נאַכט געוואַלגערט אין קלויז אויף דער בּאַנק, ווייל שפּרינצע האָט איהם די נאַכט אַרויסגעטריבּען פון שטוב, ווייל אַז איהר טאָכטער איז צוריקגעקומען און האָט געפּרעגט די מוטער פאַר וואָס זי איז נישט געפאָהרען, האָט זיך ערשט שפּרינצע דערמאַנט אַז זי האָט גאָר בּאַדאַרפט היינט זיין אין בּולוואַנאָוקע... נאָר איבּער בּערלען איז זי געקומען צו אַזאַ גרויסער עבירה... זי האָט איהם אָנגעשאָלטען אַז עס זאָל זיך אַלין אויסלאָזען צו זיין קאָפּ... און ווי אַ פרומע יודענע האָט זי מורא געהאַט מיט איהם צו נעכטיגען היינטיגע נאַכט אונטער איין דאַך... דערפאַר איז ער אַוועק אין קלויז שלאָפען...

*

* *

אויף מאָרגען און די גאַנצע וואָך בּיז אין ערשטען שבּת האָט זיך דאָס שטעטעל געריהרט, עס האָט זיך געטהון, ווי מען זאָגט, אויף טיש און אויף בּאַנק, אַלץ איבּער דעם אומגליק וואָס איז פאָרגעקומען מיט די ווייבּער.

נאָר שַׁבָּת אִיז גֶעוָוארֶען פוּן אַלֶעם אֵיין עֶנְדֶע. ווייל פאַר דֶעם לֵייעֶנֶען האָט פַּייוויש פּאַנְפּאָטְש גֶעגֶעבֶּען מִיט דֶעם בְּרֶעטִיל אַ פּאַטְש אִיבֶּער דֶעם קִישֶׁעלֶע וָואס לִיגְט אוֹיפֶן בַּאלֶעמֶער אוּנ האָט מִיט זַיין קְלאָר קוֹל אוֹיסגֶערוּפֶען:

„בִּידִיעַת הָרַב דְמָתָא וּבִידִיעַת כָּל הַקָּהָל הַקוֹדֶשׁ אִיז מֶען מַכְרִיז וּמוֹדִיעַ - אַז קֵיין שׁוּם יוּדֶענֶע אוּנ קֵיין שׁוּם אִשָּׁה טָאר נִיט פאָהרֶען קֵיין בּוֹלְוַואנָאוְוקֶע נִיט מִיט קֵיין מוּזִשִׁיק אוּנ מִיט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערן בַּעל עֲגָלָה, הֵן מִיט פֶערְד, הֵן מִיט שְׁקאַפֶּעס, וְהֵן מִיט אָקְסֶען, נָאר אַז דִי אִשָּׁה וָואס וֶועט דַארְפֶען פאָהרֶען, זָאל גֶעהן צוּ דְוָואשֶׁען אוּנ פוּן דָארְט וֶועט זַיי פִיהרֶען ר׳ טְרַייטִיל, אַזוֹי זָאל זַיין בִּיז דִי מִקְוָה וֶועט פַארְטִיג וֶוערֶען כְּדֵי יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער זָאלֶען נִיט קוּמֶען ח״ו צוּ קֵיין אוּמְגְלִיק״.

בַּאלְד נָאכְדֶעם האָט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען „אוֹיסנֶעמֶען״.

כִּמְעַט דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם האָט מַסְכִּים גֶעוֶועןְ אַז דֶער רַב האָט זֶעהר גוּט גֶעטְהוּן. וָואס עֶר האָט דֶעם כְּרוּז גֶעהֵייסֶען אוֹיסרוּפֶען.

לֶעבֶּען „בַּאלֶעמֶער״ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְזֶערֶע צְוֵויי בַּאקַאנְטֶע יוּנְגֶע לַייט — דָוִד מִיט יוֹסְלִין אוּנ האָבֶּען אוֹיךְ גֶערֶעדְט וֶועגֶען דֶעם כְּרוּז.

— נָא, האָט דָוִד גֶעזָאגְט, גֶעדֶענְקְסְט דוּ, יוֹסִיל, וֶוען דִי בָּאד האָט גֶעבְּרֶענְט האָסְט דוּ זִיךְ גֶעפְרֵייט אוּנ גֶעזָאגְט: „לָאז זַיין וָואס עֶס אִיז, אֵיידֶער אַזַא בָּאד״? הַיינְט נַא דִיר אוּנ פְרֵיי זִיךְ; גָאטְט האָט אוּנְז שׁוֹין בַּאגְלִיקְט דְרַייא יָאהר אָהן אַ בָּאד, אוּנ וֶוער ווייסְט וויפִיעל יאָהרֶען עֶס וֶועט נָאךְ גֶעדוֹיעֶרן בִּיז צוּ דֶער נַייעֶר בָּאד. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען ווי דוּ האָסְט גֶעווּאוּנְשֶׁען: נִישְׁט דָא קֵיין בָּאד! — אַ יָא אַ פַארְגְנִיגֶען — ר׳ טְרַייטִיל זָאל זַיין דֶער בַּעל טַאקְסֶע פוּן דִי וַוייבֶּער אִיז בֶּעסֶער?

יוֹסִיל האָט אֵיינִיגֶע מִינוּט גָאר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער נָאךְ האָט עֶר פַאוָואלֶיע אַנִידֶערגֶעלֶעגְט זַיין הַאנְד אוֹיף דָוִדְ׳ס אַקְסֶעל אוּנ מִיט טְרֶערֶען אִין דִי אוֹיגֶען גֶעזָאגְט:

— אַךְ, בְּרוּדֶער! אַלְץ אֵיינְס... אַ בָּאד... נִיט אַ בָּאד... טְרַייטִיל, נִיט טְרַייטִיל, אַלְץ אֵיינְס... וואוּ דוּ וֶועסְט לֵייגֶען דֶעם קְרַאנְקֶען, אִיז אִיהם שְׁלֶעכְט. וואוּ נֶעמְט מֶען, וואוּ טְרַאכְט מֶען אוֹיס עֶפֶּעס אַזוֹינֶע רֶעצֶעפְּטֶען, וואוּ נֶעמְט מֶען אַזוֹינֶע קְלוּגֶע דָאקְטוֹרִים דֶעם קְרַאנְקֶען אוֹיסצוּהֵיילֶען, עֶר זָאל פַאלְקָאמֶען וֶוערֶען גֶעזוּנְד — וֶוערֶען אַ גֶעזוּנְדֶער מֶענְשׁ, מִיט אַ גֶעזוּנְדֶען קֶערְפֶּער אוּנ מִיט אַ רֵיינֶעם מוֹחַ?... דֶעמֶעלְט, בְּרוּדֶער! מִיט אַ בָּאד אוּנ אָהן אַ בָּאד אוּנ וָואס דוּ ווילְסְט נָאר... וֶועט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסקוּמֶען גוּט.

בַּיים אַנְדֶערן עֶק פוּן דֶעם „בַּאלֶעמֶער״ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פִינֶע טִינְטְלֶער פַאר־טְרַאכְט אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען:

— אִיצְט קֶען מֶען דָארְט שׁוֹין לֵייעֶנֶען מַיין קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע; שׁוֹין צְוֵויי טָאג אַז אִיךְ האָב זִי אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט, דַאכְט זִיךְ אַז אִיצְט וֶועלֶען זֵיי זִי שׁוֹין דְרוּקֶען, נָאר לָאזֶע זַיי פְרֶעוֶוען אִיצְט נִישְׁט דְרוּקֶען... נִישְׁט קָשֶׁה, עֶס אַארְט מִיךְ נִישְׁט, זַיי מֵיינֶען אַז אִיךְ וֶועל זַיי אִיצְטֶער אוֹיךְ אַזוֹי שְׁוַוייגֶען ווי תָּמִיד! אוֹי נֵיין, אִיךְ וֶועל אֲפִילוּ נִישְׁט פְרֶעגֶען בַּיי אִיהם (זַיין חָבֵר, דָאס אֵיידִימִיל זַיין בַּעל־עֵצָה) עֶר שְׁלָאגְט מִיךְ אַלְץ אָב, אוּנ

יֶעדֶעם וָוארְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ; זַיי פַארוָואס מֶען דְרוּקְט מִיךְ נִישְׁט, הַייסְט שׁוֹין בַּיי אִיהם גֶעזִידֶעלְט. בִּיז וַואנֶען זֶעט וֶועלֶען זַיי זַיין בַּיי מִיר אַזוֹינֶע פְּרִיצִים? גֶענוּג גֶעשְׁווִיגֶען! פַאר אַזוֹי פִיעל מַאֲמָרִים מִיט קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶעס וָואס זֶענֶען בַּיי זַיי ווִי אִין וַואסֶער אַרַיין, — אֲפִילוּ קַיין בְּרִיוֶועלֶע פוּן דֶער רֶעדַאקְצְיֶע נִישְׁט גֶעהַאט. אִיךְ הָאבּ זַיי גֶעכְטֶען שׁוֹין גֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיעף פַאר וָואס זַיי דְרוּקֶען נִישְׁט, אִיךְ וֶועל נָאךְ וַוארְטֶען אוּנ זֶעהֶן וָואס פַאר אַיין עֶנְטְפֶער אִיךְ וֶועל הָאבֶּען.

דָאס הָאט פִּינֶע מִינְטְלֶער גֶעטַּעֲנֶעט מִיט זִיךְ וֶועגֶען דֶער קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע אִין וֶועלְבֶער עֶר הָאט בַּאשְׁרִיבֶּען ווִי אוֹיף דֶעם שׁוֹחֵט זֶענֶען אָנְגֶעפַאלֶען גַזְלָנִים אוּנ ווִי מֶען הָאט דִי וַוייבֶּער אַרַיינְגֶעפִיהְרְט אִין שְׁטָאדְט מִיט גְרוֹיס פַּארַאד אוּנ מִיט אַ גְרוֹיסֶער אִילִיוּמִינַאצְיֶע, אַ גַאנְצֶע טָאג הָאט עֶר דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע גֶעשְׁרִיבֶּען אֶפְשַׁר אוֹיף גַאנְצֶע דְרַיי בוֹיגֶען פַּאפִּיר, אוּנ חוּץ דֶעם נָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בַּאזוּנְדֶערֶען בְּרִיעף דֶעם רֶעדַאקְטָאר אַלֵיין.

פִּינֶע מִינְטְלֶער הָאט טַאקִי וָוארְט גֶעהַאלְטֶען אוּנ טַאקִי נִישְׁט גֶעשְׁווִיגֶען; ווִי עֶס אִיז נָאר דֶער שַׁבָּת פַארגַאנְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעזֶעצְט שְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיעף צוּם רֶעדַאקְטָאר אוּנ זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר וָואס מֶען דְרוּקְט אִיהם נִישְׁט, אוּנ דֶערְצְווַייל הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעשְׁרִיבֶּען וָואס פַייוִויש הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען אִין קְלוֹיז, אוּנ הָאט גֶעבֶּעטֶען דֶעם רֶעדַאקְטָאר אַז טָאמֶער וֶועט מֶען דִי גְרוֹיסֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע נִישְׁט דְרוּקֶען, זָאל מֶען חָאטְשׁ דִי קְלֵיינִיטְשֶׁקֶע אָבְּדְרוּקֶען.

אוּנ אַזוֹי, לִיעבֶּע לֶעזֶער, לִייעגְט גֶעשְׁמַאק אִין דִי גַאזֶעטֶען, טָאמֶער וֶועט אִיהר פָּארְט גֶעפִינֶען פִּינֶע מִינְטְלֶערְס אַ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצְיֶע; וָוארוּם וֶוער וַוייסְט:

אֶפְשַׁר אִיז נָאר דַארוּם גֶעוָוארֶען דִי מִקְוָה פַארְבְּרֶענְט,
כְּדֵי פִּינֶע מִינְטְלֶער זָאל וֶוערֶען אַ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְט,

אַ סוֹף.